STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05398

DER RAV

Naftoli Hertz Ehrmann

Permanent preservation of this book was made possible by Mr. & Mrs. Rafael H. Brand

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רבֿ

נפתלי הערץ עהרמאן (יודאעוס)

דער רַב

אַ היסטאָרישע דערציילונג וועגן דעם לעבן און די צייטן פון רבי שניאור זלמן פון ליאדי

•

איבערזעצט און באַארבעט
פון
עטל צערנא חאַדאַקאָוו

אַרויסגעגעבן פון
„קרני הוד תורה"

770 איסטערן פּאַרקוויי • ברוקלין, ניו יאָרק

אין יאָר פינף טויזנט זיבן הונדערט און זעקס און פערציק פון וועלט באַשאַפונג

Copyright 1985
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213
All rights reserved

ISBN: 0-8266-0437-4
Library of Congress Catalog Card Number: 85-81950

Printed in
The United States of America

Photocomposition by
EMPIRE PRESS
550 EMPIRE BLVD. • BROOKLYN, N.Y. • (718) 756-1473



צום אייביקן אָנדענק פון מיינע טייערע עלטערן

אבי מורי

ר׳ מאיר שמריהו בן ר׳ שמעון יעקב שאכעט

מקדושי עיר טלז שנהרגו עקה״ש כ׳ תמוז תש״א

הי״ד

•

ואמי מורתי

רחל בת ר׳ יוסף כלב למשפחת זיוו

מקדושי עיר טלז שנהרגו עקה״ש ז׳ אלול תש״א

הי״ד

ת.נ.צ.ב.ה.

•

אין טיפער פארערונג און דאַנקבאַרקייט

עטל צערנא בת רחל חאדאקאוו (שאכעט)

ב״ה

פאַרוואָרט פון אַרויסגעבער

עס איז באַוואוסט, אַז אין די פאַרשידענע ברייטערע אידישע קרייזן, שטייגט אַלץ מער און מער דער אינטערעס צו וויסן וועגן דער חב״ד־באַוועגונג און לערע בכלל און ביאָגראַפישע איינצלהייטן פון די רביים — נשיאי חב״ד — בפרט, אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן נשיא־חב״ד, דער „אַלטער רבי״, כ״ק אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי זצ״ל, דער בעל התניא והשולחן ערוך, באַקאַנט אין דער וועלט אויך מיט׳ן נאָמען „דער רַב״.

דריקן מיר אויס אונדזער צופרידנקייט ביים אַרויסגעבן בע״ה דאָס פאַרליגנדיקע ווערק „דער רַב״, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשרייבונג פון געשיכטלעכע עפּיזאָדן און הויכפּונקטן אינעם לעבן און שאַפן פונעם גרויסן גרינדער און מנהיג פון דער חב״ד־באַוועגונג און האָפן דערמיט צו באַפרידיקן — עכ״פ אין אַ געוויסער מאָס — דעם אויבן־דערמאָנטן פאַרלאַנג פון אונדזערע לייענער.

דאָס בוך „דער רַב״ איז געשריבן אין אַ זייער וואַרעמען און לעבעדיק־צוציענדיקן סטיל און לשון, אינפאָרמאַטיוו־באַלערנדיק און דערציעריש אין אינהאַלט און לייכט צוגענגלעך אין פאָרעם, וואָס וועט זיכער פאַרכאַפּן די לייענער, יונג און אַלט.

דאָס דאָזיקע בוך איז אָריגינעל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך אין יאָר 1914, אין פראַנקפורט א.מ., געשריבן פון דעם באַרימטן מחבר נפתלי הערץ עהרמאַן, אויטאָר פון אַ גאַנצער ריי וויכטיקע ביכער אונטער דעם פּסעוודאָנים „יודאעוס״.

ווי באַוואוסט, האָט ער זוכה געווען צו געניסן פון גרויסע קירובים מצד די חב״ד־רביים כ״ק אדמו״ר הרש״ב נ״ע און פון כ״ק אדמו״ר הריי״צ נ״ע, פון וועלכע ער האָט אויך באַקומען געוויסע אָנווייזונגען בנוגע זיינע ווערק.

„דער רַב״ דערשײַנט איצט צום ערשטן מאָל אין דער אידישער איבער־זעצונג, דורך דער פּראָמינענטער מלומדת און זייער באַגאַבטער מחנכת,

הרבנית עטל צערנאַ חאַדאַקאָוו, וועלכע האָט אין דעם אַרײַנגעטאָן אַ סך צייט און מי, איר שרײַבערישן טאַלאַנט און שפּראַכן־קענטעניש.

ס׳איז אונדזער האָפענונג, אַז דאָס בוך וועט אויפגענומען ווערן פון די לייענער מיט דער פאַרדינטער באַגייסטערונג, און וועט מיט זיך פאַר־שטעלן אַ גרויסן בײַשטײַער פאַר דעם דערציאונגס־וועזן און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די גײַסטרײַכע חב״ד־חסידישע אוצרות.

פאַרלאַג „קה״ת״

כ׳ מר־חשון ה׳תשמ״ו

ברוקלין, נ.י.

אינהאַלט

א	אַן אומגעוויינלעכע בקשה	1
ב	דער קאָמפּראָמיס	7
ג	אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד	16
ד	מחלוקת פון מתנגדים מיט חסידים	26
ה	אָפיציעלע קרוינונג אַלס רב און מנהיג	31
ו	אַ געפערלעכע מסירה	38
ז	דער אַרעסט	44
ח	אין דער פּעטראָ־פּאַולאָווסקער פעסטונג	52
ט	"אֵיכָה?!"	59
י	"צוויי און אַ האַלב אידן"..	69
יא	דער פאַרהער	77
יב	געשטערט דעם קייסער'ס אינקאָגניטאָ	85
יג	ווער האָט פאַרראַטן דעם הויכן באַזוך?	95
יד	דאָס צעטעלע אין די איינגעמאַכטס	105
טו	דעם קאָלאָנעל'ס העלדישער שריט	112
טז	דעם רבּ'ס פאַרטיידיקונגס־שריפט	123
יז	באַפרייאונג און אויסלייזונג	136
יח	דער צווייטער אַרעסט	143
יט	צאַר אַלעקסאַנדער שענקט דעם רבּ פולע פרייהייט	154
כ	אין ליאַדי	163
כא	דער "גראַף" אין ר' מרדכי ליעפּלער'ס הויז	177
כב	ר' משה מייזעלס דערציילט	184

כג די וואונדערלעכע פגישה 196

כד די דיסקוסיע 202

כה אַ שליחות לשם שמים 208

כו ר׳ שמעלקע ביים רַב 217

כז אינוואַזיע פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי 233

כח די אַנטרינונג 244

כט דעם רַב׳ס הסתלקות 256

א
אַן אומגעוויינלעכע בקשה

י״ז כסלו ה׳תקי״ז (1757) האָט די חברה קדישא פון ליאָזנע (אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד) געפּראַוועט איר יערלעכע סעודה. דער צוועק פון דער דאָזיקער חברה איז געווען צו זאָרגן פאַר קראַנקע און פאַר דער צוגרייטונג און איינאָרדענונג פון קבורת המתים, ווי עס האָט זיך געפירט אין אַלע אידישע קהילות.

ס׳איז ניט לייכט געווען צו ווערן אַ מיטגליד פון דער חברה, וועלכע האָט געפאָדערט אַז דער באַטרעפנדיקער זאָל באַזיצן אויסער אַ גוטן נאָמען און אַ ברייטע ידיעה אין דער תורה, אויך אַ געוויסן מאַטעריעלן פאַרמעגן, ווייל דאָס איינטריטס־געלט אין דער חברה איז געווען באַדייטנדיק גרויס. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די חברה איז דערפאַר באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע מענטשן פון דער גאַנצער קהילה.

ווער עס וואָלט דעם אָוונט געזען די אידן, וועלכע זיינען געוואוינט געווען שטענדיק צו קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין, די אידן וואָס האָבן זיך יעדן טאָג, יעדע נאַכט און יעדע שעה באַגעגנט פנים אל פנים מיט דער גאַנצער ערנסטקייט פון לעבן, ווער עס וואָלט געזען די זעלביקע מענטשן אין דעם אָוונט, ביי זייער פייערונג, וואָלט ער זיי ניט דערקענט. — אַ שטראַלנדיקע פרייד איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימ׳ער ווען זיי האָבן זיך, נאָך אַ טאָג פאַסטן, אַלע אויסגעזעצט אַרום דריי לאַנגע טישן. אויבן־אָן זיינען געזעסן די גבאים פון דער חברה, זיבן שניי־ווייסע זקנים. די אצילות און די איידלקייט האָט אַרויסגעלויכטן אויך פון דעם גרעסטן טייל מיטגלידער, אַזוי אַז אפילו דאָס געניטסטע אויג וואָלט איצט ניט געקענט אונטערשיידן דעם רייכן פון דעם וויניקער רייכן און דעם בן תורה פון דעם סוחר און בעל מלאכה. היינט זיינען אַלע געווען רייך און גלייך; אַלע זיינען זיי געווען אַזעלכע גרויסע למדנים, אַז דאָס וואָס מען רופט געוויינלעך באַרוף אָדער באַשעפטיקונג, ד.ה. דער אופן ווי מען דער־ווערבט זיך די מאַטעריעלע מיטלען צום לעבן, איז ביי זיי געווען ניט מער

ווי אַן אויסערלעכע נעבנזאַך, וועלכע בלייבט פולשטענדיק אין שאָטן אין אַנבליק פון דער ליכטיקייט פון זייער גייסט. דאָס איז געווען אַן אמת'ער ברידער־פאַראיין, וועמענס גייסטיקע און מאָראַלישע הויך, האָט זיך לייכטנדיק אַרויסגעהויבן פון זייער אויסערלעכער סביבה.

די דאָזיקע סביבה איז באַשטאַנען פון פּראָסטע, אומגעבילדעטע פּויערים, וועלכע האָבן אפילו ניט געוואוסט ווי צו לייענען און צו שרייבן, און פון פאַרגרעבטע פּוילישע „אַדללייט", וועלכע פלעגן האַלטן אין איין שכור'ן און הוליען און דערביי זייער גראָב און שלעכט באַהאַנדלען די אידן.

אָבער היינט אָוונט איז דאָס אַלץ געווען פאַרגעסן. דער יום טוב פון מענטשלעכקייט, וועלכן זיי האָבן איצט געפייערט, האָט באַזייטיקט יעדן געדאַנק וועגן דער גרויזאַמקייט פון וועלכער זיי איז אויסגעקומען זייער אָפּט צו ליידן. אַזאַ שמחה מיט דער איבערגעגעבענער טעטיקייט, וואָס איז געווען געבויט אויף דער טיפסטער מענטשנליבע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך פאַרנומען אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן יאָר, איז געווען הימל־ווייט פון זייערע באַדריקער און פייניקער.

דער ראש החברה (פּרעזידענט), פאַר וועמען עס איז געשטאַנען דער גרויסער זילבערנער בעכער פון דער חברה אָנגעפילט מיט מעד, האָט געמאַכט ברכת „המוציא" און ווען אַלע מיטגלידער האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל און זיי האָבן טועם געווען איינציקע פאַרשפּייזן, האָט מען געהערט אַ קורצע רעדע וועגן דער באַדייטונג פון דער פייערונג. דאַן האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען די אמת'ע סעודה; צווישן איין געריכט און דעם אַנדערן איז פאַרגעלייענט געוואָרן דער דין וחשבון וועגן דער טעטיקייט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און מען האָט דיסקוטירט וועגן נייע הצעות פאַר געוויסע ענדערונגען אין די תקנות פון דער חברה.

די טרוקענע פאַרהאַנדלונגען זיינען דאַן אונטערבראָכן געוואָרן דורך הערלעכע ניגונים, וועלכע האָבן זייער שטימונגספול אָפּגעקלונגען ווייט, אין דער נאַכט אַרויס. נאָכדעם זיינען פאָרגעקומען נייע וואַלן פון גבאים, וואָס איז אייגנטלעך געווען ניט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט, ווייל די מיט־גלידער האָבן זייער גוט געוואוסט אַז די אָנפירונג פון דער חברה געפינט זיך אין זייער גוטע הענט פון די ביז־איצטיקע גבאים.

דער לעצטער פונקט אויפ'ן סדר היום איז געווען דאָס אויפנעמען פון

נייע מיטגלידער, וואָס איז אויך זייער לייכט צוגעגאַנגען, ביז עס איז געקומען צו איין בקשה, וועלכע דער פּרעזידענט האָט צוליב איר אייגנ־אַרטיקייט געלאָזן אויף צולעצט.

„רבותי", האָט דער פאָרזיצער אָנגעפאַנגען מיט אַ געוויסער פאַר־לעגנהייט, וועלכע איז געווען קענטיק אין טאָן פון זיין שטימע, „עס ליגט נאָך פאַר אונדז איין בקשה, וועלכע די גבאים פון זייער זייט האָבן עס געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער ווייל זי איז פאַרגעלייגט געוואָרן פון איינעם פון אונדזערע חשוב׳סטע מיטגלידער, ברענגען מיר דאָס פאַר פאַר דער אַלגע־מיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל די בקשה באַהאַנדלען און אָננעמען דעם געהעריקן באַשלוס. — ר׳ ברוך פויזנער בעט אונדז אויפצונעמען זיין צען־יאָריקן זון שניאור זלמן אַלס מיטגליד פון דער חברה".

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך געמערקט אַ געוויסע צערודערונג ביי די אָנוועזנדיקע.

ר׳ ברוך איז געווען אַ זעלטענער למדן און אַ ירא שמים, דערצו זייער רייך און אַן אויסערגעוויינלעכער בעל צדקה. זיין פאָטער האָט פריער געוואוינט אין פויזן. (דערפון שטאַמט אויך דער נאָמען פויזנער) שפּעטער, זייענדיק באַזאָרגט וועגן דעם חינוך פון זיינע קינדער, האָט ער פאַרלאָזן פויזן און זיך אַריבערגעצויגן קיין ליאָזנע.

אויף איינעם פון זיינע געקויפטע באָדנס לעבן ליאָזנע האָט ער, ביים בויען אַ הויז, געפונען אַ גרויסן אוצר, פון וואָס עס האָט געשטאַמט זיין רייכקייט.

פון זיינע אייגענע מיטלען האָט ער געלאָזט בויען אַ גרויסן בית מדרש און עס געשאָנקען דער קהילה און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט יעדן וואָס האָט זיך נאָר געווענדעט צו אים נאָך הילף.

דערפאַר איז פאַר דער חברה קדישא געווען גאָר ניט לייכט אָפּצוזאָגן די בקשה פון אַזאַ איינעם ווי ר׳ ברוך.

דערצו נאָך האָט זיין צען יאָריקער זון גע׳שמ׳ט איבערן גאַנצן געגנד אַלס עילוי. זיינע אויסערגעוויינלעכע כשרונות, זיין שטאַרקע התמדה און וואונדערבאַרער זכרון, האָבן אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביי יעדן, ווער עס האָט אים נאָר געקענט. צו צען יאָר איז ער שוין געווען אַזוי קלאָר

אין אַ גרויסן טייל פון גמרא און פוסקים, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן ביי די גרעסטע לומדים צו ריידן מיט אים אין לערנען. אויך אין עניוות און פרומקייט איז ער שוין דאַמאָלסט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז אויך אין דעם פרט וואָלט ניט געדאַרפט זיין קיין אָפּהאַלט אים אויפצו־נעמען אַלס מיטגליד פון דער חברה; ער איז אָבער פאָרט נאָר אַ צען־יאָריק קינד און אַריינצונעמען אַ קינד פון דעם עלטער אַלס אַ מיטגליד אין דער חברה קדישא, אין וועלכער עלטערע קהילה־מיטגלידער האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן אויפגענומען צו ווערן, אַזאַ זאַך איז געווען אומדער־הערט; אַזוינס איז נאָך אין ערגעץ ניט פאָרגעקומען. ס'איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס די ווערטער פונעם פאָרזיצער האָבן אַזוי איבערראַשט דעם גאַנצן עולם פאַרזאַמלטע, אַז ער האָט געמוזט אויף אַ פּאָר מינוטן איבעררייסן זיין ריידן, כדי צו געבן דעם עולם אַ געלעגנהייט זיך צו באַ־רואיקן. דאַן האָט ער פאָרגעזעצט:

„דאָס איז אַזאַ פאַרלאַנג וואָס איז נאָך קיין מאָל אין אונדזער חברה ניט געשטעלט געוואָרן, ווייניקסטנס האָב איך אַזוינס אין דעם פנקס החברה (אין דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דער חברה) קיין מאָל ניט געפונען. זיכער איז אויך קיינעם פון אייך ניט באַקאַנט אַזאַ פאַל, אַז וועלכע ס'איז אַנדער חברה קדישא זאָל האָבן אויפגענומען אַלס איר מיטגליד אַ אינגל, וועלכער איז נאָך אַפילו ניט קיין בר־מצוה. איך האָב מיט ר' ברוך'ן שוין גערעדט וועגן דער אומגעוויינלעכקייט פון זיין בקשה און איך מיין אַז מיר וועלן לייכטער קומען צו אַ לייזונג פון דער פראַגע, אויב איך וועל קודם געבן ר' ברוך'ן אַליין דאָס וואָרט צו באַגרינדן זיין פאַרלאַנג".

ר' ברוך איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּראַכטפולן הדרת פנים און אויסערגעוויינלעך סימפּאַטיש אין זיין גאַנצן מהות. אויף דער אויפ־פאָדערונג פונעם פאָרזיצער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַ הויכער שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן חלל פון גרויסן זאַל:

„רבותי, איך אַליין דענק וועגן דער בקשה גענוי ווי אונדזער ראש החברה דענקט און פונקט ווי אַלע פאַרזאַמלטע דאָ דענקען, מסתמא. איך פערזענלעך וואָלט קיין מאָל אַזאַ מין פאָדערונג ניט געשטעלט, אויב מיין זלמן וואָלט מיך דערצו ניט געצוואונגען. ער איז אייגנטלעך דער, פון וועמען עס קומט די בקשה. איך האָב זיך געמוט באמת אים אויפצוקלערן

אַלע פּרטים, וועלכע וועלן זיין אַ שטער ער זאָל אויפגענומען ווערן אין דער חברה, אָבער ער האָט אויף מיינע אַלע אויפווייזונגען אָפּגעענטפערט אַזוי לאַגיש און זאַכלעך, און האָט פאַרטיידיקט זיין שטעלונג מיט אַזעלכע באַגרינדעטע מיינונגען, אַז איך האָב צום סוף איבערהויפּט ניט געוואוסט מער וואָס אים צו ענטפערן. — השם ברוך הוא האָט אים געגעבן אַ גראַדן שכל. אָבער זיין יראת שמים איז נאָך גרעסער פאַר זיין שכל. ער האָט קיין שום אַנדערן גרונד ניט פאַר זיין ווילן צו ווערן אַ מיטגליד אין דער חברה, נאָר אַז ער זאָל אויך האָבן די געלעגנהייט אַנטייל צו נעמען אין דער גרויסער מצוה פון גמילות חסד, וואָס מיר דערפילן דאָ. אפשר וועט איינעם אָדער אַ צווייטן פון די חברה־מיטגלידער בעסער געלינגען זיך „אויסצו'טענה'ן" מיט מיין זון.

אין דעם פאַל קען איך אויך ניט אויסנוצן מיין פאָטערלעכע רעכט אים צו פאַרבאָטן זיין אריינטריט אין דער חברה, ווייל ער האָט מיר שוין אויף אַן איידעלן אופן מרמז געווען, אַז ע"פ דין דאַרף אַ קינד ניט פאָלגן דעם פאָטער, וואָס וויל אים צוריקהאַלטן פון דערפילן אַ מצוה. — די חברה, אָבער, פון איר זייט קען אויסנוצן אירע רעכטן און ניט אויפנעמען אים אַלס מיטגליד. איך וואָלט דער ערשטער איינגעשטימט אויף אַזאַ באַשלוס פון דער חברה; אָבער עס וואָלט מיר געווען מער ניחא, ווען דאָס קען געשען אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל ניט טראָגן אַ כאַראַקטער פון אַן אומבאַ־גרינדעטער גזרה, נאָר מען זאָל אים בעסער איבערצייגן אין דער אומבאַ־רעכטיקייט פון זיין פאַרלאַנג, און דאַן וועט ער, ווי איך קען אים, שוין אַליין זיך אָפּזאָגן דערפון".

„ווי וואָלט געווען", האָט געפרעגט דער פאָרזיצער, „ווען מיר לאָזן אייער זלמן קומען אַהער, און מיר ריידן זיך דורך מיט אים אַליין וועגן זיין בקשה?"

„איך וואָלט זיין דערמיט העכסט צופרידן, ווייל איך בין זיכער אַז די אַנוועזנדיקע גרויסע תלמידי חכמים וועלן אים שוין געבן דעם ריכטיקן ענטפער".

„רבותי", האָט אויף דעם באַמערקט אַן אַנדער מיטגליד פון ועד הגבאים, „עס וואָלט געוויס פאַר אונדז אַלע געווען אַ באַפרידיקונג דעם קליינעם שניאור זלמן דאָ צו זען און צו הערן, אָבער פאַרגעסט ניט, אַז עס איז שוין קורץ פאַר האַלבער נאַכט און מען קען דאָך ניט דערוואַרטן אַז ביי

דער שפּעטער שעה וועט אַ צען־יאָריק קינד נאָך ניט שלאָפן אָדער ווייניקסטנס זיין געגוג וואַך אויף צו קענען זיך דורכשמועסן מיט אונדז״.

„וועגן דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגן״, האָט געענטפערט דער פאָטער, „ער איז נאָך וואַך. ער וויל נאָך פאַר חנוכה מאַכן אַ סיום אויף מסכת נדרים. ווען איך האָב אים היינט, פאַר מיין אַוועקגיין, געפרעגט, אויב ער מיינט נאָך צו פאַרטיק ווערן ביז חנוכה, האָט ער מיר געזאָגט: ,איך וואָלט זיכער געגלויבט אַזוי, ווען ניט די אַזוי טיף־געשמאַקע, הערלעכע סברות פון דעם ר״ן אויף נדרים, פון וועלכע מען קען זיך פשוט ניט אָפּרייסן׳. אָבער אַחוץ דעם, גייט ער היינט אָוונט ניט שלאָפן ביז איך וועל קומען אַהיים און אים איבערגעבן דעם באַשלוס פון דער חברה וועגן זיין בקשה״.

האָט מען אַוועקגעשיקט דעם שמש פון דער חברה צו ברענגען דעם אינגל.

ב
דער קאָמפּראָמיס

שניאור זלמן איז געווען סיי פיזיש און סיי גייסטיק געראָטן אין גאַנצן אין זיין פאָטער. ווי זיין פאָטער, האָט אויך ער זיך אויסגעצייכנט אַחוץ מיט זיין סימפּאַטישן מהות אויך מיט זיין הויכן וואוקס און שטאַרקן קערפּער־בוי. לויט זיין אויסזען האָט מען אים געקענט אָננעמען ווי אַ דרייצניעריקן אינגל. די חכמה האָט אַרויסגעלייכט פון זיינע אויסדרוקספולע, שיינע אויגן און אין יעדן שטריך פון זיין באַ׳חנ׳טן פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די יראת שמים און די עניוות, וואָס איז געווען דער גרונטשטריך פון זיין כאַ־ראַקטער.

דערזעענדיק דעם העל באַלויכטענעם זאַל און די חשוב׳ע געזעל־שאַפט, איז ער געבליבן שטיין אַ מינוט, עטוואָס פאַרשעמט, ביי דער טיר. אָבער דער פּאַרזיצער איז אים גלייך געקומען אַנטקעגן, האָט אים צוגע־פירט צום טיש, וואו ס׳איז געזעסן דער ועד הגבאים און האָט אים דאָרטן אָנגעוויזן אַ פּלאַץ. דאַן האָט ער אים איינגעגאָסן אַ בעכער מעד, האָט אים אָוועקגעלייגט דערביי אַ שטיקל לעקעך, און אים פאָרגעלייגט קודם כל עפּעס טועם צו זיין.

„איך דאַנק אייער פאַר דער דאָזיקער איינלאַדונג", האָט געענטפערט דער אינגל, וועלכער האָט גיך צוריקבאַקומען זיין געוויינלעכע דרייסט־קייט, זעענדיק צווישן די אָנוועזנדיקע זיינע באַקאַנטע און גוטע פריינד: „ווייל דערפון זע איך דאָך אַז איך בין שוין אויפגענומען געוואָרן אַלס מיט־גליד אין דער חברה קדישא".

„ווי קענסטו דאָס דערפון זען?" האָט געפרעגט דער פּאַרזיצער.

„ווען איך וואָלט ניט געווען קיין מיטגליד, וואָלט מען דאָך מיך ניט געקענט לאָזן אָנטייל נעמען אין דער סעודה פון דער חברה, ווייל לויטן זעכצנטן סעיף פון די תקנות ווערט נאָר פאַר אַ מיטגליד דערלויבט צו באַ־טייליקן זיך אין די סעודות פון דער חברה".

„פונוואַנעט קענסטו אַזוי גוט אונדזערע תקנות, ביז דו ווייסט אַפילו אַז דער סעיף וואָס שליסט אויס אַ ניט־מיטגליד אַנטייל צו נעמען אין דער סעודה, איז גראַדע דער 16טער?״

„איך האָב די תקנות גוט דורכגעלייענט. דאָס מוז מען דאָך טאָן ווען מען וויל אַריינטרעטן אין אַ חברה, און ווייל זיי זיינען מיר אַזוי געפעלן געוואָרן, איז נאָך פיל שטאַרקער געוואָרן מיין וואונטש אויפגענומען צו ווערן אַלס חברה־מיטגליד״.

„פאַרוואָס ווילסטו אייגנטלעך אַריינטרעטן אין דער חברה קדישא?״ האָט געפרעגט דער פאַרזיצער, ר׳ יעקב.

„פאַרוואָס? צוליב דעם זעלביקן טעם וואָס דער ישועת יעקב איז גע־וואָרן אַ מיטגליד פון דער חברה״.

[„ישועת יעקב״ איז דער נאָמען פון אַ ספר (אַ פירוש אויפ׳ן מדרש) וואָס זיין מחבר איז טאַקע געווען דער פאַרזיצער פון דער ליאָזנער חברה קדישא].

די פיינקייט און קלוגשאַפט פון דעם אינגל און אויך דער פאַקט וואָס דער אַזוי יונגינקער, גרויסער למדן האָט איבערהויפּט געוואוסט פון זיין ספר, און דאָס וואָס ער האָט אים ניט אָנגערופן אַלס גבאי פון דער חברה נאָר אַלס מחבר פון זיין ספר — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויפ׳ן פאַרזיצער זייער אַ גוטן איינדרוק.

„דאָס איז עפּעס אַנדערש; ווען איך בין אויפגענומען געוואָרן אין דער חברה, בין איך דאָך שוין געווען מער ווי פיר מאָל אַזוי אַלט; אָבער דו ביסט דאָך היינט נאָך אַפילו ניט קיין מחויב במצוות?״

דער אינגל האָט אים אַ מינוט שאַרף אָנגעקוקט, און דאַן האָט ער געענטפערט: „איך בין ניט מחויב? איז עס דען ניט דער חוב פון אַ פאָטער מחנך צו זיין זיין קינד אין קיום המצוות נאָך איידער ער האָט דערגרייכט זיין בר־מצוה עלטער? און איז דען מיין פאָטער מיך ניט מחנך מקיים צו זיין אַלע מצוות ווי ציצית, לולב, מצה א. אַ. וו.?״

„אָבער עס שטייט דאָך אין דער תורה, ,איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם׳ (אַ מאַן אָדער אַ פרוי אַז זיי וועלן באַגיין עפּעס אַ מענטש־

לעכע זינד) דו מוזט דעריבער פריער ווערן אַ ,מאַן׳, ד.ה. ווייניקסטנס דרייצן יאָר אַלט״.

„מדאורייתא מעג טאַקע דער חיוב ניט זיין, אָבער מדרבנן איז עס דאָך יעדנפאַלס. זאָגט דען ניט דער חכם מכל אדם: ,חנוך לנער ע״פ דרכו׳, איז דען דערפון ניט געדרונגען אַז עס איז אַ חוב פון עלטערן מחנך צו זיין צו תורה ומצוות אַפילו זייערע נאָך ניט דערוואַקסענע קינדער?״

„דו ביסט יעדנפאַלס ניט מחויב, עס קען זיך העכסטנס האַנדלען וועגן אַ חיוב פון דיין פאָטער״.

„אויף דעם האָב איך אַ דאָפּלטע טענה: ערשטנס — מיין פאָטער איז טאַקע מחויב, דאָס ווייס ער און דערפאַר טאַקע האָט ער געמאַכט זיין הצעה, און דערמיט איבערגעגעבן די מעגלעכקייט פון זיין פליכט־דער־פילונג אין די הענט פון דער חברה. אויב די חברה וועט באַוויליקן מיך אויפצונעמען, וועט זי עס דאָך געוויס טאָן צוליב מיין פאָטער, כדי ער זאָל קענען דערפילן זיין פליכט. און צווייטנס, איך בין ניט מחויב? אויב עס איז טאַקע אַזוי דער פאַל, און איך קען ניט צווייפלען אין דעם ווען אַזאַ גרויסער תלמיד חכם זאָגט עס מיר, דאַן איז עס דאָך ערשט אַ גוטער גרונד צו דערפילן די גרויסע מצוה פון חסד של אמת דורכ׳ן אַריינטרעטן אין דער חברה. אויב איך בין מחויב, קומט מיר פאַר׳ן מקיים זיין די מצוה אַ שכר און פאַר׳ן ניט מקיים זיין — אַן עונש. איך וויל אָבער דעם אויבערשטן ניט דינען ווי אַ עבד וואָס אַרבעט על מנת לקבל פּרס, נאָר כדי צו דער־פילן דעם רצון פון דעם אויבערשטן, אָן וועלכע אַנדערע כוונות. דאָס קען איך אָבער טאָן נאָר פאַר מיין בר־מצוה, כל זמן איך בין נאָך ניט קיין בר חיובא; ווייל אַזוי גיך ווי איך ווער אַלט 13 יאָר און ווער אַ בר־מצוה, בין איך שוין ניט זיכער אין דער ריינקייט פון מיין כוונה, ווי זי איז געווען פריער, צוליב דער האָפענונג אויפ׳ן שכר, וועלכער איז פאַרבונדן מיט׳ן קיום פון יעדער מצוה״.

„מיט דער דאָזיקער מיינונג ביסטו דאָך אין סתירה מיט ש״ס און פוסקים. דו ווייסט דאָך אַז ,גדול מצווה ועושה׳, אַז דער יעניקער וואָס איז מקיים אַ געבאָטענע מצוה איז גרעסער פון דעם, וואָס דערפילט אַ פריי־וויליק אָנגענומענע מצוה״.

„דאָס איז ניט קיין סתירה. דער כלל איז נאָר געזאָגט אין דעם פאַל

ווען עס זיינען דא ביידע מעגלעכקייטן — ווען איך קען מקיים זיין סיי אַ געבאָטענע און סיי אַ פרייוויליקע מצוה. אָבער אין מיין פאַל, זאָל איך דען דערפאַר די פרייוויליק אָנגענומענע מצוה ניט דערפילן, ווייל די געבאָטענע מצוות וועל איך ערשט זיין מחויב אין דריי יאָר אַרום? דאָס קענט איר דאָך ניט מיינען ערנסט״.

„איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט״, האָט געענטפערט ר׳ יעקב, „ווייל דעם אונטערשייד וואָס דו ווילסט דאָ מאַכן, האָסטו זיך אַליין אויסגעטראַכט, דאָס איז דיינע אַן אייגענע המצאה, מיט וועלכער מען קען ניט מסכים זיין״.

„זייט מוחל, ר׳ יעקב. קעגן דעם האָב איך ווידער צוויי באַמערקונגען צו מאַכן: ערשטנס, ניט איך האָב דעם דאָזיקן חילוק מחדש געווען, ער איז שוין אַזוי אַלט ווי אברהם אבינו. וועגן אים ווייסן מיר דאָך, אַז ער האָט שוין מקיים געווען די גאַנצע תורה נאָך איידער זי איז געגעבן געוואָרן פון ג־ט. אויף דעם פרעגט דער ,פרשת דרכים׳: אויב דאָס איז אַזוי געווען, טאָ פאַר־וואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט דוקא הייסן אברהם׳ען מקיים זיין מצות מילה, פאַרוואָס האָט אברהם אויך די מצוה ניט פרייוויליק דער־פילט? ער ענטפערט אויף דעם, אַז אברהם אבינו האָט דערפילט אַלע מצוות פרייוויליק, ווייסנדיק אַז עס וועט אים ניט שטערן צו מקיים זיין די זעל־ביקע מצוות אויך אַלס מצווה, נאָכדעם ווי דער אויבערשטער וועט עס אים הייסן. מצות מילה איז אָבער אַ מצוה אַז ווען זי ווערט דערפילט איין מאָל, קען זי אַ צווייטן מאָל ניט דערפילט ווערן; דערפאַר האָט דער אויבער־שטער עס אים געמוזט הייסן, כדי ער זאָל זיין אַ מצווה ועושה, ער זאָל עס דערפילן אויפ׳ן גרונד פון אַ געבאָטענער מצוה און דורכדעם זאָל זיין די מצוה אַ גרעסערע. נאָך אייער מיינונג אָבער, לויט וועלכער עס גילט ניט דער חילוק, וואָלט אברהם אבינו ניט געדאַרפט מקיים זיין אַלע מצוות פרייוויליק, נאָר ער וואָלט געדאַרפט אָפּוואַרטן ביז דער אויבערשטער וועט זיי אים מאַכן אַלס אַ חיוב, ווי איר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל וואַרטן מיט דער מצוה פון גמילות חסדים של אמת ביז איך וועל זיין דערצו פאַרפליכטעט דורך מיין בר־מצוה. איז דען אַזאַ זאַך דענקבאַר?״

„הער צו, זלמן, איצט ביסטו ניט נאָר אין סתירה מיט ש״ס און פוסקים, נאָר דו ביסט מחולק מיט אברהם אבינו און מיט השם יתברך אַליין. אָבער קודם כל ביסטו זיך אַליין סותר. דו האָסט פריער געזאָגט, דו וואָלסט בעסער וועלן דערפילן אַ מצוה וואָס דיר איז ניט געבאָטן און איצט מוזטו

מודה זיין אַז דער אויבערשטער אַליין וויל גאָר ניט אַזוי, נאָר ער וויל אַז אברהם אבינו זאָל מקיים זיין מצות מילה דוקא לויט זיין צווי, כדי זיין שכר זאָל זיין אַ גרעסערער".

„דאָס איז ניט קיין סתירה, ר' יעקב. ווען די גמרא זאָגט אַז ,גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה' (דער וואָס איז מקיים אַ גע־באָטענע מצוה איז גרעסער פון דעם ווער עס טוט זי פרייוויליק), האָט זי דערמיט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם שכר. ניט דער שכר נאָר דער מענטש, וועלכער דערפילט אַ פון ג־ט באַפוילענע מצוה, איז גרעסער פון דעם וואָס טוט עס פרייוויליק. פאַרוואָס ער איז גרעסער, גיט שוין דער תוספות אין קדושין דף ל"א אַ טעם אויף דעם. איך מיין אָבער אַז עס איז שווערער מקיים צו זיין אַ מצוה מיט אַ ריינער כוונה, וויסנדיק אַז מען קריגט דערפאַר אַ גרויסן שכר, ווי ווען איך ווייס אַז איך בין מקיים אַ מצוה נאָר פרייוויליק, פאַר וועלכער איך קען קיין שכר ניט דערוואַרטן. דער־פאַר איז דער יעניקער, וועלכער דערפילט אַ געבאָטענע מצוה וואָס איז פאַרבונדן מיט שכר און גלייכצייטיק בלייבט ער געטריי ביי זיין ריינער כוונה צו דינען ג־ט און נאָר ג־ט, גרעסער פאַר דעם, וואָס איז מקבל אויף זיך אַ פרייוויליקע מצוה. דערפאַר האָט אברהם אבינו דערפילט אַלע מצוות ה', כאָטש זיי זיינען אים ניט געוועזן אָנגעזאָגט. ג־ט, אָבער, וואָס האָט גע־וואוסט אַז אברהם אבינו וועט בלייבן ביי זיין ריינער כוונה אויך זייענדיק אַ מצווה, האָט אים געקענט מאַכן די מצות מילה אַלס אַ חיוב".

ווען דער פאַרזיצער האָט אויסגעזען ניט צופרידן מיט די אויספי־רונגען און האָט געוואָלט עפּעס באַמערקן קעגן דעם, האָט דער קליינער זלמן פאַרגעזעצט:

„אויב איר זייט דערצו ניט מסכים און איר ווילט ניט לאָזן גילטן דעם תירוץ פון ,פרשת דרכים', בין איך מותר אויף דער דאָזיקער ראי' און איך נעם אָן פון מיינטוועגן אייער פאַרוואורף אַז איך האָב דעם חילוק אַליין ממציא געווען. אָבער אויב איך האָב אים טאַקע אַליין געפונען, מיט וואָס פאַראַ רעכט וויל מען פון מיר אָט די מציאה אַוועקנעמען? ס'איז דאָך אַ בפירוש'ע משנה אין גיטין, וועלכע ווערט אַראָפּגעבראַכט אין חשן משפט סימן ע"ר אַלס הלכה, אַז דער, ווער ס'וויל אַוועקנעמען אַ מציאת קטן (דאָס וואָס אַ קינד געפינט), באַגייט דערמיט אַ גזלה".

דערמיט האָט זלמן געוואונען אויף זיין זייט אַלע אָנוועזנדיקע, וועלכע

האָבן אויסגעדריקט זייער צושטימונג דורך גוטמוטיקע אויסרופן. אויך ר׳ יעקב האָט זיך צו אים פריינדלעך אָפּגערופן:

„איך האָב דיר פריער געזאָגט אַז דו ביסט נאָך היינט ניט קיין מחויב במצוות און דו האָסט אויף דעם געענטפערט אַז דוקא ווייל דו ביסט נאָך ניט קיין מחויב, ווילסטו מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסד אין אונדזער חברה. דערמיט האָב איך אָבער אין דער אמת׳ן געוואָלט זאָגן אַז דו ביסט מדאורייתא ניט מחויב. אַז ס׳איז אָבער אַ סברא אַז מדרבנן האָסטו דעם חיוב יאָ, וועגן דעם האָסטו דאָך שוין אַליין באַמערקט און איך מוז דאָס דיר מודה זיין. אָבער וויבאַלד דו האַלטסט זיך שוין אַלס אַ מחויב, זאָל עס זיין מדאורייתא אָדער מדרבנן, ביסטו דאָך שוין ממילא אַ מצווה ועושה און דאַן פאַלט דאָך שוין פולשטענדיק אָפּ דיין טעם צו ווערן אַ חברה־מיטגליד נאָך פאַר דער בר־מצוה״.

„ר׳ יעקב״, האָט זיך דער אינגל לעבעדיק אָפּגערופן: „איך מיין אַז מיר וועלן זיך גיכער אייניקן, ווען איך וועל זיך אַרויסנעמען פונעם משא־ומתן. איז מיין פאָטער מחויב מיך מחנך צו זיין צו אַלע מצוות און ממילא אויך צו דער מצוה פון גמילות חסד, זאָל עס זיין מדאורייתא אָדער מדרבנן, יאָ אָדער ניין?״

„דיין פאָטער איז אַודאי מחויב דיך מחנך צו זיין צום קיום פון אַלע מצוות״.

„דאַן צי איך זיך און מיין חיוב אין גאַנצן צוריק. עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער דין אין הלכות כבוד אב ואם: ,ווען דאָס קינד האָט אַ וואונטש און עס ווייסט אַז מען וועט אים דעם וואונטש דערפילן אויך ווען ער וועט אים אָנגעבן אַלס זיין פאָטערס, דאַן טאָר ער עס ניט בעטן פאַר זיך, נאָר אין נאָמען פון זיין פאָטער׳. — דערפאַר האָב איך אויך לכתחילה די בקשה אָנגעגעבן נאָר אין נאָמען פון מיין פאָטער. מיט וואָס פאַראַ רעכט וויל מען אָפּזאָגן מיין פאָטער די דאָזיקע בקשה?״

„מיר וואָלטן זייער גערן דערפילן דיין פאָטער׳ס און דיין בקשה. אָבער מיר קענען ניט, מיר זיינען געבונדן דורך אונדזערע באַשטימונגען״.

„דורך די תקנות? אין זיי שטייט קיין וואָרט ניט וועגן דעם עלטער פון די, וועלכע ווילן אויפגענומען ווערן אַלס מיטגלידער״.

„איך האָב ניט געזאָגט דורך די תקנות, נאָר דורך אַנדערע באַשטי־

מונגעון. עס זיינען פאַראַן אויך ניט געשריבענע געזעצן. האָט מען שוין אַמאָל געזען אין וועלכער עס איז חברה קדישא, אַז אַ אינגל וואָס איז נאָך קיין בר־מצוה ניט, זאָל ווערן אַ מיטגליד?״

„לא ראינו אינה ראי׳ (מיר האָבן עפּעס ניט געזען, איז דאָס ניט קיין באַווייז), זאָגט די גמרא. עס וועט קיינער ניט זאָגן, אַז ער האָט זיך וועגן דעם נאָכגעפרעגט ביי אַלע חברות פון דער גאַנצער וועלט. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז טאַקע אַזוי און ווען דאָס וואָלט אַפילו געשטאַנען אין די תקנות פון דער חברה, איז עס דען דאָ וועלכע עס איז מניעה פאַר דער חברה היינט אָוונט אָט די תקנה מבטל צו מאַכן?

„די חברה האַלט זיך אַפילו ניט ביי אירע געשריבענע תקנות און לאָזט מיך אָנטיילנעמען היינט אָוונט אין איר סעודה — און אין איר מצוה פאַר־גינט זי מיר ניט קיין חלק?! אין דער צייט ווען מענטשנליבע איז אַ יסוד פון אייער חברה, ווילט איר פאַרמיידן פון מיין פאָטער דאָס פשוט׳ע רעכט, וואָס אים קומט. איר אָנערקענט דעם חיוב פון מיין פאָטער און ווילט פון אים גלייכצייטיק אַוועקנעמען די מעגלעכקייט דעם דאָזיקן חיוב צו דערפילן״.

„דו האָסט דאָ אָבער פאַרגעסן״, האָט געענטפערט דער פאַרזיצער, „אַז דער כלל, לא ראינו אינה ראי׳ האָט אויך זיינע יוצאים מן הכלל (אויס־נאַמען), און אַז דער דאָזיקער יוצא מן הכלל קומט גראַד דאָ, וואו עס האַנדלט זיך וועגן אַ מנהג, ווי עס ברענגט דער ש״ך אין זיין ערשטער הערה צום אָנפאַנג פון שלחן ערוך יורה דעה״.

דער אינגל האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

„דאָס האָב איך ניט פאַרגעסן. כאָטש דעם ש״ך צום יורה דעה האָב איך נאָך ניט געלערנט, איז מיר דער דאָזיקער יוצא מן הכלל פון דעסטוועגן באַקאַנט. דאָס שטייט שוין אין שלחן ערוך חשן משפט ביים סוף פון סימן ל״ז. אָבער דאָס אַלץ האָט צו אונדזער פאַל קיין שייכות ניט. שטעלט זיך פאָר, אַז עס וואָלט היינט געקומען אַ מענטש, וועמען עס פעלט ר״ל אַ פוס, אַ האַנט אָדער אַן אויער און ער וואָלט געוואָלט אויפגענומען ווערן אין דער חברה, וואָלט מען אים דען געוואָלט אָפּזאָגן די אויפנאַמע, דערפאַר וואָס די ביז־איצטיקע מיטגלידער האָבן אַלעמאָל געהאַט צוויי אויערן און ווייל מיר האָבן נאָך ביז איצט קיין מאָל ניט געזען חברה־מיטגלידער מיט

איין אויער? און פונקט ווי דאָס פעלן פון אַן אויער איז ניט קיין סתירה צו אַ מנהג, אַזוי איז אויך דאָס פעלן פון דריי יאָר ניט קיין סתירה. דאָ האַנדלט זיך בכלל ניט וועגן אַ מנהג און דערפאַר קען דאָ אויך ניט ווערן אַנגעווענדט דער אויסנאַם וועגן וועלכן איר רעדט״.

דער אינגל האָט גערעדט מיט אַזויפיל ברען, אַז ער איז איצט געשטאַנען מיט אַ רויטן פּנים און זיינע אויגן זיינען אים אַזש פייכט געוואָרן. דער פּאַרזיצער האָט בפועל ממש ניט געוואוסט מער וואָס צו ענטפערן און וואָס צו זאָגן קעגן די דאָזיקע אויספירונגען.

און דאָ האָט גענומען אַן אַנדער זקן דאָס וואָרט:

„דאָס וואָס דו זאָגסט, זלמן, זיינען דברים של טעם, גאַנץ גוט באַגרינדעטע אויספירונגען. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט אַז, אויף וויפל מיר ווייסן, זיינען קינדער, וועלכע זיינען נאָך פאַר בר־מצוה, קיין מאָל ניט געוועזן מיטגלידער אין אַ חברה קדישא. — און דאָס קען מען דאָך ניט סתם אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. זאָל עס זיין אַ מנהג אָדער סתם אַזוי איינגעפירט. איך טראַכט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס קינדער אין דעם עלטער האָבן נאָך געוויינלעך ניט די געהעריקע מאָס ערנסטקייט, וועלכע נייטיקט זיך פאַר אַ חברה־מיטגליד. דו מעגסט אַפילו זיכער האָבן אָט די נייטיקע ערנסטקייט, אָבער אויך דיר פעלט נאָך געוויס עפּעס, צוליב דיין זייער יונגן עלטער, ניט קוקנדיק אויף דיינע גרינדלעכע ידיעות אין דער תורה. אַלס חברה־מיטגליד מוזטו האָבן צו טאָן מיט טויטע, און דו האָסט נאָך אפשר גאָר אין דיין גאַנצן לעבן אַפילו ניט געזען אַ טויטן, האָסט גאָר קיין מורא ניט פאַר די טויטע?״

„רבותי, איך האָב אפילו ניט קיין מורא פאַר די לעבעדיקע, טאָ פאַר־וואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר די טויטע? אָבער ווען איך וואָלט אַפילו אָט די נאַרישע מורא יאָ געהאַט, וואָלט דאָך מיין אַריינטרעטן אין דער חברה געוועזן דער בעסטער מיטל מיך דערפון אַפּצוגעוואוינען. עס איז אמת, איך פאַרשטיי גאָרנישט פון דער באַהאַנדלונג, טהרה, הלבשה און אויסריכטונג פון די מתים, אָבער עס איז דאָך מיט יעדן איינעם אַזוי, וועלכער ווערט צום ערשטן מאָל אַ מיטגליד פון אַ חברה קדישא. עס ווערט דאָך קיינער וועגן דעם ניט געפרעגט פאַר זיין אַריינטריט, פאַרוואָס זאָל מען גראַדע פון מיר פאַרלאַנגען אָט די שלמות, וועלכע מען קען ערשט דערגרייכן דורכ׳ן אַריינטרעטן אין דער חברה? עס איז אַ מנהג, זאָגט איר? אָבער ווען די

טעמים, וועלכע ווערן אָנגעגעבן פאַר דעם מנהג, זיינען קיין טעמים ניט, ווען דער מנהג איז אַ מניעה פאַר אַ פּאַטער מקיים צו זיין זיין חוב לגבי זיין קינד, דאַן איז דער דאָזיקער מנהג ניט קיין בארעכטיקטער און איך וואָלט עס באַטראַכט אַלס אַ זכי׳ פאַר מיין פאַטער, ווען דורך זיין הצעה, זאָל דער דאָזיקער מנהג אין דער היגער חברה בטל ווערן״.

„דאָס גייט ניט אַזוי פשוט ווי דו מיינסט״, האָט אויף דעם געענטפערט דער פאָרזיצער. „אָבער איך מוז דיר דאָ זאָגן פאַר דער גאַנצער חברה, אַז דו האָסט דיין זאַך זייער גוט געפירט. אויב מיר קענען דיך אַלס מיטגליד פאַרט ניט אויפנעמען, וואָלט איך דאָך געמאַכט אַ פשרה. אויב דו וועסט דערצו מסכים זיין, וועל איך עס דאַן פאָרלייגן דער חברה צו באַשליסן. מיר ווילן דיך אָנשטעלן אַלס חברה־שמש. אונדזער שמש באַקלאָגט זיך סייווי אַז די שמשות איז פאַר אים אַליין צו שווער. דאַן קענסטו אָנטייל נעמען אין אַלע מצוות, ניט זייענדיק אַ מיטגליד. אין דריי יאָר אַרום, ווען דו וועסט ווערן בר־מצוה אי״ה, וועט דיין פאַטער מאַכן אַ נייע הצעה וועגן דיין אויפנאַמע און דאַן וועט געוויס קיינער מער ניט זיין קעגן דעם. וואָס זאָגסטו דערצו?״

„איך בין פולשטענדיק מסכים דערצו, אויב מיין פאַטער איז מסכים. איך ווייס אַז עס איז אַ גרויסער כבוד צו זיין אַ מיטגליד אין דער חברה, אָבער עס גייט מיר ניט אינעם כבוד, נאָר אין דער מצוה, אין וועלכער איך וועל איצטער האָבן אַ היפשן אָנטייל. איך דאַנק דעם פאָרזיצער פון מיין גאַנצן האַרצן פאַר דער דאָזיקער הצעה״.

מיט אָט דעם אויסגלייך האָבן אַלע מסכים געווען און דער צען־יאָריקער אינגל איז איצט געוואָרן אַ שמש פון דער חברה קדישא אין ליאָזנע.

דער דאָזיקער באַשלוס איז פאַרשריבן געוואָרן אין דעם פנקס פון דער חברה קדישא, אין וועלכן עס איז מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען ער איז גע־וואָרן דרייצן יאָר אַלט, אויך איינגעשריבן געוואָרן די פאָרמעלע אויפ־נאַמע פון אים אַלס חברה־מיטגליד.

זיין זיידע האָט דערפאַר מנדב געווען פופציק קלאַפּטער האָלץ פאַר׳ן בית מדרש און האָט געצאָלט יערלעך 18 פּוילישע גולדן, פאַר זיין אייניקל, וועלכער ווערט אין פּראָטאָקאָל באַשריבן מיט די וואונדערבאַרסטע שבחים.

ג

אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד

מיר האָבן דעם עפּיזאָד וועגן דער אויפנאַמע פון דעם צען־יאָריקן זלמן אין דער חברה עטוואָס אויספירלעכער דערציילט, ווייל ערשטנס, ווערט דאָ געשילדערט די אומגעווײנלעכע גייסטיקע און מאָראַלישע רייפקייט פון דעם דאָזיקן וואונדער־קינד, און צווייטנס, ווייל אַחוץ דעם איז אונדז וועגן זיין דאָזיקער פריער יוגנט זייער ווייניק באַקאַנט.

זיין ערשטער רבי איז געווען זיין פאָטער אַליין. אָבער כאָטש ר׳ ברוך איז געווען באַוואוסט אַלס זייער אַ גרויסער למדן, האָט ער דאָך געפילט אַז דער קליינער זלמן, וועלכער איז אויסערגעווײנלעך גיך געשטיגן אין לערנען, מוז האָבן אַן אַנדער רבין. און ווען זלמן איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט ער אויסגעקליבן פאַר אים אַ רבי׳ן דעם באַרימטן למדן ר׳ יששכר דוב בער פון ליובאַוויטש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט גלייכצייטיק אויך מיט דער הויכקייט און איידלקייט פון זיינע מידות. אָבער ווי נאָר דער נייער רבי האָט זיך איבערצייגט אין די אויסערגעווײנלעכע כשרונות פון זיין תלמיד, איז ער געקומען צו זיין פאָטער מיט די דאָזיקע ווערטער: „דער אינגל קען זיין מיין חבר, אָבער נישט מיינער אַ תלמיד. ער נייטיקט זיך בכלל ניט אין אַ רבין פאַר׳ן לימוד פון גמרא און פוסקים. מיט זיין וואונדערבאַר טיפער הבנה וועט ער שוין אַליין דורכטרעטן זיין וועג דורך דעם ים פון תלמוד. ער קען נאָך אַנדערע דינען אַלס וועגווייזער און מדריך, אָבער אַ מורה דרך פאַר זיין אייגענעם לערנען דאַרף ער ניט מער״.

דער קלאַנג וועגן די גלענצנדיקע גייסטיקע מעלות פון דעם דאָזיקן אינגל, ווי אויך פון זיינע מידות האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט ווייט איבער׳ן גאַנצן געגנד.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 יאָר האָבן רייכע, פרומע און אָנגעזעענע אידן שוין געהאַלטן אַן אויג אויף אָט דעם לייכטנדיקן שטערן, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויפ׳ן הימל פונעם רוסיש׳ן אידנטום, און יעדערער האָט זיך געוואונטשן אים צו האָבן פאַר אַן איידעם. און אַזוי האָט ער זייער פרי

חתונה געהאַט (ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע צייטן אין רוסלאַנד) מיט דער טאָכטער פון אַ זייער רייכן מאַן אין וויטעבסק.

נאָך זיין חתונה האָט ער זיך — ווי עס איז אויך געווען אָנגענומען אין יענע צייטן — באַזעצט אין הויז פון זיין רייכן שווער, האָט דאָרטן געלעבט צוריקגעצויגן און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און זיך אָפּגעגעבן מיט אַ גוואַלדיקער התמדה צו דעם לימוד פון תורה.

צו 18 יאָר האָט ער שוין מסיים געווען צום ערשטן מאָל גאַנץ ש״ס מיט אַלע מפרשים, ראשונים און אחרונים. אויך אין תורת הקבלה האָט ער זיך שטאַרק פאַרטיפט צו יענער צייט און האָט שוין דאַן געלייגט אַ יסוד פאַר דער מייסטערשאַפט אין אָט דער ג־ט׳לעכער לערע, וועלכע האָט אים שפּעטער פעאיק געמאַכט צו געבן איר אַ גאַנץ נייע ריכטונג.

אַן אויסערגעוויינלעכע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשאַנקען צו די טעגלעכע תפילות. ער האָט געלעבט מיט דער איבערצייגונג אַז אויסער וואָס דאָס דאַוונען גופא איז אַ מצוה, דינען די תפילות און די התרוממות הנפש, וועלכע קומט דורך זיי, אַלס יסוד אויף וועלכן עס איז באַזירט דאָס גאַנצע תורה־לעבן פון מענטשן.

אין מאָמענטן פון גרויסער פאַרטיפונג אין דאַוונען און אויסער־געוויינלעכער השתפכות הנפש, פלעגט ער צוקומען צו אַ מדרגה, וואו ער פלעגט זיין אַבסאָלוט אַרויסגעטאָן פון קערפּערלעכן לעבן.

אָט די צוריקגעצויגנקייט פון לעבן, דאָס זיין כסדר — אַן אויפהער און אָן אונטערברעכונג — אַריינגעטאָן אין לערנען און בעיקר זיין אומגע־וויינלעכע הנהגה ביי די טעגלעכע תפילות, זיינען געווען זיין שווער שטאַרק דערווידער. ער האָט געמיינט צו האָבן זיך „איינגעשאַפט" אַן איידעם וואָס זאָל באַלייכטן זיין הויז מיט אַ העלן גלאַנץ, וואָס זאָל צוציען די גאַנצע וועלט. אָבער אַנשטאָט דעם, מיידט ער גאָר אין גאַנצן אויס די וועלט און לעבט פולשטענדיק צוריקגעצויגן און אָפּגעזונדערט פאַר זיך, כדי צו אַרבעטן אומגעשטערט אויף זיין אייגענער שלמות.

דער שווער איז אַזוי אַרום שטאַרק אַנטוישט געוואָרן אין זיינע דערוואַרטונגען פון דעם איידעם. עס איז געקומען צו אומאָנגענעמע איבעררייד, וועלכע זיינען געווען דערפאַלגלאָז און נאָך מער פאַר־ביטערט דעם שווער׳ס געמיט.

ערשטנס, האָט ער פאַרלאַנגט פון זיין איידעם אַן אויפקלערונג פאַר זיינע הנהגות און שטאַרקער דבקות ביים דאַוונען, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר אַן אומנאַרמאַלן עקסטאַז. עס זיינען דאָך פאַראַן נאָך פרומע מענטשן אויסער אים, האָט ער גע׳טענה׳ט, אָבער זיין כלות הנפש׳דיקער אופן פון דאַוונען איז גאַנץ אַנדערש ווי ביי זיי.

דער איידעם האָט זיך באַמיט אויף אַ בכבוד׳יקן אופן געבן צו פאַרשטיין זיין שווער אַז זיינע פאַרוואורפן זיינען ניט קיין בארעכטיקטע.

„אייך געפעלט ניט מיין התרגשות און מיינע באַוועגונגען ביים דאַוונען. אָבער וואָלט איר זיך געוואונדערט ווען איינער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער, פאָכעט און אַרבעט מיט אַלע גלידער, כדי זיך פון דאָרטן צו באַפרייען?! טאָ פאַרוואָס זאָל מען פאַרוואַרפן איינעם, וואָס בעת ער ווערט מיטגעריסן פונעם שטראָם פון לעבן מיט זיינע זאָרג און נסיונות, מיט אַלץ וואָס עס קען אונדז אַריינציען אין אָפּגרונט, זוכט ער זיך דאַן מיט אַלע כחות צו ראַטעווען און זיך צו דערהויבן צו ג־ט?״

„אָבער עס זיינען דאָך פאַראַן גענוג גרויסע מענטשן, גדולים סיי אין תורה און סיי אין יראת שמים, און זיי שטייען שטיל און גראָד ביים דאַוונען, ווי אַ זייל, איז פאַרוואָס ווילסטו זיין אַנדערש?״

„טאָקע דערפאַר וואָס איך גרייך ניט אָפּילו צו די קנעכלעך פון יענע גדולים. די גרויסקייט פון די גדולים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווייסן ווי זיך צו האַלטן, אַפילו אין מיטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פריי פון יעדן אומריינעם געדאַנק און פון יעדן אומהייליקן געפיל. זיי האָבן גאַרנישט אָפּצוטרייסלען און אָפּצושטויסן פון זיך ווען זיי דערנענטערן זיך צו ג־ט אין זייער תפילה. דערפאַר קענען זיי אויך בלייבן ביי זייער רואיקייט אויך בשעת׳ן דאַוונען פונקט ווי אין געוויינלעכן לעבן״.

דער שווער האָט באַלד איינגעזען אַז די גאַנצע הנהגה פון זיין איידעם איז באַזירט אויף געוויסע יסודות, וועלכע ער איז נישט אימשטאַנד צו באַשטרייטן און ביי יעדער דיסקוסיע איז ער אַלעמאָל געווען דער, וואָס איז געבליבן היינטערשטעליק.

קעגן זיין אויסערגעוויינלעכער און אומדערמידלעכער התמדה אין לערנען בייטאָג און ביינאַכט, וואָס האָט אים נאָך מער אָפּגעצויגן פון דער וועלט ווי דאָס דאַוונען, האָט דער שווער ניט געהאַט אַפילו לפנים־וועגן

וואָס אויסצוזעצן און האָט זיך דערפאַר אַ פאַרביטערטער צוריקגעצויגן פון פירן ויכוחים.

אַנשטאָט דעם, האָט ער געזוכט אַנדערע מיטלען. ער האָט אָוועקגענומען פון אים דאָס האָלץ פאַר דער הייצונג. און אַז זיין איידעם האָט דאָן געלערנט אין דעם אומגעהייצטן צימער, האָט ער פון אים שפּעטער אָוועקגענומען דאָס ליכט; דאָן האָט ר׳ זלמן גענומען זיינע ספרים צום פענצטער און האָט געלערנט ביים שיין פון דער לבנה.

ווען זיין שווער האָט געזען אַז די אַלע מיטלען ווירקן ניט צו ענדערן די הנהגה פון זיין איידעם, האָט ער געטראַכט אָפּצורייידן פון אים זיין פרוי און געזוכט צו דערפירן צו אַ גט. אָבער די פרוי — איר נאָמען איז געווען שטערנא — איז געווען צוגעבונדן מיט אַ פאַרערונגספולער ליבע צו איר מאַן, און האָט דערקלערט מיט אַנטשלאָסנקייט אַז זי וועט זיך קיין מאָל פון אים ניט שיידן און זי איז גרייט זיך צו טיילן מיט אים אַלע ליידן.

זי איז אים אין אַלע צייטן פון זיין לעבן געבליבן די געטרייע לעבנס־באַגלייטערין אויף אַלע זיינע וועגן און האָט שטענדיק זיך געטיילט מיט אים די פריידן און די ליידן. אָט די איבערגעגעבנקייט און טרייקייט פון זיין פרוי האָט תמיד געהאַט אויף אים אַ גרויסן איינפלוס. און אויך אין דעם פאַלגנדיקן אַנטשיידנדיקן ווענדפּונקט פון זיין לעבן האָט זיך דער דאָזיקער איינפלוס געלאָזט זייער מערקן. —

ווען ר׳ שניאור זלמן איז אַלט געוואָרן אומגעפער 20 יאָר, האָט ער געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פאָרן צו איינעם פון די גדולי ישראל, מיט וועלכע דאָס רוסישע אידנטום איז צו יענער צייט געווען באַזונדערס רייך, אונטער וועמעס הדרכה ער זאָל קענען אויפשטייגן אין זיין גייסטיקער און מאָראַלישער הויך. די פאַרשידענע אומאַנגענעמלעכקייטן און ליידן וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין אינעם הויז פון זיין שווער, האָבן פיל בייגעטראָגן גיך צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן באַשלוס. יעדנפאַלס האָבן זיי אויך פיל מיטגעווירקט צו באַקומען לייכט די צושטימונג פון זיין געטרייער פרוי פאַר דעם. שווער און שוויגער זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם און האָבן דערקלערט, אַז ער זאָל ניט דערוואַרטן צו באַקומען פון זיי וועלכע ניט איז מאַטעריעלע שטיצע סיי פאַר די הוצאות פון דער רייזע און סיי פאַר זיינע לעבנסבאַדערפענישן אין אַן אַנדער אָרט. ר׳ שניאור זלמן האָט געזאָגט זיין פרוי, אַז ווי געוואונטשן עס זאָל פאַר אים ניט זיין דאָס

פאַרלאָזן וויטעבסק, וועט ער עס דאָך פונדעסטוועגן ניט טאָן אָן איר פולער הסכמה דערצו. ער גיט דערפאַר איבער די ענדגילטיקע אָנט־שיידונג צו איר, און ער איז גרייט צו האַנדלען בהסכם דערמיט.

„ניט נאָר דערלויב איך עס דיר", האָט זי געענטפערט איר מאַן, „נאָר איך בעט דיך אַפילו דו זאָלסט דוקא האַנדלען לויט דיין מיינונג און דיין וואונטש. אָבער אַזוי ווי איך מוז דאָך דאָ צוריקבלייבן, שטעל איך נאָר די איין באַדינג, אַז דו זאָלסט דאָרט פאַרט ניט בלייבן לענגער ווי אַכצן מאָ־נאַטן. און נאָך דער צייט זאָלסטו זיך צוריקקערן צו מיר. אָבער וואָס דענקסטו וועגן די רייזע־הוצאות און פאַר'ן לעבן אין אַ פרעמדער שטאָט? — 6 רובל איז מיר געלונגען אָפּצושפּאָרן פאַר דעם צוועק, דאָס גיב איך דיר מיט. אָבער דאָס וועט דאָך דיר זיין גענוג נאָר אויף אַ קורצער צייט".

„וועגן דעם דאַרפן מיר זיך ניט זאָרגן. די חכמים זאָגן: ,דער ג־ט וועלכער גיט דאָס לעבן, גיט אויך די מיטלען צום לעבן'. מיין ברודער ר' מרדכי האָט מיר אויך צוגעזאָגט צו געבן 30 רובל פאַר מיין רייזע. איך האָב דאָך ניט נייטיק פיל. איך האָף, אַז ווען איך וועל האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז פון דיינע עלטערן, וועט אויך דיין לאַגע פאַרבעסערט ווערן. דו וועסט ווידער ווערן באַטראַכט אויסשליסלעך אַלס די טאָכטער פון דיינע עלטערן און וועסט זיי, מיט דער צייט, האָף איך, אויך ווידער געווינען פאַר מיר. זאָל דער דאָזיקער געדאַנק פאַרלייכטערן דעם שמערץ פון אונדזער צע־שיידונג: אַנדערהאַלבן יאָר איז דאָך אַ קורצע צייט".

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער, גאַנץ פרי, פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיין שווער, באַגלייט פון די וואַרעמע ברכות פון זיין געטרייער שטערנא.

„שפּעטסטנס אין אַכצן מאָנאַטן אַרום בין איך, אי"ה, ווידער דאָ מיט דיר, ווי דו האָסט פאַרלאַנגט: מיר זאָלן זיך נאָר אין פריידן ווידערזען".

„די פרוי פון רבי עקיבא, די טאָכטער פון כלבא שבוע, איז געווען גרעסער פון מיר. זי האָט דערלויבט איר מאַן, וועלכער איז געגאַנגען אין דער פרעמד לערנען תורה, צו פאַרבלייבן גאַנצע פיר און צוואַנציק יאָר!"

„דאָס איז געווען רבי עקיבא, דער גדול, פאַר וועמען זי האָט גע־בראַכט דעם גרויסן קרבן. אָבער אַנדערהאַלבן יאָר מקריב צו זיין פאַר אַזאַ איינעם ווי איך, איז נאָך מער ווי די סך יאָרן פאַר אַ רבי עקיבא. הלואי זאָל עס מיר ביים צוריקקערן זיך אַזוי געלינגען צופרידנצושטעלן דיך און דיינע

עלטערן, ווי עס איז רבי עקיבא׳ן געלונגען צופרידנצושטעלן זיין פרוי און אירע עלטערן, אמן״.

מיט די ווערטער איז ער גיך אַרויס אויפ׳ן גאַס מיט אַ קליינעם פּעקל אונטערן אָרעם, וואָס האָט אַנטהאַלטן זיין גאַנצן פאַרמעגן, און האָט זיך געלאָזט גיין. ער איז קיין סך ניט אַפּגעגאַנגען און איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אַ פאַרטראַכטער . . . אייגנטלעך איז ער נאָך ביז איצט ניט געקומען צו אַ החלטה, וואוהין ער זאָל גיין.

צווישן די גדולי התורה פון יענער צייט זיינען געווען צוויי וועלכע זיינען געווען ספּעציעל באַרימט — ר׳ אליהו אין ווילנע און ר׳ דוב בער, וועלכן מען האָט גערופן דער מעזריטשער מגיד. כאָטש ביידע גדולים האָבן אין זייער דור גע׳שמ׳ט אַלס די העכסטע אידעאַלע פּערזענלעכקייטן סיי וואָס איז נוגע זייערע ידיעות אין דער תורה, סיי אין דער ריינקייט פון זייערע מידות און זייערע פיל אַנדערע הויכע מעלות, זיינען זיי דאָך געווען גאַנץ פאַרשידן אין זייער דרך פון עבודת המח און עבודת הלב.

אין ווילנע איז געלייגט געוואָרן די הויפּטגעוויכט אויפ׳ן לימוד התורה. די הויפּטשטרעבונג דאָרטן איז געווען די אַנטוויקלונג פון מח. דאַקעגן אין מעזריטש איז העכער פאַר אַלץ געשטאַנען עבודת הלב, תפילה, זיכוך המידות א. ד. גל. וועלכע האָבן געגאָלטן אַלס פעסטער פונדאַמענט, אויף וועלכן מען זאָל קענען בויען אַ זיכערן בנין פון תורה.

זיין מח האָט געצויגן דעם יונגן וואַנדערער קיין ווילנע, און זיין האַרץ — קיין מעזריטש און געזיגט האָט דאָס האַרץ.

„תורה, גמרא, מדרש, ראשונים און אחרונים״, האָט ער זיך געטראַכט, „האָב איך שוין געלערנט אין אַזאַ מאָס, אַז איך זאָל קענען אין נויטפאַל אַליין ווייטער לערנען. אָבער דאַוונען — קען איך נאָך ניט; די קלאָרקייט פון די געדאַנקען און די ריינקייט פון דער כוונה, אויף וויפל זיי זיינען נייטיק צו שאַפן די געהעריקע התרוממות הנפש אין תפילה צום רבונו של עולם, דאָס פעלט מיר נאָך; פאַר דעם מוז איך האָבן אַ מדריך, וועלכן איך האָף צו געפינען אין מעזריטש״.

דער דאָזיקער באַשלוס צו גיין קיין מעזריטש איז געווען אַנטשיידנדיק פאַר זיין אייגענער צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פון הונדערטער־טויזנטער, פאַר וועמען יענער יונגער וואַנדערער איז שפּע־

טער געוואָרן דער פירער און לערער ווי צו גרייכן די העכסטע צילן פון אַ ג־ט־געטרייען לעבן.

עס איז געווען אַ ווייטער, שווערער וועג, וואָס ער האָט געמוזט דורכ־מאַכן צופוס. ווען זיינע אָרעמע מיטלען, וועלכע ער האָט מיטגענומען האָבן זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָזט, האָט ער פאַר גאַנצע טעג געמוזט אונטער־ברעכן זיין וואַנדערן און האָט זיך פאַרדונגען אַלס אַן אַרבעטער און האַלצ־האַקער, כדי צו פאַרדינען דאָס נויטיקסטע צו קענען פאָרזעצן זיין רייזע. קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען צו נידעריק, אַבי נאָר ניט צו דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. נאָך פיל אונטערברעכונגען און אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן האָט ער ענדלעך דערגרייכט דעם ציל פון זיין רייזע און איז פון דעם מגיד זייער פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן. דער לעצטער, אַלס אַ זעלטענער מענטשנקענער, האָט גלייך דערקענט און אָפּגעשאַצט די גייסטיקע און מאָראַלישע גרויסקייט פון דעם יונגן מאַן, וועלכער האָט גע־וואָלט אויפגענומען ווערן אין דעם גרויסן קרייז פון זיינע תלמידים, צווישן וועלכע ר׳ שניאור זלמן איז געווען איינער פון די אינגסטע.

כאָטש ער האָט באַלד געוואונען די הערצער פון זיינע חברים, האָבן זיי דאָך, צוליב דעם גרויסן אונטערשייד אין עלטער, אין אָנהויב געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ניט גלייכשטייענדן. ווען זיי האָבן אָבער שפּעטער איינ־געזען און זיך איבערצייגט פון זיין גוואַלדיקער חריפות און זיין אומגע־וויינלעכער בקיאות אין אַלע סוגיות פון תלמוד, זיין אומדערמידלעכע התמדה און די הויכע מעלות פון זיין איידל הארץ, האָט ער געוואונען די התקשרות פון אַלעמען אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז זי האָט זיך פונאַנ־דערגעבליט אין אַ שטאַרקער און הייסער פריינדשאַפט, וועלכע האָט אים מיט זיי פאַרבונדן אויפ׳ן גאַנצן לעבן.

באַזונדערס, אָבער, האָט אים זיין רבי אויסגעצייכנט דורכדעם, וואָס ער האָט אים געלאָזט אָנטיילנעמען אין די יעניקע שיעורים, וועלכע ער האָט ביז דאַן געגעבן נאָר זיין זון אַליין. זיין זון, ר׳ אברהם, האָט מען צוליב זיין אצילות הרוח, זיינע הויכע מידות און מעלות, גערופן דער „מלאך און קדוש״.

כאָטש ר׳ שניאור זלמן איז געווען פיל אינגער פון אים, האָט ער אָבער ווייט אַריבערגעשטיגן דעם מגיד׳ס זון אין לערנען. דערפאַר איז ר׳ אברהם, אָבער, צוליב זיינע טעגלעכע שיעורים מיט זיין פאָטער, געווען מער באַ־

האַונט אין תורת הקבלה; אָט די פאַרשידנקייט האָטביידן נאָך מער דער־נענטערט איינעם צום אַנדערן. זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַז ר׳ אברהם זאָל לערנען מיט דעם יונגן ר׳ זלמן דריי שעה אַ טאָג קבלה און דער לעצטער זאָל לערנען מיט זיין עלטערן חבר דריי שעה אַ טאָג גמרא. ר׳ שניאור זלמן פלעגט זיך דערביי אָפּט באַנוצן מיט אַ „שפּיצל", וואָס ער פלעגט, אין דער צייט ווען זיין חבר איז געווען פאַרטיפט אין זיין „שיעור", אַ רוק טאָן דעם זייגער אויף אַ פּאָר שעה צוריק. — „קיין מאָל", האָט ער אַ סך יאָרן שפּעטער געזאָגט, „קיין מאָל ביז דאָן האָב איך ניט געפילט אַזאַ געשמאַקן טעם אין לערנען ווי ביי די דאָזיקע שיעורים. עס איז געווען די זיסקייט פון ,מים גנובים׳".

ווי פייל פון בויגן זיינען געפלויגן די טעג ביי דעם אינטערעסאַנטן לימוד אַזוי, אַז ער איז געווען איבערראַשט ווי גיך די אַנדערהאַלבן יאָר זיינען אַוועק, נאָך וועלכע ער האָט לויט זיין פאַרשפּרעכן זיך געדאַרפט אומקערן צו זיין פרוי. אַ פאַרשפּרעכן, וועלכן ער האָט געוויסנדיק דער־פילט.

אָבער לאַנג האָט ער ניט געקענט זיצן אינעם הויז פון זיין שווער. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער ווידער פאַרלאָזן דאָס הויז און איז צוריקגעפאָרן צו זיין רבי׳ן און דאָס מאָל איז די הסכמה פון זיין פרוי ניט געווען געבונדן אויף אַ באַשטימטער צייט.

ביי זיין רבי׳ן האָט שוין אויף אים געוואַרט אַ נייע, גרויסע אויפגאַבע, וואָס איר געניאַלע דורכפירונג האָט דעם יונגן מאַן באַרימט געמאַכט אין אַלע קרייזן פון דער לומדישער וועלט.

דער מגיד האָט געזען די נויטווענדיקייט צו באַאַרבעטן דעם „שלחן ערוך" און האָט געזוכט צווישן זיין גרויסן קרייז פון תלמידים פאַר אַ פּאַסנדן כח, וועמען ער זאָל קענען אָנפאַרטרויען אָט די גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

אין משך פון די הונדערטער יאָרן, וועלכע זיינען שוין אַוועק זינט מען האָט דעם שלחן ערוך מסדר געווען, זיינען צוגעקומען זייער פיל שאלות און פּלפּולים, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ קלאָרן פסק הלכה. אינעם פאַר־לויף פון דער צייט האָבן פיל גדולי התורה אַרויסגעזאָגט זייער פסק הלכה וועגן איינציקע שאלות, אין זייערע חבורים. אַפילו פאַר אַ גרויסן תלמיד

חכם פון דער דאָזיקער צייט האָט זיך געפאָדערט ביים אַרויסטראָגן אַ פסק הלכה וועגן אָט די שאלות, אַז ער זאָל זיין קלאָר אין די אַלע אויבנדערמאָנטע חבורים, וועלכע איז אויך פאַר זיי ניט געווען אַ צו לייכטע אויפגאַבע. אָבער פאַר די ברייטע אידישע מאַסן, אַפילו די בני תורה צווישן זיי, וועלכע האָבן געדאַרפט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן וויסן אויף יעדן שריט און טריט, אַ קלאָרן דין אין אורח חיים, איז עס געווען דערפאַר אַמאָל פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן. עס האָט זיך דעריבער געפאָדערט די צוזאַמענשטעלונג פון אַ הלכה־ספר, אין וועלכן עס זאָלן אין אַ לייכטער פאָרם און אין אַ קלאָרער שפּראַך געבראַכט ווערן די דינים פון טאָג־טעגלעכן אידישן לעבן.

כדי אַזאַ חבור, אָבער, צוזאַמענצושטעלן האָט זיך געפאָדערט אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע זאָל זיין בקי אין די הלכה׳שע מיינונגען פון אַלע ביזאיצטיקע תורה־אויטאָריטעטן און זאָל דערביי קענען זיין, אין נייטיקן פאַל, דער מכריע. דער ניי געשאַפענער חבור האָט מיט זיין אינהאַלט און מיט זיין אויסערלעכער פאָרם געדאַרפט גלייכצייטיק דינען אַלס וועגווייזער סיי פאַר מורי הוראה און סיי פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אַ מחבר פון אַזאַ ספר האָט זיך געדאַרפט אויסצייכענען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בקיאות אין אַלע ספרי הלכה, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון כמעט צוויי טויזנט יאָר. ער האָט געדאַרפט זיין אַ שאַרפזיניקער און לאָגישער חוקר, וועלכער זאָל קענען אָפּוועגן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און וועלכער זאָל גלייכצייטיק זיין אַ מייסטער אין סדר און שפּראַך, כדי זיין חבור צוזאַמענצושטעלן אין אַ העכסט סיסטעמאַטישער פאָרם און אין אַ מעגליכסט לייכטער שפּראַך.

די האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון די אַלע פאָדערונגען האָט דער מגיד געפונען נאָר ביי ר׳ שניאור זלמן און האָט אים געבעטן איבערצונעמען דאָס גרויסע ווערק אין זיין האַנט אַריין. דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, צו וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט אַ גאַנץ לעבן זי צו דערפילן און זי איז פון דעם יונגן מאַן דורכגעפירט געוואָרן נאָר אין אייניקע יאָר אויף אַ העכסט וואונדערבאַרן אופן.

די ערשטע חלקים פון דעם גרויסן ווערק האָט ער שוין פאַרענדיקט אין זיין דריי און צוואַנציקסטן לעבנסיאָר און עס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס דעם „רבּ׳ס שלחן ערוך“.

אַזוי ווי זיין עלטערער בן דור, דער גאון רבי אליהו פון ווילנע, האָט גע׳שמ׳ט מיט דער בלויזער באַצייכענונג „דער גאון״, אַזוי איז רבי שניאור זלמן איבעראַל באַקאַנט געוועזן מיט׳ן נאָמען „דער רב״.

דער לעבנסוועג פון ביידן האָט זיי פיל מאָל געבראַכט אין באַציאונגען איינער צום אַנדערן און נעמלעך אויף אַ העכסט דראַמאַטישן אופן. —

ד

מחלוקת פון מתנגדים מיט חסידים

דער ווילנער גאון, ר׳ אליהו, איז געווען אַ פענאָמענאַלע פּערזענ־לעכקייט אין יעדער הינזיכט. סיי אין זיינע ידיעות התורה, סיי אין דער איידלקייט פון זיין כאַראַקטער און סיי אין דער הויכקייט פון זיינע מידות. זיין זעלטענע גרויסקייט איז אַזוי גוט באַקאַנט און איבעראַל אָנערקענט, אַז עס איז ניט נייטיק דאָ זיך אָפּצושטעלן מיט ברייטערערע שילדערונגען וועגן דעם.

ווי רייך דער גאון איז געווען אין גייסטיקע אוצרות, אַזוי אָרעם איז ער געווען אין מאַטעריעלע מיטלען. ער האָט קיין מאָל ניט אָנגענומען אַן אַמט, כדי ניט צו באַנוצן זיך מיט דער תורה פאַר מאַטעריעלע צוועקן, („קרדום לחפור בה״), און האָט געלעבט אין אָרעמקייט, אָפּגעבנדיק זיך נאָר מיט׳ן לימוד התורה. די קהילה אין ווילנע האָט אים באַשטימט אַ געוויסע געהאַלט, וואָס דער שמש האָט אים געזאָלט ברענגען יעדע וואָך. יענער, אָבער, אויסנוצנדיק די איידלקייט און פיינקייט פון גאון און וויסנדיק אַז ער וועט זיך צוליב דעם קיין מאָל ניט באַקלאָגן, האָט אים דאָס געלט מערערע יאָרן ניט אָפּגעגעבן. און אַזוי אַרום איז די אומערלעכקייט פון שמש טאַקע ניט אַנטדעקט געוואָרן, ביז נאָך דער הסתלקות פון דעם גאון, ווען דער אומערלעכער שמש האָט זיך אַליין, פאַר זיין טויט, מודה געווען אין זיין פאַרברעכן.

ווי גרויס ס׳איז אָבער אויך געווען די תקופה, אין וועלכער דער גאון האָט געלעבט, זעען מיר פון דעם שטאַרקן איינפלוס וואָס ער האָט געהאַט אויף אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג פון נאָענט און פון ווייט, פאַר וועמען ער האָט געגאָלטן אַלס דער גרויסער פירער און אויטאָ־ריטעט, מיט וועמעס וואָרט מען האָט זיך גערעכנט פיל מער ווי וועלכעס ניט איז אַנדער פאָלק האָט עס געקענט אויפווייזן אין באַצוג צו זייערע פירשטן, וועלכע האָבן געהערשט איבער זיי מיט מאַכט און פיזישער קראַפט. ווי שטאַרק האָט געמוזט זיין דאַן דער כבוד התורה, ווען פאַר אַ

תורה אויטאָריטעט, ווי אָרעם ער איז געווען אין מאַטעריעלע מיטלען, אָן אַן אמט און אָן פּיזישער מאַכט, האָבן דאָך אַלע ווי איינער געבויגן אונטער־טעניק זייערע קעפּ. —

און גראָדע דער מענטש, וועלכער איז קיין מאָל ניט אַרויסגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן און געלעבט נאָר פאַר׳ן לימוד התורה און קיום המצוות, גראָדע ער איז געווען דער פאַר־ביטערטסטער קעגנער פון חסידות און אירע אָנהענגער!

ווי אַזוי קומט עס אַז אַזאַ פרידנס־ליבנדער מענטש האָט געקענט אַרויסווייזן אַזאַ פאַרביסענע קעגנערשאַפט?

עס איז טאַקע אמת, אַז די חסידישע השקפות און דערקלערונגען וועגן פאַרשידענע שטעלן אין דער תורה, האָבן אין דער ערשטער צייט פון זייער התגלות אין דער ברייטער עפנטלעכקייט געקענט, ביים ערשטן בליק, אַרויסרופן חששות און ויכוחים. זיי וואָלטן אָבער געדאַרפט טראָגן אַ כאַ־ראַקטער פון אַ לומדיש׳ן ויכוח, וועלכער זאָל פירן צו אַ קלאָרקייט אין די אַנטשפּערעכנדיקע פראַגעס, אָבער בשום אופן ניט צו אַזאַ קאַמף. די סיבה דערפון איז געלעגן אין דעם, וואָס עס זיינען אויפגעטראָטן פאַלשע עדות־זאָגער, צו וועמען דער גאון האָט געהאַט דעם פולן צוטרוי (כאָטש באמת האָבן זיי עס ניט פאַרדינט), און האָבן געזאָגט אַז אויך למעשה פירן זיך די חסידים אויף גאַנץ שרעקלעך, וואָס ס׳קומט אַלס תוצאה פון זייערע „פאַלשע, פאַרפירערישע השקפות״.

די דאָזיקע עדות האָבן צום ביישפּיל דערציילט ווי זיי האָבן געזען ווי די חסידים עסן און טרינקען אום „תשעה באב״. און וויבאַלד זיי האָבן כלומרשט „ניט געהאַלטן״ דעם תענית פון חורבן בית המקדש, דאַרף מען דאָך שוין ניט קיין בעסערע ראי׳ אַז זיי האַלטן אַז משיח איז שוין געקומען; אַז זיי נעמען אָן פאַר אַזעלכן שבתי צבי און ממילא זיינען זיי דאָך „שבתי צבי׳ניקעס״. אָבער איין זאַך האָבן די עדות דערביי פאַרשוויגן — אַז יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן תשעה באב אום שבת, אַ טאָג אין וועלכן מען טאָר איבערהויפּט ניט פאַסטן, און וואָס אין אַזאַ פאַל ווערט דער תענית על פּי־דין אָפּגעלייגט אויף דעם קומענדיקן טאָג, דעם צענטן אב (אַ נדחה).

ווען עס איז שפּעטער געשען אַז אין ווילנע גופא האָט זיך אַ גרויסע צאָל פון חשוב׳ע קהילה־מיטגלידער אָנגעשלאָסן אין דער חסידות־באַוועג־

גונג, האָט דער גאון צוזאַמענגערופן דעם 8טן ניסן אין יאָר 5532 (1772) אַן אַלגעמיינע גרויסע פאַרזאַמלונג אין דער שטאָטישער שול, וואו ער האָט אונטער שופר־בלאָזן אויסגערופן אַ חרם איבער חסידים. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן מיט זיי צו פאַרקערן, מיט זיי זיך מתחתן צו זיין א. ד. גל. די מיט־גלידער פון דער ווילנער קהילה, וועלכע האָבן זיך פאַר־דעם געהאַט אָנגע־שלאָסן אין דער חסידות־באַוועגונג, האָט מען עפנטלעך שטאַרק אויס־גע׳מוסר׳ט און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעפירט די אויף זיי אָרויפ־געלייגטע תשובה, זיינען זיי צוריק אויפגענומען געוואָרן אין דער קהילה.

דער איינדרוק פון דעם גאון׳ס כתב החרם, וועלכער איז נאָך דערצו געווען אונטערגעשריבן פון אַ גרויסער צאָל פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן, איז געווען אומבאַשרייבלעך. די חסידים זיינען בוכ־שטעבלעך ניט געווען זיכער מער מיט זייער לעבן. מען איז אַריינגע־דרונגען אין זייערע וואוינונגען און זיי שרעקלעך באַהאַנדלט; מען האָט פאַרניכטעט זייער האָב און גוטס, צעשטערט זייערע הייזער און מען האָט אַפילו ניט געשוינט קיין פרויען און קינדער.

ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, וואָס די קעגנער פון חסידות האָבן עטלעכע וואָכן שפּעטער צוזאַמענגערופן אין שקלאָוו, איז באַשלאָסן גע־וואָרן פונאַנדערצושיקן בריוו צו אַלע קהילות, אין וועלכע די מאַסן זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו אַן אַלגעמיינעם פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן די חסידים.

די ידיעה וועגן די אַלע שנאה־אָנגריפן האָט אויך, פאַרשטייט זיך, דערגרייכט צום „מגיד״ פון מעזריטש און זיינע תלמידים. איינער פון זיינע חשוב׳סטע תלמידים איז געווען רבי לוי יצחק — דער מחבר פון דעם באַ־רימטן ווערק „קדושת לוי״ —, וועלכער איז אַ קורצע צייט פאַר־דעם גע־וואָרן דער רב אין פינסק. דאָרטן האָט מען די מיטגלידער פון דער קהילה אַזוי אויפגעהעצט קעגן אים, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן צו זיין רבי׳ן קיין אַניפּאָלי, כדי צו פרעגן ביי אים אַן עצה אין דער געשאַפענער לאַגע. ער האָט דאָרטן געטראָפן ניין פון זיינע חשוב׳סטע חברים, צווישן זיי דעם שפּעטערדיקן רב פון פראַנקפורט, רבי פנחס האָראָוויץ און זיין ברודער רבי שמעלקע, וועלכער האָט דאַן פאַרנומען די רבנות אין ניקאָלסבורג. דער אינגסטער צווישן זיי איז געווען רבי שניאור זלמן, דער שפּעטער־דיקער רב פון ליאָדי. אין דער צייט ווען די חברים האָבן אַרומגערעדט די

ניי געשאַפענע לאַגע, איז אָנגעקומען אַ שריפטלעכע ידיעה, אַז מען האָט רבי לוי יצחק, אין זיין אָפּוועזנקייט, אַראָפּגעזעצט פונעם כסא הרבנות און אַנשטאָט אים האָט מען די רבנות איבערגעגעבן איינעם אַ רבי אביגדור, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם פולן צוטרוי פון ווילנער גאון.

אַזאַ אומדערהערטע עוולה האָט שוין אינגאַנצן פאַרפולט די מאָס. די תלמידים פון רבי דוב בער האָבן זייער גוט געוואוסט וואָס פאַר אַ אוהב שלום זייער רבי איז און וועגן זיינע פרינציפּן קעגן אָננעמען וועלכע עס איז שטרענגע קעגנמיטלען, און ווי שווער עס איז צו פועל'ן ביי אים, אפילו אין פאַלן פון די שאַרפסטע און העכסט־באַליידיקנדיקע אָנגריפן, אָפּצו־צאָלן די קעגנער מיט דער זעלבער מטבע. אָבער אין אַזאַ פאַל, האָבן זיי געטראַכט, וועט דער רבי מוזן מאַכן אַן אויסנאַם און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ביי דער קומענדיקער סעודת שבת ביי דעם מגיד, זאָל ר' לוי יצחק פאַר־לעזן דעם בריוו, אום צו זען ווי דער רבי וועט אויף דעם רעאַגירן. ער האָט אַזוי געטאָן, אָבער דער רבי האָט געשוויגן. —

איצט האָבן די חברים מער ניט געצווייפלט אַז זיי קענען זיך ניט ריכטן אויף דער קאָאָפּעראַציע פון זייער רבי'ן אין דער פאַרטיידיקונג קעגן די אָנגריפן. זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויף אייגענער אחריות אַ קעגן־דערקלערונג און צוריקוואַרפן דעם חרם אויף די, וועלכע האָבן אים אַרויסגעגעבן קעגן זיי אומבאַרעכטיקט.

די דערקלערונג האָט געזאָלט זיין אונטערגעשריבן פון צען נעמען. עס איז אָבער שווער געווען צו פועל'ן ביי דעם אינגסטן און צענטן פון זיי, ר' שניאור זלמן, צו טאָן אַ זאַך וואָס איז קעגן דער מיינונג פון מגיד; אָבער ענדלעך איז עס זיי געלונגען און נאָך אין דעם זעלביקן מוצאי שבת האָבן זיי אַרויסגעגעבן זייער אויבנדערמאָנטע דערקלערונג.

דער מגיד האָט זיך נאָך אין דער זעלביקער נאַכט דערוואוסט דער־פון, און שפּעט ביינאַכט איז ער אַוועק אין בית מדרש כדי זיך דורכצורעדן מיט זיינע תלמידים וועגן דעם. די תלמידים, אָבער, זיינען שוין אַלע גע־לעגן אין טיפן שלאָף אויף די בענק פון בית־מדרש. ר' שניאור זלמן האָט זיך שוין אויך געהאַט געלייגט, ער איז אָבער געווען דער איינציקער וועמען עס האָט ניט גענומען קיין שלאָף. ווען ער האָט געהערט דעם רבין אַריינקומען, האָט ער זיך אויך געמאַכט שלאָפנדיק און האָט געזען ווי דער רבי, מיט אַ ליכט אין דער האַנט, האָט אַריינגעלייכט אין געזיכט פון יעדן

איינציקן פון די שלאָפנדיקע. ווען ער איז צוגעקומען צו אים, האָט ער אויסגערופן:

„אָט דער יונגער מענטש איז אויך צוגעשטאַנען צו דעם — און ער וועט דאָך אַמאָל זיין דער רבי איבער גאַנץ רייסן!"

ביי דעם דאָזיקן אויסרוף האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט און זיינען גיך אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע געלעגערס. דער רבי אָבער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטאָן! ביז איצט איז אונדזער שילד געווען ריין, מיר האָבן אויסגעקליבן בעסער צו זיין די נרדפים איידער די רודפים. אָבער איצט! איך קען עס ניט אויסהאַלטן. מיך האָט איר פאַרלאָרן. איך וועל שוין לאַנג ניט זיין דער פירער צווישן אייך. אָבער זיגן וועט איר אין דעם קאַמף. די זאַך פון די חסידים — דאָס פאַרזיכער איך אייך — וועט אַרויס זיגרייך פון די אַלע שווערע קאַמפן".

אין דעם זעלביקן יאָר, דעם 19טן כסלו תקל"ג, איז דער מעזריטשער מגיד, דער תלמיד און נאָכפאָלגער פון רבי ישראל בעל שם טוב, נפטר געוואָרן, און גראַדע אין דער צייט ווען דער קאַמף, וואָס האָט געצילט צו צעשטערן זיין לעבנסווערק, איז אָנגעגאַנגען מיט'ן גאַנצן שטורעם.

די תלמידים, וועלכע האָבן זייער גרויסן רבין משמש געווען ביי זיין לעבן, האָבן עס אויך געוואָלט טאָן ביי זיין פּטירה און אַליין דורכפירן די טהרה, הלבשה און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דער קבורה. אָבער די חברה קדישא, וועלכע האָט עס באַטראַכט ווי אַ פאַרלעצונג פון אירע רעכטן, איז געווען קעגן דעם. ענדלעך האָט מען זיך געאייניקט אויף דעם, אַז די יעניקע תלמידים, וועלכע האָבן געקענט באַווייזן אַז זיי זיינען פון דער היים געווען מיטגלידער פון דער חברה קדישא, זאָלן אויך איצט ווערן צוגעלאָזן.

ווער איז געווען גליקלעכער פון ר' שניאור זלמן! ער איז נאָך איצט געווען דאַנקבאַר זיין פאָטער און זיין זיידן, וואָס זיי האָבן אים דערמעגלעכט שוין מיט 16 יאָר צוריק צו באַקומען אָט די מיטגלידערשאַפט. ביי דער הסתלקות פון זיין רבי'ן איז ר' שניאור זלמן געווען 26 יאָר אַלט.

ה

אָפּיציעלע קרוינונג אַלס רב און מנהיג

דער טרויער פון די תלמידים אויף דער הסתלקות פון זייער גרויסן רבי׳ן איז געווען אָן אַ גרענעץ.

רבי שניאור זלמן איז אויך נאָך דער פּטירה פון מגיד געבליבן אין אַני־פּאָלי און האָט געלערנט ווייטער אין דער חברותא פון דעם מגיד׳ס זון ר׳ אברהם, אין דער צייט ווען אַלע איבעריקע תלמידים האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע געגנטן פון רוסלאַנד און פּוילן.

די אומגעווייגלעכע ידיעות פון רבי שניאור זלמן האָבן זיך ניט באַ־שרענקט בלויז אויף אַלע שטחים פון תורה אַליין, נאָר זיי האָבן אַרומ־גענומען אויך פאַרשידענע אַנדערע צוגענגלעכע וויסנשאַפטן. אין אַסטראָ־נאָמיע און ספערישער טריגאָנאָמעטריע איז ער געווען אַזוי באַהאַוונט, אַז ווען ער האָט אַמאָל געהאַט אַ לענגערן וויסנשאַפטלעכן שמועס מיט אַ גרויסן געלערנטן אויף דעם געביט, האָט דער לעצטער אויסגערופן מיט באַגייסטערונג:

„איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט, אַז אַ מאַן, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן און באַשעפטיקט מיט דעם תלמוד און זיינע מפרשים, זאָל האָבן אַזוי טיף און גרינדלעך אַריינגעדרונגען אין דער וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע און געאָמעטריע. ווען איך וואָלט זיך אַליין ניט איבערצייגט אין דעם, וואָלט איך עס בשום אופן ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך״.

די נאַטור־וויסנשאַפט, מיט וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעגעבן די גרעסטע געלערנטע פון אידנטום ווי דער רמב״ם, אַברבנאל, רמ״א (רבי משה איסערליש), של״ה (רבי ישעי׳ הורוויץ) א. אַ., האָט אויך אים אינטערעסירט און באַשעפטיקט אין אַ גרויסער מאָס. ווי ווייט עס האָבן גע־גרייכט זיינע ידיעות אויך אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט, באַווייזן אונדז פאַרשידענע פאַלן, פון וועלכע מיר וועלן דאָ דערמאָנען נאָר איינעם אַלס ביישפּיל:

עס האָט פּאַסירט, אַז מ׳האָט פון צייט צו צייט געפונען געוויסע בלוט־שפּורן, וועלכע האָבן, לויט דער הלכה, אַנגערירט די גאַנצקייט און צוקונפט פון פאַמיליע־צוזאַמענלעבן. דער אָרטיקער רב האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן זיין פּסק־דין און מען האָט געבעטן אַז אויך ר׳ שניאור זלמן זאָל זאָגן זיין מיינונג אין דעם. ער האָט גלייך פעסטגעשטעלט, אַז עס האַנדלט זיך ניט אין מענטשן־בלוט נאָר אין טויבן־בלוט, וואָס איז באַנוצט געוואָרן פון אַ שונא פון דער פאַמיליע, אום צו דערוועקן אַ פאַלשן פאַר־דאַכט.

אויך אין דקדוק איז דער רב געווען זייער באַהאַוונט. ביי דעם גרעסטן טייל רבנים זיינען די ידיעות אין דקדוק, צו יענער צייט, געווען זייער שוואַך און ר׳ שניאור זלמן האָט אין זיינע כתבים זייער וואַרעם באַטאָנט די נייטיקייט פון אָט דעם לימוד.

אַחוץ אָט די אַלע גייסטיקע מעלות, האָט ער זיך נאָך אויסגעצייכנט אין זיין אומגעווייגלעכן חוש פאַר אַלץ וואָס איז האַרמאָניש און שיין און דערצו איז ער נאָך געווען באַשאַנקען מיט אַ הערלעכער שטימע. ער האָט אַליין קאָמפּאָזירט פיל ניגונים און איינער פון זיי, וועלכער איז אונדז נאָך פאַר־בליבן ביז היינטיקן טאָג, ווערט ספּעציעל באַצייכנט אַלס דעם „רב׳ס ניגון״. אויף די פליגלען פון געזאַנג פלעגט זיך זיין גייסט דערהויבן צו די העכסטע ספערן, סיי ביי די טעגלעכע תפילות און סיי ביי אַנדערע פייער־לעכע געלעגנהייטן און האָט אויך מיטגעריסן זיינע צוהערער צו דער העכ־סטער מדרגה פון באַגייסטערונג. דאָס זיינען ניגונים אָן ווערטער, וועלכע זיינע אַנהענגערס זינגען נאָך היינט און וועלכע רופן אַרויס צו יעדער צייט אַזאַ התלהבות און התרוממות הנפש, וואָס מען מוז זיי אַליין דורכלעבן אַלס עד ראי׳ און — שמיעה, כדי צו האַלטן זייער קאָלאָסאַלע ווירקונג פאַר גלויבלעך.

נאָך אַ געוויסער צייט איז דער רַב צוריקגעפאָרן קיין ליאָזנע.

צו איבערנעמען די פירערשאַפט פון די חסידים, איז נאָך, צוליב זיין יונגן עלטער, ניט געווען געקומען די צייט. דעם אָרט פון מגיד האָט פאַר־נומען איינער פון זיינע עלטסטע תלמידים, ר׳ מנחם מענדל, געבאָרן אין וויטעבסק און האָט זיך געהאַט באַזעצט אין דער נאָענטער שטאָט האָראָ־דאָק. פון די פיל מעלות און מידות מיט וועלכע ר׳ מנחם מענדל האָראָ־דאָקער האָט זיך אויסגעצייכנט, ווערט ער באַזונדערס גערימט מיט זיין

הניגון בן ארבע בבות לכ"ק רבנו הגדול נ"ע

1

א



אויסערגעוויינלעכער עניוות. כאָטש ר׳ שניאור זלמן האָט אָט די מידה אַליין באַזעסן אין אַ הויכן גראַד, אָדער אפשר ווייל ער האָט אָט די דאָזיקע אייגנשאַפט אַליין געהאַט אין אַן אומגעוויינלעכער מאָס, האָט עס אים זייער געצויגן צו אָט דעם פירער. ער האָט זיך אים אונטערוואָרפן ווי אַ תלמיד צו זיין רבי׳ן, כאָטש ר׳ מנחם מענדל איז באמת קיין מאָל ניט געווען זיין רבי נאָר זיין חבר, ניט קוקנדיק וואָס ער איז געווען פיל עלטער פון ר׳ שניאור זלמן.

ר׳ מנחם מענדל האָט זיך זייט יאָרן אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, כדי דאָרטן, אין דעם הייליקן לאַנד, צו קענען דערגרייכן מיט מער דערפאָלג זיין פּערזענלעכע שלמות, און גלייכ־צייטיק האָט ער געהאַט די כוונה איינצופירן אויך דאָרטן די לערע פון בעל שם טוב. אין משך פון די יאָרן איז דער שטאַרקער באַגער דורכצופירן זיין הויכן לעבנסציל אַזוי געוואַקסן, אַז ער האָט אין יאָר תקל״ז (ד. ה. 4 יאָר נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען די פירונג פון חסידים) געהאַט דעם פעסטן באַשלוס ענדלעך זיין חלום צו פאַרווירקלעכן.

אָבער גראַדע אין דער צייט האָבן זיך אָנגעפאַנגען באַווייזן מערערע סימנים פון אַ נייעם אָנגריף קעגן די חסידים מצד די מתנגדים, וועלכע האָבן זיך בעיקר קאָנצענטרירט אין ווילנע. צו לאָזן זיינע חסידים אין אַזאַ קריטישער צייט אָן אַ פירער, האָט ער זיך ניט געקענט אַנטשליסן. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו גיין קיין ווילנע, כדי זיך דורכצורײדן פּערזענלעך מיטן גאון.

ער האָט אים געוואָלט איבערצייגן אַז די תורת החסידות איז ניט נאָר זייער ווייט פון צו זיין אַ געפאַר פאַר׳ן קיום פון אידישקייט, נאָר פאַר־קערט, איר ציל איז גראַדע צו פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן דעם גייסט פון אידישקייט אין גאָר אַ הויכן גראַד. ער האָט געהאָפט דורכדעם אָפּצו־שוואַכן די התנגדות פון גאון און צוריק צו געווינען דעם צעשטערטן פרידן.

געוויס האָט ר׳ מנחם מענדל זייער גוט געוואוסט די גרויסע און שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט וועלכער אַזאַ שריט איז געווען פאַר־בונדן. זיך אַריינצולאָזן אין אַ ויכוח מיט אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דער גאון איז געווען, האָט געהייסן שטעלן אין געפאַר די גאַנצע צוקונפט פון חסידות. ער האָט געוואוסט אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פענאָמענאַלן

גייסטיקן ריז. אַז ער האָט פאַר זיך אַלס קעגנער אַ מאַן מיט שטאַרקע פּרינ־ציפּן, וועלכער לאָזט זיך ניט באַאיינפלוסן ניט פון גייסטרייכקייט, און ניט דורך בלויזע טעאָריעס; אַ מאַן וועלכער בויגט זיך נאָר פאַר׳ן געזעץ פון דער תורה הנגלית. און דעריבער האָט ער געמוזט שעפּן זיינע באַשטרייט־מיטלען אויסשליסלעך נאָר פון דעם תלמוד און פוסקים. ר׳ מנחם מענדל האָט דעריבער אָט די אחריות׳פולע אונטערנעמונג ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַליין און ר׳ שניאור זלמן האָט אים געמוזט באַגלייטן. ר׳ שניאור זלמן איז געווען דאַמאָלסט 30 יאָר אַלט און האָט צו יענער צייט שוין געהאַט צום זעכצנטן מאָל איבערגע׳חזר׳ט דעם תלמוד.

מיט דער זיכערקייט אין דער ריכטיקייט פון דער זאַך, וועלכע זיי גייען טאָן מיט דער גאַנצער מסירת נפש, האָבן זיךביידע פרידנס־שלוחים אַרויסגעלאָזן אין וועג קיין ווילנע. אָבער זיי האָבן דעם חשבון געמאַכט אָן דעם גאון! די אָנגעזעענסטע פאַרשטייער פון דער קהילה זיינען גע־שטאַנען מיט זייער סימפּאַטיע אויף דער זייט פון די צוויי שלוחים און האָבן זיך זייער באַמיט צו דערמעגלעכן אַ געשפּרעך מיט׳ן גאון, וועלכער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון יעדן מגע־ומשא מיט די חסידים. פאַר אים האָבן זיי געגאָלטן אַלס „כופרים״, „שבתי צבי׳ניקעס״, וועלכע מען האָט ע״פ דין ניט געטאָרט אַפילו אָנקוקן, שוין אָפּגערעדט פון אַריינלאָזן זיך מיט זיי אין אַ ויכוח. ער האָט צוויי מאָל פאַרשלאָסן פאַר זיי די טיר, אַזוי אַז זיי האָבן ניט נאָר ניט געהאַט די געלעגנהייט מיט אים צו ריידן, נאָר זיי האָבן אים אַפילו ניט באַוויזן צו זען. ווען די חשוב׳ע לייט פון דער ווילנער קהילה זיינען דאָן צוגעשטאַנען צום גאון ער זאָל, למען השלום, ווייניקסטנס אויפ־נעמען די פרידנס־שלוחים, האָט ער פאַרלאָזן ווילנע און האָט זיך צוריק־געקערט ערשט דאַן, ווען די פרידנס־שלוחים זיינען שוין פון דאָרטן געווען אַוועקגעפאָרן.

ביי ר׳ שניאור זלמן איז זיין אינערלעכע איבערצייגונג וועגן דער מאָראַלישער גרויסקייט פון דעם גאון, אויך דורך דער באַליידיקנדיקער באַהאַנדלונג ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער האָט קיין מאָל ניט אַרויס־געזאָגט קיין שאַרף, פאַראורטיילנדיק וואָרט קעגן דעם גאון. פאַרקערט, ניט קוקנדיק אויף אַלע ביז־אַהעריקע און נאָך שפּעטערדיקע פיינדלעכע אָנגריפן פון גאון, האָט ער וועגן אים גערעדט מיט גרויס הדרת־כבוד און געבעטן זיין סביבה אויך אַזוי צו טאָן.

פון ווילנע זיינען ביידע פרידנס־שלוחים געגאַנגען קיין שקלאָוו,

וועלכע האָט געגאָלטן אַלס דער צווייטער אָרט נאָך ווילנע אין דער שאַר־פער קעגנערשאַפט צו חסידות. זיי האָבן געהאָפט דאָרטן צו קענען פאַר־טיידיקן זייער זאַך. אָבער אויך דאָ זיינען זיי געוואָרן צוריקגעוויזן און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים אָן דערפאָלג.

די דערפאָלגלאָזיקייט פון זיינע באַמיאונגען האָט געהאַט אַ דעצידירנ־דיקע השפּעה, אַז ר׳ מנחם מענדל זאָל איצט אויספירן זיין וואונטש צו באַ־זעצן זיך אין הייליקן לאַנד. קורץ נאָך דעם האָט ער זיך, באַגלייט פון צוויי פון זיינע חשוב׳סטע חברים, אַרויסגעלאָזט אין דער נסיעה. מער פון 300 מאַן, צווישן זיי אויך ר׳ שניאור זלמן, האָבן אים באַגלייט ביז מאָהילעוו,ביים טייך דניעסטער. אויך ר׳ שניאור זלמן האָט דאָס האַרץ שטאַרק גע־צויגן קיין ארץ ישראל, אָבער פון אַלע זייטן איז מען צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל אויפגעבן דעם דאָזיקן געדאַנק און אַנשטאָט דעם, אָפּגעבן זיינע כחות פאַר דעם היימישן קרייז, וועלכער איז געבליבן אָן אַ מנהיג. ער האָט ענדלעך נאָכגעגעבן זייער פאַרלאַנג און האָט טאַקע רוסלאַנד קיין מאָל ניט פאַרלאָזן.

אויף דער שטאַרקער בקשה פון זיינע פריינד אין מאָהילעוו האָט זיך ר׳ שניאור זלמן דאָרטן באַזעצט מיט זיין פאַמיליע, און איז דאָרטן פאַרבליבן אַנדערהאַלבן יאָר. ער וואָלט אין מאָהילעוו פאַרבליבן אויף שטענדיק, ווען זיינע פריינד און תלמידים, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אין ווייס־רוסלאַנד, וואָלטן ניט צוגעשטאַנען צו אים אָן אויפהער, ער זאָל זיך צוריק־קערן צו זיי און פון דאָרטן אָנפירן מיט דער חסידות באַוועגונג. אויך זיין פרוי האָט עס געצויגן צו איר געבורטסאָרט. ער האָט זיך אַהין צוריק־געקערט און האָט זיך באַזעצט אין זיין געבורטסאָרט ליאָזנע, וואו די קהילה האָט אים אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג און אים אָנפאַרטרויט די רבנות. דאָרטן האָט ער אויך „אָפיציעל״ איבערגענומען די פירונג פון חסידים, וואָס ער האָט פאַקטיש געטאָן, שוין מיט עטלעכע יאָר פריער, אָפּגעבנדיק דערויף זיינע בעסטע כחות.

לויט זיין גאַנצן מהות איז דער רַב געווען ווי באַשאַפן צו זיין אַזאַ מנהיג. ער האָט פאַרשפרייט חסידות ניט נאָר צווישן די פאָלקס־מאַסן, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען קודם כל ווי צו געווינען דערפאַר אויך די גייסטיקע מנהיגים פון די קהילות, די תורה אויטאָריטעטן.

זיין פערזענלעכקייט אַליין איז שוין געווען די מעכטיקסטע „פּראָפּאַ־

גאַנדע״ פאַר דער זאַך וועלכע ער האָט פאַרטראָטן. זיין אויסגעאיידלטער כאַראַקטער, זיין פערזענלעכע געוויסנהאַפטיקייט, זיין אומפאַרגלייכלעכע איבערגעגעבנקייט מיט וועלכער ער האָט אַלעמאָל און אומעטום גע־פאָדערט און אַפּעלירט פאַר דעם לימוד פון תורה, גמרא, פוסקים און פאַר דער דערפילונג פון אַלע דינים — דאָס אַליין האָט שוין געמוזט אָנט־וואָפנען די קעגנערשאַפט, וועלכע האָט פאַרדעכטיקט אַז צוליב חסידות וועט דער לימוד התורה שוואַכער ווערן. אָבער אין דער אמת'ן איז תלמוד תורה געווען און געבליבן די ערשטע פאָדערונג.

זייער פיל אַכט און מי האָט ער געלייגט אויף דער אַנטוויקלונג פון שכל, וואָס זאָל הערשן איבער די מידות הלב (מח שליט על הלב), אַזוי אַז די שיטה פון חסידות, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן דורך רבי שניאור זלמן איז נאָכדעם אָנגערופן געוואָרן מיט דעם נאָמען חב״ד, וואָס איז די ראשי תיבות פון חכמה (קלוגשאַפט), בינה (פאַרשטאַנד), דעת (וויסן).

דער נאָמען פון רב האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ ליטע, פּוילן און ווייסרוסלאַנד. קיינער פון די צאָלרייכע תלמידים פון דעם מעזריט־שער מגיד האָט ניט געהאַט אַזאַ השפעה אויף די מאַסן ווי דער רב.

מיט זיין איינדרוקספולער פערזענלעכקייט האָט ער געוואונען די פאַרערונג און דעם צוטרוי פון אַלע שיכטן פון פאָלק, וועלכע האָבן געזען אין אים סיי די פאַרקערפּערונג פון העכסטער קדושה, סיי דעם טיפן דענקער און גדול בתורה און צו דעם אויך דעם גרויסן קענער אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כח צוצוציען צו זיך אויך די אָנהענגער פון די קעגנגעזעצטע ריכטונגען. אַלע האָבן געפונען אין אים דעם אידעאַל פון זייער לעבן און דערפאַר האָבן זיי זיך פריייוויליק געשטעלט אונטער זיין פירערשאַפט.

אייניקע יאָרן שפּעטער, נאָך דעם ווי ר׳ שניאור זלמן האָט געהאַט איבערגענומען די פירערשאַפט איבער די חסידים, האָט זייער צאָל דער־גרייכט 80,000 און לויט אַן אַנדער מיינונג ביז 100,000 חסידים. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען געשאַצט די צאָל חסידים אויף אַ האַלבן מיליאָן, אַ השערה וועלכע איז גיכער צו נידעריק איידער צו הויך.

ו

אַ געפערלעכע מסירה

די אויסערגעוויינלעכע פאַרשפּרייטונג פון חסידות האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגן־ווירקונג פון אירע באַקעמפער. צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע אַנטוויקלונגען, ווי די אונטערוואַרפונג פון פוילן און איר פאַראייניקונג מיט רוסלאַנד, און נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע אומשטענדן, האָט זיך טאַקע, אויסערלעך, די שפּאַלטונג גלייך ניט געלאָזט אַזוי בולט מערקן. דערפאַר האָט אָבער דער פונק פון שׂנאה און קעגנערשאַפט אַזוי לאַנג געטליעט אונטער דער אַש, ביז ער האָט זיך אין עטלעכע יאָר אַרום צעפלאַקערט אין אַ שרעקלעכן פלאַם־פייער.

אָט די כלומר׳שטע רו האָט עס געמאַכט גינסטיק פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קלאַנגען, אַז דער ווילנער גאון ר׳ אלי׳ האָט אויפגעגעבן זיין קעגנערשאַפט צו די חסידים. ווען דער גאון האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט, האָט ער באַלד באַנייט זיין חרם און האָט אַרויסגעשיקט שלוחים, וועלכע האָבן מודיע געווען די קהילות, אַז פּונקט ווי פריער באַטראַכט ער אויך איצט דעם קאַמף קעגן חסידות אַלס אַ הייליקע פליכט. די כתבים פון די חסידים זיינען אין ווילנע, אין פּראַג און אויך אין אַנדערע גרויסע קהילות עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. פון סעלווע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ דערקלערונג, אונטערגעשריבן פון די חשוב׳סטע רבנים, וועלכע האָט געאָסר׳ט צו עסן דאָס ברויט פון חסידים, צו טרינקען זייער וויין און זיך מיט זיי מתחתן צו זיין. שפּעטער איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן ניט צו פאַרן לערנען תורה אין אַ שטאָט, אין וועלכער עס געפינט זיך אַן אָרגאַניזירטער קבוץ פון חסידים. באַזונדערס שאַרף איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַזוכן די שטאָט האַמדור, וואו די חסידות באַוועגונג איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ באַרימטן תלמיד פון מעזריטשער מגיד, ר׳ חיים חייקל. פאַרגלייכנדיק אָט דעם איסור צו שפּעטערדיקע דערשיינונגען, קען מען זען ווי ווייט עס האָבן זיך אין משך פון דער צייט געביטן די באַציאונגען פון מתנגדים צו חסידים צום גוטן. אַזוי צ. ב. געפינען מיר אַז דער ספר „חיים וחסד״, וועלכער איז שפּעטער דערשינען פון דעם זעלביקן ר׳ חיים חייקל, האָט

באַקומען די הסכמה פון אַ גרויסן טייל פון מתנגדישע רבנים, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער אַלטער לאַדזשער רב, ר׳ אליי׳ חיים מייזל. אָבער צו יענער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטן מיט אונדזער דערציילונג, זיינען די מתנגדים געווען זייער ווייט פון אַזאַ שטעלונג צו חסידות, און די באַציאונגען צווישן ביידע צדדים זיינען געווען זייער אָנגעשטרענגט: מתנגדישע עלטערן, וועמעס קינדער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער חסידות באַוועגונג, האָבן זיי געוואָרנט אָפּצוזאָגן די ירושה און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָבן די עלטערן באַטראַכט אַזעלכע קינדער אַלס משומדים און זיינען געזעסן נאָך זיי שבעה ווי נאָך געשטאָרבענע.

אַלס אַ תוצאה פון פיינדלעכע עדות, וועלכע האָבן איבערגעגעבן אומ־באַגרינדעטע און פאַלשע ידיעות וועגן חסידים, האָט דער ווילנער גאון, גראַדע אינעם יאָר פאַר זיין פּטירה, אויף ס׳ניי אויפגענומען דעם קאַמף קעגן חסידות. ווען די חסידים האָבן געוואָלט, אַז ר׳ שניאור זלמן זאָל גיין קיין ווילנע, כּדי זיך דורכצוריידן מיט דעם גאון, האָט ער זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף דער דערפאָלגלאָזיקייט פון זיין פריערדיקן פּרואוו צו קומען אין אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט׳ן גאון, האָט זיי דערקלערט די סיבות, וועלכע מוזן אויך איצט פירן צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, און האָט געמאַכט פאָלגנדן קעגן־פאָרשלאָג: דער גאון זאָל אַלץ וואָס ער האָט קעגן חסידים, אָנגעבן אין אַ שריפטלעכער פאָרם. אויך ר׳ שניאור זלמן וועט די פאַרטיידיקונג קעגן אָט די אָנגריפן מאַכן שריפט־לעך. ביידנס כתבים, האָבן געזאָלט איבערגעגעבן ווערן צו אַ קאָלעגיום פון אָנגעזעענע רבנים, אויף וועמעס אַנטשיידונג ביידע צדדים זאָלן זיך פאַר־לאָזן. די גרויסע אויטאָריטעט, וואָס דער גאון האָט געוואונען, באַזונדערס אין רוסלאַנד און פּוילן, האָט געגעבן גרונד חושש צו זיין אַז היימישע ריכטער האָבן געקענט ווערן דורכדעם באַאיינפלוסט און ר׳ שניאור זלמן האָט דערפאַר געשטעלט אַ באַדינג אַז דער קאָלעגיום זאָל באַשטיין דווקא פון אויסלענדישע רבנים.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן, און דער קאַמף איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

חול המועד סוכות אין יאָר ה׳תקנ״ח (1798), איז דער גאון נפטר געוואָרן, צו דעם גרויסן טרויער פונעם גאַנצן וועלט אידנטום. כאָטש מען האָט געקענט איצט דערוואַרטן אַ פרידלעכע אַנטוויקלונג פון דעם אויבן

דערמאָנטן מצב, איז אָבער געווען פונקט פאַרקערט. ר׳ שניאור זלמן האָט זיך באַמיט, נאָך ביים לעבן פון גאון, צו אונטערשטרייכן אין פיל פון זיינע כתבים צו די חסידים, וועגן דער מאָראַלישער און גייסטיקער גרויסקייט פון גאון און וועגן זיין ריינער, כאָטש טעות׳דיקער, כּוונה. די דאָזיקע באַמיאונגען האָט ער פאַרגעזעצט אויך נאָך דער הסתלקות פון גאון און אים באַצייכנט אַלס אַ מאַן, וועלכער האָט זיין גלייכן ניט איבערגעלאָזן און וועמעס אָנדענק עס טאָר פון קיינעם ניט פאַרשוועכט ווערן דורך אַ באַליידיקנד וואָרט. ס׳איז אָבער געשען אַז צוויי ווילנער חסידים, וועמען עס האָט געפעלט די שטאַרקייט צו פאָלגן אין דעם פּרט זייער מנהיג, זאָלן האָבן שוין ביי דער קבורה, אין דער צייט פון די הספדים, אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט איבער דער פּטירה פון זייער הויפּט־קעגנער און האָבן דורכדעם אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג, וועלכע האָט איבערהויפּט מער ניט געהאַט קיין גרענעצן און וועלכע האָט געפירט צו קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן.

די פאַרפאָלגער פון חסידים האָבן איצט אָנגענומען גאָר נייע מיטלען, וועלכע וואָלטן ביים לעבן פון גאון געווען אוממעגלעך, וויל ער וואָלט זיכער אַרויסגעטראָטן מיט דער גאַנצער אויטאָריטעט פון זיין פּערזענלעכקייט קעגן דעם.

אַז מיט חרמות און איסורים קען מען די חסידים ניט בייקומען, דאָס האָט זיי שוין די ביז־אַהעריקע דערפאַרונג גענוג איבערצייגט געהאַט. זייט דעם אָנשלוס פון פוילן איז אויך לויט דעם רוסישן מלוכה־געזעץ ניט דערלויבט געווען פאַר קיין רעליגיע אַרויסצוגעבן וועלכן ניט איז חרם. די ווילנער קהילה האָט אַרויסגעשטעלט אַ קאָמיסיע פון פינף מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען באַזאָרגט מיט אַן אומבאַגרענעצטער פולמאַכט, אויפצונעמען דעם קאַמף קעגן די חסידים. פאַר דעם צוועק האָט די קהילה געשטעלט איר קהל׳שע קאַסע אין רשות פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דריי קהילה־פאַרשטייער און צוויי חשוב׳ע קהילה־מיטגלידער.

דער דאָזיקער קאַמף, וועלכער האָט ביז דאַן געטראָגן אַ רעליגיעז, אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, האָט נאָך דעם ווי די אָפיציעלע קהילה — דער אַזוי גערופענער „קהל״ — האָט עס אַריינגענומען אין איר האַנט, באַקומען אַ מער פּאָליטישן באַדייט, וועלכער האָט אַריינגעצויגן אין זיך דאָס גאַנצע קהילה־לעבן.

די קעגנער פון די חסידים זיינען געווען די מאַיאָריטעט. זיי האָבן גע־האַט די גאַנצע אָנפירונג מיט דער קהילה אויסשליסלעך אין זייערע הענט און האָבן אויסגענוצט די אומבאַשרענקטע מאַכט, מיט וועלכער דער קהל איז געווען אָנפאַרטרויט. די חסידים האָט דאָס אַלץ געפעלט. זיי זיינען געווען די שוואַכע מינאָריטעט, וועלכע איז באַשטאַנען מייסטנס פון די אָרימערע פאָלקסשיכטן, און האָבן דערפאַר אויך ניט געהאַט געגוג געלט־מיטלען אין זייער רשות.

כדי צו קענען ריכטיק אָפּשאַצן די ניט גלייכע פאַרטיילונג פון מאַכט צווישן ביידע צדדים, מוז מען זיך באַקענען מיט די רעכטן, וועלכע דער קהל האָט פאַרמאָגט אין יענער צייט.

אויפ'ן סמך פון זייערע, נאָך דאַמאָלסט גילטיקע פריווילעגיעס פון דער פוילישער תקופה, האָבן די פירער פון די אידישע קהילות געהאַט דאָס רעכט אויסצוויילן ריכטער, וועלכע האָבן געהאַט צו אַנטשיידן וועגן אַלע תקנות פון אינערלעכן לעבן. אונטער דער דאָזיקער פירערשאַפט זיינען געשטאַנען: די גאַנצע פאַרוואַלטונג אין רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, די פאַרוואַלטונג פון די חברות, אַלע ענינים פון צדקה און גמילות חסדים, דאָס באַשטימען און איינמאָנען פון די אידישע שטייערן, אַלע ענינים פון ציווילרעכט, אויך ענינים פון חתונות און גט'ן. דאָס אַלץ איז געלעגן אויס־שליסלעך אין די הענט פונעם רב און פון דער קהילה־פאַרשטייערשאַפט. דער רב האָט געהאַט די השגחה איבער שמירת התורה און קיום המצוות און די קהילה־פאַרשטייער האָט מען איבערגעגעבן, ווי געזאָגט, צו דערליידיקן אַלע קהילה־אָנגעלעגנהייטן.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן ווי די קעגנער פון חסידים האָבן אויסגענוצט אין זייער קאַמף אָט די אַלע מאַכטמיטלען. די חסידים ווידער האָבן געשטרעבט מיט אַלע מעגלעכקייטן אָוועקצונעמען די זכויות פון דעם קהל, און דאָס איז זיי טאַקע אויך געלונגען, צוערשט אין מינסק און נאָכדעם אויך אין ווילנע.

שרעקלעך אויפגעבראַכט צוליב דעם דערפאָלג פון די חסידים, האָבן זיך איצט די קעגנער ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך און זיי האָבן אַפילו אָנגענומען אַזעלכע מיטלען ווי אָנקלאַגעס און מסירות ביי דער רעגירונג.

די ערשטע מסירה איז פאַרגעקומען אין יאָר ה׳תקנ״ח (1798), באַלד נאָך דער הסתלקות פון גאון. די מסירה איז געווען אונטערגעשריבן פון איינעם פון די חשוב׳סטע מיטגלידער, באַפולמעכטיקט פון דער ווילנער קהילה.

דער געפערלעכער כאַראַקטער פון אָט די מסירות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט די חסידות באַוועגונג ניט באַצייכנט ווי אַ רעליגיעזע, נאָר ווי אַ געהיימע, פאָליטישע פאַראייניקונג, וועלכע איז אַ געפאַר פאַר דער רעגירונג. שרעקלעכער ווי דאָס אַרויסרופן אַזאַ חשד, האָט אין רוס־לאַנד ניט געקענט זיין.

כדי צו האָבן אַ באַגריף ווי לייכט מען איז געוועזן אין רוסלאַנד צו גלויבן אין דער ריכטיקייט פון אַזאַ אָנקלאַגע, דאַרף מען נעמען אין אַכט אַז דאָס איז געווען ביים ענדע פון 18טן יאָרהונדערט, ווען דער פרייהייטס־גייסט, וועלכער האָט געשטראָמט פון פראַנקרייך האָט געהאַלטן ביים אומ־וואַרפן קייסערלעכע טראָנען, ווען עס האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרשפּרייטן אין אייראָפּע געהיימע בונדן, און וואו ספּעציעל אין ליטע, וועלכע איז ערשט ניט לאַנג אָנגעשלאָסן געוואָרן צו רוסלאַנד, האָבן געהיימע פּוילישע פאַרבינדונגען געזוכט צו וועקן ביי דער באַפעלקערונג דעם שטרעבן זיך אָפּצורייסן פון איר.

און ווען מיר נעמען נאָך צו דעם אַלעם אין באַטראַכט דעם מהות פון דעם גאַנצן רוסישן רעזשים און דעם אומצוטרוילעכן כאַראַקטער פון קייסער פּאַוול, ביי וועמען ס׳איז גענוג געווען דער קלענסטער חשד, כדי זיך שנעל אָפּצופאַרטיקן מיט פּאָליטישע קעגנער און דערצו נאָך ווען אין דעם פאַל זיינען עס די באַשולדיקטע נאָך געווען אידן דערצו, וועלכע זיינען דורך אידן גופא פאַרמסר׳ט געוואָרן, קען מען שוין פאַרשטיין די גאַנצע ערנסטקייט פון דעם מצב, אין וועלכן די באַשולדיקטע האָבן זיך גע־פונען.

כדי די מאָס פול צו מאַכן, האָט אַ קורצע צייט פריער דער גובער־נאַטאָר בולאַנקאָוו, אין אַ באַריכט פון ליטע, מיטגעטיילט דעם קייסער וועגן געהיימע פאַרבאַנדן, וועלכע זיינען מיט רוסלאַנד ניט צופרידן, און וועלכע שטייען אין פאַרבינדונגען מיט די פראַנצויזן. מער האָט מען ניט געדאַרפט, כדי די פאַרדעכטיקטע זאָלן געשטעלט ווערן אין לעבנס־געפאַר.

אין דעם כתב פון דער מסירה ווערט ר׳ שניאור זלמן באַצייכנט אַלס דער הויפּט־אַנפירער פון דעם בונד, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר כלומר׳שט אַ גרויסע געפאַר פאַר דער מלוכה.

אַלס תוצאה דערפון האָט דער גובערנאַטאָר פון ווייסרוסלאַנד באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן ברוכאָוויטש — אַזוי האָט מען גערופן ר׳ שניאור זלמן אין די אָפיציעלע דאָקומענטן, נאָך זיין פאָטער ר׳ ברוך — און אים צו ברענגען אין דער פּעטראָ־פּאַולאָווסקער פעסטונג קיין פּעטערבורג.

ז

דער אַרעסט

חול המועד סוכות ה׳תקנ״ט איז פּלוצלונג אָנגעקומען אין ליאָזנע (וואו דער רב האָט דאַמאָלסט געוואוינט) אַ הויכער רעגירונגס-באַאַמטער פון וויטעבסק מיט אַ גרופּע באַוואָפּענטע זעלנער דורכצופירן דעם אויבנ־דערמאָנטן קייסערלעכן באַפעל.

ווען ר׳ שניאור זלמן האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אַרויס פון הויז דורך אַ הינטערטיר און איז אַוועק אויף עטלעכע שעה אין פרייען פעלד אַריין, כדי אומגעשטערט דורכצוטראַכטן וועגן דער ניי געשאַפענער, אומדערוואַרטער סיטואַציע.

דער באַאַמטער, זיך באַקענענדיק מיט׳ן מצב אויפ׳ן אָרט און מיט דער פאַרזיכערונג פון די לאָקאַלע מאַכט-אָרגאַנען, אַז דער הייליקער רב איז ניט קיין פאַרברעכער, האָט באַשלאָסן ניט צו שטערן די יום-טוב׳דיקע שמחה און אָפּצולייגן דעם אַרעסט אויף אייניקע טעג, ביז נאָך יום-טוב. ער האָט איבערגעלאָזן אייניקע פון זיינע געהיים-אַגענטן צו האַלטן אַן אויג אויף דער זאַך און ער אַליין איז אַוועקגעפאָרן פון שטאָט.

דערווייל האָט ר׳ שניאור זלמן באַשלאָסן וואָס צו טאָן אויב מ׳וועט נאָכאַמאָל קומען אים אַרעסטירן און האָט געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז ער איז גרייט צו ליידן מאַרטירערשאַפט און סובל זיין געדולדיק אַלץ וואָס אים איז באַשערט. אין דער אויסערגעוויינלעכער רואיקייט און מתינות פונעם רַב, האָט מען געזען די איבערמענטשלעכע מסירות-נפש׳דיקע אָנט־שלאָסנקייט פון דעם מנהיג און מדריך אויף דורכצופירן דעם דרך הקדש אין עבודת הבורא און דאָס מאַכן פאַר אַ וועג אין וועלכן עס זאָלן גיין זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער.

בליץ שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם געפּלאַנטן אַרעסט פונעם רב און די בהלה צווישן חסידים איז איבעראַל געווען זייער גרויס. זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען טיף דערשיטערט און פאַרביטערט

און די יום־טוב׳דיקע שטימונג פון שמיני עצרת און שמחת תורה איז, נאַטירלעך, געווען פאַרשטערט.

אסרו חג אין דער פרי האָט ר׳ שניאור זלמן אָנגעשריבן אַ בריוו צו אַלע חסידי חב״ד, אין וועלכן ער האָט זיי שטאַרק געוואָרנט קעגן וועלכע ניט איז נקמה־אַקטן. ער האָט זיי אויפגעפאָדערט צו זיין שטאַרק אין זייער האָפענונג און בטחון אין השי״ת און צו האָבן אמונה אין דעם זכות פון די הייליקע גרינדער פון חסידות, אַז זייער זאַך וועט סוף־כל־סוף אַרויס גע־רעכט און זיגרייך; נאָר אויב מ׳וועט מוזן ליידן, נעמט ער דאָס אויף זיך. איצט, האָט ר׳ שניאור זלמן ווייטער געשריבן, פאַרשטייט ער וואָס דער רבי — דער מעזריטשער מגיד — האָט אים אַמאָל מרמז געווען, אַז ער וועט מוזן דורכמאַכן זייער שווערע צייטן.

ר׳ שניאור זלמן האָט ווידער און נאָכאַמאָל מתרה געווען די חסידים מיט אַ שטרענגער התראה, אַז אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס עס זאָל ניט געשען, זאָלן זיי זיך פאַרהאַלטן רואיק לגבי די קעגנער.

פון די עלטערע חסידים האָט ער פאַרלאַנגט זיי זאָלן אויפפּאַסן און אַכטונג געבן אויף די אינגערע און פון די לעצטע האָט ער געפאָדערט זיי זאָלן זיין געהאָרכזאַם צו די עלטערע חסידים.

פון דעם דאָזיקן בריוו האָט מען גלייך געמאַכט אַ גרויסע צאָל קאָפּיעס, וועלכע זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן, דורך ספּעציעלע שלוחים, צו אַלע חסידי חב״ד אין נאָענטע און ווייטע שטעט און שטעט־לעך.

שפּעט אין דער נאַכט פון אסרו חג איז באַוואוסט געוואָרן, אַז די שלוחים צו אַרעסטירן דעם רבי זיינען ווידער דאָ.

דעם רב׳ס אַ שוואָגער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם וואָגן, וועל־כער האָט געוואַרט פאַר דעם הויז. דאָס איז געווען אַ שוואַרצע קאַרעטע, אין וועלכער מען פלעגט פירן מלוכה־פאַררעטער און שווערע פּאָליטישע פאַרברעכער אונטער אַ שטאַרקער וואַך פון באַוואָפנטע זעלנער. אינעם וואָגן האָט ער באַמערקט אַרעסט־קייטלעך פאַר הענט און פיס. דורך דער הינטערטיר פונעם רב׳ס צימער איז דער שוואָגער אַריינגעקומען צו דעם רב, האָט אים שנעל אינפאָרמירט וואָס דאָ קומט פאָר און האָט אים שטאַרק געבעטן צו אַנטלויפן.

„דאָס וועל איך ניט טאָן", האָט געענטפערט ר' שניאור זלמן.

„איך ווייס אַז איך האָב גאָרניט געטאָן, וואָס זאָל באַרעכטיקן מיין אַרעסט. יעדער פּרוּוו צו אַנטלויפן, אַפילו ווען ער זאָל געלינגען, וועט וואַרפן אַ חשד, אַז איך פיל מיך שולדיק אין אַן אומרעכט וואָס איך זאָל האָבן באַגאַנגען".

ביי די ווערטער איז אין רבֿ'ס הויז אַריינגעקומען דער באַאַמטער אין זיין פולער אוניפאָרם מיט דעם אַרעסט־באַפעל אין דער האַנט און האָט געזאָגט דעם רבֿ, אַז ער האָט באַקומען אַ שטרענגן באַפעל דירעקט פונעם קייסערלעכן קאַבינעט, אים צו אַרעסטירן און צו ברענגען אין קייטן קיין פּעטערבורג.

„מיך צו ברענגען אין קייטן קיין פּעטערבורג?! און אין וואָס באַשטייט מיין פאַרברעכן, אויב איך מעג פרעגן?"

„דאָס ווייס איך ניט. איך דאַרף נאָר אויספירן דעם באַפעל. יעדנפאַלס האַנדלט עס זיך מסתמא וועגן אַ פּאָליטישן פאַרברעכן, ווייל נאָר אַזעלכע ווערן דירעקט געשיקט צום משפט אין פּעטערבורג".

„איך, אַ פּאָליטישער פאַרברעכער?! איך האָב זיך קיין מאָל ניט פאַרנומען מיט פּאָליטיק. איך בין אַלעמאָל געווען אַ געטרייער אונטערטאַן פון מיין קייסער און איך וועל עס אויך ווייטער זיין ביז דעם סוף פון מיין לעבן. צו דעם בין איך דאָך פאַרפליכטעט פון מיין רעליגיע און אירע געזעצן סיי אַליין זיי צו דערפילן, און אויך מיט אַנדערע צו לערנען, דאָס איז דאָך מיין גאַנצער לעבנסציל".

„אפשר איז דאָ פאַראַן אַ טעות, וועלכער וועט אויפגעקלערט ווערן בשעת דער אונטערזוכונג. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין; איך האָב באַקומען אַ פאַראָרדענונג, וואָס איך מוז פּינקטלעך אויספירן. זאָל איך אייך די קייטן דאָ אָנטאָן, אָדער זאָל דאָס ערשט געשען אין וואָגן?"

„דאָס מוז איך איבערלאָזן פאַר אייך".

„ווען איר וואָלט מיר געבן אייער ערנוואָרט, אַז איר וועט נישט מאַכן קיין שום פאַרזוך צו אַנטלויפן, דאַן וועל איך אייך לאָזן גיין אָן די קייטן".

„אין דעם קען איך אייך פאַרזיכערן".

„גוט. דאַן וועט מען אײַך ניט בינדן אין קייטן. אָבער אײַלט זיך צו. אין אַ פערטל שעה אַרום מוזן מיר שוין זײַן אָפּגעפאָרן פון דאַנעט. איר טאָרט איצט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט ריידן, סיידן אין מײַן קעגנוואָרט. אויך אײַערע פּאַפּירן און דאָקומענטן טאָרט איר איצט ניט דורכקוקן און גאָר־נישט אַרויסנעמען פון דאָרטן. איך מוז אַלע דאָקומענטן פאַרזיגלען און עס אָפּשיקן קיין פּעטערבורג".

„איך האָב פיל הונדערטער בויגנס אָנגעשריבן, אָבער אַלץ איז אין העברעאיש מיט אַן אידיש־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. איך מעג דאָך מסתמא מיטנעמען אַביסל וועש און קליידער און עס צוזאַמענפּאַקן?"

„לאָזט דאָס דערליידיקן דורך אַן אַנדערן און איר בלײַבט אין צימער, דאָ מיט מיר. איך טאָר אײַך אַלס אונטערזוכונגס־געפאַנגענעם ניט איבער־לאָזן אומבאַוואַכט, אפילו ניט אויף איין מינוט".

דער רב האָט גלײַך אַרוף געטאָן זײַן שוואָגער פון דעם דערבײַיאיקן צימער און האָט אים געבעטן צו מאַכן פאַר אים די נייטיקע צוגרייטונגען; גלײַכצײַטיק האָט ער אים אָבער אויך געגעבן די פאָלגענדע אָנווײַזונג, וועלכע דער באַאַמטער האָט ניט באַמערקט:

„שיקט באַלד אַוועק דרײַ פאַרלעסלעכע מענטשן: איינעם קיין ווילנע, כדי מיר זאָלן צו יעדער צײַט האָבן אַ ידיעה וועגן די שריט פון אונדזערע דאָרטיקע קעגנער, אַ צווייטן קיין פּעטערבורג און אַ דריטן קיין בער־דיטשעוו צו ר' לוי יצחק, כדי ער זאָל פאַר מיר מתפלל זײַן".

מער האָט ער גאָרנישט געקענט זאָגן, כדי ניט אַרויסצורופן אַ חשד בײַ דעם באַאַמטן. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז, אַ דאַנק דער קלוגשאַפט פון זײַן שוואָגער און זײַנע פרײַנד, פולשטענדיק גענוג.

מען קען זיך פאָרשטעלן ווי האַרצרײַסנד רירנד ס'איז געווען דאָס גע־זעגענען זיך מיט פרוי און קינדער. ווי ערנסט ר' שניאור זלמן האָט באַ־טראַכט זײַן לאַגע, באַווײַזט דער פאַקט, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך זײַנע תכריכים. —

עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט זיך דער וואָגן אַ יאָג געטאָן מיט דער גרעסטער שנעלקייט און זיי געבראַכט צוערשט אין וויטעבסק, פון וואַנעט

ר׳ שניאור זלמן איז דורך אַן אַנדער באַאַמטן אָפּגעפירט געוואָרן קיין פּעטערבורג. אויך דעם צווייטן באַאַמטן האָט די פּערזענלעכקייט פון רַב שטאַרק אימפּאָנירט. אין זייערע געשפּרעכן האָט דער באַאַמטער כסדר גע־זוכט צו באַרואיקן דעם רַב וועגן זיין צוקונפטיקן גורל, כאָטש אויך ער האָט ניט געוואוסט אין וואָס זיין געפאַנגענער ווערט אייגנטלעך אָנגעקלאָגט.

ווען ער האָט אים אויסגערעכנט וויפל טעג זיי האָבן נאָך צו פאָרן ביז זיי וועלן דערגרייכן פּעטערבורג, האָט דער רַב אים געבעטן, אַז שבת זאָל מען מפסיק זיין די נסיעה, ווייל עס איז פאַרבאָטן דורך זיין רעליגיע צו פאָרן אין דעם טאָג.

„דאָס קען איך ביי מיין בעסטן ווילן ניט טאָן, האָט געענטפערט דער באַאַמטער. „מען לייגט גרויס געוויכט אויף דעם אין פּעטערבורג, אַז איר זאָלט אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך געשטעלט ווערן פאַר׳ן געריכט. מען האָט מיר געגעבן אויסגערעכנט וויפל צייט עס דאַרף נעמען די רייזע אין אַל־געמיין און וויפל יעדע איינציקע סטאַנציע באַזונדער, אַזוי אַז איך וועל זיך ניט קענען פאַרענטפערן, ווען מיר זאָלן אָנקומען איין טאָג שפּעטער פון דער פעסטגעשטעלטער צייט״.

ווען אַלע רייד און בקשות האָבן ניט געהאָלפן, האָט דער רַב קאַטע־גאָריש דערקלערט: „איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן ניט מחלל שבת גע־ווען און גראָדע איצט, ווען איך געפין זיך אין אַזאַ ערנסטן מצב, זאָל איך באַגיין אַזאַ גרויסע זינד? דאָס וועל איך בשום אופן ניט טאָן, וואָס די פאָלגן דערפון זאָלן ניט זיין״.

„איר וועט דאָס ניט טאָן? לעבן פורמאַן זיצן צוויי שטאַרקע קאָזאַקן: וואָס וועט איר טאָן ווען זיי זעצן אייך מיט געוואַלד אַריין אין וואָגן און פירן אייך אַוועק קעגן אייער ווילן?״

„איך קען קעגן דעם גאָרנישט טאָן: אָבער ג־ט, וואָס צוליב זיין כבוד וועגן היט איך דעם שבת, וועט מיר זיכער העלפן, אַז עס זאָל ניט קומען דערצו. וואָס איך אַליין וואָלט געקענט טאָן קעגן דעם, ווייס איך ניט, אָבער איין זאַך ווייס איך זיכער, אַז אום שבת פאָרן וועל איך ניט!״

„דאָס ווייסט איר זיכער? ווי קענט איר איבערהויפּט גאָר טראַכטן וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, ווען איך דערקלער אייך, אַז אין אַזאַ פאַל וועל איך מוזן אָנווענדן קעגן אייך געוואַלד? מאָרגן איז שוין פרייטיק, מוזט איר דאָך שוין

מסתּמא האָבן אַ פּאַרטיקן פּלאַן: ווי דענקט איר, אויב אַזוי, צו פאַרמיידן אונדזער ווייטערדיקע רייזע?״

„דאָס ווייס איך באמת ניט. אָבער דערפאַר בין איך זיכער, אַז ג־ט וועט מיר העלפן אַז איך זאָל דעם הייליקן שבת, דעם פון ג־ט געבאָטענעם רו־טאָג, ניט דאַרפן מחלל זיין״.

דערווייל איז דער וואָגן צוגעפאָרן צו אַ קרעטשמע, אין וועלכער זיי האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט.

פרייטיק באַגינען האָט מען די נסיעה ווידער פאַרגעזעצט. וועגן שבת האָט מען איבערהויפּט מער גאָרנישט דערמאָנט. נאָכמיטאָג האָט דער רב ווידערהאָלט זיין בקשה צו מפסיק זיין די רייזע ביז נאָך שבת. ווען דער באַ־אַמטער האָט אים אויך דאָס מאָל אָפּגעזאָגט צו דערפילן זיין פאַרלאַנג, איז געשען, אַז דער וואָגן האָט זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אין אַ שווערן שטיין, וואָס איז געלעגן אין מיטן וועג. אַלע האָבן זיך פון דעם שטאַרקן צוזאַמענ־שטויס אַזוי דערשראָקן, אַז יעדערער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. דער קוטשער איז גיך אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, און נאָכדעם ווי ער האָט אים גוט באַטראַכט, האָט ער דערקלערט אַז די אַקסן זיינען צעבראָכן און מען קען דערפאַר ניט פאַרזעצן די רייזע, ביז דער וואָגן וועט פאַרריכט ווערן.*

דער באַאַמטער האָט געשריען, האָט געזידלט דעם קוטשער. און אים געשאָלטן מיט די ערגסטע קללות. די קללות מיט די זידלערייען האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט זיך געמוזט אומקערן אין דאָרף, וועלכן זיי האָבן ערשט געהאַט פאַרלאָזן, כדי דאָרטן צו זוכן הילף. אין אָט דעם קליינעם דערפל איז אָבער קיין שמיד ניט געווען און ערשט אין אַן אַנדער דאָרף — אַכצן וויאָרסט ווייטער פון דעם — האָט מען ענדלעך גע־פונען איינעם. דאָס האָט נאַטירלעך גענומען זייער פיל צייט.

ווען דער וואָגן איז ענדלעך שוין געווען אין אָרדענונג און מ׳האָט זיך

---

*) ווען דער רב האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט פאַר אַן ענגן קרייז פון זיינע פריינד, ווי ער איז אַ דאַנק די צעבראָכענע אַקסן פאַרהיט געוואָרן פון חלול שבת, האָט ער דערביי ציטירט פון „אזמר בשבחין״ (זמירות של שבת) די ווערטער: „צוחין אף עקתין בטלין ושביתין״ און אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג האָט ער געזאָגט בדרך הלצה: „די אַקסן האָבן אויך געשריען אַז זיי ווילן רוען אום שבת קודש...״

געגרייט צו פאָרן ווייטער, איז פלוצלונג געפאַלן אַ פערד. האָט מען גע־מוזט ברענגען פון דאָרף אַן אַנדער פערד אים צו פאַרבייטן, אָבער די פערד האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט...

דער באַאַמטער האָט איצט קלאָר איינגעזען, אַז דאָס זיינען ניט קיין געוויינלעכע פּאַסירונגען און ער האָט געזוכט צו פּועל'ן ביים רב, אין אַ פיל נאָכגעביקער שטימונג, צו פאָרן כאָטש נאָר ביז'ן נאָענטסטן דאָרף און דאָרטן רוען ביז נאָך שבת, אָבער דער רב האָט ניט מסכים געווען דערצו: ער האָט נאָר דערלויבט אָפּצוקערן דעם וואָגן פון דעם שאָסיי צו דעם דערבייאיקן פעלד און דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט דעם שבת. דער דאָזי־קער אָרט איז געווען אָרום צוויי מייל אַוועק פון דעם דאָרף סאַליבאַ־רודניאַ, לעבן דער שטאָט נעוול אין וויטעבסקער גובערניע. אַן אָרט, וועל־כער איז געבליבן אַ היסטאָרישער אָנדענק־פּלאַץ פאַר די חסידים אין נעוול.

זונטיק פרי איז מען געפאָרן ווייטער. נאָך אָט די אַלע געשעענישן האָט זיך דער באַאַמטער איצט באַצויגן צו זיין געפאַנגענעם מיט גרויס כבוד און רעספּעקט, וואָס האָט געווירקט אפילו אויף די גראָבע קאָזאַקן. —

דעם קומענדיקן פרייטיק, וועלכער איז אָגב שוין געווען דער לעצ־טער אין זייער נסיעה, האָט שוין דער רַב ניט געדאַרפט ריידן אַ וואָרט וועגן הייליק האַלטן דעם שבת. דער באַאַמטער האָט אים פון זיך אַליין גע־זאָגט אַז שבת וועלן זיי ניט פאָרן, ער האָט ניט קיין חשק צו ווערן אויסגע־שטעלט צום צווייטן מאָל צו אַזאַ געפאַר... אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען אַן וועלכע באַזונדערע אינצידענטן אין פּעטערבורג, וואו דער רַב איז איבער־געגעבן געוואָרן צו דעם שעף פון דער פּאָליציי. און אָט איז, וואָס דער באַ־אַמטער האָט צו אים געזאָגט, ווי דער לעצטער האָט שפּעטער אַליין דער־ציילט דעם רַב:

„איך ברענג דאָ אין דעם דאָזיקן רבי אַ מאַן, וועלכער איז אַ הייליקער און אַ וואונדערטוער. דער באַאַמטער וועלכער האָט אים אַרעסטירט אין ליאָזנע און האָט אים דאַן איבערגעגעבן צו דער מאַכט אין וויטעבסק, האָט מיר שוין דערציילט גאַנץ וואונדערלעכע זאַכן וועגן אים. איך האָב עס אָבער ניט געגלויבט. און אָט האָט מיר מיין אייגענע דערפאַרונג מיט אים אַזוי דערשטוינט, אַז ווען אַן אַנדערער וואָלט עס מיר דערציילט, וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר אומגלויבלעך. דער מאַן איז זיכער ניט קיין פאַר־ברעכער, וועלכער זאָל זיך האָבן פאַרשולדיקט אין עפּעס קעגן קייסער.

איך זאָג עס אייך, ערשטנס אַלס אַ דערקלערונג פאַר אונדזער פאַרזאַמען זיך אין וועג, ווייל מען קען מיט אַזאַ מאַן ניט פאָרן ווי מען פאָרט מיט געוויינלעכע מענטשן; און צווייטנס דערצייל איך עס אויך, כדי ער זאָל ניט ווערן באַהאַנדלט אין תּפיסה אַזוי ווי אַ געמיינער פאַרברעכער״.

עטלעכע העכערע באַאַמטע אין ציוויל האָבן נאָכדעם אוועקגעפירט דעם רבֿ אין אַ וואָגן צו דער תּפיסה. דערביי זיינען אים פאַרבונדן געוואָרן די אויגן, כדי ער זאָל אַליין ניט וויסן דעם אָרט וואו ער געפינט זיך. נאָך דעם ווי דער וואָגן איז שוין אַ לאַנגע צייט געוועז אָפּגעפאָרן, איז דער רבֿ — נאָך אַלץ מיט פאַרבונדענע אויגן — אַראָפּגעפירט געוואָרן פון אַ טרעפּ, וועלכער האָט געפירט צו אַ וואַסער. דער רבֿ האָט געטראַכט, אַז איצט האָט דערגרייכט די לעצטע שעה פון זיין לעבן, אַז מען וויל אים זיכער אין אָט דעם וואַסער דערטרינקען. באַלד האָט מען אים אָבער אָפּגעפירט אין אַ שיפל צו אַ גרויסער געביידע, אין וועלכער מען האָט אים באַשטימט אַן אונטערערדישן צימער. דער צימער האָט געקענט נאָר קינסטלעך באַלייכט ווערן, כדי אויף דעם אופן דעם אַרעסטאַנט אָפּצושניידן יעדע מעגלעכקייט פון קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

דאָס איז געוועזן די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַן אינדזל, וואו דער רבֿ האָט זיך איצט געפונען, אָן זיין וויסן. איצט ערשט האָט מען אים אַראָפּגענומען די בינדע פון די אויגן, כדי אים צו לאָזן פילן זיין פולשטענדיקע פאַרלאַזנקייט, אין וועלכער ער איז זיך פאַרגעקומען ווי לעבעדיק באַגראָבן.

איידער מיר וועלן דערציילן ווייטער וועגן זיין גורל אין דער תּפיסה, וועלן מיר זיך צוריקקערן אויף אַ ווײַלע צו דעם קרייז פון זיין פאַמיליע און זיינע צאָלרייכע פריינד און חברים.

ח
אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג

די שרעקלעכע צערודערונג און פאַרצווייפלונג, וואָס דער פּלוצלונ־גער אַרעסט פון רַב, האָט אַרויסגערופן ביי זיין פאַמיליע און ביי דעם גרויסן קרייז פון זיינע תלמידים, איז אוממעגלעך צו שילדערן.

דאָס שרעקלעכסטע איז געווען, וואָס מען האָט אַבסאָלוט נישט גע־וואוסט וועגן דעם גורל פון דעם רַב, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער אַזעלכע אומגעוויינלעכע אומשטענדן. מען האָט אפילו ניט גע־וואוסט צי ער לעבט נאָך, אָדער עס איז זיינע פיינד געלונגען, אַן אַ פאַר־הער און אַן אַ פאַרטיידיקונג, אים אין גאַנצן „באַזייטיקן" ר״ל. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז ער איז אַבסאָלוט אומשולדיק; אָבער אַזוי ווייניק ווי זיין אומ־שולד האָט געקענט העלפן צו פאַרמיידן זיין אַרעסט, פּונקט אַזוי ווייניק האָט עס אויך געקענט פאַרמיידן פון צו אָפּטאָן אים דאָס ערגסטע ה״י. — מען האָט אויך געוואוסט, אַז ער איז געבראַכט געוואָרן ווי אַ שווערער פּאָליטישער פאַרברעכער דירעקט קיין פּעטערבורג, אָבער וואו ער גע־פינט זיך דאָרטן און צי ער איז דאָרטן איבערהויפּט נאָך דאָ, דאָס איז געווען אַ סוד, וואָס מען האָט בשום אופן ניט געקענט דערגיין. צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די דאָרטיקע הויכע יוסטיץ־באַאמטע, איז פאַר יעדערן געווען זייער שווער; פאַר די אידן, אָבער, איז עס געווען אינגאַנצן אויסגעשלאָסן.

עס האָבן דאַמאָלסט געוואוינט אין פּעטערבורג נאָר דריי אידישע פאַ־מיליעס, וועלכע האָבן אין יאָר תקל״ח (1778) באַקומען די דאָזיקע פּריווי־לעגיע דורך אַ פאַראָרדענונג פון קייסער נאָר מיט דעם צוועק, צו קענען געבן דער רעגירונג די געהעריקע אינפאָרמאַציעס, וועלכע זיינען נייטיק געווען אין שייכות מיט געזעצן וועגן אידישע ענינים.

צייטווייליק פלעגן זיך דאָרטן, אָבער, כסדר אויפהאַלטן מערערע אידישע סוחרים, צוליב זייערע געשעפטלעכע אינטערעסן. איינצעלנע פון

זיי האָבן אויך געהאַט באַציאונגען מיט הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, אָבער מיט דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָט געפעלט יעדער קאָנטאַקט.

צו דעם רבּ׳ס שוואָגער, ר׳ ישראל קאַזיק, וועלכער, איז לויט דעם רבּ׳ס בקשה, גלייך אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך אָנגעשלאָסן, פאַר דעם זעלבן צוועק, אַ גרויסע צאָל פון חסידים. איינער פון דעם רבּ׳ס חשוב׳סטע תלמידים, ר׳ אהרן הלוי, איז אַרומגעפאָרן איבער אַלע חסידישע קהילות פון ווייסרוסלאַנד, כדי צו מאַכן די נייטיקע געלט־זאַמלונגען.

בכדי צו געווינען אַ צוטריט צו די קרייזן, אין וועמעס הענט עס איז געלעגן דער גורל פון רבּ, האָט זיך צום אַלעם ערשטן געפאָדערט דער רובל, וועלכער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע מאַכט. אַזוי, אָבער, ווי אַזעלכע געלט־זאַמלונגען זיינען געווען אין רוסלאַנד פאַרבאָטן, האָט עס געמוזט פאַרקומען — אין דעם פאַל — אין אַ פאָרם פון אונטערשטיצונג פאַר דעם רבּ׳ס פאַמיליע, וועלכע איז דורך זיין אַרעסט באַרויבט געוואָרן פון איר דערנערער. אָרעם און רייך האָבן בייגעטראָגן מיט דער גרעסטער ברייט־האַרציקייט פאַר דער באַפרייאונג פון זייער מנהיג, אַזוי אַז אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון 60.000 רובל, מיט וועל־כער עס האָבן זיך אייניקע פאַרטרויאונגס־מענטשן געווענדעט אין פּעטער־בורג.

אַ נאָענטער קרוב פון דעם ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם ווילנער גאון, ר׳ לייב יאַנאָוויטש, אַ געהיימער, הייסער אָנהענגער פון חסידים, וועלכער איז אָבער צוליב זיין קרובה׳שאַפט געווען געשיצט קעגן יעדן פאַרדאַכט פון סימפּאַטיזירן מיט חסידים, איז אַוועק קיין ווילנע, כדי צו דערגיין די פּלענער פון די מתנגדים און אָפּצושוואַכן זייערע אָנגריפן.

דערמיט איז געווען פאַר׳ן ערשטן מאָמענט אַלץ געטאָן, וואָס עס האָט נאָר געקענט געטאָן ווערן, פאַר דער טובה פון רבּ מצד זיינע פריינד.

אָבער ניט קוקנדיק אויף די אַלע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען, איז עס דאָך ניט געלונגען זיך צו דערגרונטעווען צו דער אונטערערדישער קאַמער, וואו דער רבּ האָט געשמאַכט אַלס געפאַנגענער. דורך דעם וואָס די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקע פעסטונג האָט זיך געפונען אויף אַן אינדזל, איז זי געווען פולשטענדיק איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט. דעם פאַרקער האָט פאַרמיטלט אַ שיפל, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט אויך די מיט־

גלידער פון מלוכה־ראַט און פון דעם העכסטן פּאָליטישן געריכטס־הויף. ווער עס איז געטראָפן געוואָרן אויפן אינדזל אַן אַ לעגיטימאַציע, איז פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט. די, און אַנדערע איינצלהייטן, האָט דער רַב זיך דערוואוסט פון דעם תּפיסה־אויפזעער, די איינציקע פּערזאָן מיט וועלכער דער רַב האָט געקענט ריידן. אָבער אויך ער איז געווען אין אָנפאַנג זייער פאַרשלאָסן און ערשט מיט דער צייט איז עס דעם רַב געלונגען, אַ דאַנק זיין מענטשן־קענטעניש און לעבנס־חכמה, צו געווינען דעם צוטרוי פון זיין אויפזעער. אויף פראַגן וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו זיין אייגענער פּערזאָן, זיין גורל און זיין נאָענטסטע צוקונפט, האָט דער רַב איבערהויפּט ניט באַ־קומען קיין ענטפער פון דעם תּפיסה־וועכטער.

דאָס, וואָס דעם רַב האָט איצט זייער אינטערעסירט איז געווען, אויב ער וועט שוין דאָ פאַר אַלעמאָל בלייבן לעבעדיק באַגראָבן, אָדער ער וועט נאָך האָבן אַמאָל דאָס גליק צו דערזען די טאָג־ליכט, ווען מען וועט אים ווייניקסטנס שטעלן פאַר׳ן געריכט.

דער אָפּגעזונדערטער, אונטערערדישער רוים האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אונטערזוכונג־תּפיסה, נאָר ער האָט מער אויסגעזען ווי צו זיין באַשטימט פאַר מענטשן, וועלכע מען האָט געוואָלט לאָזן פאַרשווינדן אונטער׳ן האַנט. כאָטש פון דעם וועכטער האָט ער אויף זיין פראַגע וועגן כאַראַקטער פון דער תּפיסה איבערהויפּט קיין ענטפער ניט באַקומען, האָט אים אָבער דאָך זיין שאַרפזיניקייט געהאָלפן געפינען אַן אויסוועג.

ער האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט׳ן וועכטער, ניט דערמאָנענדיק וועגן זיך גאָרניט, נאָר אויסשליסלעך וועגן דעם וועכטער אַליין: וועגן זיין שטעלע, זיין מאַטעריעלן מצב א. אַ. וו. ווען דער לעצטער האָט, אויף דער פראַגע פון רַב, אים דערציילט וויפל זיין יערלעכע הכנסה איז, האָט דער רַב געזאָגט, אַז ער האַלט אַז דאָס איז זייער ווייניק, סיידן ער באַקומט נאָך זייטיקע הכנסות דירעקט פון די אַרעסטאַנטן אַליין.

„פון די אַרעסטאַנטן האָב איך גאָרנישט״, האָט געענטפערט דער אויפ־זעער. „ווייל זיי פאַרמאָגן דאָך אַליין גאָרנישט. זיי מוזן דאָך אַלץ אָפּגעבן ווען זיי קומען אַהער, ווי געלט און אַלע ווערטזאַכן״.

„דאָס ווייס איך דאָך״, האָט געענטפערט דער רַב, „איך האָב נאָר גע־מיינט אַז די געפאַנגענע, וועלכע ווערן באַפרייט, דערמאָנען זיך דאָך זיכער אין זייער אויפזעער, און שיקן אים שפּעטער אַ מתּנה״. —

„דאָס איז ריכטיק: דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע ווערן באַ־פרייט, געדענקען מיך טאַקע און ווייזן מיר אַרויס זייער ברייטהאַרציקייט".

איצט האָט דער רַב געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן, אַז די וועלכע ווערן דאָ איינגעשפּאַרט, ווערן יאָ געשטעלט פאַר'ן געריכט און אַז עס געפינען זיך צווישן די געפאַנגענע אויך אַזעלכע, וועלכע באַקומען צוריק די פרייהייט. דערמיט איז אים געווען אָפּגענומען די שווערסטע זאָרג ביי יענעם מאָמענט. מוטיק, מיט האָפענונג און בטחון אין זיין האַרצן, האָט זיך דער רַב צוריקגעצויגן אין זיין צעל און האָט געדאַנקט און גע־לויבט ג־ט מיט אַזאַ האַרציקער שמחה, אַז דער וועכטער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער, ווי צוגעשמידט צו דעם אָרט. אַזאַ וואונדערלעכע שטימע האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געהערט און אַזאַ בטחון אין ג־ט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געזען.

„דער דאָזיקער מאַן", האָט ער שטיל צו זיך אַליין גערעדט, „דער דאָזיקער מאַן שטייט ביי דער שוועל פון טויט און זינגט דערביי אַזוי לוסטיק און פריילעך, פונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען צום טאַנץ. און ער דאַנקט גאָר ג־ט, ווען אַנדערע אויף זיין אָרט וואָלטן געווען העכסט פאַר־צווייפלט. דאָס איז אַ מערקווירדיקער מענטש!"

ווען דער רַב האָט זיך שפּעטער געשטעלט לעבן דער וואַנט פון זיין צעל דאַווענען מנחה, האָט אים זיין וועכטער באַטראַכט 2 שעה נאָכאַנאַנד: אַזוי לאַנג ווי דאָס דאַווענען האָט געדויערט.

די תפילה בלחש, די טיפע דבקות, וואָס האָט דורכגענומען יעדן טייל פון זיין קערפּער, זיין העכסטע התרוממות הנפש, האָבן אויפן וועכטער גע־מאַכט נאָך אַ טיפערן איינדרוק ווי דאָס געזאַנג, וואָס האָט אים פריער גע־האָט אַזוי מיטגעריסן.

„דאָס איז אַ מערקווירדיקער מענטש, דאָס איז אַ הייליקער, אַזאַ קען מיט ג־ט אַליין ריידן", האָט דער וועכטער געמורמלט צו זיך אַליין און האָט שטיל פאַרלאָזן די צעל, אַז דער געפאַנגענער זאָל ניט באַמערקן אַז ער האָט אים די גאַנצע צייט אָבסערווירט.

ווען דער וועכטער איז, שפּעטער אין אָוונט, נאָכאַמאָל אַריין אין דעם רַב'ס צעל און האָט אים געבראַכט זיין אָוונטברויט, האָט דער רַב דאָס דאַנקענדיק צוריקגעוויזן מיט דעם אויסרייד, אַז ער האָט נאָך גענוג שפּייז

פון וועג, וועלכע וועט ווערן פאַרדאַרבן, אויב ער וועט דאָס ניט פאַר־ברויכן צוערשט.

„אָבער איך האָב דאָך געזען אייער רײַזע־טאַש ביי אייער אָנקומען אין תפיסה, וועלכע איך האָב לויט מיין פליכט געמוזט דורכקוקן, און מער ווי אַ שטיק האַרטע ברויט איז דאָרטן גאָרניט געווען און אויך דאָס האָט איר נאָך אַפילו ניט אָנגערירט?!"

„איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער אינטערעס. אָבער איר דאַרפט זיך אַבסאָלוט ניט זאָרגן וועגן דעם. ווייסט איר אפשר דאָס וואָרט פון דער ביבל, אַז ׳ניט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נאָר פון אַלץ וואָס שטאַמט פון ג־ט׳ס מויל׳?"

„וועגן דער ביבל ווייס איך נאָר וואָס כ׳האָב געהערט; איך קען דאָך ניט לייענען, אָבער ווען איר זאָגט עס, גלויב איך עס אייך זיכער".

„נו, זעט, אין דער ביבל שטייט אַז משה, פון וועמען איר ווייסט שוין געוויס, האָט אויף אַ באַרג, פון ג־ט אַליין געהערט די רייד פון זיין מויל. דאָס האָט געדויערט פערציק טעג און פערציק נעכט און פאַר דער גאַנ־צער צייט האָט ער גאָרנישט געגעסן און גאָרנישט געטרונקען, אַפילו ניט קיין ברויט מיט וואַסער. דאַן האָט אים ג־ט אָנגעשריבן צען פון זיינע געַ־באָטן אויף צוויי שטיינערנע לוחות, וואָס יעדער פון זיי האָט געוואויגן אַ סך פוד (אַ פוד = 40 פונט) און אָט די צוויי שווערע שטיינער האָט משה אַראָפּגעטראָגן פון באַרג צו די אידן, נאָך אַלץ פאַסטנדיק, און ניט פילנדיק דערביי אַ שוואַכקייט אָדער מידקייט".

„איז משה אויך געווען אַ איד?"

„משה איז אויך געווען אַ איד".

„אָבער דאָס קריסטנטום איז דאָך די איינציקע ריכטיקע רעליגיע" — האָט דער וועכטער געזאָגט — „טאָ פאַרוואָס האָט ג־ט ניט מיטגעטיילט זיינע געזעצן צו די מענטשן דורך אַ קריסט?"

„דאַמאָלסט זיינען נאָך קיין קריסטן ניט געווען. אָבער ווען זיי וואָלטן שוין אַפילו יאָ געווען, וואָלט דאָס אויך ניט געווען אַזוי לייכט. איר זייט דאָך געוויס אַ גוטער קריסט; אָבער אייך וואָלט ג־ט אויף דעם ניט געקענט נוצן. איר ווייסט, אַז נאָך דעם מאָרגן־געבעט מוז ווערן געפרישטיקט, און

װען עס קלינגט דער אָונט־גלאָק, איז צײַט פאַר אָונטברױט. איר האָט שױן זיכער געזען אַרבעטער, װעלכע, הערנדיק װי עס שלאָגט די מיטאָג־שעה, לאָזן זײ צוריק אַראָפּ זײער האַנט, װאָס איז שױן געװען אױפגעהױבן צו אַרבעטן. איצט שטעלט זיך פאַר, װען אַזעלכער שטײט און הערט װאָס ג־ט רעדט צו אים, און פּלוצלונג גיט דער זײגער אַ שלאָג צװעלף, װאָס זאָל ער דאַן טאָן — דעם אױבערשטן לאָזן שטײן קען מען דאָך ניט און דאָס מיטאָג־עסן אױך ניט...״

„איך פאַרשטײ אײַך שױן, איך װעל אײַך מער קײן מאָל ניט צװינגען צו עסן און צו טרינקען, װײַל איר זעט מיר אױך אױס צו זײַן אַזאַ געטלעכער מאַן װי משה איז געװען; דערפאַר דאַרפט איר אױך ניט עסן און ניט טרינ־קען״.

„מײַן ליבער פרײַנד, דערפון בין איך זײער װײַט. משה האָט ניט גע־געסן ניט קײן ברױט און ניט קײן װאַסער; אָבער איך טרינק גערן אײער װאַסער און װעל אײַן דעם װײקן מײַן ברױט, װען עס װעט װערן האַרטער. איך דאַרף אױך האָבן פּיל װאַסער צום װאַשן די הענט, װי עס איז אונדז אידן אָנגעזאָגט געװאָרן פון אונדזער רעליגיע. װען איר װעט מיך אַלע־מאָל באַזאָרגן מיט גענוג װאַסער, װעל איך אײַך דערפאַר, װען איך װעל דורך ג־ט׳ס גנאָד באַפרײַט װערן, גוט באַפרידיקן״.

אַזאַ מענטש איז דעם װעכטער נאָך קײן מאָל ניט אױסגעקומען צו באַ־געגענען. אײַנגעשפּאַרט צוליב אַ פּאָליטישן פאַרברעכן, װאָס קען אים קאָסטן זײַן לעבן, אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער װעלט און לעבעדיק באַ־גראָבן אין אַן אונטערערדישער קאַמער, האָט אַזאַ מענטש ניט קײן גרעסערן װאונטש װי װאַסער צום טרינקען און צום װאַשן די הענט! און דערפאַר װיל ער נאָך שפּעטער באַצאָלן! דאָס איז זיכער ניט קײן מענטש, דאָס קען נאָר זײַן אַ מלאך, װעלכער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער אונטער־שטער װעלט אין אַ פאָרם פון אַ אידן. און נאָך װײניקער קען זיך דאָ האַנד־לען װעגן אַ פאַרברעכער, װען די גאַנצע װעלט זאָל אים אַפילו האַלטן אַלס אַזאַ!

שװײַגנדיק האָט ער דאַן אַראָפּגענומען פון טיש דאָס אָונטברױט, װאָס ער האָט געבראַכט און האָט געזאָגט דעם רבֿ, אַז ער װינטשט אים אַ גוטע נאַכט. װען ער װעט נאָר עפּעס װעלן, װאָס עס קען אים דערלױבט זײַן, זאָל ער עס נאָר זאָגן, ער שטײט צו יעדער צײַט גרײט אים צו דינען.

ביי דער טיר האָט זיך דער וועכטער נאָכאַמאָל אומגעקערט און האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר׳ן רַב, דאַן האָט ער פאַרשלאָסן די שווערע אייזערנע טיר און אין עטלעכע מינוטן אַרום זיינען שוין זיינע טריט מער ניט געהערט גע־וואָרן.

דער רַב האָט זיך נאָך ניט געלייגט. ער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט געדאַוונט מעריב, האָט דאַן צוויי שעה נאָכאַנאַנד געזאָגט תהלים און האָט אָנגעפאַנגען איבערצוחזר׳ן דעם גאַנצן תלמוד אויף אויסווייניק פון אָנהויב אָן. ערשט צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט האָט ער זיך געלייגט שלאָפן.

ט

„אַיֶכָּה?!“

אַזוי זיינען פֿאַרביי די ערשטע פּאָר טעג פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט אָן שום ענדערונגען. פֿאַר דעם רב האָט אָבער די מאָנאָטאָנקייט ניט עקסיסטירט. ער האָט געדאַווענט און געלערנט, געלערנט און געדאַווענט מיט אַזוי פֿיל כּוונה און בטחון, וואָס דער וועכטער האָט יעדן טאָג באַטראַכט אַלס אַ נייעם וואונדער. יעדן טאָג האָט ער זיך אָפּגעשניטן אַ קליין שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געמוזט איינוויקלען אין וואַסער איידער ער האָט דאָס געקענט עסן און געדאַנקט דערביי ג־ט, וואָס מען האָט אים ניט געצוואונגען צו עסן ניט כּשר'ע מאכלים. אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוין געדאַרפֿט דאָס ברויט זיך ענדיקן. ווען דער וועכטער האָט אים איין מאָל אָנגעוויזן אויף דעם, האָט דער רב געענטפֿערט:

„מאָרגן איז שבת, וועל איך מיר אַפֿילו אָפּשניידן צוויי שטיקער פֿון דעם רעשטל ברויט. אויב איך וועל אין פֿיר אָדער פֿינף טעג אַרום שוין מער קיין ברויט ניט האָבן, דאָן וועלן מיר דעם זעקסטן טאָג וועגן דעם ווידער ריידן. אָבער איך מיין אַז עס וועט ניט קומען דערצו“.

„קען איך אפשר דעם הער דינען מיט עפּעס?“ האָט געפֿרעגט דער וועכטער.

„עס וואָלט פֿאַר מיר געווען אַ גרויסע טובה, ווען איר וואָלט מיר געקענט באַזאָרגן מיט פּאַפּיר, טינט און פֿעדער. אַגבֿ, אַ פֿעדער האָב איך מיר אַליין מיטגעבראַכט. איך האָב נאָר נייטיק אַ פֿעדער־מעסער זי אָנצושפּיצן“.

„אָבער עס האָט דאָך ניט קיין צוועק צו שרייבן, ווייל אייערע בריוו טאָרן דאָך סייווי ניט ווערן אָפּגעשיקט“.

„איך וויל ניט שרייבן קיין בריוו, איך וואָלט נאָר וועלן פֿאַרצייכענען די געדאַנקען פֿון מיין לערנען דאָ, כּדי עס זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן“.

„דאָס שרייבן איז דאָ אַפילו פאַרבאָטן, אָבער איך וואָלט אייך סייווי וועלן זייער באַהילפיק זיין. איך האָב געהערט אַז היינט נאָכמיטאָג קומט אַהער דער שעף פון דער פּאָליציי. ער נעמט אויף געוויסע אינפאָר־מאַציעס וועגן די געפאַנגענע און גיט דאָס איבער ווייטער דעם געריכט. פרעגט אים, אפשר וועט ער עס אייך דערלויבן. אין פאַל ער וועט עס אייך אָבער ניט דערלויבן, וועלן מיר זען — ווען ער וועט נאָר האָבן פאַרלאָזן די פעסטונג — אויב עס לאָזט זיך עפּעס טאָן אויך אָן אים".

נאָך מיטאָג איז טאַקע געקומען דער שעף פון פּאָליציי, קאָלאָנעל דונ־דוקאָוו. איידער ער איז אַריינגעקומען אין קאָמער פון דעם אַרעסטאַנט, האָט ער זיך פריער דערקונדיקט ביי דעם אויפזעער וועגן דער פּערזענ־לעכקייט פון דעם געפאַנגענעם ברוכאָוויטש. דער וועכטער האָט גאָר ניט געקענט אויפהערן צו דערציילן פון אים: אַזאַ געפאַנגענעם האָט נאָך די פעטראָ־פּאַוולאָווסקע פעסטונג קיין מאָל ניט געהאַט צווישן אירע ווענט. ער האָט אַלץ דערציילט וואָס ער האָט די גאַנצע צייט פון אים געזען און געהערט און וואָס זיין צערייצטע פאַנטאַזיע האָט נאָך דערצו צוגעגעבן; ביים סוף פון זיין באַריכט האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז דער געפאַנגענער האָט נאָך גאָרנישט פאַרזוכט פון דעם געקעכטס פון דער תּפיסה, ווייל ער איז אַ איד און ער וויל עסן נאָר אַזעלכע שפּייזן, וועלכע זיינען דערלויבט פון דער אידישער רעליגיע.

„ווען דער הער שעף וואָלט נאָר קענען ברענגען דערצו, אַז ער זאָל עפּעס עסן, אַניט שטאַרבט אונדז דער מענטש אונטער דער האַנט".

„דער אַרעסטאַנט מוז אייך האָבן זייער גוט באַצאָלט, אַז איר נעמט זיך אַזוי אָן פאַר אים", האָט געענטפערט דער שעף מיט אַ פאַרדעכטיקטן בליק.

„ווי קען גאָר דער הער שעף טראַכטן וועגן דעם? ער האָט דאָך קיין קאָפּקע ניט ביי זיך; איך מיין אַז ער האָט אין דער היים אויך ניט צופיל, אַניט וואָלט ער ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי צו הונגערן. דער מאַן האָט זיכער גאָרנישט געטאָן קעגן דעם קייסער; ווען דער צאַר וואָלט געהאַט לויטער אַזעלכע אונטערטאַנען———"

„דאָס האָט מען אייך ניט געפרעגט", האָט דער שעף אונטערבראָכן דעם וועכטער, צוואַרפנדיק אים אַ שטרענגן בליק. „און איצט עפנט מיר די קאָמער".

די קאַמער איז געלעגן ביים ענד פון אַ זיגזאַג פון וועגן און ווינקלען, וואו ס'איז קיין מאָל ניט צוגעקומען אַ זונענשטראַל. דער וועכטער איז גע־גאַנגען פאָרויס פאַר דעם אינספּעקטאָר, מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט און האָט אויפגעשלאָסן די צעל פון רבֿ, וועלכער איז פּונקט דאַן אַרומגע־גאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק. דערהערנדיק דעם קנאַק פון דעם אַלטן שלאָס און דאָס עפענען פון די פאַרראָסטע ריגלען, איז ער פּלוצלונג געבליבן שטיין.

„איך געפין דאָס זייער אויפפאַלנדיק", האָט דער שעף דונדוקאָוו אַ זאָג געטאָן, „אים צו געפינען אין גאַנצן אַנגעטאָן, אַרומגייענדיק הין און צוריק; נאָך האַלבער נאַכט געהערן אַלע אַרעסטאַנטן אויף זייערע געלעגערס".

„אַנטשולדיקט, הער, עס איז איצט ניט נאָך האַלבער נאַכט, נאָר עס איז פרי נאָך מיטאָג, 20 מינוטן נאָך צוויי".

„ווי קען ער דאָס וויסן? קיין זייגער האָט ער ניט און אויב ער האָט יאָ געהאַט, האָט מען עס דאָך דאָ צוגענומען פון אים און דאָ זעט עס אויס צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג פּונקט ווי צוויי נאָך האַלבער נאַכט; דאָס זעט אויס זייער פאַרדעכטיק און מען קען דערפון שליסן אַז ער האָט באַציאונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. פון וואַנעט ווייס ער דאָס אַזוי גענוי, וויפל דער זייגער איז איצט?!"

„אַנטשולדיקט, איך האָב ניט קיין זייגער און אויך קיין שום פאַרבינ־דונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט. אָבער דער, וועלכער ווייסט די סודות פון דעם אויבערשטנס נעמען, דער קען אויך וויסן די צייט אויף דער סעקונדע".

דער שעף האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם רבֿ און דער רבֿ האָט אָנגע־שטעלט זיין בליק אויף דעם שעף. דאָס וואָס דער רבֿ האָט פריער, ביים אַריינקומען פון שעף משער געווען, איז ביי אים איצט, דורך דעם דורכ־דרינגלעכן בליק, געוואָרן אַ זיכערקייט: דער שעף פון דער פּאָליציי דונדו־קאָוו איז געווען אַ איד, אַ געשמד'טער באַטירלעך, אַניט וואָלט ער ניט גע־קענט צוקומען צו אַט דעם הויכן מיליטערישן ראַנג. משומדים באַציען זיך צו אידן, מיט וועלכע זייער אַמט פירט זיי צוזאַמען, דאָפּלט און דרייפאַך אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם ווי געוויינלעך. זיי דענקען אַז אַט די גראָבקייט און האַרטקייט וועט איבערצייגן זייערע העכערע רעגירונגס־באַאַמטע, אַז

מען דאַרף זיי ניט פאַרדעכטיקן, אין האָבן נאָך וועלכע באַציאונגען אָדער סימפּאַטיע צום אידנטום.

קעגן זייערע קרבנות זאָל אַזאַ ברוטאַלקייט שאַפן אַ פּאַנצער, וועלכער זאָל אויסשליסן יעדע דערנענטערונג און אפילו ניט צולאָזן קיין געדאַנקען וועגן דער געמיינזאַמקייט פון זייער אָפּשטאַמונג.

דער שעף האָט אים געפרעגט זיין נאָמען, עלטער, געבורטסטאָג, זיין ביז־אַהעריקן וואוינאָרט און באַשעפטיקונג און האָט אַלע ענטפערס פאַרשריבן אין אַ בוך.ביים ענדע האָט ער געפרעגט דעם געפאַנגענעם אויב ער האָט אַ באַזונדערן וואונטש.

„מיין גרעסטער וואונטש ביי דעם מאָמענט איז, צו וויסן פאַרוואָס מען האָט מיך אייגנטלעך איינגעשפּאַרט, ווייל איך פיל מיך אין גאָרנישט שולדיק".

„דאָס איז דער אָרט ריידן פון אַלע פאַרברעכער. קודם כל פּרובירן זיי פאַרלייקענען זייער שולד. אָבער ביים געריכט וועט ער שוין דערגיין וועגן זיין פאַרברעכן און דאַן וועט שוין דאָס לייקענען ניט העלפן".

„מען וועט מיך שטעלן פאַר'ן געריכט? פאַרוואָס האָט מען דאָס שוין לאַנג ניט געטאָן, פאַרוואָס באַגראָבט מען מיך דאָ אַ לעבעדיקן און מען לאָזט מיך דאָ שמאַכטן שוין כמעט אַ גאַנצע וואָך צייט אין אומקלאָרקייט וועגן מיין שיקזאַל?"

„ער מיינט אין דער אמת'ן, אַז דער סענאַט און דער געהיימער געריכטס־הויף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכערס אין פּעטערבורג האָבן ניט קיין וויכטיקערע זאַכן וואָס צו טאָן, ווי צו מאַכן דעם פּראָצעס אַ אידן פון ווייסרוסלאַנד. אפשר איַלט עס אים אַזוי, די הערן דריקט עס אָבער גאָרניט און אויב ער וואָלט געווען קלוג, וואָלט ער אויך ניט אַזוי שטאַרק געוואָרט אויף דעם. ער וועט נאָך האָבן גענוג צייט צו הענגען אויף דער תלי'. אַחוץ דעם האָט ער קיין וואונטש ניט?"

דער רַב האָט געענטפערט, ניט אויפהויבנדיק דעם בליק, דורך צוויי טרערן, וועלכע די דאָזיקע ברוטאַליטעט האָט ביי אים אַרויסגעפּרעסט. ער האָט געקעמפט מיט זיך אַליין אויב ער זאָל דעם דאָזיקן פאַרשוין בעטן די

דערלויבעניש צו שרייבן. אָבער דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן נאָר אייניקע סעקונדן.

„מעג איך בעטן פּאַפּיר און טינט, איך זאָל קענען פאַרשרייבן דעם רעזולטאַט פון מיין שטודיום דאָ? דאָס וואָלט מיר געוועזן אַ גרויסע דער־לייכטערונג אין מיין לאַגע".

די דאָזיקע בקשה האָט אויף דעם שעף געמאַכט אַן אויסערגעוויינ־לעכן טיפן איינדרוק. דער מענטש, וועמען ער האָט אָקאָרשט פאַרויס־געזאָגט זיין עקזעקוציע, האָט קיין אַנדערן וואונטש ניט ווי פּאַפּיר און טינט! דאָס איז טאַקע אַ מערקווירדיקער מאַן. אין אַ פיל מילדערן טאָן, האָט דער שעף איצט אַ פרעג געטאָן דעם רַב:

„קען ער דען איבערהויפּט שרייבן, און וואָס וויל ער דען אייגנטלעך שרייבן?"

„ביי אונדז אידן קען יעדעס קינד לייענען און שרייבן, אויב אַפילו ניט די לאַנדשפּראַך, דאַן וויניקסטנס די הייליקע שפּראַך פון דער ביבל, וועלכע איז דער קעגנשטאַנד פון מיין שטודיום פון מיין פריסטער קינד־הייט אָן ביז׳ן היינטיקן טאָג. די געדאַנקען, וועלכע דער דאָזיקער שטודיום האָט דערוועקט אין מיר דאָ אין תפיסה, וואָלט איך זייער וועלן פאַר־שרייבן".

„איר קענט די ביבל? דאַן וואָלט איך אייך געשטעלט אַ פראַגע, וועלכע איך האָב שוין געפרעגט אייניקע פּאַפּן (גלחים) און ניט באַקומען דעם ריכ־טיקן ענטפער אויף איר. אויב איר וועט וויסן צו געבן מיר דעם ריכטיקן ענטפער, דאַן וועל איך אייך דערלויבן צו פאַרשרייבן אייערע געדאַנקען".

דער רַב האָט באַמערקט אַז דער שעף האָט איצט צום ערשטן מאָל צו אים גערעדט דירעקט און ניט ווי פריער אין דער דריטער פּערזאָן, „ער". דערפון האָט ער געזען ביי אים אַ מילדערע שטימונג און האָט געענט־פערט:

„איך בעט דעם הער צו פרעגן, אפשר וועט עס מיר זיין מעגלעך צו ענטפערן".

„ווען אדם האָט זיך באַהאַלטן, נאָכדעם ווי ער האָט געגעסן פון עץ הדעת, האָט אים ג־ט געפרעגט, וואו ביסטו? ווי איז דאָס מעגלעך אַז דער

אויבערשטער זאָל ניט וויסן וואו אדם איז? עס זאָגט דאָך בפירוש דער נביא: 'און ווען עס זאָל זיך עמעצער באַהאַלטן אין דער געהיימסטער פאַרבאָרגנקייט, וועל איך אים דען ניט זען'?"

ווידער האָט דער רַב שאַרף אַריינגעקוקט דעם פרעגער אין די אויגן. האָט ער פּאָרט געמאַכט אַ טעות? דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע ווייסט דאָך יעדער חדר־אינגל פון דעם וואָס רש"י דערקלערט אויף אַן אָרט. איז דער פרעגער טאַקע אַ משומד, וואָלט ער דאָך נאָך די פראַגע געמוזט וויסן פון דער חדר־באַנק, דאַן וואָלט ער דאָך געמוזט וויסן, אַז ער האָט דאָ איצט געפרעגט אַ צו געוויינלעכע פראַגע, כדי צו קענען דרינגען פון דעם ענטפער וועגן דער לומדות פון דעם ענטפערער. איז ער, הייסט עס, ניט קיין געבאָרענער איד... ניין, לויט דער גאַנצער האַלטונג פון שעף, לויט זיין בליק און די מינעס פון זיין פּנים, איז אינגאַנצן אויסגעשלאָסן דער געדאַנק, אַז ער איז אַ געבוירענער ניט־איד. דער רַב האָט באַשלאָסן אויסצוגעפינען דאָס אויף זיכער.

„די פראַגע", האָט דער רַב געענטפערט, „איז אַ גאַנץ שווערע; אָבער נאָר פאַר יענע, וועלכע קענען די ביבל בלויז פון דער איבערזעצונג. ווער עס פאַרשטייט אָבער די ביבל צו לעזן אין העברעאישן אָריגינאַל, דער ווייסט, אַז דאָס וואָרט 'אַיֶכָּה', וואָס דריקט אויס די פראַגע 'וואו ביסטו?' באַציט זיך ניט נאָר אויף דעם אָרט וואו ער געפינט זיך אינעם פיזישן זין. זי האָט דאָ איבערהויפּט ניט אַזוי די באַדייטונג פון אַ פראַגע, נאָר גיכער פון אַן אויסרוף און מיינט אַזוי ווי: וואו ביסטו פאַרקראָכן! אַ גאַנצע וועלט האָב איך דיר געגעבן צו באַהערשן און צו געניסן, נאָר איין איינציקן גענוס האָב איך דיר פאַרבאָטן, און גראַדע דעם האָט זיך דיר געגלוסט צו פאַרזוכן; וואו ביסטו מיט דער דאָזיקער גלוסטונג אַוועק, וואו ביסטו פאַרפירט געוואָרן, אויף וואָס פאַראַ טיפער מדרגה ביסטו אַראָפּגעזונקען, וואו ביסטו!

„דאָס איז די שטימע פון ג־ט, וועלכע לעבט אין יעדער מענטשלעך האַרץ, אַ שטימע, וועלכע דערוואַכט ביי יעדן באַגאַנגענעם אומרעכט און מאָנט און שרייט און רופט: ווי האָסטו אַזוי טיף געקענט זינקען! וואו ביסטו, וואו שטייסטו אין באַצוג צו די פאָדערונגען פון מאָראַל און גערעכטיקייט!

„די זעלבע שטימע, רעדט נאָך היינט צו יעדן מענטשן, זי דרינגט אַריין דורך גלאַנץ און פּראַכט, זי ווייזט אים אַן אויף זיין גלענצנדיקער פּאָזיציע אין לעבן, פאַר וועלכער ער איז דאָפּלט און דרייפאַכיק דאַנקשולדיק דעם

אויבערשטן, אָבער אַנשטאָט דעם, פאַרגרעבט זי אים און פאַרטעמפּט אין אים יעדעס געפיל פאַר עפּעס וואָס איז העכער און איידעלער.

„די שטימע פון ג־ט מאָנט ביי אים אַריינצוטראַכטן אין זיך, זי פאַר־פאָלגט אים טאָג און נאַכט און שטענדיק רעדט זי אַריין אין דער נשמה פון דעם אַלטן זינדיקער:

„דו ביסט איצט איין־און־זעכציק יאָר אַלט, וואָס האָסטו געטאָן פאַר דער אייביקייט, וועלכע גוטע טאָטן האָסטו אויפצואווייזן, וואו ביסטו, וואו האָלטסטו אין דער וועלט? דו האָסט פאַרלאָזן דעם גלויבן פון דיינע אבות, דו האָסט עס אַוועקגעוואָרפן צוליב אַ פאַרבלענדערישן שײַן און גלאַנץ, וועלכער האָט דיך פאַרלאָקט. טראַכסטו דען ניט וועגן דעם, אַז עס וועט קומען די שעה, ווען דו וועסט זיך דאַרפן פאַרענטפערן, וואו ביסטו?! ווילסטו זיך ניט צוריקקערן צו ג־ט, וועמעס שטימע — — —״

דער רַב האָט געמוזט איבעררייסן זייןריידן, ווייל זיין צוהערער, וועלכער איז געוואָרן שרעקלעך בלאַס, האָט אָנגעפאַנגען אַזוי צו ציטערן מיט׳ן גאַנצן קערפּער, אַז דער רַב האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט אַרונטערפאַלן פון זיין בענקל.

אַ פּאָר מינוטן האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. דער שעף האָט געפילט ווי דאָס, וואָס ער האָט ערשט געהערט, וואָלט אים געוואָרגן און געשטיקט אין האַלדז; עס איז אים ענג געוואָרן דער קראַגן, ער האָט נערוועז פונאַנדערגעעפנט דעם קראַגן פון זיין מונדיר און האָט קוים גע־קענט — ניט אויפהויבנדיק זיין בליק צום רַב — אַרויסברענגען די ווערטער:

„פון וואַנעט ווייסט איר אַז איך בין אַלט איין־און־זעכציק יאָר?״

„ווי קען איך דאָס וויסן, ווען איך זע דעם הער שעף איצט צום ערשטן מאָל! די צאָל איז מיר געקומען איבער די ליפּן, ווייל איך האָב טאַקע אַזוי דעם הער געשאַצט״.

„איר האָט ריכטיק געשאַצט. ווען אייערע בלויזע השערות זיינען אַזוי צוגעטראָפן, טאָ ווי מוז עס שוין זיין דאָס, וואָס איר ווייסט זיכער. אָבער אין דעם האָט איר אַ טעות, וואָס איר זאָגט מיר, אַז איך האָב אַוועק־געוואָרפן דעם גלויבן פון די אבות. דאָס האָב איך ניט געטאָן. שולדיק איז

פֿאַקטיש מיין פֿאָטער, וואָס האָט זיך גע'שמד'ט צוזאַמען מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע.איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען 6 יאָר, ווען מיר זיינען געטויפֿט געוואָרן אין דער קירך אין מאָסקווע. איך האָב שוין דאַמאָלסט געקענט לייענען העברעאיש, כ'האָב עס אָבער אין משך פֿון די יאָרן אין גאַנצן פֿאַר־געסן. ווי האָט איר אָבער געקענט וויסן אַז איך בין אַ געבאָרענער איד?״

„דער ערשטער בליק האָט עס מיר געזאָגט, און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איך האָב געהערט פֿון אייער מויל, האָט עס מיר באַשטעטיקט. קיין שום טויף־וואַסער האָט ניט דעם כח צו פֿאַרלעשן דעם פֿייער פֿון די אידישע אויגן און אַוועקצוואָשן די אידישע געזיכט־שטריכן. אויב איר זייט געטויפֿט געוואָרן נאָך אַלס קליין קינד, דאַן איז עס, פֿאַרשטייט זיך, אַ מילדערונג פֿאַר דער אָפּשאַצונג פֿון אייער פֿאַרברעכן. אָבער דער פֿאַקט אַז איר האָט פֿאַרלאָזן דעם גלויבן פֿון אייערע אבות, איז דאָך נאָך היינט אויך גילטיק און נאָכמער, איר האַלט עס אין איין אָפּוואַרפֿן טעגלעך, יעדע שעה און יעדע מינוט״.

דער שעף האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אָנגעקוקט דעם רַב, וועלכער האָט פֿאָרגעזעצט:

„די קריסטלעכע קירך קען אייך באַטראַכטן אַלס אַן איריקן, אָבער דאָס אידנטום לאָזט אייך ניט אָפּ. איר האָט געהאַט די פֿליכט, אַזוי גיך ווי איר זייט געוואָרן זעלבסטשטענדיק, צוריק איבערצוגיין צום אידנטום. אויב אין רוסלאַנד קומט דערפֿאַר טויט־שטראָף, האָט איר געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן רוס־לאַנד, כדי איר זאָלט קענען ווידער לעבן און שטאַרבן ווי אַ איד. איר מאַכט אַ גרויסן טעות, ווען איר רעדט זיך איין אַז איר זייט איצט ניט מער קיין איד. אייער בעסערער איך פּראָטעסטירט דאָך קעגן דעם, דערפֿאַר זייט איר געוואָרן אַזוי אויסער זיך, ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר האָט אַוועק־געוואָרפֿן דעם גלויבן פֿון אייערע אבות״.

„אָבער וואָס זאָל איך היינט טאָן״, האָט דער שעף אַרויסגעזאָגט מיט אַ טיפֿן קרעכץ, „איך קען זיך דאָך היינט ניט אָפּזאָגן פֿון מיין ראַנג און פֿון מיין הויכער שטעלע, פֿאַרלאָזן מיין פֿאַמיליע, אַוועקפֿאָרן פֿון רוסלאַנד און אַרומוואַנדערן ווי אַ בעטלער אין דער פֿרעמד?״

„דאָס קענט איר ניט?״ האָט דער רַב געענטפֿערט, „דאָס ווילט איר ניט! איר דאַרפֿט פֿריער וועלן כדי עס אויך צו קענען. איר זאָגט דאָך אַז איר

קענט די ביבל, דאַן מוזט איר דאָך וויסן, אַז זי פאַרפליכט אונדז צו ליבן ג־ט מיט׳ן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה און מיט׳ן גאַנצן פאַרמעגן. קוקט מיך אָן: ווי איך שטיי דאָ איצט פאַר אייך, בין איך אַן אָרעמער, שוצ־לאָזער געפאַנגענער, וועמעס לעבן עס איז אפשר צוגעמאָסטן נאָר נאָך אויף עטלעכע טעג. ווען איר וואָלט זיך מיט מיר געביטן, ווען איר וואָלט מיר אָפגעגעבן אייערע עפּאָלעטן און מעדאַלן, ווען איר וואָלט מיר אַפילו די פרייהייט אַליין געשאָנקען און איר וואָלט אַנשטאָט מיר געוואָלט שמאַכטן דאָ אין תפיסה, ניט וויסנדיק קיין זאַך וועגן דער צוקונפט, וואָלט איך אַזאַ אויסטויש מיט פאַראַכטונג צוריקגעוויזן. ווען איך וואָלט אין אַ שוואַכער שעה געוועזן פּעאיק אויף אַזאַ שענדלעכן אַקט, וואָלטן מיר אָבער שפּעטער די בושה, די חרטה און דער געוויסן פון מיין בעסערן איך ניט צוגעלאָזן צו זיין אַפילו אויף איין מינוט גליקלעך און צופרידן, איך וואָלט עס ניט געקענט אַריבערטראָגן״.

„און איר מיינט דאָס טאַקע ערנסט, איך זאָל פאָלגן אייער עצה און———״

„ניין, הער שעף, איר זאָלט ניט מיר, נאָר אייער בעסערן איך פאָלגן, וועלכער האָט אייך שוין געוויס גענוג אָפט געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איך האָב אייך געקענט זאָגן. פאַרטויבט נאָר ניט אין זיך די שטימע פון ג־ט, וועלכע רעדט און אַפּעלירט צו אייך, און איר וועט זיין אַ געראַטע־וועטער״.

„איך וועל מאָרגן ווידער קומען, רבי, איך קען דאָ איצט ניט בלייבן לענגער, כדי עס זאָל ניט ווערן צו אויפפאַלנדיק, ווייל איך האָב זיך נאָך קיין מאָל אַזוי לאַנג ניט אויפגעהאַלטן אין אַ צעל פון אַן אַרעסטאַנט״. דער־ביי האָט ער דעם רַב געגעבן די האַנט און האָט אים געבעטן אַ ברכה.

„מיין ברכה?״, האָט דער רַב געזאָגט, „איר וואָלט גיכער געקענט באַ־קומען מיין לעבן איידער מיין ברכה. אַזוי לאַנג ווי איר אַליין קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון דעם קוואַל, פון וועלכן עס פליסט מיין ברכה, האָב איך פאַר אייך קיין ברכה ניט און אַזוי גיך ווי איר וועט זיך צוריקקערן צום אידנטום, דאַרפט איר מער מיין ברכה ניט, ווייל איר וועט עס קענען אַליין שעפּן פון דעם זעלביקן קוואַל, וועלכער שטייט אָפן פאַר יעדערן, וועל־כער ווענדעט זיך נאָר צו אים״.

ווען דער שעף האָט פאַרלאָזן די צעל, האָט ער אָנגעטראָפן דעם וועכ־טער, וועלכער האָט שוין אויסגעטייטשט דעם לאַנגן באַזוך אויף זיין אייגע־נעם שטייגער.

„גיט דעם געפאַנגענעם ברוכאָוויטש פּאַפּיר און טינט, אויב ער וועט עס פאַרלאַנגען".

„און וואָס איז וועגן עסן?" האָט דער וועכטער געפרעגט.

וועגן דעם האָט דער שעף געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן; אַזוי אָבער ווי אַזאַ הויכער באַאַמטער טאָר דאָך גאָרנישט פאַרגעסן, האָט ער בייז אַ געשריי געטאָן צום וועכטער:

„דאָס איז ניט זיין זאַך; דאָס פעלט אונדז נאָך אויך, אַז מיר זאָלן נאָך צווינגען אונדזערע פאַרברעכער צו עסן? איבעריקנס, איך וועל מאָרגן ווידער קומען אַהער און ווען דער געפאַנגענער וועט דאַן האָבן באַרעכ־טיקטע פאַרלאַנגען וועגן דעם, דאַן זאָל ער עס מיר אַליין זאָגן".

י

„צוויי און אַ האַלב אידן״..

אויף מאָרגן, פונקט אין דער זעלביקער שעה, איז קאָלאָנעל דונדוקאָוו ווידער געקומען. ער האָט געטראָפן דעם רב שרייבנדיק און ער האָט זיך זייער געפריידט, וואָס ער האָט אים געקענט ווייניקסטנס דערפילן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג.

„צוליב דער אויפרעגונג, וואָס אונדזער נעכטיקער געשפרעך האָט ביי מיר אַרויסגערופן״, האָט דער שעף געזאָגט, „האָב איך פאַרגעסן וועגן עטלעכע גאָר וויכטיקע פונקטן. דערפאַר האָב איך מיר געמאַכט אייניקע נאָטיצן״.

דערביי האָט ער אַרויסגעצויגן אַ צעטעלע פון זיין בוזעם־קעשענע און געזאָגט:

„מען דערציילט מיר, אַז איר האָט דאָ ביז היינט נאָך גאָרנישט געגעסן. ווייסט איר, אַז מיר האָבן דאָס רעכט און אַפילו די פליכט אייך אַריינצושטופן מיט געוואַלד דאָס עסן אין מויל אַריין? מען נעמט אָן אַז איר עסט ניט דערפאַר, כדי צו ברענגען דורכדעם אויף זיך דעם טויט, כדי ניט געשטעלט צו ווערן אין דער לאַגע, וואו איר וועט זיך מוזן מודה זיין אין אייער שולד; איז דאָס טאַקע אַזוי?״

דער רב האָט געענטפערט: „איך האָב געמיינט אַז דער היינטיקער באַזוך פון דעם ה׳ שעף איז צוליב דער פאָרזעצונג פון אונדזער נעכטיקן שמועס און כ׳האָב שוין אַפילו געהאָפט, אַז איר האָט שוין דערוויילע געזוכט און אפשר אויך געפונען מיטלען און וועגן ווי זיך צוריקצוקערן צו אייער רעליגיע — און איצט רעדט איר גאָר פון עסן און טרינקען, דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסע אַנטוישונג״.

„מיר וועלן באַלד צוריקקומען אויף צו דעם, אָבער נאָך וויכטיקער פון מיין צוקונפט איז אייער קעגנוואַרט, דאָס דערהאַלטן אייער לעבן. האָט

דאָך צוטרוי צו מיר און זאָגט מיר פּאַרוואָס איר נעמט דאָ ניט קיין שפּייז און קיין געטראַנק? איר באַגייט דאָך זעלבסטמאָרד דורך אייער הונגערן, און איר פאַרשפּילט דורכדעם אייער עולם הבא".

„איך עס דאָ גאָרנישט נאָר צוליב דעם, ווייל איך קען דאָ ניט באַקומען אַזעלכע שפּייזן, וועלכע זאָלן זיין צוגעגרייט לויט דעם דין פון דער אידישער רעליגיע. ווען איך וואָלט אַזעלכע שפּייזן יאָ געקענט באַקומען, וואָלט איך זיי גערן אָנגענומען".

„אָבער דאָס איז דאָך אין גאַנצן אויסגעשלאָסן; איר שרעקט זיך גאָר ניט אָפּ פאַר אַ הונגער־טויט און פאַר דעם פאַרלוסט פון אייער חלק אין עולם הבא?"

„איך דערפיל דעם געזעץ פון מיין ג־ט ניט מיט דער אויסרעכענונג אויף אַ צייטווייליקער אָדער אַן אייביקער באַלוינונג, נאָר מער ניט צוליב דעם, ווייל ג־ט האָט עס געבאָטן. אויב איך וואָלט געקענט באַקומען עולם הבא נאָר דורכ'ן עובר זיין אויף ג־ט'ס געבאָטן, וואָלט איך דאַן מיט פרייד מוותר געווען אויף דעם. אַז איך האָב, אַגב, גאָר ניט די כוונה זיך צו פאַרהונגערן, קען מען דאָך קלאָר און דייטלעך זען דערפון, וואָס איך האָב ביז היינט יעדן טאָג עפּעס געגעסן פון מיין ברויט מיט וואַסער. אין צוויי טעג אַרום וועט שוין מיין ברויט זיך ענדיקן מסתמא".

„און וואָס טראַכט איר נאָכדעם צו טאָן?"

„איך לעב מיט דער זיכערער האָפענונג, אַז ג־ט וועט מיר העלפן צו דערהאַלטן מיין לעבן; ער האָט מיר דאָך שוין געשיקט אַ שליח אין אייער פּערזענלעכקייט, וועלכער — ווי איך אָנערקען מיט'ן גרעסטן דאַנק — איז גרייט, צו פאַרלייכטערן מיין שווערן מצב".

„יאָ, אין דעם מעגט איר זיין זיכער, אָבער וואָס קען איך פאַר אייך טאָן אין דער זאַך? איך קען דאָך אַהער ניט שיקן אַ איד, ער זאָל אייך ברענגען עסן? פאַר אידן איז דער צוטריט אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג איבערהויפּט פאַרבאָטן".

דער רַב האָט געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט.

„איר לאַכט?" האָט דער שעף געפרעגט. „איך געפין אייער לאַגע זייער ערנסט און ס'איז דערביי איבערהויפּט נישטאָ וועגן וואָס צו לאַכן".

„ניט וועגן מיין לאַגע לאַך איך — איך ווייס זייער גוט אַז זי איז ערנסט גענוג — אָבער די ווערטער פון הער שעף האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ שמייכל. איר זאָגט, אַז פּאַר די אידן איז דער צוטריט אין דער פּעטראַ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג שטרענג פאַרבאָטן, און איר פאַרגעסט דערביי, אַז צוויי אידן אונטערהאַלטן זיך איצט גראַדע אין דער פּעטראַ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג".

„וויניקסטנס אַנדערהאַלבן", האָט געענטפערט דער שעף, אויך שמייכלענדיק.

„עס ליגט אין גאַנצן אין אייער האַנט, אַז עס זאָלן זיך דאָ איצט געפינען ניט אַנדערהאַלבן, נאָר אַפילו צוויי און אַ האַלב אידן. אונדזערע חכמים לערנען אונדז, אַז אַ בעל תשובה איז גרעסער ווי אַ צדיק גמור".

„צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן", האָט ערנסט געענטפערט דער שעף, „אָבער נאָר מיט דעם באַדינג, אַז איר זאָלט אָננעמען שפּייז און געטראַנק. ווי דענקט איר, וואָלט מען דאָס געקענט דערמעגלעכן?"

„די צוויי זאַכן קענען דורכגעפירט ווערן נאָר אין דעם פאָלגנדיקן סדר, ווי איך וועל אייך דאָ פאָרשלאָגן. דאָס איז קלאָר, אַז אַ איד וועט מיר דאָ אויף אַ פּשוט'ן וועג קיין עסן ניט קענען ברענגען. אָבער אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין און טאָקע באמת זאָרגן פּאַר מיינע קערפּערלעכע באַדערפענישן, דאַן קענט איר מיר אַליין די שפּייזן איבערגעבן. איר באַזיצט אָבער די נייטיקע רעליגיעזע געוויסנהאַפטיקייט דערצו נאָר דאַן, ווען איר האָט וויניקסטנס אָנגענומען דעם פעסטן באַשלוס איבערצורייסן מיט אייער איצטיקן לעבן, כדי מיט אַ ריינער כוונה זיך צוריקצוקערן צום אידנטום. איך וואָלט דעם דאָזיקן ערנסטן געדאַנק אייערן פאַררעכנט ווי אַ פאַרווירקלעכונג, אויב עס קען נאָך אַפילו ניט גלייך פאַרווירקלעכט ווערן. אויף דעם אופן קענט איר מיך אויסהיטן פון פאַרהונגערונג און זיך אַליין — פון דער שרעקלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע ליגט אויף אייך".

„און וואָס זאָל איך טאָן?" האָט דער שעף אומרואיק געפרעגט.

„איר מוזט זיך צוריקקערן צום אידנטום! דער וועג צום אידנטום ווערט געפירט דורך ג־ט'ס געזעץ. מיט דעם מוזט איר זיך באַקענען: איר מוזט זען צו באַקומען אַ אידישן לערער און זיך פון אים לאָזן לערנען וועגן אַלץ וואָס אונדז אידן איז געבאָטן און פאַרבאָטן און לויט דעם זיך אויפפירן. דאָס פאַ־

מיליעז־לעבן, וואָס איר פירט איז ניט אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פון דער תורה, איר מוזט — — —"

„מיין פרוי איז מיט דריי יאָר צוריק געשטאָרבן", האָט דער שעף אונטערבראָכן.

„דאָס וועט אייער צוריקקער שטאַרק פאַרלייכטערן", האָט דער רַב געזאָגט. „אייערע קינדער געהערן, אין אַזאַ פאַל ווי ביי אייך, צום קריסטנטום, צו דער רעליגיע פון זייער מוטער.

„אויב איר האָט ניט גענוג מוט און קוראַזש אויפצוגעבן אייער פּאָסטן און צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, מוזט איר אָבער אייער גאַנצן לעבן איינאָרדענען און פירן לויט די געזעצן פון דער אידישער אמונה. איר מוזט היטן כשרות, שבת, קורץ, אַלץ וואָס איר טוט און ביי יעדער געלעגנהייט מוזט איר לעבן ווי אַ איד. ס'פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע, ווען מען נעמט עס איבער ערשט אין 61טן יאָר און בפרט ווען איר ווילט עס נאָך טאָן אין געהיים; וועגן דעם דאַרפט איר נאָר קיין טעות ניט מאַכן".

דער שעף האָט געשוויגן, זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. דער רַב האָט פאָרגעזעצט:

„ווי שווער די אויפגאַבע זאָל ניט זיין, פונקט אַזוי גרויס און נאָך פיל גרעסער וועט אָבער דערפאַר זיין אייער זיג איבער זיך אַליין. איין איינציקער געפאַסטער באַשלוס ביי דעם מאָמענט, וועט אַנטשיידן איבער אייער שיקזאַל. דאָס מענטשלעך לעבן געדויערט, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים, אין גאַנצן 70 יאָר, העכסטנס — 80. אין די יאָרן וואָס זיינען אייך נאָך פאַרבליבן, קענט איר ווידער גוט מאַכן דאָס, וואָס איר האָט פאַרפעלט אין משך פון די גאַנצע 61 יאָר".

„דאָ האָט איר מיין האַנט", האָט אים דער שעף אונטערבראָכן, „איך וועל פאָלגן אייער עצה און ווערן צוריק אַ איד, ווי שווער דאָס זאָל מיר ניט פאַלן".

„געלויבט איז ג־ט!" האָט דער רַב אויסגערופן און זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט פאַר גליק און פרייד. „איר האָט גאָר קיין אַנונג ניט וואָס פאַראַ גרויסע זאַך איר האָט מיר געטאָן דורך אייער דאָזיקן העלדישן באַ־

שלום. ווי איר זעט, בין איך דאָ איינגעשפּאַרט, ניט ווייסנדיק אַפילו פאַר־וואָס. ווי ס'ווייזט אויס איז עס אַ גרויסער פאַרברעכן, אין וועלכן מען באַשולדיקט מיך. אין משך פון מיין געפאַנגענשאַפט האָב איך זיך פיל מאָל געפרעגט, וואָס קען זיין די כוונה פון דעם אויבערשטן, אַז ער האָט מיר באַשערט אַזאַ טרויעריקן שיקזאַל. איצט זע איך שוין קלאָר. אונדזערע חכמים זאָגן: 'כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קים עולם מלא' — 'ווער עס האַלט אויף דאָס לעבן פון איין אידן, איז פּונקט ווי ער וואָלט אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע וועלט'. ווען מיין אַרעסט זאָל אַפילו אויסער דעם מער קיין פּאַלגן ניט האָבן, נאָר בלויז דאָס, וואָס איך האָב אייך, הער שעף, צוריקגעבראַכט צו אייער ג־ט, צו אייער פאָלק, און צו אייער גלויבן, דאַן וואָלטן מיינע איצטיקעליידן, די ליידן פון מיין פאַמיליע און פון די פיל טויזנטער חסידים, שוין דערמיט אַליין פאַרגיטיקט זיין. ווען ג־ט מאַכט איינעם אַלס אַ שליח פאַר אַזאַ וויכטיקער האַנדלונג, דאַן שטאַרקט עס דאָך זיין האָפענונג, אַז דער אויבערשטער וועט אים אויך ווייטער העלפן; און פאַר דער דאָזיקער האָפענונג, וועלכע איר, הער שעף, האָט אין מיר אויף ס'ניי באַלעבט, זאָג איך אייך אַ האַרציקן דאַנק".

„איר מאַכט מיך גליקלעך, רבי, וואָס איר זעט אין מיר אַ ווערקצייג אין די הענט פון ג־ט, און אַז דאָס גיט אייך מוט און נייע האָפענונגען. אָבער איך האַלט מיך פונדעסטוועגן פאַרפליכטעט, אייך צו וואָרענען פאַר אומ־זיסטע האָפענונגען. איך בין ניט קיין מיטגליד פון געריכט'ס־הויף, פאַר וועלכן איר וועט זיך דאַרפן פאַרענטפערן און כ'ווייס אויך ניט אין וואָס איר זייט אָנגעקלאָגט געוואָרן. איך האָב די לעצטע פיר־און־צוואַנציק שעה זיך שטאַרק באַמיט אויסצוגעפינען עפּעס וועגן דעם; ס'איז מיר אָבער ניט געלונגען. פון דעם וואָס מען האַלט אַזוי שטאַרק אין געהיים וועגן אייער פּראָצעס, זע איך אַז עס האַנדלט זיך דאָ זיכער וועגן אַ שווערן פאַרברעכן פון העכסטן פאַרראַט אָדער ד. גל. דאָס איינציקע וואָס איך האָב געקענט דערגיין איז, אַז דער קייסער פּערזענלעך איז שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין אייער פּראָצעס. ס'איז זייער מעגלעך אַז איר זייט אויף זיין אייגענעם באַפעל אויך אַרעסטירט געוואָרן. אויב דער קייסער איז באַ־איינפלוסט געוואָרן פון פאַלשע עדות, דאַן זיינען זיכער אויך די ריכטער, אָן זייער וויסן אָדער ווילן, ניט גינסטיק באַאיינפלוסט קעגן אייך. אייער באַפרייאונג וועט זיך ווענדן בלויז אָן דער שטעלונג פון קייסער אַליין. דערפאַר לאָמיר זיך בעסער ניט פאַרלאָזן אויף קיין פאַלשע האָפענונגען".

„לב מלכים ושרים ביד ה׳ — דאָס האַרץ פון מלכים ליגט אין ג־ט׳ס האַנט״, האָט דער רַב געענטפערט. „אויב איר וועט נאָר בלייבן פעסט ביי אייער באַשלוס זיך צוריקצוקערן צום אידנטום, דאַן בין איך אַ שליח מצוה, וועמען, לויט חז״ל, ס׳קען קיין אומגליק ניט געשען (׳שלוחי מצוה אינן ניזוקין׳)״ און דאַן האָט ער צוגעגעבן: „לישועתך קויתי ה׳ — אויף דיין הילף האָף איך, אַ ג־ט!״

דער שעף איז זייער נתפעל געוואָרן פון דער איידלקייט פון דעם גרויסן מענטש, וועלכער האָט צוליב דער גייסטיקער רעטונג פון אַ פרעמדן משומד, פאַרגעסן אָן זיין אייגענער לעבנס־געפאַר, און וועלכער ער האָט זיך געפונען, און וועלכער האָט בעסער געוואָלט אַליין פאַר־הונגערט ווערן, איידער אָן אַנדערן צו לאָזן גייסטיק אונטערגיין. צוליב אָט דער מסירת נפש׳דיקער האַנדלונג פון רַב, האָט דער שעף געפונען פאַר נייטיק אים ווידער צו דערמאָנען וועגן זיך אַליין.

„און ווי דענקט איר איצט זאָל מען זאָרגן וועגן אייער דערנערונג?״

„ווען דער הער שעף וויל אַזוי גוט זיין זיך באַמיען דערפאַר, וואָלט דאָס איינפאַכסטע געווען זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די אידן, וועלכע וואוינען דאַ, זיך לאָזן עפּעס געבן פון אים פאַר מיר און דאַן עס אַליין ברענגען צו מיר. אויב די שפייז וועט ניט דאַרפן דורכגיין דורך די הענט פון אַ דריטן, וועל איך עס גערן אָננעמען״.

„און וועלכע שפייז ווילט איר?״

„ווי איך קען מיין נאַטור, וועט פאַר מיין אָפּגעשוואַכטן מאָגן, דורך דער פיל־טאָגיקער שוואַכער נארונג, זיין דאָס בעסטע אַביסל פרוכט־איינגעמאַכטס און עטוואָס ברויט דערצו; מער וויל איך דערווייל גאָר־נישט״.

„איך קען דאָ אַפילו ניט קיין איין איינציקן איד און איך מוז זען וואָס איך קען טאָן צו אויסגעפינען, אַז עס זאָל דערביי ניט אויסזען אויפ־פאַלנדיק״, האָט דער שעף אַ זאָג געטאָן.

„אין פעטערבורג וואוינען שטענדיק נאָר דריי אידישע פאַמיליעס. צווישן זיי איז די פאַמיליע פון מרדכי ליעפּלער, וועלכער האָט פיל געשעפטלעכע פאַרבינדונגען אין די היגע העכערע קרייזן. מיט אים בין

איך זייער גוט באַפריינדעט און ער וועט זיך שעצן גליקלעך צו קענען זאָרגן פאַר מיין דערנערונג פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין געפאַנגענ־שאַפט״.

„איך דערמאַן זיך אַז איך האָב שוין דעם דאָזיקן נאָמען אַמאָל געהערט. מען האָט מיר אים געשילדערט אַלס זייער אַ פאַרלעסלעכן ערעמאַן. איך וויל זען נאָך היינט זיך צו שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג, כדי איך זאָל אייך שוין מאָרגן קענען ברענגען דאָס וואָס איר פאַרלאַנגט. אָבער אַז די שפייזן זיינען פאַר אייך, טאָר ער בשום אופן ניט דערגיין. דאָס קען מיר קאָסטן מיין שטעלע און אפשר אויך מיין קאָפּ״.

„פאַר דער ערלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט פון ר׳ מרדכי ליעפּלער גאַראַנטיר איך אייך מיט מיין לעבן. עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ געוואַלדיקע דערלייכטערונג, ווען ער זאָל דורך אייך זיך דערוויסן, אַז איך געפין זיך דאָ און אַז איך לעב נאָך. אָדער ווען דאָס וואָלט געקענט אויף אַן אַנדער אופן מיטגעטיילט ווערן מיין פאַמיליע. טראַכט זיך אַריין אין מיין לאַגע: מיין פרוי און קינדער ווייסן ניט וואו איך געפין זיך, אויב איך געפין זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע אָדער כ׳בין שוין טויט. ווען זיי וואָלטן נאָר געוואוסט אַז איך לעב נאָך! קורץ איידער מען האָט מיך פון דער היים אַוועקגעפירט, האָב איך געבעטן מיין שוואָגער, אַז ער זאָל גלייך פאָרן קיין פעטערבורג: ער איז אַן צווייפל דאָ; וואָלט עס ניט געווען מעגלעך אים מיטצוטיילן, אַז איך געפין זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע און אַז ג־ט׳ס גנאָד האָט מיך אויך אין דער תפיסה ניט פאַרלאָזן?״

„וואָס פאַלט אייך איין״, האָט זיך אָפּגערופן דער שעף, „ווי קענט איר גאָר וועגן דעם טראַכטן, די דערפילונג פון אַזאַ וואונטש איז אין גאַנצן אוממעגלעך, ווייניקסטנס דערווייל. דאָס מוזט איר דאָך מיט אייער טיפער חכמה אַליין איינזען. וואָס אייער פאַמיליע ווייס, וועלן וויסן עטלעכע טעג שפּעטער הונדערטער און טויזנטער אַנדערע, דאָס וועלן דערפאַרן אייערע פיינד, וועלכע איר מוזט דאָך זיכער האָבן, אַניט וואָלט איר דאָך איצט דאָ ניט געווען. זיי וועלן שוין אויך זאָרגן דערפאַר אַז מען זאָל זיך גלייך וועגן דעם דערוויסן אין די העכערע ערטער, וואו מען לייגט גרויס געוויכט אויף דער געהיים־האַלטונג פון אייער מצב. מען וועט פעסטשטעלן, אַז איר האָט מיט קיינעם ניט פאַרקערט אויסער מיט דעם וועכטער און מיט מיר, און די קאָנסעקווענצן דערפון דאַרף איך אייך דאָך שוין ניט שילדערן״. —

דער רַב האָט עטלעכע מינוטן געשוויגן און דאַן אַ זאָג געטאָן:

„איך זע איין אַז איר זייט פון אייער שטאַנדפּונקט אַבסאָלוט גערעכט און איך זאָג זיך דערפאַר אָפּ פון מיין פאַרלאַנג. איך פאַרלאָז זיך אָבער אויף אייער פריינדלעכקייט, אַז אַזוי גיך ווי די דערפילונג פון דעם דאָזיקן וואונטש וועט זיך לאָזן דורכפירן אָן געפאַר פאַר אייך, וועט איר עס מיר טאָן".

„אין דעם מעגט איר זיין פעסט איבערצייגט. כדי עס זאָל דעם וועכטער ניט אויפפאַלן מיין לאַנגער אויפהאַלטן זיך ביי אייך, מוז איך איצט שוין גיין. איך דאַרף נאָך מיט אייך עפּעס ריידן, וואָס איז נוגע אייך און אויך מיר פּערזענלעך, אָבער איך מוז דאָס שוין איבערלאָזן אויף מיין מאָרגנדיקן באַזוך".

„איך דאַנק אייך", האָט דער רַב געזאָגט, „היינט גיב איך אייך גערן מיין ברכה, וועלכע איך האָב נעכטן נאָך געמוזט צוריקהאַלטן פון אייך".

דער רַב האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפ'ן קאָפּ פונעם שעף און האָט אים געבענטשט. דאַן האָבן זיי זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ שטומען, האַרציקן האַנטדרוק.

יא
דער פֿאַרהער

דעם פֿאָלגנדיקן טאָג האָט זיך שוין קאָלאָנעל דונדוקאָוו גאַנץ פֿרי גע־פֿונען אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. כּדי ניט אַרויסצורופֿן קיין חשדים ביים וועכטער, האָט ער פֿריער באַזוכט אייניקע אַנדערע אַרעס־טאַנטן און ערשט אַ שעה שפּעטער איז ער אַריין אין צעל פֿון רבֿ. פֿון אַ קעשענע פֿון זיין גרויסן סאָלדאַטישן מאַנטל האָט ער אַרויסגענומען אַ פֿאַרזיגלטע בלעכענע פּושקע און אַ פֿרישע חלה און עס דערלאַנגט דעם רבֿ.

„דאָס איז פֿון ה׳ ליעפּלער, וועלכער האָט אָנגעבאָטן אייך צו פֿאַר־זאָרגן מיט שפּייז די גאַנצע צייט פֿון אייער געפֿאַנגענשאַפֿט. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן דעם נאָמען פֿון דעם געפֿאַנגענעם, אַ פֿאַרלאַנג, וועלכן איך האָב אים ניט געקענט דערפֿילן. און איצט, עסט עפּעס איידער מיר וועלן ווייטער ריידן. איר מוזט דאָך זיין זייער הונגעריק; איך וויל אייך נאָכדעם באַריכטן עטלעכע וויכטיקע זאַכן“.

„אַ האַרציקן דאַנק אייך פֿאַר אייער גוטסקייט, ג־ט זאָל אייך פֿאַר דעם באַלוינען. אָבער איך בעט אייך זייער גלייך אָנצופֿאַנגען מיט אייערע באַ־ריכטן, ווייל אייער צייט איז דאָך זיכער באַשרענקט; איך וועל עסן פֿיל רואיקער, ווען איך וועל עס אָפּלייגן ביז נאָך אייער באַזוך“.

„זייט נאָר פֿאַרזיכטיק אַז דער וועכטער זאָל גאָרנישט באַמערקן פֿון אונדזער קאָנטרעבאַנדע, וועלכע מיר האָבן דאָ אַריינגעשמוגלט. די פּושקע וועט איר מיר נאָכ׳ן עסן צוריקגעבן, כּדי זי זאָל אונדז ניט פֿאַרראַטן. לאָזט זיך אויך געבן אַביסל טיי מיט ברויט פֿונעם וועכטער, ד. ה. איך וועל עס אים אַליין אָנזאָגן, כּדי איר זאָלט דורך אייער ניט עסן ניט אַרויסרופֿן קיין שום פֿאַרדאַכט; און איצט צו דער זאַך:“

דער שעף האָט זיך נענטער צוגערוקט צום געפֿאַנגענעם און האָט גערעדט גאַנץ שטיל.

„איך האָב אויסגעפונען אַז איר ווער היינט נאָכמיטאָג געשטעלט ווערן פאַר׳ן געריכט. מען באַשולדיקט אייך אין פּאָליטישע אַקטיוויטעטן קעגן דער רעגירונג. איר זאָלט זיין דער מנהיג פון אַ חברה, וועלכע מען רופט די „קאַרלינער״*. די דאָזיקע חברה, זאָל זיך האָבן אָפּגעטיילט פון די אַנ־דערע אידן דורך דעם אופן פון זייערע תּפילות און דורך נאָך פיל אַנדערע איינצלהייטן. די אייגנאַרטיקייט פון אַט דער חברה איז פאַרבונדן מיט אַ מאַן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער רעפאָרמאַטאָר, זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן״.

„האָט ער אפשר געהייסן רבי ישראל בעל שם טוב?״ האָט דער רַב גע־פרעגט.

„יאָ, ריכטיק, בעל שם, אַזוי האָט ער געהייסן״, האָט דער שעף געענט־פערט. „אויך די שריפטן פון דעם דאָזיקן מאַן און אייערע אייגענע שריפטן ליגן אין געריכטס־הויף: עס זאָלן זיך דאָרטן געפינען פיל שטעלן, וועלכע באַווייזן כּלומר׳שט קלאָר אייערע געפערלעכע איינשטעלונגען קעגן דער מלוכה. דאָס אַלץ אינטערעסירט דער רעגירונג נאָר צוליבן פאָלגנדיקן גרונד: די אידן האָבן בּיז אַהער אין אַלגעמיין געגאָלטן אַלס לאָיאַלע, טרייע אונטערטאַנען פון צאַר, און מען האָט עס גאָר ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז מען וועט זיך צווישן אייך אָנשטויסן אויף אַנטי־מאָנאַרכישע, פיינד־לעכע פאַרבינדונגען קעגן פאָטערלאַנד. דערפאַר האָבן אייערע קעגנער זיך געאיילט צו קומען מיט דעם באַווייז, אַז איר זייט אייגנטלעך גאָר ניט קיין ריכטיקער איד מער, אַז איר האָט זיך אויך, אין רעליגיעזער הינזיכט, אָפּגע־זאָגט פון כּלל ישראל און דעריבער, הייסט עס, דאַרף אייך אייער אידיש־קייט ניט אָפּהאַלטן פון פאַרבינדן זיך קעגן דער רעגירונג. באַזונדערס האָט מען אויפגעוויזן, אַז איר האָט געהיימע פאַרבינדונגען מיט די טערקן און אַז איר שיקט יעדעס יאָר גרויסע סומעס געלט צו טערקיי. דאָס איז אין אַלגע־מיינע שטריכן וואָס איך האָב געהערט. מען וועט אייך אַלץ איינציקווייז פאָרהאַלטן און איר וועט זיך דאַרפן פאַרטיידיקן״.

דער רַב האָט עטלעכע מינוטן געשוויגן, דאַן האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם שעף:

*) מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען דאַמאָלסט באַצייכנט די אָנהענגער פון חסידות, וויל אין דער שטאָט קאַרלין זיינען זיי געווען קאָנצענטרירט אין אַ גרויסער צאָל.

„גלויבט איר אין די אַלע שרעקלעכע פאַרברעכנס און האַלט איר מיך פּעאיק אויף דעם?"

„לויט דעם ווי איך האָב זיך אין דער קורצער צייט מיט אייך באַ־קענט", האָט געענטפערט דער שעף דונדוקאָוו, „לויט דעם ווי איך קען אייך און שעץ אייך, האַלט איך דאָס פאַר אַ שקר־בלבול פון אייערע בייזע שונאים. אָבער מיין מיינונג שפּילט דאָ ניט קיין ראָלע, עס ווענדט זיך אַלץ אָן די ריכטערס און זיי קענען אייך ניט. זיי וועלן אויך מסתמא ניט האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אייך אַזוי גוט, ווי איך האָב געהאַט דאָס גליק.

אפשר וועט זיך מיר איינגעבן אין משך פון דער אונטערזוכונג צו כאַפּן אַ שמועס מיט איינעם אָדער מיט אַ צווייטן פון די ריכטערס, כדי אים צו באַאיינפלוסן גינסטיק פאַר אייך, אָדער ריכטיקער געזאָגט — פאַר'ן אמת; יעדנפאַלס מיין גוטער ווילן וועט מיר דערביי ניט פעלן, אין דעם מעגט איר זיין איבערצייגט".

„אין דעם בין איך זיכער", האָט געענטפערט דער רבֿ. „און איך דאַנק אייך פון מיין טיפן האַרצן פאַר אייער ביז־איצטיקער גוטסקייט. איר קענט זיין העכסט איבערצייגט, אַז דער אויבערשטער וועט אייך באַלוינען פאַר אַל־דאָס־גוטס וואָס איר טוט מיט מיר".

„ער האָט מיר שוין אין פאָרויס באַלוינט, מיט דעם, וואָס ער האָט מיך מיט אייך צוזאַמענגעפירט; איך קען זיך דאָ איצט ניט אויפהאַלטן לענגער. מאָרגן וועל איך ווידער קומען און זיך לאָזן פון אייך באַריכטן וואָס פאַראַ איינדרוק די ריכטערס האָבן געמאַכט אויף אייך. אפשר וועל איך ביז דאַן אויך דערגיין וואָס פאַר אַן איינדרוק איר האָט איבערגעלאָזן אויף זיי. ג־ט, ווען איר זייט אַזאַ געטרייער דינער, זאָל אייך מיט זיין גנאָד באַשיצן, ווי ער האָט באַשיצט דניאל'ן אין לייבנגרוב און אפשר נאָך אַביסל מער. ווייל עס זיינען פאַראַן ריכטערס, וועלכע איך האַלט פאַר נאָך געפערלעכער ווי אַ גאַנצע סטײַע לייבן. וועגן לייבן זאָגט מען, אַז זיי באַפאַלן ניט קיין מענטשן אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען זאַט. אָבער מיר האָבן ליידער אַ גרויסע צאָל ריכטערס, וועלכע ווערן קיין מאָל נישט זאַט. מען מעג עס רויק זאָגן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, נאָך דעם ווי די קייסערינע קאַטערינאַ האָט אַרויסגעגעבן איר אוקאַז (דעקרעט) קעגן אונטערקויפן די ריכטערס. איך מיין אַז דאָס איז איינע פון די סיבות פאַרוואָס דער קייסער האַלט אייער

פּראַצעס אַזוי שטרענג אין געהיים. דורכדעם וואָס קיינער ווייסט ניט וואו איר געפינט זיך און פאַר וועלכן געריכטס־קאָלעגיום איר וועט ווערן גע׳משפּט, איז שוין אָוועקגענומען פון אייערע פריינד די מעגלעכקייט צו געווינען די ריכטערס דורך געלט, אַפילו ווען דער ווילן און די מיטלען דערצו וואָלטן געווען. און איצט עסט עפּעס, כדי איר זאָלט קענען היינט נאָכמיטאָג מיט פרישע כחות אויפטרעטן פאַר די ריכטערס״.

ווען דונדוקאָוו האָט פאַרלאָזן די צעל, האָט דער רַב גענומען זיין תהלים און האָט געגעבן אַ שבח צו ג־ט פאַר זיין חסד, דורך די הערלעכע מזמורים פון דעם קעניגלעכן משורר. דאַן האָט ער עפּעס געגעסן פון די פּרוכטן מיט חלה און מיט אָפּגעפרישטע כחות האָט ער געוואַרט אויף דער שעה, אין וועלכער ער וועט ענדלעך געשטעלט ווערן פאַר די ריכטערס.

מיט אַ שטראַלנדיק פּנים פאַר פרייד האָט אים דאַן דער וועכטער אַריינגעבראַכט טיי מיט ברויט; ער איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס עס איז דעם שעף ענדלעך געלונגען אים צו באַווירקן אָנצונעמען שפּייז. דער אינטערעס און מיטגעפיל פון דעם דאָזיקן מענטשן, האָט דעם רַב פאַר־שאַפט אַ דאָפּלטן נחת־רוח; נאָך מער ווי די אויסערגעוויינלעכע ליבלעכע צוגעלאָזנקייט פונעם שעף. דעם לעצטן האָט דאָך דער רב אַרויסגעוויזן אַ קעגנדינסט, וואָס האָט אַריבערגעוואויגן אַלץ וואָס דער שעף האָט אים גע־קענט אָנטקעגנברענגען אין זיין גוט־וויליקער זאָרג פאַר אים. אָבער די געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פונעם וועכטער איז געקומען אָן וועל־כער עס איז קעגן־טובה; נאָר אויסשליסלעך אַלס אַ תוצאה פון זיין אויפריכטיקער פאַרערונג און טיפן רעספּעקט פאַר דער מאַיעסטעט, וועלכע האָט אַרויסגעלייכט פון דער האַלטונג און אויפפירונג פון אָט דעם גייסטיקן פּרינץ, אַפילו אין דער תפיסה.

די טיר פון דעם רַב׳ס קאַמער האָט זיך ווידער געעפנט. דער וועכ־טער איז צוריק אַריינגעקומען און דאָס מאָל אין דער באַגלייטונג פון אַ געריכטס־באַאַמטן, וועלכער האָט אויפגעפאָדערט דעם רַב צו גיין מיט אים צום געריכטס־זאַל.

מען האָט דעם רב אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, אין וועלכן ס׳זיינען געזעסן צוועלף ריכטערס — די מיטגלידער פונעם געהיים־ראַט — פאַר־זאַמלט אין אַ האַלבן קרייז. מ׳האָט אים באַלד אָנגעוויזן זיין פּלאַץ אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, וועלכע איז געשטאַנען לעבן דער אַריינגאַנג־טיר פון

זאַל. דער רַב האָט איצט געהאַט אייניקע מינוטן צייט זיך אַרומצוקוקן און זיך צו אָריענטירן. זיין בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף די ריכטערס, האָט זיך באַגעגנט מיט זייערן. נאָר דער הויפּט־ריכטער האָט אויסגעזען צו זיין זייער פאַרטיפט אין זיינע דאָקומענטן. די איבעריקע האָבן אויפמערק־זאַם באַטראַכט די איינדרוקספולע דערשיינונג פונעם אָנגעקלאָגטן.

דעם רבס אויפמערקזאַמקייט איז איצט געווען געווענדעט צום דיל פון זאַל, וועלכער האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ חשד:

דער גאַנצער דיל איז געווען באַליגט מיט גרויסע שטיינפלאַטן. עטלעכע פון אָט די שטיינפלאַטן, איבער וועלכע דער אָנגעקלאָגטער האָט געמוזט גיין, כדי צוצוקומען צום טיש וואו די ריכטערס זיינען געזעסן, זיינען געווען אַזוי איינגעאָרדנט (מיט ספּרונזשינעס), אַז ווי נאָר מ׳האָט אַרויפגעשטעלט אויף זיי דעם פוס, האָבן זיי זיך גלייך אַראָפּגעלאָזן און דער אָנגעקלאָגטער איז אויף דעם אופן אַריינגעפאַלן אַן אייל טיף אין אַ גרוב. די דערשטוינונג וואָס אַזאַ פּלוצלינגדיקער פאַל האָט אַרויסגערופן, האָט געוויינלעך אַרויסגעבראַכט דעם אָנגעקלאָגטן אין גאַנצן פון זיין זעלבסט־קאָנטראָל און דאָס איז טאַקע וואָס מען איז געווען אויסן מיט דעם דאָזיקן „שפּאַס״... אונטער דעם איינדרוק פון דער דאָזיקער שרעק און צעטרייסלונג שטעלט דאַן דער אונטערזוכונגס־ריכטער זיינע פראַגעס און עס איז שוין טאַקע פיל מאָל דערגרייכט געוואָרן מיט דעם דאָזיקן טריק, אַז אָנגעקלאָגטע האָבן זיך אין אַזאַ צושטאַנד מודה געווען אין זייערע פאַר־ברעכנס, וואָס זיי וואָלטן אַנדערש דאָס בשום אופן ניט געטאָן. —

„אָנגעקלאָגטער ברוכאָוויטש, קומט אָהער נענטער צו דער פאַר־זאַמלונג אין פראָנט פון דעם ריכטער־טיש!״, האָט דער פאָרזיצער מיט־אַמאָל אויסגערופן מיט אַ הויכער שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביז צום ווייטסטן בְרעג פונעם גרויסן זאַל.

דער רַב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ. מיט אַ גיכן בליק האָט ער אויפגעכאַפּט אַן איראָנישן שמייכל איבער די ליפּן פון די אינגערע ריכ־טערס. זיי האָבן זיך שוין אין פאָרויס געפרייט פונעם בילד וואָס וועט זיך דאָ באַלד אַנטפּלעקן פאַר זייערע אויגן, ווען די אימפּאָנירנדע, הויכע גע־שטאַלט וועט אין עטלעכע מינוטן אַרום פּלוצלונג אַראָפּזינקען אין דער טיפ־קייט. אָבער זיי האָבן זיך צו פרי געפרייט. דער רַב, אַנשטאָט צו גיין מיט׳ן

גראַדן וועג צו דעם פּלאַץ, וועלכן מען האָט אים אָנגעוויזן, האָט זיך אַ קער געטאָן אויף רעכטס, איז אַזוי צוגעקומען ביז דער וואַנט פון זאַל, איז דאַן געגאַנגען האַרט לענגאויס דער וואַנט, האָט זיך אַ קער געטאָן צו לינקס און איז אַזוי צוגעקומען צו דעם אים אָנגעוויזענעם פּלאַץ. — (לויטן מאמר פון חז"ל: 'כל פינות שאתה פונה לא יהיו אלא דרך ימין'.)

די ריכטער זיינען געבליבן אָן לשון פון גרויס שטוינונג. אויף אַזאַ איינפאַכן אופן אויסצומיידן די צוגעגרייטע פאַל־גרוב, דאָס איז נאָך קיין אָנגעקלאָגטן ניט געלונגען. פון וואַנעט האָט דער רב געוואוסט וועגן דעם? האָט ער זיך עס דערוואוסט פון ג־ט אַליין? שטייט ער אפשר אין פאַר־בינדונג מיט העכערע גייסטער? די, און נאָך אַ גאַנצע ריי ענלעכע פראַ־געס האָט מען געקענט אָראָפּלייענען פון די דערשטוינטע פּנימ'ער פון די ריכטערס. דער פאָרזיצער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט צוריק־געקראָגן די שפּראַך:

„פאַרוואָס זייט איר, ווען איך האָב אייך אַהער גערופן, ניט געגאַנגען מיט'ן גראַדן וועג?"

„ווען איך האָב פריער, אַריינקומענדיק אין זאַל, געזען די שטיינ־פלאַטן, האָב איך באַמערקט, אַז די מיטלסטע ליגן ניט אַזוי פעסט ווי די זייטיקע. איך האָב געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די לויזע שטיינ־פלאַטן קענען זיך אַמאָל איינברעכן בעת מען וועט אַרויפשטעלן אַ פוס אויף זיי און איך האָב דערפאַר בעסער אויסגעקליבן צו גיין אויף די מער פעסטע און זיכערע".

די ריכטערס האָבן זיך איבערגעקוקט, האָבן אָבער געהאַט גענוג זעלבסט־באַהערשונג, ניט צו פאַרלירן וועגן דעם קיין הויך וואָרט. דאַן האָט דער פאָרזיצער געמאַכט פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„איר זייט קענטיק אַ פאָרזיכטיקער מענטש און עס וואָלט געווען פיל בעסער פאַר אייך, ווען איר וואָלט אָט די פאָרזיכטיקייט אָנגעווענדעט אַלע־מאָל אין לעבן. איר האָט עס אָבער ניט אַלעמאָל געטאָן, ווי עס איז צו זען פון דער אָנקלאַגע קעגן אייך".

דאַן האָט ער פאַרגעלעזן די פאָרמעלע, פערזענלעכע אינפאָר־מאַציעס, וואָס דער רַב האָט געהאַט געגעבן דעם שעף פון דער פּאָליציי פאַר דעם פראָטאָקאָל, און האָט אַ פרעג געטאָן:

„זייט איר פון די מענטשן וואָס גלויבן אין דער לערע פון רבי ישראל בעל שם?"

„יאָ".

„איר געהערט אויב אַזוי צו דער סעקטע פון די ,קאַרלינער' און איר זייט איר מנהיג?"

„יאָ; בלויז מיט דעם אונטערשייד וואָס איך, ווי די אַלע וואָס געפינען זיך אונטער מיין אַנפירערשאַפט, שטעלן ניט פאַר מיט זיך קיין שום סעקטע. מיר זיינען אידן פונקט ווי אַלע אַנדערע אידן און מיר האָבן גאָר־נישט וואָס קען אונדז שטעמפּלען אַלס אַ באַזונדערע סעקטע. מיר שטייען אויפ'ן יסוד פון דער ביבל און פון דעם תלמוד אַזוי ווי אַלע אַנדערע אידן".

„פאַרוואָס האָט איר זיך, אויב אַזוי, אָפּגעטיילט פון אַלע אידן, דורך דעם וואָס איר האָט זיך איינגעאָרדנט באַזונדערע געבעטהייזער?"

„מיר האָבן איבערגענומען דעם נוסח התפילה פון אונדזערע ברידער אין מזרח און מיר גיבן אָפּ דעם דאַווגען מער צייט און חשיבות. דורך דעם איז עס געקומען כסדר צו רייבונגען און שטערונגען. כדי דאָס צו פאַר־מיידן, האָבן מיר זיך, למען השלום, פאַראייניקט אין באַזונדערע שולן".

„אָבער אייער פאַראייניקונג האָט דאָך נאָך אויך אַנדערע צוועקן און איז באַזונדערס געצילט קעגן דעם צאַר און דער רוסישער מלוכה!"

ביז דאַן האָט דער רב געהאַט גערעדט געלאַסן און רואיק, אָבער ביי דער דאַזיקער באַשולדיקונג איז ער געוואָרן פול מיט התרגשות; ער האָט באַטאַנט די לאָיאַליטעט צו דער מלוכה פון אַלע אידן אָן אויסנאַם, ער האָט ציטירט די שטעלן פון תנ"ך און פון תלמוד, וועלכע פאָדערן פון דעם אידן טרייע איבערגעגעבנקייט צום פאָטערלאַנד און אירע הערשער ווי אַ רעלי־גיעז געזעץ, און האָט פאַרענדיקט מיט דער פאָדערונג, אים אַנצואווייזן איין איינציקן איד, וואָס זאָל אָט די פליכט ניט דערפילן.

„איין איינציקן אידן זאָל איך אייך אָנרופן?" האָט דער פאַרזיצער גיך געענטפערט, „איך דאַרף אים ווייט ניט זוכן, איר זייט עס אַליין! איר וועט דאָך ניט קענען אָפּלייקענען, אַז איר האָט אַ געהיימע וויסנשאַפט, מיט'ן נאָמען ,קבלה', וועלכע געפינט זיך אין די ביכער וואָס איר האָט אַליין פאַר־

פֿאַסט און וועלכע מיר האָבן דאָ פֿאַר אונדז. ווער עס דאַרף ניט מורא האָבן פֿאַר דער שיין, דער האָט ניט נייטיק אַזעלכע געהיימע טוּאונגען״.

„ווי קען מען גאַר ריידן וועגן אַ געהיימער ווּיסנשאַפֿט און בפרט וועגן אַ געהיימער טוּאונג און גלייכצייטיק אָנווייזן אויף די ביכער, וועלכע איך האָב וועגן דעם אַלץ געשריבן?! דאָס וואָס עס איז אין געדרוקטע ביכער צוגענגלעך פֿאַר דער גאַנצער וועלט, קען דאָך ניט בלייבן אין געהיים! — די קבלה, מיט וועלכער איך פֿאַרנעם זיך, דאַרף ניט מורא האָבן פֿאַר דער שיין פֿון דער וועלט. זי האָט איבערהויפּט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק אָדער מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערמיט. זי ליגט אָפֿן פֿאַר דער גאַנ־צער וועלט. דאָס שליסט טאַקע ניט אויס, אַז זי זאָל דאָך בלייבן פֿאַר אַנ־דערע אַ סוד, אָבער נאָר דערפֿאַר, ווייל די ענינים וואָס זי באַהאַנדלט, פֿאָ־דערן טיף צו דענקען און אַריינטראַכטן זיך, כדי צו קענען תופס זיין אירע טיף־קאָמפּליצירטע ענינים״.

דער רַב האָט דאָן ברייט אַרומגערעדט דעם מהות און די באַדייטונג פֿון קבלה און איז דערביי פֿיל מאָל אונטערבראָכן געוואָרן פֿון פֿראַגעס און באַמערקונגען פֿון איינצלנע ריכטערס. אָבער אָט די אונטערברעכונגען האָבן אַלץ מער פֿאַרלאָרן דעם כאַראַקטער פֿון אַ געריכטלעכן פֿאַרהער און צום סוף האָבן זיי אויסגעדריקט דעם וואונטש זיך נעענטער און גרונטיקער צו באַקענען מיט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער וויסנשאַפֿט.

דערווייל איז געוואָרן זייער שפּעט און דער פֿאָרזיצער האָט געשלאָסן די ערשטע אויספֿאָרשונג מיט דער באַמערקונג, אַז מען וועט זיך נאָך גע־נויער אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן ענין. דעם אָנגעקלאָגטן האָט מען איצט אָפּגעלאָזן. ער איז ווידער געגאַנגען אויף דעם זעלביקן וועג צוריק צו זיין פּלאַץ, פֿון וואו אַ געריכטס־דינער האָט אים אָפּגעפֿירט צו זיין צעל.

יב
געשטערט דעם קייסער׳ס אינקאָגניטאָ

דער קייסער פּאַוול האָט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אים צושטעלן אַ גענויעם באַריכט וועגן דעם פּראָצעס קעגן דעם געהיימען פאַרבאַנד פון די אידן, וועגן וועלכן ער האָט געהערט פון גובערנאַטאָר בולקאַנאָוו, און באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט, וואָס עס האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם זייער פירער ברוכאָוויטש. דער דאָזיקער פּערזענלעכער אינטערעס פון קייסער אין דעם פּראָצעס, האָט שטאַרק געווירקט אויך אויף דעם געהיים־ראָט, וועמעס ריכטערס עס האָבן געפירט די אונטערזוכונג. גלייך נאָך דעם ערשטן פאַרהער, האָט זיך דער פּרעזידענט פון געהיים־ראָט געלאָזט אָנמעלדן ביים קייסער, כדי אים אָפּצוגעבן אַ באַריכט און ער איז אויך גלייך אויפגענומען געוואָרן.

„איר קומט מיר אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם אידישן געהיימען פאַרבאַנד אין ווייסרוסלאַנד, עקסעלענץ, ווי האַלט עס מיט דער זאַך?״ האָט דער קייסער געפרעגט מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס.

„דער מאַטעריאַל, וואָס ליגט פאַר׳ן געהיים־ראָט, איז זייער דער־דריקנדיק, מאַיעסטעט״, האָט געענטפערט דער פּרעזידענט. „ווי עס שיינט האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פאַרבינדונג, וועלכע האָט טאַקע איר צענטראַל־פּונקט אין ווייסרוסלאַנד, זי ציילט אָבער הונדערטער טויזנטער מיט־גלידער, וועלכע זיינען צעשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער מלוכה״.

„עס שיינט?״ האָט דער קייסער אַ פרעג געטאָן אַן איבערראַשטער. „ניט עס ׳שיינט׳, נאָר עס איז טאַקע אַזוי: דאָס האָבן מיר דאָך שוין גע־וואוסט אַ סך וואָכן צוריק און דערפאַר האָבן מיר דאָך דעם הויפּט־רעדל־פירער פאַרשפּאַרט הינטער שלאָס און ריגל. האָט דען דער געהיים־ראָט נאָך ניט געשטעלט דעם רעוואָלוציאָנער פאַר אַ פאַרהער?״

„געוויס, מאַיעסטעט״, האָט געענטפערט דער פּרעזידענט. „דאָס דורכ־קוקן און באַאַרבעטן די אַקטן איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשידענע

שוועריקייטן, אַזוי אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט ערשט היינט געקענט ווערן צום ערשטן מאָל פאַרהערט. איך קום אָקאָרשט פון דעם פאַרהער אין דער פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, כדי זיין מאַיעסטעט וועגן דעם צו באַריכטן".

„און דער רעזולטאַט פון אָט דעם פאַרהער איז, אַז אַזאַ פאַרבינדונג 'שיינט' נאָר צו עקסיסטירן, אויב איך האָב אייער עקסעלענץ ריכטיק פאַר־שטאַנען?"

„די ערשטע אויספאָרשונג, וועלכע פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין איינצל־הייטן, נאָר מיט אַלגעמיינע פראַגעס פון פּראָצעס, גיט נאָך ניט די מעג־לעכקייט פאַרויסצוזאָגן מיט זיכערקייט וועגן די רעזולטאַטן. אויף דעם איז באַגרינדעט די פאַרזיכטיקייט, מיט וועלכער איך האָב אַלס יוריסט געמוזט געבן זיין מאַיעסטעט מיין פריערדיקן ענטפער".

„און ס'איז גאָר ניט געלונגען צו ברענגען דעם אָנגעקלאָגטן דערצו, ער זאָל זיך מודה זיין?" האָט דער קייסער אומגעדולדיק געפרעגט.

„נאָך ניט, מאַיעסטעט, דאָס איז אויך געוויינלעך ניט צו דערוואַרטן שוין ביי דעם ערשטן פאַרהער".

„ניין?" האָט דער קייסער איראָניש געפרעגט. „מען האַלט דאָך אין אונדזער געהיים־ראַט אַזוי שטאַרק פון דעם טריק מיט דער פאַלגרוב פאַר די אָנגעקלאָגטע. איר ווירקונג האָט מען דאָך געדאַרפט לאָזן אויספּרובירן גראַדע ביים ערשטן פאַרהער; ביים צווייטן פאַרהער פאַלט שוין קיינער מער ניט אַריין, אויב עס איז ניט געלונגען ביים ערשטן".

„וואָס איז נוגע דעם פּונקט, האָט גראַדע דער אָנגעקלאָגטער דאָ באַ־וויזן אַזאַ אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם גאַנצן ריכטער־קאָלעגיום אין גרויס שטוינונג. איך מוז זיין מאַיעסטעט זאָגן, אַז מיר שטייען אַלע אונטער דעם איינדרוק, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז ניט קיין געוויינלעכער מענטש. ער מאַכט דעם איינדרוק מער פון אַ געהיימען קינצלער ווי פון אַ געהיימען בונטאַווטשיק".

דער פּרעזידענט האָט איצט דערציילט דעם קייסער ווי די גאַנצע זאַך איז צוגעגאַנגען, ווי דער אָנגעקלאָגטער האָט אויסגעמיטן די גרוב, וואָס עס האָט נאָך ביז איצט מיט קיין אָנגעקלאָגטן ניט געטראָפן. דער צאַר האָט

זיך צוגעהערט מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט און דאַן האָט ער גע־פרעגט דעם פּרעזידענט, ווי די מיטגלידער פון געהיים־ראַט דערקלערן די דאָזיקע אייגנאַרטיקע האַנדלונג.

„איך מוז זיין מאַיעסטעט צוגעבן, אַז מיר שטייען פאַר אַן אומ־דערקלערבאַר רעטעניש און אַז כמעט יעדער איינער פון מיינע קאָלעגן טייטשט עס אויס אויף אַן אַנדער אופן. איינער האַלט דעם אָנגעקלאָגטן פאַר אַ ג־טלעכן מאַן, דער צווייטער איז אים חושד אין פאַרבינדונגען מיט פינצטערע גייסטער, אַ דריטער טראַכט אַז אים האָט דערביי געהאָלפן זיין געהיימע וויסנשאַפט, די „קבלה״, אין וועלכער ער שיינט צו זיין אַ גרוי־סער מייסטער. אָבער די גאַנצע פּאַסירונג איז נאָך צו ניי, אַז מען זאָל זיך קענען גלייך שאַפן אַ זיכערע מיינונג וועגן דעם״.

„און די נאַטירלעכסטע, וואַרשיינלעכסטע דערקלערונג איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז עמעצער האָט פאַר גוט געצאָלט פאַרראַטן און אַנטפּלעקט דעם אידן דעם סוד?״

כ׳בעט אַנטשולדיקונג, מאַיעסטעט, די דאָזיקע השערה איז פול־שטענדיק אויסגעשלאָסן. די געהיימקייט פון דעם גאַנצן פּראָצעס איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, אַזוי ווי זיין מאַיעסטעט האָט עס באַפוילן. דער געפאַנגענער האָט, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער געפינט זיך אין דער פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, מיט קיין מענטשן ניט געהאַט קיין קאָנטאַקט״.

„מיט קיין מענטשן?״ האָט דער קייסער אַ פרעג געטאָן. „ווער ברענגט אים זיין עסן?״

„דער וועכטער יאַסטרעבאָוו, וועלכער האָט צו באַזאָרגן די דאָזיקע אָפּטיילונג פון די צעלן, מאַיעסטעט. אָבער פאַר אים קען איך איינשטעלן מיין קאָפּ. ער האָט אים אפילו פאַרקלאָגט, וואָס דער געפאַנגענער נעמט ניט אָן קיין שפּייז: ווען ער וואָלט געוועז אונטערגעקויפט, וואָלט ער דעם געפאַנגענעם ניט פאַרקלאָגט. דערצו האָט דאָך דער געפאַנגענער קיין קאָפּקע ניט ביי זיך: די פאַר רובל וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, זיינען דאָך ביי אים אָוועקגענומען געוואָרן איידער מען האָט אים אַריינגעפירט אין זיין קאַמער. בכלל זעט דער געפאַנגענער אויס צו זיין זייער ווייט פון פאַר־מעגלעך.

„וואָס זאָגט איר, עקסעלענץ, דער געפאַנגענער נעמט ניט אָן קיין שפייז?״

„היינט איז צום ערשטן מאָל געלונגען אים איינצורייִדן ער זאָל אָנ־נעמען אַביסל טיי מיט ברויט. דאָס איז געשען דורך דער דירעקטער ווירקונג פון דעם פּאָליציי־שעף דונדוקאָוו״.

„אַהאַ, זעט איר שוין, אַז דער געפאַנגענער האָט אויסער מיט דעם וועכטער גערעדט מיט נאָך עמעצן: אייערע אינפאָרמאַציעס, עקסעלענץ, צייכענען זיך ניט אויס מיט אַ באַזונדערער פּינקטלעכקייט און פאַר־לעסלעכקייט!״

ווען דער פּרעזידענט איז ביי די דאָזיקע ווערטער בלאַס געוואָרן, האָט דער צאַר אויף אים רחמנות געהאַט און האָט אין אַ פיל מילדערן טאָן געלאָזט פאַלן די באַמערקונג, אַז ביי דונדוקאָוו איז אָט דער פאַרדאַכט פון האָבן איבערגעגעבן סודות דעם געפאַנגענעם אין גאַנצן אויסגעשלאָסן; און אַז אין זיין אַמט אַלס אינספּעקטאָר פון דער תּפיסה, איז דאָך זיין פליכט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די געפאַנגענע.

„נאָר אפשר איז עס דעם שעף דונדוקאָוו, דורך זיין פּערזענלעכן פאַר־קער מיט דעם אָנגעקלאָגטן, געלונגען עפּעס מער צו דערגיין וועגן אים: האָט אפשר אייער עקסעלענץ גערעדט אַמאָל מיט דונדוקאָוו וועגן דעם?״

„מיר האָבן ערשט נעכטן גערעדט וועגן דעם אַרעסטאַנט, און אויך ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האַלט אים פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער פּער־זענלעכקייט״.

„איר מאַכט מיך, עקסעלענץ, שוין גאַנץ נייגעריק אויף אָט דעם מענטשן. אַזוי גיך ווי דער פּראָצעס וועט פאַרגעזעצט ווערן, בעט איך, מיר גלייך צו באַריכטן וועגן זיין גאַנג״.

דערמיט איז די אוידיענץ געווען פאַרענדיקט. ווען דער קייסער איז געבליבן אַליין, האָט ער אַן אויפגערעגטער געשפּאַנט הין און צוריק איבער זיין קאַבינעט. ער האָט געהאַפּט ביי־צייטנס צו דערשטיקן די געהיימע פאַרבינדונג, פון וועלכער מען האָט אים געמאָלדן, און צוטיילן איר פירער די פאַרדינטע שטראָף; צום סוף האָט זיך גאָר אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַרעסטירטער איד איז קליגער פאַר די העכסטע ריכטערס פון דער מלוכה. אַנשטאָט עס זאָל זיי געלינגען צו ווירקן אַז ער זאָל זיך מודה זיין, האָט ער

גאָר אַרויסגערופן ביי זיי רעספעקט און אַנערקענונג פאַר זיין העכערער אינטעליגענץ. אַט דעם מאַן וואָלט ער זייער געוואָלט פערזענלעך קענען, אָבער דאָס מוז געשען אויף אַזאַ אופן, אַז סיי דער געפאַנגענער און סיי די ריכטערס זאָלן דערפון גאָרנישט וויסן.

דער קייסער פאַוול האָט געהאַט אַ גוטמוטיקן, אָבער אַן אומצוטרוי־לעכן כאַראַקטער. עס האָט אָפט געטראָפן אַז ער פלעגט זיך פאַרשטעלן אַזוי, אַז מ׳פלעגט אים איבערהויפט ניט דערקענען און דאַן פלעגט ער זיך אויסמישן צווישן די מאַסן, כדי צו הערן זייער מיינונג אין אַ געוויסער אַנגעלעגנהייט, וואו עס האָט אים אינטערעסירט צו וויסן די שטימונג פון פאָלק. אויף דעם אופן וואָלט ער געוואָלט זיך באַקענט אויך מיט דעם אַרעס־טירטן איד, וועלכער איז געווען פאַר די העכסטע ריכטערס פון דער מלוכה אַ צו האַרטע נוס צו צעקנאַקן. דער צאַר איז געווען איבערצייגט אַז דורך זיין פערזענלעכער אַריינמישונג, וועט לייכט געלינגען צו לייזן דאָס רעטעניש. אָבער אַריינצוקומען אין דער פעטראָ־פאַוולאָווסקער פעסטונג איז ניט געווען מעגלעך, סיידן מיט דער הילף פון נאָך אַ פערזאָן, וועמען ער וואָלט געמוזט פאַרטרויען די זאַך. און דאָ איז אים פלוצלונג איינ־געפאַלן אַ גוטער געדאַנק. ער האָט אַנגעקלונגען און באַפוילן, אַז דער שעף דונדוקאָוו זאָל זיך מעלדן ביי אים 8 אַזייגער אין אָוונט פאַר אַן אוידיענץ.

דער לעצטער איז פון דעם דאָזיקן באַפעל ניט איבעריקס צופרידן גע־ווען. ער האָט קורץ פאַר דעם געזוכט די געלעגנהייט צו ריידן מיט צוויי מיטגלידער פון דעם געהיים־ראַט, כדי צו הערן פון זיי עפּעס וועגן דעם היינטיקן געריכטס־פאַרהער. ער האָט שוין, אָבער, פאַרשפּאַרט זיי צו פרעגן. זיי זיינען געווען אַזוי פול מיט התפעלות, אַז זיי האָבן אים שוין גלייך אַליין דערציילט אַלץ וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. דערפאַר האָט דער שעף געהאַט אַ גרונד צו פאַרבינדן די אוידיענץ ביים קייסער מיט דער אומגעוויינלעכער פאַסירונג אין געריכטס־זאַל. ער האָט זייער גוט גע־קענט דעם אומצוטרוי פון קייסער און דעריבער איז ער געווען אין העכסטן גראַד באַזאָרגט.

פונקט 8 אַזייגער איז ער געוואָרן אַנגעמעלדעט ביים קייסער. ער איז אויפגענומען געוואָרן זייער פריינטלעך, אָפילו האַרציק.

„איר האָט זיכער קיין אַנונג ניט, צוליב וואָס איך וויל מיט אייך ריידן ביי דער אומגעוויינלעכער שעה, מיין ליבער דונדוקאָוו!״

„ווי קען איך האָבן אַפילו די מינדסטע השערה, צוליב וועלכע סיבות אייער מאַיעסטעט האָט באַשטימט צו פאַרלאַנגען אייער אונטערטעניקסטן דינער?"

„האָט איר שוין אפשר געהערט פון דער היינטיקער געריכטס־זיצונג פון געהיים־ראַט אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג?"

„מיט אַ שעה צוריק האָב איך געטראָפן די ריכטערס פון געהיים־ראַט, יאַנאָוויטש און מיכאַעל, וועלכע האָבן מיר דערפון דערציילט. זיי שטייען פאַר אַן אומדערקלערבאַר רעטעניש, וואָס זעט אויס ביי מיר גאָר ניט אַזוי אומלייזבאַר, ווען איך טראַכט זיך גוט אַריין אין דער זאַך".

„און וואָס דענקט איר וועגן דעם?"

„מיר איז, אין מיין דינסט, אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו ריידן מיט ברוכאָוויטשן און איך האַלט אים פאַר אַ מאַן מיט אַ זעלטענער קלוגשאַפט, מען קען זאָגן אַפילו אַ חכם. עס איז דערפאַר גאָרניט אוממעגלעך, אַז די זאַך דערקלערט זיך טאַקע אַזוי ווי דער אָנגעקלאָגטער אַליין האָט געזאָגט. ער האָט געזען די לויזע שטיינפּלאַטן און מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי זיך איינברעכן אונטער זיין פוסדרוק; קיין בעסערע דערקלערונג קען איך מיר ניט געבן".

„אויב די דאָזיקע דערקלערונג זאָל טאַקע זיין די ריכטיקע", האָט דער קייסער באַמערקט, „דאַן ווייזט עס אויף אַ פאַרשטאַנד און אַ שאַרפן בליק, וואָס איך וואָלט געוואונטשן אונדזערע ריכטערס. אַזאַ מענטש וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר דעם פּאָליציי־פּרעזידענט פון פּעטערבורג, ער וואָלט זיך נאָר געדאַרפט שמד'ן".

„אים צו געווינען פאַר דעם, וואָלט ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. ער איז אויסערגעוויינלעך פעסט און עקשנות'דיק צוגעבונדן צו זיין אידישן גלויבן, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרזוכן, וואָס עס איז ניט צוגע־גרייט געוואָרן לויט די געזעצן פון זיין רעליגיע. מיט גרויס מי איז מיר גע־לונגען צו פועל'ן ביי אים, ער זאָל אָננעמען עטוואָס ברויט מיט טיי".

„נאָך דעם אַלעם וואָס איך האָב געהערט, דענק איך אַז הינטער אָט דעם מענטשן שטעקט עפּעס אַ מיסטעריע, וואָס איך וואָלט גערן געוואָלט דערגיין. איך וואָלט בעסער געוואָלט אַליין אים זען און מיט אים ריידן;

אָבער איך ווייס ניט ווי דאָס זאָל געשען, כדי ער אַליין זאָל ניט וויסן, אַז איך, דער צאַר, אינטערעסיר זיך וועגן אים. אַהער קען איך אים ניט לאָזן קומען, און נאָך ווייניקער דענקבאַר איז, אַז איך זאָל זיך געפינען ביי די גע־ריכט־אויספאָרשונגען, ניט מאַכנדיק זיך דערביי אויפפאַלנד״.

קאָלאָנעל דונדוקאָוו, וועלכער האָט גוט געוואוסט דעם קייסער׳ס נייגונג זיך צו פאַרקליידן און פאַרשטעלן, האָט געזאָגט:

„אפשר וואָלט געווען דאָס איינפאַכסטע, ווען אייער מאַיעסטעט באַ־זוכט פאַרשטעלטערהייט דעם געפאַנגענעם אין זיין צעל מיט אַ געוויסן תירוץ? אַזוי ווי עס איז, אָבער, פאַר יעדער פריוואַטער פערזאָן פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין דער פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג און אייער מאַיעס־טעט קען האָבן דורכדעם געוויסע אומאַנגענעמלעכקייטן, דאָן וואָלט אפשר אייער מאַיעסטעט מיר דערלויבן צו זיין בייהילפיק אין דער דורכפירונג פון דער זאַך.

„דאָס איז אַ גוטע אידעע; און וואָס פאַראַ פאַרקליידונג, מיינט איר, זאָל איך אַמבעסטן אויסקלייבן?״

דער שעף האָט אַ פּאָר מינוטן נאָכגעטראַכט און דאָן אַ זאָג געטאָן:

„אפשר וועט אייער מאַיעסטעט אויסקלייבן די קליידונג פון אַ רוסישן איד, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ גרויסער באָרד און פּאות; אין אַזאַ אויסזען וועט קיינער ניט פאַרדעכטיקן אייער מאַיעסטעט. איך וועל נאָך דערצו אויסשטעלן אַ פּאַסיר־שיין, וואָס זאָל צו יעדער צייט אייער מאַיעס־טעט דערמעגלעכן, אויך אָן מיין באַגלייטונג, אַ פרייען צוטריט צום אינדזל. דעם וועכטער וועל איך זאָגן, אויב עס וועט זיין נייטיק, אַז דער געפאַנ־גענער פילט זייער שוואַך און ער האָט געבעטן מען זאָל אים ברענגען אַ אידישן גייסטלעכן״.

„זייער גוט, הער שעף. זייט מאָרגן פרי 9 אַזייגער דאָ און באַזאָרגט מיר די קליידונג. איך שטייג דאַן אַריין מיט אייך אין אייער וואָגן און דאָרטן קען פאַרקומען די פאַרקליידונג. אַ גוטע נאַכט!״

דערלייכטערט האָט דונדוקאָוו פאַרלאָזן דעם קייסערלעכן שלאָס. איצט האָט אים אָבער באַשעפטיקט אַן אַנדער פראַגע: אויב און ווי אַזוי ער זאָל דעם געפאַנגענעם מיטטיילן וועגן דעם בעפאָרשטייענדיקן הויכן

באַזוך. אַזוי שפּעט אין אָוונט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט אינספּעקטירט די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג. אַזאַ שפּעטער באַזוך וועט געוויס זיין זייער אויפפאַלנד. פונקט אַזוי אוממעגלעך איז געווען פאַר אים צו באַזוכן די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג דעם קומענדיקן מאָרגן, בעפאָר דער באַשטימטער שעה פון דעם קייסער. ענדלעך האָט ער זיך געטראַכט, אַז אין גרונד גענומען איז אפשר בעסער אַז דער געפאַנגענער זאָל פריער גאָר־נישט וויסן פון דעם הויכן באַזוך, וועלכער שטייט אים פאָר. ווי לייכט וואָלט ער זיך דאָ קענען דורך זיין צעטומלטקייט פאַרראַטן און אים ברענ־גען דורכדעם אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. דערביי האָט עס אים אַליין אינטערעסירט, ווי דער געפאַנגענער וועט זיך באַנעמען פאַר זיין הויכן אינקאָגניטאָ.

צומאָרגנס, נאָך 9 אַזייגער, איז דער שעף געקומען אין תפיסה מיט אַן אַלטן איד, צו דער גרויסער איבעררשאַונג פונעם וועכטער יאסטרעבאוו. אַ געפאַנגענער האָט דער איד ניט געקענט זיין, ווייל אַזאַ איינעם וואָלט דאָך דער שעף ניט געבראַכט פּערזענלעך. ס'איז געווען קלאָר און דער „איד" האָט געהאַט פאַרוויקלט כמעט זיין גאַנץ געזיכט, אַזוי, אַז מען האָט אויסער די אויגן און די ברעגעס פון דער לאַנגער, גרויער באָרד, גאָרנישט גע־קענט זען פון זיין גאַנצן פּנים.

„פירט מיך אין צעל נומער 5. דער געפאַנגענער ברוכאָוויטש האָט פאַרלאַנגט אַ גייסטלעכן, ווּעמען איך ברענג דאָ", האָט דער שעף געזאָגט צום וועכטער.

„איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט", האָט דער וועכטער אַ זאָג געטאָן מער צו זיך ווי צו זיין שעף, גייענדיק פאָרויס מיט אַ לאַמטערנע און אַ בונט שליסלען.

דער וועכטער האָט אַריינגעלאָזן דעם שעף מיט זיין „אידישן גייסט־לעכן" און אַליין האָט ער זיך באַלד צוריקגעצויגן, וויסנדיק אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ודוי. דער רַב איז נאָך געווען, פון תפילת שחרית, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און איז געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר פון זיין קאַ־מער, פאַרטיפט אין אַ ספר. ווי נאָר ביידע זיינען אַריינגעקומען, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַרויסצורייידן אַ וואָרט, איז דער רַב אויפגע־שפּרונגען פון זיין אָרט און האָט געמאַכט, הויך אויפ'ן קול, די ברכה, וואָס מען זאָגט ווען מען דערזעט אַ קייסער: ׳ברוך אתה ד׳ אלקינו מלך העולם

שנתן מכבודו לבשר ודם׳ (געלויבט ביסטו ג־ט אונדזער ג־ט, קעניג פון דער וועלט, וואָס האָט געגעבן פון זיין כבוד צו מענטשן פון פלייש און בלוט).

„וואָס זאָגט איר דאָ?״ האָט דער פאַרשטעלטער קייסער געפרעגט.

„דאָס איז די ברכה וואָס מיר זאָגן ווען מיר דערזעען דעם קייסער״.

„דעם קייסער? ווי פאַלט אייך עפּעס איצט איין דער קייסער?״

„אונדזערע חכמים לערנען אונדז, אַז דאָס ערדישע קעניגטום איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם הימלישן. ווי נאָר אייער מאַיעסטעט איז אַריינ־געקומען אין מיין צעל, איז מיך באַפאַלן אַזאַ מין יראת הכבוד, ווי עס קומט ביי מיר פאָר נאָר ביים דאַוונען צו ג־ט, דעם קעניג פון דער וועלט. דער־פון ווייס איך אַז איך שטיי פאַר דעם קייסער״.

דער קייסער איז געבליבן עטלעכע מינוטן אָן לשון. צוליב זיין פאַר־מאַסקירונג האָט מען פון זיין געזיכט ניט געקענט מערקן דעם איינדרוק וואָס די פאַסירונג האָט אויף אים געמאַכט. דונדוקאָוו אָבער איז געוואָרן רויט און נאָכדעם בלאַס און האָט אַזוי געציטערט מיט׳ן גאַנצן קערפּער, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנהאַלטן אָן דער וואַנט ער זאָל ניט אַנידערפאַלן.

נאָך עטלעכע מינוטן שווייגן, האָט דער קייסער אַ זאָג געטאָן צו דונדוקאָוו:

„לאָמיר גיין: איך האָב געוואָלט ברענגען דעם געפאַנגענעם אַ וויכטיקע ידיעה, אָבער דער מענטש איז ניט ביים זינען, מען קען אים גאָר־נישט אָנפאַרטרויען״.

שווייגנדיק האָבן זיי פאַרלאָזן די פעסטונג, צו דער גרויסער פאַר־וואונדערונג פון דעם וועכטער, וואָס דער ודוי איז אַזוי גיך פאַרביי.

ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אין וואָגן און דער קייסער האָט אָנגע־פאַנגען אַרונטערצונעמען פון זיך זיין פאַרקליידונג, ערשט דאַן האָט ער צוריקגעקראָגן די שפּראַך.

„וואָס זאָגט איר דערצו, דונדוקאָוו?״

„מאַיעסטעט איך בין אין גאַנצן צעטומלט, די זאַך איז דאָך אויסער־געוויינלעך״.

„איך ווייס באמת אויך ניט קיין דערקלערונג דערפאַר. עס איז מיר אויך ניט מעגלעך נאָכאַמאָל דעם מאַן צו באַזוכן, כדי צו אויסגעפינען מער וועגן זיין מהות, ווייל ער דערקענט מיך דאָך גלייך, כאָטש איך בין זיכער, אַז ער האָט מיך קיין מאָל ניט געזען. אָבער איר מוזט אים באַזוכן און זיך דערגרונטעווען אין דער זאַך".

„איך וועל עס געוויס טאָן, מאַיעסטעט, כאָטש איך האַלט עס ניט פאַר קיין לייכטער אויפגאַבע. ער איז אַן אומגעוויינלעכער מענטש, אומאָפּהענגיק פון דער דאָזיקער פּאַסירונג. האָט אייער מאַיעסטעט שוין אַמאָל געזען אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער זאָל מאַכן מיט דער גרעסטער כוונה אַ ברכה ביים דערזען זיין קייסער?"

דונדוקאָוו האָט געהאַפּט דורך דער דאָזיקער פראַגע צו ענדערן ביים קייסער זיין אומגינסטיקע מיינונג וועגן דעם געפאַנגענעם. דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען, ווייל דער קייסער האָט געענטפערט:

„אָט די גאַנצע אויסערלעכע 'לאָיאַליטעט' איז נאָר אַן אָנשטעל און זי געהערט שוין צו די אַלע שטיק. ער וויל אונדז דורכדעם אַריינפירן אין אַ טעות וועגן זיין גאַנצער פאַרברעכערישער שטעלונג. מיר מוזן אָבער אויפדעקן דעם שלייער, אין וועלכן עס איז איינגעהילט דער מיסטעריעזער מהות פון אָט דעם מענטשן. באַזוכט אים נאָר און זעט אַריינצוברענגען קלאָרקייט אין דער זאַך".

מיט די ווערטער האָט דער קייסער פאַרלאָזן, ביים טויער פון שלאָס, דעם וואָגן, האָט וואַרעם געדריקט דעם קאַלאַנעל די האַנט און דער לעצטער איז גלייך צוריקגעפאָרן צו דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג.

יג

ווער האָט פֿאַרראַטן דעם היכן באַזוך?

ווען דער היכגעשטעלטער באַזוכער האָט אים פֿאַרלאָזן, האָט דער רַב, פּונקט ווי גאָרנישט וואָלט געשען, ווידער גענומען דעם ספר אין האַנט און פֿאַרגעזעצט מיט התמדה זיין לערנען. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט שוין געענדיקט זיין טעגלעכן שיעור, האָט ער געגעסן פֿרישטיק. ווען ער האָט שוין געהאַט אויפֿגעגעסן מער ווי אַ העלפֿט פֿון די פּרוכט־איינגעמאַכטס, האָט ער באַמערקט אַ קליין קאָנווערטל, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען אַ צעטעלע געשריבן אין לשון־קודש און האָט אַנטהאַלטן די פֿאָלגנדיקע טלעכע ווערטער:

„איך בעט מיר מודיע זיין ווען איך שיק די פּירות".

זינט זיין אַרעסט, איז דאָס געווען דער ערשטער לעבנסצייכן, וואָס ער האָט באַקומען פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. ער האָט באַלד דערקענט די האַנטשריפֿט פֿון זיין פֿריינד ר׳ מרדכי ליעפּלער און ער האָט פֿאַר־שטאַנען אַז זיינע אָנהענגער האָבן זיך זיכער גלייך געמוזט שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט אים, כדי אָנצונעמען די נייטיקע שריט פֿאַר זיין באַ־פֿרייאונג. עס איז אָבער געווען פֿאַר זיי אוממעגלעך עפּעס אין דעם זין אויפֿצוטאָן, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנונג וואו ער געפֿינט זיך און ממילא אויך ניט וואו זיי דאַרפֿן זיך פֿאַר אים איינשטעלן. דאָס אַלץ האָבן זיי, צוליב דער שטרענגער געהיימקייט, בשום אופֿן ניט געקענט דערגיין. עס איז דערפֿאַר ניט געווען סתם אַן אויסדרוק פֿון נייגעריקייט מצד ר׳ מרדכי ליעפּלער, ווען ער האָט געוואָלט וויסן ווען ער שיקט זיינע שפּייז. ער האָט גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם יעניקן, וועמעס אויפֿהאַלט־אָרט צו דערפֿאַרן איז איצט גע־ווען זיין גרעסטער שטרעבן. —

דער רַב איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין זיין קאַמער, פֿאַרזונקען אין מחשבות. זאָל ער זיין פֿריינד מודיע זיין דעם אָרט וואו ער געפֿינט זיך?

דער שעף האָט דאָך אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו אָנפּאַרטרויען נאָך אַ דריטע פּערזאָן: דאָס איז אַ פּאַרזיכטיקייט פון זיין זייט און ער איז פון זיין שטאַנדפּונקט פולקום גערעכט. מעג ער הינטער דעם רוקן פון זיין וואויל־טוער און קעגן זיין ווילן פּאַרטרויען ר׳ מרדכי ליעפּלער? ניין, אַזאַ האַנד־לונג איז קעגן זיין גראַדן, ערלעכן כאַראַקטער. און ווען ער וואָלט שוין ביי זיך אַפילו יאָ געפּועלט עס צו טאָן, איז דאָך נאָך געווען אַ צווייטע פראַגע, אויף וואָס פאַראַ אופן צו געבן זיין פריינד אַזאַ ידיעה. אָבער דאָ איז דעם רַב ווידער אַמאָל געקומען צו הילף זיין שאַרפזיניקייט. ער האָט געפונען אַ מיטל ווי צו לאָזן וויסן זיין פריינד וויניקסטנס אַז ער לעבט, ניט דער־מאָנענדיק דערביי זיין נאָמען אָדער דעם אָרט וואו ער געפינט זיך. ער האָט געהאַפּט די דאָזיקע מיטטיילונג צו מאַכן אויף דעם זעלביקן וועג, אויף וועלכן ער האָט באַקומען די פראַגע. ער האָט געגעסן נאָך עטלעכע פרוכטן ביז עס איז געבליבן אַזוי וויניק, וויפל עס איז נאָר נייטיק געווען צו באַ־דעקן דעם דעק פון דער פּושקע. דאַן האָט ער אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע ניט מער ווי די ווערטער: שמע ישראל ה׳ א׳ ה׳ אחד!

ער האָט עס איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל און אַוועקגעלייגט אויפ׳ן דעק פון פּושקע אונטער די איבערגעבליבענע פּירות. אַזוי ווי די האַנט־שריפט פון רַב איז ר׳ מרדכי ליעפּלערן געווען זייער גוט באַקאַנט, וועט ער זיך דורכדעם דערוויסן וויניקסטנס, אַז ער לעבט:

ווען דער רַב האָט קוים באַוויזן דאָס צו פאַרענדיקן, האָט ער דער־הערט טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו זיין קאַמער. די טיר האָט זיך געעפנט, און דער רַב האָט דערזען פאַר זיך דעם שעף דונדוקאָוו. ער האָט געגעבן דעם רַב די האַנט און האָט געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול פון אויפ־רעגונג:

„ג־טלעכער מאַן, פון וואַנעט האָט איר געוואוסט אַז דאָ איז פריער מיט מיר געווען דער קייסער אין אייער צעל?"

„איך האָב עס דאָך שוין גלייך געזאָגט, פון וואַנעט איך ווייס. איז די דאָזיקע דערקלערונג ניט גענוג?"

„מיר איז גענוג יעדעס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון אייערע ליפּן, אָבער זיין מאַיעסטעט דעם קייסער איז דאָס ניט גענוג".

„איר זייט דערפאַר געשיקט געוואָרן פון קייסער, כדי מיך אויסצו־

פרעגן? דאָס איז זייער דערפרייענדיק, ווייל דאָס ברענגט מיר דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן פון אייער באַזוך. דער קייסער וויל, הייסט עס, אַ דער־קלערונג, וועלכע זאָל אים זיין מער פאַרשטענדלעך. געוויס קען איך אייך דאָס געבן. איך צווייפל אָבער אויב איר וועט דאָס אים וועלן מיטטיילן".

פאַרוואונדערט האָט דער שעף אָנגעקוקט דעם רב, וועלכער האָט גאַנץ רואיק ווייטער גערעדט:

„איר, הער שעף, איר אַליין האָט מיר פאַרראַטן אייער אייבערהאַר, דעם קייסער!"

„איך?"

„יאָ, איר! איר זייט דאָ אין דער פעטראָ־פּאַולאָווסקער פעסטונג דער העכסטער באַאַמטער.

דאָ איז אייער דעפּאַרטמענט, אין וועלכן קיינער האָט קיין דעה ניט, קיין גענעראַל און קיין מיניסטער, קיינער ניט, סיידן דער קייסער אַליין. ווען דער העכסטער באַאַמטער פון דער מלוכה זאָל וועלן באַזוכן דאָ אַ צעל אונטער אייער אָנפירונג, דאַן זייט איר דער פירער און דער אַנ־דערער דער געפירטער. גיט איר דאָס צו?"

„פולקום".

דאָס האָט איר אָבער פריער פאַרגעסן. איר פירט אַריין אַ „איד" אין מיין קאַמער און איר לאָזט אים גיין פאָרויס מיטן גרעסטן רעספּעקט. די צעלנטיר איז אַזוי ענג, אַז צוויי מיטאַמאָל קענען ניט אַריינגיין, און דער שעף פון דער פּאָליציי, קאָלאָנעל דונדוקאָוו, לאָזט אַ איד פאָרויסגיין! דאַן בלייבט ער שטיין הינטער דעם איד מיט דער גרעסטער הכנעה און וואָגט ניט צו ריידן אַ וואָרט; איך האָב געטראַכט, אַז אפילו אַ בלינדער האָט דאָ געמוזט זען, אַז דער „איד" איז ניט קיין איד. אויך ווען דער פאַרשטעלטער וואָלט געווען אַ העכערער באַאַמטער, וואָלט דאָ אייער אונטערטעניקע אויפפירונג ניט געווען באַגרייפלעך. די דאָזיקע האַלטונג אייערע איז גע־ווען צו דערקלערן נאָר דאַן, ווען דער פאַרשטעלטער „איד" איז דער קייסער אַליין. מיין השערה, באַזירט אויף דעם גרונד, וועלכן כ'האָב אָנגע־געבן דעם קייסער, האָט זיך באַלד באַשטעטיקט דורך אייער פאַרהאַלטן זיך, אַזוי אַז עס האָט שוין מער קיין צווייפל אין דעם ניט געקענט זיין".

דער שעף האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויף זיין שטערן און האָט אויסגערופן:

„וואָס פאַראַ גרויסער נאַר איך בין, און ווי איר זייט די פאַרקערפּע־רונג פון חכמה און שאַרפזיניקייט!"

„איר מאַכט זיך אומגערעכטע פאַרוואורפן, הער שעף, און מיר האָט איר צוגעטיילט אַזאַ אַנערקענונג, וועלכע איך פאַרדין ניט. אייגנטלעך ליגט גאָר אין אייערע ווערטער אַ סתירה. ממה נפשך — איז אייער אויפפירונג געווען זייער אומפּאַרזיכטיק און ניט אויסגערעכנט, דאַן מוז איך דאָך ניט זיין דוקא אַ גרויסער חכם, כדי דאָס צו באַמערקן. און אויב איך וואָלט טאַקע פאַרמאָגט אַ זעלטענע חכמה, ווי איר מיינט, דאַן וואָלט עס נאָך ניט געווען קיין באַווייז אויף אייער באַשרענקטקייט, אויב איר שטייט ניט אויף דער זעלביקער מדרגה. דער אמת איז, אַז איך בין ניט קיין געוואַלדיקער חכם און איר זייט ניט קיין נאַר. אפשר וואָלט איך, געפינענדיק זיך אין אייער מצב, באַגאַנגען דעם זעלביקן פעלער; אין אייערע אויגן האָב איך אפשר געמאַכט אַפילו אַן ענלעכן פעלער. — די הויכע הערן ווילן ניט ליידן, ווען די, וואָס שטייען נידעריקער פון זיי, ווייזן זיך אַרויס צו זיין קלי־גער פון זיי. דערצו וואָלט איך פון אַ געשפּרעך מיט דעם פאַרשטעלטן קייסער געקענט אַרויסשפּירן זיין שטימונג קעגן מיר און מעגלעך אַז מיר וואָלט זיך איינגעגעבן זי צו פאַרמילדערן. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך געמוזט אַזוי האַנדלען ווי איך האָב געהאַנדלט, ווייל ע"פּ דין בין איך מחויב צו מאַכן אַ ברכה ביים דערזען אַ קייסער".

דער שעף האָט געקוקט אויפ'ן רַב מיט אַן אָפענעם מויל און ברייט צע־עפנטע אויגן, ניט קענענדיק אויסריידן אַ וואָרט פון גרויס שטוינונג. פּלוצ־לונג האָט ער אויסגערופן:

„וואו נעמט איר אָט די קאַלטבלוטיקע רואיקייט און די זיכערקייט און אייער ישוב הדעת אין אַזעלכע פּלוצלונגע, קריטישע סיטואַציעס, אין וועלכע אַן אַנדערער וואָלט זיך געפילט שטאַרק פאַרלאָרן און צעטומלט?"

„איך בין ניט געווען גאָר אין גאַנצן ניט צוגעגרייט, ווי איר מיינט. דער קייסער איז ניט געווען דער ערשטער פירשט, וועלכער האָט מיך דאָ באַ־זוכט אין מיין צעל", האָט דער רַב געענטפערט.

דער שעף איז גיך אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט געגעבן אַ

טראָט אויף צוריק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דער נאָענטקייט פון אָט דעם וואונדערלעכן מענטש.

„דאָ האָט איר שוין געוואונען פאַר זיך דעם תפיסה־וועכטער, פאַר וואָס איך קען באמת אויף אייך ביידן קיין פאַראיבל ניט האָבן, ווען איך באַדענק זיך, אַז איר האָט זיין שעף אַליין געוואונען אויף אייער זייט. אָבער צו וואָס דאַרפט איר זיך פאַרטרויען פאַר דעם דאָזיקן מענטשן, איר וואָלט עס דאָך אַלץ געקענט האָבן דורך מיר אַליין?"

„באַרואיקט זיך", האָט געענטפערט דער רב. איך האָב זיך פאַר'ן וועכטער גאַרנישט פאַרטרויט, ער ווייסט פונקט אַזוי ווייניק פון אָט דעם באַזוך, ווי איר האָט עס געוואוסט".

„אָבער ווי איז דאָס מעגלעך", האָט דונדוקאָוו אויסגעשריען, „ווי איז דען דאָס מעגלעך, ווי קען איין אָט דער אונטערערדישער טורמע פון דער פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג עמעצער אַריינקומען און אייך באַזוכן, אָן קיינעמס וויסן? און דער מאַן פון דעם שיפל, וועלכער מוז יעדערן אַריבערשיפלען, ווער עס וויל צוקומען צום אינדזל, ער ווייסט אויך גאַרנישט דערפון?"

„ער אויך ניט", האָט דער רב געענטפערט. „אָבער רעגט זיך ניט אויף צוליב דעם, איך וועל אייך דאָס אויספירלעך דערציילן. נאָר פריער וואָלט איך מיר דערלויבן אייך צו בעטן מיר צו דערקלערן, וואָס פאַראַ אינטערעס דער קייסער האָט געהאַט מיך צו באַזוכן אין מיין קאַמער".

דער שעף האָט דערציילט דעם רב, אַז מיט מאָנאַטן צוריק האָט דער צאַר באַקומען אַ באַריכט, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די עקסיסטענץ פון אַ געהיימער פּאָליטישער פאַראייניקונג, וועלכע איז קעגן דעם צאַר און דער רוסישער מלוכה. אין צווישן זיינען, אומאָפּהענגיק פון דעם דאָזיקן באַריכט, אָנגעקומען מסירות מצד די אידן אַליין, וועגן דער געפערלעכער חברה פון די „קאַרלינער", פון וועלכער איר זייט דער פירער. דער קייסער גלויבט, אַז אין ביידע באַריכטן האַנדלט זיך וועגן איין און דער זעלביקער באַוועגונג. ער האָט אייך דערפאַר געלאָזט אַרעסטירן און ברענגען אַהער שטרענג אין געהיים. דאַן האָט דער קייסער באַפוילן, מען זאָל אים אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם גאַנג פונעם פּראָצעס. ווען דער פּרעזידענט פונעם געהיים־ראָט האָט אים דערציילט ווי איר האָט אויסגעמיטן די גרוב

אין גערירכט־זאַל, און דערמיט געגעבן די ריכטערס אַן אומלייזבאַר רעטעניש, האָט דער קייסער דערפאַר געוואָלט מיט אייך פּערזענלעך זיך באַקענען מיט דער האָפענונג, דורך אַ קרייצפאַרהער צו דערגיין פון אייך אַט די לייזונג. איצט האָט איר אָבער דעם קייסער צוגעגעבן גאָר אַ נייע, פיל גרעסערע מיסטעריע. זיין אומצוטרוי צו אייך וועט איצט זיכער שטייגן נאָך מער און זיין פאַרדאַכט, אַז איר שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט דורך אונטערקויפן עמעצן, וועט נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן. עס איז דערפאַר איצט נייטיק דאָפּלטע פאַרזיכטיקייט. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך צו דערציילן״.

„און איר מיינט, אַז מיינע אויסזיכטן באַפרייט צו ווערן, האָבן זיך דורך דעם צווישנפאַל פאַרערגערט?״ האָט אים דער רַבּ געפרעגט.

„איך האָב שטאַרק מורא אַז יאָ״, האָט דער שעף געענטפערט. דער קייסער מיינט אַז איר האָט דורך אונטערקויפסגעלט געקראָגן די ידיעה. אָדער ער גלויבט אַז איר פאַרמאָגט איבערנאַטירלעכע גייסטיקע כחות און באַציאונגען, און דאַן מוז ער דאָך זיין דאָפּלט פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז איר זאָלט בלייבן איינגעשפּאַרט אָדער נאָך ערגער דערפון, כדי איר זאָלט ניט קענען אויסנוצן אייער אויסערגעוויינלעכע אינטעליגענץ פאַר אייערע כלומר׳שטע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן״.

„איך פאַרשטיי זייער גוט די ריכטיקייט פון אייערע באַהויפּטונגען״, האָט געענטפערט דער רַבּ. „און נאָר מיין בטחון אין דעם חסד פון רבונו של עולם, מאַכט מיך ווייטער האָפן; אָבער דערפאַר בין איך דאָך מחויב צו טאָן דאָס מייניקע און דאָס ערשטע וואָס ס׳איז נייטיק איז, אַז איך זאָל קריגן די מעגלעכקייט, דורך אייער פריינדלעכער פאַרמיטלונג, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מיינע פריינד. דעריבער דערלויב איך זיך צו ווידערהאָלן מיין בקשה, אַז דער הער שעף זאָל אַזוי גוט זיין און באַקענען ה׳ ליעפּלער מיט דער גאַנצער סיטואַציע״.

„דער רַבּ זאָל מיר מוחל זיין״, האָט געענטפערט דער שעף. „איך האָב אייך די דאָזיקע בקשה שוין איין מאָל געמוזט אָפּזאָגן, און איצט קען איך זי נאָך ווייניקער דערפילן ווי פריער. שטעלט אייך פאָר דעם צאַר׳ס צאָרן. איך דאַרף ריזיקירן אַז ער וועט לאָזן איבערוואַכן יעדן טריט מיינעם. ווען איך זאָל אייך ווייטער נאָר באַזאָרגן אייער נארונג דורך ה׳ ליעפּלער, וואָג איך שוין דערמיט אויך גענוג, אָבער קיין הונגער זאָל דער רַבּ צוליב דעם

ניט ליידן. פאַר שפּייז און געטראַנק וועל איך אויף דעם זעלביקן אופן אויך ווייטער זאָרגן. איך פאַרלאָז זיך אויף ג־ט, צו וועמען איר האָט מיך ווידער דערנענטערט, און אויף אייער געבעט, אַז מיר וועט צוליב דעם קיין שלעכטס ניט געשען".

„איך דאַנק אייך, איידעלער וואוילטוער", האָט געזאָגט דער רבֿ. „מעג איך, אויב אַזוי, זיך אויסנוצן מיט אייער גוטסקייט צום צווייטן מאָל? מיין זאַפּאַס האָט זיך שוין כמעט ווי געענדיקט, מעג איך דעם הער שעף בעטן מיך אויף ס'ניי צו פאַרזאָרגן?"

ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען די פּושקע פון זיין קעסטל און עס דערלאַנגט דעם שעף. יענער האָט עס געעפנט און באַמערקט אַז ס'איז נאָך ניט אַלץ אויפגעגעסן געוואָרן. אָבער איידער דער שעף האָט נאָך גע־האָט צייט אויסצודריקן זיין פאַרוואונדערונג וועגן דעם, האָט דער רבֿ אַ זאָג געטאָן:

„דער דרך־ארץ ביי אידן פאָדערט, אַז ווען איינער באַקומט שפּייז פון אַנדערן, זאָל ער עס ניט אויפעסן פולשטענדיק, נאָר ער זאָל איבערלאָזן עפּעס דערפון. איך וואָלט ניט וועלן אַז ה' ליעפּלער זאָל דענקען, אַז ער שיקט זיינע שפּייז עמעצן, וואָס ווייס ניט אָט די עלעמענטאַרע אידישע עטיק. וואָלט ער געוואוסט", האָט דער רבֿ שמייכלענדיק צוגעגעבן, „אַז איך בין דאָס דער וועלכער געניסט פון זיינע שפּייז, וואָלט אָט די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט ניט געווען נייטיק".

„דאַן וויל איך בעסער מיטנעמען דעם רעשט, איידער אויפצוקלערן ה' ליעפּלער'ן וועגן דעם, ווער דער באַקומער איז", האָט דער שעף געענט־פערט, אויך מיט אַ שמייכל.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אַריינצושטעקן די פּושקע אין קעשענע פון זיין מאַנטל, האָט זיך אָבער באַלד ווידער אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

„איר האָט מיר פאַרשפּראָכן אַ דערקלערונג וועגן אייער פירשטלעכן באַזוך, מעג איך אפשר וויסן ווער דער פירשט איז געווען?"

„עס זיינען געווען פון זיי אַפילו צוויי, ביידע אויסערגעוויינלעך גרויסע גייסטיקע פירשטן, וועלכע האָבן מיך די נאַכט באַזוכט. מיין

לערער, רבי דוב בער פון מעזריטש און דער לערער פון מיין לערער, רבי ישראל בעל שם טוב״.

„אָ״, האָט דער שעף אויסגערופן, „עס האָט זיך אייך דאָס געחלומ׳ט, און זיי זיינען געקומען צו אייך אין חלום?! קעגן אַזעלכע באַזוכן איז, פאַרשטייט זיך, קיין פעסטונג ניט שטאַרק גענוג און זיי נויטיקן זיך אויך ניט אין קיין שיפּלמאַן און קיין וועכטער, כדי צו ווערן אַריינגעלאָזן״.

דער רַב האָט אַ פּאָר מינוטן געשוויגן. דאַן האָט ער אַנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם שעף און געזאָגט:

„ווען איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין חלום נאָר ווירקלעכקייט, דאַן וואָלט איר דאָס אָנגענומען ווי אַן אוממעגלעכע, איבערנאַטירלעכע זאַך. און ווען איר זאָלט אַפילו ניט צווייפלען אין דעם אמת פון מיינע ווערטער, דאַן וואָלט איר עס באַטראַכט ווי אַ קראַנקהאַפטע פאַרשטעלונג. אַז מען קען אַזעלכע באַזוכן האָבן אין אַ חלום, דאָס האַלט איר פאַר אַ געוויינלעכע זאַך און איר וואונדערט זיך גאָרניט אויף דעם. ריכטיק?״

דער שעף האָט אויסגעדריקט זיין צושטימונג דורך אַ שאָקל מיט׳ן קאָפּ און דער רַב האָט ווייטער גערעדט:

„מיין מיינונג אין דעם איז פונקט פאַרקערט. מיר זעט אויס דער חלום צו זיין אַ פיל גרעסערער וואונדער ווי די ווירקלעכקייט. די אַפּטע דערשיינונג פון חלומות מאַכט אַט דעם וואונדער פון אַלע וואונדערס ניט קלענער, נאָר גרעסער. דער באַזוך פון מיינע לערערס, אָדער לאָמיר עס אָנרופן פון מיינטוועגן מיין חלום, געהערט צו די, וועלכע זיינען ניט ווייניקער רעאַל ווי וועלכע אַנדערע פּאַסירונגען פון דעם אַזוי גערופענעם וואַכן אָדער ווירקלעכן לעבן. ווען מיין וועכטער וואָלט געווען אַריינגעקומען מיט זיין שליסל אין מיין צעל, וואָלט עס ניט געקענט זיין צייטלעכער, קערפּערלעכער און ממשות׳דיקער, ווי עס זיינען מיר היינטיקע נאַכט געווען מיינע לערערס. עס חלומ׳ען זיך ריחות, עס חלומ׳ען זיך פּנימ׳ער, עס חלומ׳ען זיך באַרירונגען. מען חלומ׳ט ווערטער, מען הערט דערציילונגען, מען הערט מוזיק. עס בלייבן אַפּט איינדרוקן פון חלומות אין זכרון פאַר צענדליקער יאָרן; זיי בלייבן שאַרף און לעבעדיק אין זכרון, אין

דער צייט ווען פיל וויכטיקערע געשעענישן פון וואַכן לעבן בלייבן אין גאַנצן פאַרגעסן.

איך האָב די נאַכט מיינע לערערס געזען און מיט זיי גערעדט. איך ווייס אַלץ וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט און וואָס כ׳האָב זיי געענטפערט. איך האָב געהאַט און האָב נאָך איצט דאָס געפיל, אַז דאָס איז ניט געווען קיין חלום, פונקט ווי איך גלויב ניט, אַז אייער איצטיקער באַזוך איז אַ חלום״.

„און אייערע לערערס האָבן אייך געזאָגט, אַז דער קייסער וועט אייך היינט באַזוכן?״ האָט דער שעף געשפּאַנט געפרעגט.

„ניין, דאָס האָבן זיי ניט געזאָגט״, האָט געענטפערט דער רבֿ. „עס איז מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן דעם. פונדעסטוועגן האָט זייער באַזוך פיל מיטגעהאָלפן, וואָס איך האָב היינט דעם קייסער גלייך דערקענט״.

„ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?״

„דער לערער פון מיין לערער איז אַריין דער ערשטער אין מיין צעל און נאָך אים מיין לערער. דערפון האָב איך געדרונגען, אַז דאָס קען ניט זיין קיין אַנדערער ווי ר׳ ישראל בעל שם טובֿ, כאָטש איך האָב אים פריער קיין מאָל ניט געזען. אין משך פון געשפּרעך האָט זיך דאַן אַרויס־געשטעלט, אַז מיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע. ווען איר האָט היינט אין דער פרי אַריינגעלאָזן דעם קייסער צוערשט, האָט די געדאַנקען־פאַר־בינדונג מיט מיין נאַכטיקן באַזוך געפירט דערצו, איך זאָל אָננעמען דעם „איד״ וועלכער איז אַריין צוערשט, פאַר דעם קייסער״.

„און מעג איך פרעגן, וואָס ס׳איז געווען דער אינהאַלט פון דעם גע־שפּרעך מיט אייערע נאַכטיקע באַזוכער?״ האָט דער שעף געפרעגט.

„אפשר וועל איך עס אייך שפּעטער אַמאָל זאָגן, ווען איר וועט דורך אַ אידישן לערער ווערן אַריינגעפירט מער אין אידישן אַרט דענקען און לעבן און ווען איך וועל ווידער באַקומען מיין פרייהייט״, האָט דער רבֿ געענט־פערט.

„דאָס וועט מיר געוויס געבן אַ נייעם שטויס — פון איין זייט זיך גרינדלעך צו באַקענען מיט דער אידישער לערע און פון דער אַנדערער

זייט, צו טאָן אַלץ וואָס עס ליגט אין מיינע כחות, צו דערמעגלעכן אייער באַפרייאונג״, האָט דער שעף געענטפערט.

„איך דאַנק אייך״, האָט געענטפערט דער רַב, „און איך צווייפל ניט אַז איר מיינט דאָס זייער ערנסט. אָבער איך מיין, אַז אַיר קענטביידע זאַכן פאַראייניקן. פאַרטרויט זיך פאַר ליעפלער׳ן און בעט אים צו ווערן אייער לערער. איר וועט זיך דאַן אַליין איבערצייגן, אַז ער האָט פאַרדינט אייער פולן צוטרוי ניט ווייניקער פון מיר אַליין״.

„מיר וועלן זען וואָס עס לאָזט זיך טאָן אין דער זאַך״, האָט דער שעף געזאָגט און מיט אַ וואַרעמען האַנטדרוק האָט ער זיך געזעגנט מיטן רַב.

יד
דאָס צעטעלע אין די איינגעמאַכטס

זייט ר׳ מרדכי ליעפּלער האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט דעם שעף פון דער פּאָליציי, קאָלאָנעל דונדוקאָוו, האָט ער זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט צו דערוויסן דעם נאָמען און די תפיסה פון דעם געפאַנ־גענעם, וועמען ער האָט געשיקט די שפּייז. אָבער דער שעף האָט עס אים אָפּגעזאָגט. דערפאַר האָט ר׳ מרדכי געזוכט זיך צו דערוויסן געוויסע פּרטים וועגן דעם פּאָליציי־שעף אַליין און ספּעציעל, אויב און אין וועלכער תפיסה ער האָט דירעקטע פאַרבינדונגען. דורך זיינע פיל געשעפטלעכע קאָנטאַקטן מיט די העכסטע שפּיצן פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט האָט ער באַלד פעסטגעשטעלט, אַז דונדוקאָוו איז דער אינספּעקטאָר פון דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג. דאָרטן מוז, אויב אַזוי, דער געפאַנ־גענער זיין איינגעשפּאַרט, האָט ר׳ מרדכי געטראַכט. אַזוי ווי ער האָט אָבער געוואוסט אַז אַהין ווערן געבראַכט נאָר שווערע פּאָליטישע פאַרברעכער, האָט ער גערעכנט אַז דאָ האַנדלט זיך זיכער ניט וועגן דעם רַבּ.

עס איז געווען העכסט אומדענקבאַר אַז אָט דער גדול בישראל, וועל־כער האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרנומען מיט פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן, וועלכער איז נאָך דערצו אויסערגעוויינלעך טריי געווען דעם קייסער, זאָל ווערן אַרעסטירט צוליב אַ פּאָליטישן פאַרברעכן. עס מוז דעריבער זיין אַן אַנדערער. אָבער ווער דער געפאַנגענער זאָל ניט זיין, פון וואַנעט נעמט זיך דער אומגעוויינלעכער אינטערעס פון שעף פאַר אַ איד און נאָך דערצו פאַר אַזעלכן, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב פּאָליטישע סיבות? אַז אַזאַ הויכער באַאַמטער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אויף אַזוי ווייט, פּערזענלעך צו ברענגען די שפּייז צו אַ איד, דאָס מוז זיכער האָבן אַ באַזונדערן גרונד. איז ער אפשר אונטערגעקויפט פון דעם געפאַנגענעם דורך געלט אָדער דורך זיין פּערזענלעכקייט? די, און ענלעכע פראַגעס האָבן באַוועגט ר׳ מרדכי׳ן, זיך צו דערקונדיקן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם פּאָליציי־שעף דונדוקאָוו. ענדלעך האָט ער אַנטדעקט אַז זיין פאָטער, מיט דער גאַנצער

פאַמיליע האָבן זיך געשמד'ט און ער האָט גלייכצייטיק באַקומען אַ הויכע רעגירונגסשטעלע. דער שעף איז אויב אַזוי געווען אַ געבאָרענער איד. זאָל זיך דערפון נעמען זיין סימפּאַטיע פאַר דעם אידישן געפאַנגענעם? אויב אַזוי, איז ער גאָר אַ גרויסער אויסנאָם צווישן די משומדים, וועלכע האָבן קיינעם ניט אַזוי פיינט, ווי די מענטשן פון זייער אָפּשטאַם.

גראָד ווען ר׳ מרדכי האָט שוין געהאַט דאָס אַלץ פעסטגעשטעלט, פאַרווענדנדיק דערצו אַ סך צייט, געלט און חכמה, האָט ער באַקומען אַ צווייטע איינלאַדונג צו באַזוכן דעם קאָלאָנעל. דער לעצטער האָט ר׳ מרדכי'ן דערציילט, אַז דאָס פּרוכט-איינגעמאַכטס איז געווען פאַר דעם געפאַנגענעם זייער גוט און אַז ער בעט זייער צו שיקן ווידער. ר׳ מרדכי האָט צוגענומען די ליידיקע פּושקע און האָט געזאָגט, אַז ער שעצט זיך גליקלעך צו קענען דורך דער דאָזיקער קלייניקייט פאַרלייכטערן אַביסל אַ געפאַנגענעם איד זיין שווערן שיקזאַל, ער באַדויערט נאָר די באַשיידנקייט פון דעם מענטש; ער וואָלט אים גערן שיקן קרעפטיקערע און נאַרהאַפטי־קערע שפּייזן. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער זיך געזעגנט מיט דעם פאַרשפּרעכן, מאָרגן פאַרמיטאָג זיך ווידער צו געפינען ביי אים מיט אַ פּושקע איינגעמאַכטס.

ר׳ מרדכי האָט געברענט מיט דעם פאַרלאַנג זיך צו דערוויסן עפּעס פון דער פּושקע, אָבער זיין קלוג׳ע פאָרזיכטיקייט האָט אים ניט דערלאָזט ער זאָל עס עפענען, איידער ער איז געקומען אַהיים. דאָרטן האָט שוין אויף אים געוואַרט דעם רַב׳ס שוואָגער, רבי ישראל קאַזיק, וועלכער איז גלייך נאָך דעם רַב׳ס אַרעסט, געפאָרן קיין פּעטערבורג. מיט אים צוזאַמען האָט ר׳ מרדכי געאַרבעט צו מאַכן די אַלע ביז־אַהעריקע אויספאָרשונגען.

ביידע האָבן אויסגעשריען פאַר פרייד, ווען זיי האָבן געפונען אויפ׳ן דעק פון דער פּושקע דאָס צעטעלע מיט דער באַקאַנטער שריפט פון רַב. מיט אַ באַגייסטערטן דאַנק-געפיל האָבן זיי געמאַכט די ברכה, וואָס מען זאָגט ווען מען באַקומט אַ גוטע בשורה און דאַן האָבן זיי זיך צוזאַמען באַ־ראָטן וואָס צו טאָן, כדי צו קענען קומען מיט דעם אַרעסטירטן אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט. אָבער זיי זיינען צו קיין החלטה ניט געקומען.

רבי ישראל קאַזיק האָט געראָטן, אַז דאָס צווייטע מאָל זאָל מען ווידער ביילייגן אַ צעטעלע אין די איינגעמאַכטס און בעטן דעם רַב אַליין זיי אָנצואווייזן אַ וועג ווי צו קומען מיט אים אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג.

„איך האַלט עס פאַר צו געוואַגט", האָט געענטפערט ר' מרדכי, „איך מיין אַז ס'איז ראַטזאַם איין מאָל, און נאָך בעסער וואָלט זיין אַפילו עטלעכע מאָל דורכצולאָזן, צוליב דער מעגלעכקייט, אַז דער שעף איז דאָ עפּעס חושד".

„אָבער מען טאָר דאָ ניט פאַרלירן קיין צייט", האָט רבי ישראל קאַזיק געטענה'ט, „ווער ווייסט, אויב אַלע אונדזערע מיטלען קומען שוין איצט ניט צו שפּעט!"

„דער עיקר איז", האָט ר' מרדכי געזאָגט, „אַז דער רבֿ לעבט און אַז עס איז אים געלונגען צו געווינען דאָס האַרץ פון דעם פּאָליציי־שעף אויף אַזוי ווייט, אַז ער פערזענלעך באַזאָרגט אים מיט שפּייז פון אַ איד! דאָס האָט דער רבֿ באַוויזן צו דערגרייכן ניט דורך געלט, נאָר דורך דעם צויבער פון זיין האַרץ־געווינענדיקער פּערזענלעכקייט. דאָס איז אַ גרויסער, ג־ט'לע־כער וואונדער. חז"ל זאָגן, אַז אַ נס טוט דער אויבערשטער קיין מאָל ניט אומזיסט. דער דאָזיקער נס וואָלט אָבער יאָ געווען אומזיסט, ווען עס זאָלן ניט געשען נאָך אים קיין אַנדערע נסים, וועלכע זאָלן פירן צו דער באַ־פרייאונג פון רבֿ. דערפאַר, כאָטש מיט אונדזער שכל זעען מיר ניט קיין וועג ווי צוצופירן די רעטונג פונעם רבֿ ביז צום סוף, דאַרפן מיר דאָך מיט זיכערקייט האָפן, אַז דער אויבערשטער וועט אים העלפן אויף אַ וואונדער־לעכן אופן, נאָכדעם ווי מיר פון אונדזער זייט וועלן האָבן געטאָן אַלץ וואָס ס'איז אין אונדזערע מעגלעכקייטן".

„און וואָס טראַכט איר צו טאָן?" האָט געפרעגט רבי ישראל קאַזיק.

„גאַרנישט", האָט געענטפערט ר' מרדכי: „מאָרגן וועל איך ברענגען דעם שעף אַ פרישע פּושקע איינגעמאַכטס; אפשר וועט ער זיך אַריינלאָזן מיט מיר אין אַ געשפּרעך, וועלכער וועט אונדז אָנווייזן דעם וועג וואָס מיר דאַרפן גיין".

ווען ר' מרדכי האָט דעם אַנדערן מאָרגן געבראַכט דעם שעף די פּושקע מיט אַ פרישער חלה, איז ער באַזונדערס פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן. דער שעף האָט געדאַנקט פאַר דער פּינקטלעכער באַזאָרגונג און האָט געפרעגט ר' מרדכי'ן, אויב ער האָט אפשר צו מאַכן דעם געפאַנ־גענעם אַ ספּעציעלע מיטטיילונג.

„איך האָב נאָר דעם וואונטש, אַז מיינע שפּייז זאָלן דעם געפאַנגענעם

גוט באַקומען און אַז איך זאָל גאָר אין גיכן זיין אין דער לאַגע אים צו קענען שיקן קרעפטיקערע שפייז".

„און אַחוץ דעם האָט איר גאָר קיין וואונטש ניט?"

„ניין, הער שעף".

„איך האָב די גרעסטע אַכטונג פאַר אייער טאַקטישקייט, וואָס איר ווידערהאַלט ניט מער אייער וואונטש צו וויסן דעם נאָמען און דעם אויפ־האַלט־אָרט פון דעם געפאַנגענעם".

„נאָכדעם ווי אייער עקסעלענץ האָט מיר איין מאָל אָפּגעזאָגט צו דער־פילן דעם דאָזיקן וואונטש, וואָלט דאָך ניט געפּאַסט אים צו באַנייען".

„די דאָזיקע צוריקהאַלטונג איז מיר אַ באַשטעטיקונג פאַר אַלע הויכע מיינונגען און אָפּשאַצונגען, וואָס איך האָב וועגן אייך געהערט און דאָס ברענגט מיך אויך דערצו, איך זאָל פון מיין זייט זיך ווענדן צו אייך מיט אַ ביטע".

„דער צוטרוי פונעם ה' קאָלאָנעל מאַכט מיך גליקלעך אין העכסטן גראַד און ס'איז איבעריק די פאַרזיכערונג, אַז איך בין גרייט צו דערפילן יעדן וואונטש פון אייער עקסעלענץ, וואָס ס'איז מיר נאָר מעגלעך".

„מיין וואונטש וועט איך פאַרקומען זייער אייגנאַרטיק. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פאַרטרויאונגס־זאַך, וואָס איך וויל, אַז אויסער אונדזביידן זאָל קיין דריטער דערפון ניט וויסן".

„אייער עקסעלענץ מעג זיך אין דעם פאַרלאָזן ווי אויף זיך אַליין".

„איך צווייפל ניט אין דעם און כ'וועל דערפאַר אָן אומוועגן צוטרעטן גלייך צו דער זאַך: דער געפאַנגענער, וועלכער האָט אונדז ביידן גע־בראַכט אין פאַרבינדונג, האָט געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. שטעלט זיך פאָר, ער וואָלט בעסער פאַרהונגערט געוואָרן איידער צו פאַרזוכן שפייז, וועלכע איז ניט צוגעגרייט געוואָרן לויט דעם אידישן דין. איך האָב אָפט מיט אים גערעדט וועגן זיין רעליגיע און אירע פאָדערונגען פון אירע אָנהענגער. די דאָזיקע שמועסן האָבן אין מיך דער־וועקט דעם וואונטש זיך גרונטיק צו באַקענען מיט דער אידישער רעליגיע און אירע געזעצן. אפשר קענט איר מיט מיר וועגן דעם לערנען? איך וועל

אייך פאַרשטייט זיך גוט באַצאָלן. וואָס פאַרלאַנגט איר דערפאַר? איך מיין אַז איך וועל יעדן אָוונט זיך קענען באַפרייען פאַר דעם אויף אַ שעה אָדער צוויי״.

„איך שטעל פאַר דעם דאָזיקן וואונטש מיינע אָרעמע ידיעות און מיין צייט אין גאַנצן אין רשות פון ה׳ שעף. נאָר איך בעט אייך ניט צוריידן וועגן קיין באַצאָלונג דערפאַר. דאָס איז אונדז גראָד פאַרבאָטן דורך דעם געזעץ פון אונדזער רעליגיע, מיט וועלכער אייער עקסעלענץ וויל זיך איצט באַקענען. פונקט אַזוי ווי ג־ט האָט אונדז געלאָזט וויסן זיין ווילן און זיינע געזעצן אָן שום געצאָלט, אַזוי אויך מוזן מיר עס לערנען מיט אַנדערע אָן געצאָלט. איך פיל זיך שוין, אגב, רייכלעך באַלוינט דורך דעם צוטרוי וואָס אייער עקסעלענץ שענקט מיר; קיין אַנדער באַצאָלונג קען איך ניט אָננעמען״.

„וואָס זאָגט איר?״ האָט דער שעף געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער. „איר זייט גרייט צו לערנען מיט מיר די העכסטע וויסנשאַפט אין גאַנצן פריי, אָן געצאָלט? דאָס האָב איך נאָך ניט געהערט פון קיין לערער אָדער פראָפעסאָר״.

„דאָס איז אַזוי ווי איך זאָג. איך האָב קיין מאָל קיין קאָפּקע ניט געצאָלט פאַר די שיעורים וואָס איך האָב באַקומען, אַחוץ אפשר מיט׳ן אויסנאַם פון די סאַמע ערשטע למודים, וועלכע ווערן געוויינלעך געגעבן פון גאַנץ אָרעמע מלמדים. אָבער אויך זיי לאָזן זיך ניט באַצאָלן פאַר זייער לערע, נאָר אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער צייט, וואָס זיי קענען ניט אָפּגעבן פאַר קיין אַנדער באַשעפטיקונג צו פאַרדינען זייער טעגלעך ברויט, צוליב דעם וואָס זיי ווידמען זייער גאַנץ לעבן צו באַקענען קליינע קינדער מיט די געזעצן פון ג־ט. די תלמידים אָבער, וועלכע זיינען שוין אַרויסגעוואַקסן פון אַט דער שולע (חדר), זעצן פאָר זייערע למודים אין באַזונדערע לערן־אַנשטאַלטן (ישיבות), וועלכע יעדע אידישע קהילה פאַרמאָגט און וועלכע ווערן געוויינלעך אָנגעפירט פון דעם רב אָדער פון אַן אַנדער תלמיד חכם, אַבסאָלוט פריי, אָן וועלכע קאָסטן״.

„דאָס איז פולשטענדיק ניי צו מיר. דאָס איז דאָך גאָר אין קעגנזאַץ צו דעם סוחר׳ישן גייסט און דער תאווה צו געלט, מיט וועלכע אידן זיינען באַוואוסט״.

„דורך די ספּעציעלע שוועריקייטן, וועלכע דאָס מלוכה־געזעץ מאַכט לגבי די אידישע אונטערטאנען אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, זיינען די אידן געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען נאָר מיט די איינצעלנע צווייגן פון באַשעפטיקונג, וועלכע מען האָט זיי איבערגעלאָזן. די גרויסע אָנשטרענגונגען, מיט וועלכע ס'קומט אויס די אידן צו פאַרדינען זייער טעגלעך ברויט, קען אויף אַ זייטיקן, אויבערפלעכלעך, מאַכן דעם איינדרוק פון אַ „שאַכער־מאַכער גייסט". דאָס איז איינער פון די פיל פאָראורטיילן, פון וועלכע מיר מוזן אַזוי פיל ליידן. אָבער אייער באַקענען זיך מיט די געזעצן פון אונדזער תורה, וועלכע איז די נשמה פון אידישן פאָלק, וועט זיכער פירן דערצו, אַז איר וועט איינזען דעם טעות פון דעם דאָזיקן פאָראורטייל. זאָל עס מיר נאָר געלינגען ביי מיינע לעקציעס, וואָלט עס געווען אַ דערפאָלג, וועלכער איז העכער פאַר יעדער באַצאָלונג".

„קענען מיר שוין היינט אָנפאַנגען מיט דעם לערנען?"

ווען ר' מרדכי האָט אים אויף דעם געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט אים דער קאָלאָנעל געבעטן, זיך צו געפינען ביי אים אַכט אַזייגער אין דעם זעלביקן אָוונט. דאָן האָבן זיי זיך הארציק געזעגנט. ר' מרדכי איז אַריינגעשטיגן אין זיין וואָגן, וועלכער האָט געוואַרט אויף אים פאַר דעם טויער פון הויז און איז גלייך אָפּגעפאָרן. אָבער נאָר ביז צום ווינקל פון דער דערבייאיקער גאַס, וואו ער איז געבליבן שטיין און פון דאָרטן אָבסערווירט דאָס הויז פונעם שעף, אַזוי אַז אַליין האָט ער ניט געקענט געזען ווערן. אין אַ האַלבער שעה אַרום, אומגעפער, איז דער שעף אַריינגעשטיגן צו זיך אין וואָגן און איז אָפּגעפאָרן. ר' מרדכי האָט געגעבן זיין קוטשער אַ באַפעל נאָכצופאָרן דעם וואָגן פון שעף, וועלכער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ביי דער פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג. איצט האָט ר' מרדכי געוואוסט, אַז דער רַב איז דאָרטן טאַקע אינטערנירט. עס מוז זיך אויב אַזוי האַנדלען וועגן אַ פּאָליטישן פאַרברעכן, וועלכער האָט געפירט צו דעם אַרעסט פון רַב. טיף באַזאָרגט איז ער געפאָרן אַהיים. איצט איז נייטיק געווען צו דערגיין ווער עס זיינען די ריכטערס, פון וועמען עס איז צוזאַמענגעשטעלט דער געהיים־ראַט, צו משפּט'ן פּאָליטישע פאַרברעכערס.

כאָטש דאָס איז ביי ר' מרדכי'ס ברייטער באַקאַנטשאַפט ניט שווער געווען, האָט ער פונדעסטוועגן באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז ער וועט אין אָוונט האָבן גערעדט מיט'ן שעף, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אויף

דעם וועג וועט זיין לייכטער און גיכער צו דערגרייכן דעם ציל. ער האָט זיך אַפילו אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, צו זאָגן אָפן דעם שעף, אַז ער ווייסט שוין ווער דער געפאַנגענער איז און אויך זיין אויפהאַלט־אָרט; פון דעם דאָזיקן שריט האָט אים אָבער ר׳ ישראל קאַזיק שטאַרק אָפּגעראָטן, אויס מורא אַז דער שעף זאָל צוליב דעם אָפּברעכן אַלע באַציאונגען, וועלכע זיינען ביז איצט דערגרייכט געוואָרן אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן.

טו

דעם קאַלאָנעל׳ס העלדישער שריט

ווען ר׳ מרדכי ליעפּלער און ר׳ ישראל קאַזיק האָבן געזוכט עצות, וואָס צו טאָן, האָט אין דער זעלביקער צייט באַשעפטיקט די דאָזיקע פראַגע אויך דעם רב און קאַלאָנעל דונדוקאָוו, אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעס־טונג. דער לעצטער האָט אָפּגעגעבן דעם רב די אָנגעפּילטע פּושקע און די חלה און האָט דערביי באַמערקט אַז דער גוטער איינדרוק וואָס ה׳ ליעפּלער מאַכט, ווערט שטאַרקער מיט יעדער נייער באַגעגעניש.

„האָט איר שוין אָנגענומען וועלכע ס׳איז שריט, כדי אים צו געווינען אַלס אייער לערער אייך צו באַקענען מיט׳ן אידנטום?" האָט דער רב גע־שפּאַנט אַ פרעג געטאָן.

„ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַכט אַזייגער היינט אין אָוונט אָנצופאַנגען דעם אונטעררי־כט ביי מיר אין וואוינונג", האָט געענטפערט דער שעף.

דער רב האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו דעם שעף און האָט אים געבענטשט, אַרויפלייגנדיק דערביי די הענט אויף זיין קאָפּ. טרערן פון פרייד זיינען גערונען איבער זיינע באַקן, ווען ער האָט געזאָגט אין לשון הקודש די ווערטער וואָס בועז האָט אַמאָל געזאָגט צו רות:

„זאָל דיר ג־ט באַצאָלן דיין טואונג, און דיין שכר זאָל זיין פולקום פון ג־ט, דעם ג־ט פון ישראל, וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זיינע פליגלען".

דאָן האָט ער אָנגענומען זיינעביידע הענט און געזאָגט:

„נאָר דער אויבערשטער, וואָס לכבוד זיין הייליקן נאָמען האָט איר גע־טאָן דעם דאָזיקן העלדישן שריט, קען אָפּשאַצן דעם הויכן ווערט פון אייער גרויסער טאָט. געלויבט איז ג־ט, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען צו האָבן אַ קליינעם טייל אין אייער העלדישן נצחון איבער זיך אַליין און איך דאַנק אויך אייך פאַר׳ן געבן מיר די געלעגנהייט דערצו".

„דאַנקען דאַרף איך און ניט איר", האָט געענטפערט דער שעף זייער געריירט. „עס איז מיר אין ווערטער איבערהויפּט אוממעגלעך אויסצודריקן ווי שטאַרק איך פיל מיך דאַנק־שולדיק. אָבער זאָגט מיר, איר האָט אפשר וועלכן ס׳איז וואונטש, וואָס זיין דערפילונג ליגט אין מיין מאַכט, ער וועט מיר זיין אַ באַפעל. ווען איר ווילט, העלף איך אייך צו אַנטלויפן: אַפילו ווען דאָס זאָל מיר קאָסטן מיין שטעלע אָדער גאָר מיין לעבן".

„איך האָב ניט קיין שום וואונטש, וואָס זיין דערפילונג זאָל מיך אַזוי שטאַרק באַגליקן, ווי דאָס באַוואוסטזיין אייך צו האָבן ווידער געוואונען פאַר אונדזער אידישער אמונה, און דערפאַר וועל איך חלילה, ניט אָנ־נעמען קיין שום אָפּצאָל. ווען איך וואָלט געדאַרפט פריי ווערן פון דאַנעט דורך אַנטלויפן, וואָלט איך עס געקענט מיט ג־ט׳ס הילף דערמעגלעכן אין אַ טאָג ביז צוויי, ניט מוזנדיק דערביי אויסנוצן אייער מיטהילף".

„דער שעף האָט ביי די דאָזיקע ווערטער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם רב און געזאָגט:

„ווען דאָס, וואָס איך האָב אָקאָרשט געהערט פון אייך, וואָלט מיר גע־זאָגט אַן אַנדער אַרעסטאַנט, וואָלט איך אים באַטראַכט ווי אַ גייסטיק קראַנקן, מיט פיבערדיק קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיעס, און כ׳וואָלט אפשר גע־שמייכלט דערביי — אָבער ווען איר זאָגט דאָס, איז עס דאָך אמת, כאָטש פאַר מיר איז עס אַן אַבסאָלוט אומבאַגרייפלעכער אמת. זייט די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג שטייט, האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפן אַז אַן אַרעסטאַנט זאָל פון איר אַנטלויפן און איר וואָלט, אָן מיין מיטהילף, עס יאָ געקענט, ווען איר זאָלט נאָר וועלן? אָבער, פאַרוואָס ווילט איר ניט?! אייער לעבן שוועבט אין דער העכסטער געפאַר, עס קען ווערן ביי אייך אין אַ פּאָר טעג אַרום אָוועקגענומען; און ווי ווייט דאָס מענטשלעכע אויג קען זען, איז יעדע מעגלעכקייט אויסגעשלאָסן, צו באַאיינפלוסן די ריכטערס גינסטיק פאַר אייך: און אַפילו ווען דאָס וואָלט שוין יאָ געלונגען, בלייבט דאָך נאָך אַלץ דער קייסער, וועלכער האַלט אייך פאַר שולדיק אין אָנפירן מיט געהיימע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, אַפילו ווען קיין קאָנקרעטע באַ־ווייזן זיינען דערפאַר נישטאָ. דאָס וואָס איר האָט אים דערקענט אין זיין פאַרקליידונג און דורכדעם געשטערט זיין אינקאָגניטאָ, האָט אייער לאַגע פאַרערגערט, טאָ פאַרוואָס ווילט איר זיך דערפון ניט באַפרייען דורך אַנט־לויפן, זאָל עס זיין מיט מיין הילף אָדער אָן איר, דורך מיטלען און וועגן וועלכע איר פאַרשטייט, פון וועלכע איך האָב אָבער קיין אַנונג ניט".

„איך טאָר אונטער קיינע שום אומשטענדן ניט אַנטלויפן”, האָט דער רַב געענטפערט זייער ערנסט, „דורך מיין אַנטלויפן וואָלט איך נאָר באַשטעטיקט די באַרעכטיקונג פון די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן מיר. מיינע פיינד ווילן גאָר ניט אפשר אַזוי מיין טויט, ווי נאָר מיין אַנטלויפן, וואָס זאָל מאַכן אוממעגלעך פאַר מיר זיך צוריקצוקערן צו מיין ביזאַהעריקן ווירקונגס־קרייז. די גרויסע געפאַר, אין וועלכער מיין לעבן שוועבט, פאַרזע איך ניט. נאָך גרעסער אָבער פאַר דער דאָזיקער געפאַר, איז מיין בטחון אין ג־ט. אונדזערע חכמים זאָגן, אַז אַפילו ווען די שווערד ליגט שוין אויפ'ן האַלדז, טאָר מען ניט פאַרלירן דעם בטחון אין ג־ט. איך וואָלט געווען אַ שלעכטער תלמיד פון אונדזערע גרויסע לערער, ווען איך וואָלט זייער לערע נאָר פאַרשפּרייט, אָבער אַליין זי ניט מקיים געווען, דוקא אין מאָמענט פון געפאַר. דערצו איז דאָך מיין טויט נאָך ניט קיין באַשלאָסענע זאַך, די שווערד איז נאָך ניט אויפ'ן האַלדז. ג־ט האָט אַ סך מיטלען און וועגן ווי צו געווינען דאָס האַרץ פון די ריכטער און פונעם קייסער פאַר אמת און גערעכטיקייט, דערפאַר וואָלט עס געווען אַן אומפאַרגעבלעכע געפאַלנקייט אין מוט צו וועלן אויסמיידן די געפאַר דורכ'ן אַנטלויפן”.

דער רַב איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן און דער שעף האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַ פרעג געטאָן:

„אָבער אויב די הינריכטונג איז אַזוי גוט ווי אַ באַשלאָסענע זאַך און אַן אַ נס איז אייער לעבן אוממעגלעך צו דערהאַלטן, וואָלט דען אייער פּרייוויליקער בלייבן אין תפיסה ניט זיין אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד און וואָלט איר זיך מעגן לאָזן טויטן, אין דער צייט ווען איר קענט ראַטעווען אייער לעבן דורך אַנטלויפן?”

„פון אַן אומבאַדינגטער זיכערקייט אין אַ טויט־אורטייל קען קיין מאָל די רייד ניט זיין. אַזוי לאַנג ווי מען איז נאָך פאַרבונדן מיט'ן לעבן, דאַרף מען האָבן בטחון, זאָגט דער חכם מכל אדם. אַזוי אַז אייער טענה איז קיין טענה ניט. און ווען איר וואָלט שוין אַפילו יאָ געווען גערעכט, ווען עס וואָלט שוין געווען אין גאַנצן באַשלאָסן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום זאָל מען מאַכן אַן ענד צו מיין לעבן, אַפילו דאַן וואָלט איך אין מיין לאַגע ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן. עס וואָלט מיר אפשר לייכט געווען זיך אויסצובאַהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט און דאַן זיך

אַריבערצוכאַפּן דעם גרענעץ, אָבער וואָס וואָלטן געווען די פּאָלגן? די רעגירונג וואָלט דאַן אָנגענומען שרעקלעכע נקמה־אַקטן און רעפּרעסיע מיטלען, זי וואָלט אַרעסטירט אומצייליקע פריינד, וועלכע וואָלטן געמוזט באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַר מיין איינציק געראַטעוועט לעבן, דורך אַנט־לויפן. וואָלט איך דאָס זיך ווען געקענט פאַרענטפערן? איז מיין בלוט רויטער פאַר זייער׳ס? וואָלט איך ווען געקענט זיך פרייען מיט מיין פריי־הייט, ווען זי זאָל מיטברענגען מיט זיך אַזעלכע קרבנות?״

„דאַן טראַכט איר גאָרנישט צו טאָן, נאָר רואיק גיין אַנטקעגן דעם טויט, וועלכן איר וואָלט, ווי איר זאָגט, געקענט פאַרמיידן דורך אייער אַנט־לויפן?״ האָט דער שעף געפרעגט שטאַרק באַזאָרגט.

„דאָס וויל איך ניט״, האָט געענטפערט דער רב. „איך האָב אייך שוין פריער געבעטן, מיר צו שאַפן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן מיט מיינע פריינד כדי מיט זיי זיך געמיינזאַם צו באַראַטן, וואָס עס זאָל געטאָן ווערן פאַר מיין באַפרייאונג. איר האָט מיר די דאָזיקע ביטע אָפּגעזאָגט, נעמענ־דיק אין אַכט אייער שטעלע און אייער לעבן. דאָס איז אַ גרונד וואָס איך ווייס צו שאַצן. היינט וואָלט איר אפשר, ניט קוקנדיק אויף אַט דער געפאַר, מיר דאָס צוליב טאָן. אָבער עס איז דאָך בעסער, ווען דאָס זאָל געשען אָן אייער פאַרמיטלונג. פאַרוואָס זאָלט איר ריזיקירן מיט אייער טייער לעבן כדי מיינעם אפשר צו ראַטעווען? איך וויל עס וואָגן אויף מיין אייגענער אחריות, ניט צו אַנטלויפן, נאָר זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מיינע פריינד; אָבער אָן אייער הסכמה און ווייניקסטנס אָן אייער וויסן וועל איך קיין שריט ניט טאָן אין דער דאָזיקער ריכטונג. איר האָט מיר שוין אַרויס־געוויזן אַזוי פיל מענטשן־ליבע; איר, דער הויכגעשטעלטער באַאַמטער, מיר, דעם אַרעסטאַנט, אַזוי אַז עס וואָלט געווען אומגערעכט און אומ־דאַנקבאַר, צו זיין הינטער אייער רוקן טעטיק פאַר מיין באַפרייאונג״.

„ווען איך האָב זיך דערקלערט וויליק און גרייט אייך צו העלפן פער־זענלעך אין דער דערגרייכונג פון אייער פרייהייט, בין איך דאָך געוויס מסכים דערצו, אַז עס זאָל געשען אויך אָן מיין מיטהילף״, האָט געענט־פערט דער שעף. „אָבער ווי מיינט איר דאָס דורכצופירן? אפשר מיט דער הילף פון אייער געהיימער וויסנשאַפט, די ׳קבלה׳?״

„איך מיין אַז עס איז אין אייער אינטערעס ראַטזאַמער, אַז איר זאָלט ניט וויסן די פּלענער און מיטלען, וועלכע איך טראַכט מיט ג־ט׳ס הילף

אַנצוווענדן. איר וועט דורכדעם קענען זיין רואיקער און זיכערער. אין פאַל מען וועט זיך דערפון דערוויסן, וועט איר אַפילו קענען שווערן, אויב מען וועט עס פון אייך פאַרלאַנגען, אַז איר האָט קיין אַנונג ניט פון די מיטלען און וועגן, דורך וועלכע עס איז מיר געלונגען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן מיר מיט מיינע פריינד. אָבער דאָס קען איך אייך איצט שוין זאָגן, אַז מיט וועלכער ס׳איז קבלה־וויסנשאַפט האָט מיין פּלאַן גאָרנישט צו טאָן. די ווענט פון דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג זיינען ניט אַזוי דיק, אַז מען זאָל אָן איבערנאַטירלעכע מיטלען ניט קענען דורכדרינגען. ווען אַלץ זאָל זיך איינגעבן לויט מיין פּלאַן, און דער אויבערשטער וועט מיר ווידער שענקען די פרייהייט, דאַן וועל איך אייך גערן אָנגעבן די מיטלען, וועלכע איך וויל פּרובירן״.

„איך גיב זיך אונטער אייער וואונטש, ווייל איך זע אין זיין גערעכטיקייט. אָבער איר גיט מיר אויף זייער אַ שווער רעטעניש. ווען איר זאָלט דורך אַ וואונדער צעברעכן די ווענט פון אייער תפיסה און אַריבערפליען דעם טייך, וועלכער טיילט אָפּ די תפיסה פון דער שטאָט, דאַן וואָלט מיך דאָס ניט דערשטוינט. ווען איר טראַכט אָבער אויסצופירן אייער פּלאַן אָן איבערנאַטירלעכע מיטלען, דאַן איז דאָס אין מיינע אויגן נאָך אַ גרע־סערער וואונדער. ווייל קיינער ווייס ניט בעסער פון מיר, אַז עס איז אַ זאַך פון אַבסאָלוטער אוממעגלעכקייט, צו פאַרלאָזן דעם אינדזל און דערביי ניט געזען ווערן. זאָל אייך ג־ט העלפן און מצליח זיין!״

דער שעף האָט זיך אויפגעהויבן צו געזעגענען. ביי דער טיר האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט און געזאָגט:

„כ׳האָב שיער ניט פאַרגעסן. דער געהיים־ראַט האָט אין די לעצטע טעג געהאַט צוויי זיצונגען וועגן אייער פּראָצעס. אָבער וועגן דעם רעזול־טאַט האָב איך גאָרנישט געקענט דערגיין. דירעקט פרעגן האָב איך ניט גע־וואָלט, כדי דורך מיין אינטערעס ניט צו דערוועקן קיין פאַרדאַכט, און פון זיך אַליין האָט מיר קיין מיטגליד פון ריכטער־קאָלעגיום גאָרנישט געזאָגט. נאָר די איין זאַך האָב איך געהערט אומדירעקט, אַז איר וועט באַלד ווידער גערופן ווערן פאַר׳ן געריכט. דורך דעם אינטערעס, וואָס דער קייסער נעמט אין דעם פּראָצעס, וועט זיין גאַנג יעדנפאַלס פאַרשנעלערט ווערן״.

„כ׳דאַנק אייך, איידעלער הער, פאַר דער דאָזיקער מיטטיילונג, כאָטש אָט די פאַרגיכערונג איז גאָר ניט פאַר מיין טובה. זי באַגרענעצט די צייט,

וועלכע איז נייטיק עפּעס צו טאָן, עס זאָל קענען זיין מיט דערפאָלג. אָבער איך האָף אויף ג־ט׳ס הילף, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פון צייט אָדער אָרט. זאָגט ה׳ ליעפלער אַ דאַנק פון אייער אַרעסטאַנט, און בעט אים מיר צו שיקן אין עטלעכע טעג אַרום אַ שטיקל עוף״.

ווען דער שעף האָט פאַרלאָזן די תפיסה, האָט דער רַב האַסטיק אויסגעליידיקט די גאַנצע פּושקע איינגעמאַכטס אויף אַ טעלער, אין דער האָפענונג צו געפינען דאָרטן אַ געשריבן וואָרט פון זיין פריינד. ווען ער האָט גאָרנישט געפונען האָט ער שטיל געזאָגט צו זיך:

„ר׳ מרדכי איז אַ קלוגער, פאַרזיכטיקער מענטש, ער האָט מורא גע־האַט מיר ווידער אויפ׳ן זעלביקן וועג עפּעס מיטצוטיילן; דאָס האָב איך אייגנטלעך גלייך געקענט וויסן; אָבער איך האָף צו קענען ריידן באַלד מיט אים אַליין״.

אין אָוונט איז אַריינגעקומען אין קאַמער דער וועכטער צו ברענגען דעם געפאַנגענעם טיי און אַכטונג צו געבן אויפ׳ן אויוון, ווי ער פלעגט טאָן יעדן אָוונט. כדי אָנצוקניפּן מיט אים אַ געשפּרעך, האָט דער רַב אַ זאָג געטאָן:

„האָט איר געהאַט וועלכע ס׳איז אומאַנגענעמלעכקייטן, הער יאסטרע־באָוו? עס זעט מיר אויס אַז איר זייט היינט באַזונדערס ערנסט און דער־שלאָגן״.

„דער הער האָט צוויי גוטע אויגן, פון וועלכע מען קען גאָרנישט באַ־האַלטן. מיר אַליין האָט אייגנטלעך גאָרנישט פּאַסירט, אָבער אייך — יאָ! איך האָב דאָס געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון אייך, אָבער איר זעט און ווייסט דאָך סייווי אַלץ, דערפאַר וועל איך עס אייך זאָגן: אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר זיך סײַ ווי סײַ דערוויסן. נעכטן איז דאָרטן געווען אַ געריכט־זיצונג, און עס איז געמאַכט געוואָרן דער פאָרשלאַג אייך הינצוריכטן. איר דאַרפט זיך דערפאַר ניט דערשרעקן, עס איז דערווייל נאָר אַ פאָרשלאַג, און מען וועט נאָך פריער יעדנפאַלס אייך אַליין אויסהערן״.

„אָבער פון וואַנעט ווייסט איר דאָס אַלץ, איר זייט דאָך ביי די זיצונ־גען מסתמא ניט געוועזן?״

„דאָס ניט, אָבער דער געריכט־דינער האָט דאָס מיר געזאָגט. דער

זעלביקער, וואָס האָט אייך ביי אייער ערשטן פאַרהער געפירט אַהין און צוריק. ווען ער וואָלט געהאַט אַריינצורײדן אַ וואָרט אין געריכט, דאַן וואָלט איר גלייך פריי געוואָרן. ער האַלט אייך פאַר אַ מלאך, נאָך אפשר מער ווי איך אַליין. די געשיכטע מיט דער פאַרדעקטער גרוב, וואו איר זייט ניט געגאַנגען, האָט אים דערין איבערצייגט. אָבער העלפן קען ער אייך אַזוי ווייניק ווי איך, און דאָס איז פאַרוואָס איך בין אַזוי שטאַרק באַזאָרגט״.

„איך דאַנק אייך פאַר אייער גרויסן מיטלייד. עס איז אמת, העלפן קען נאָר ג־ט אַליין און אויף זיין הילף האָף איך נאָך אַלץ. דער שיקזאַל, וועל־כער שטייט מיר פאָר איז אַ שווערער, ספּעציעל ווען איך טראַכט וועגן מיין פרוי און מיינע קינדער. פאַר מיר אַליין וואָלט איך דאָס שוין דערטראָגן. מיך דריקט אָבער נאָך עפּעס אַנדערש, ביי וואָס מענטשן וואָלטן מיר גע־קענט העלפן, ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט ווי איך זאָל דאָס דורכפירן״.

„זאָגט נאָר אַרויס, און ווען איך זאָל אייך נאָר קענען דינען דערביי, דאַן זאָל עס זיכער געשען״.

„אין דעם צווייפל איך ניט, און עס וואָלט טאַקע אפשר געווען מעג־לעך, אַז איר זאָלט מיר קענען העלפן. איר פאַרשטייט, ווען איינער געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע ווי איך, נייטיקט ער זיך דאַן מער ווי אַלעמאָל אין אַ גייסטלעכן; ווען איך וואָלט געקענט איצט האָבן איינעם, וואָלט מיר דער־מיט געווען מיין גרעסטער וואונטש דערפילט״.

„איז דען ניט געווען מיט עטלעכע טעג צוריק אַ אידישער גייסט־לעכער ביי אייך, וועלכן דער הער אינספּעקטאָר אַליין האָט צו אייך אַריינ־געפירט?״

„דאָס איז עס טאַקע, וואָס מאַכט מיין לאַגע אַזוי שווער. דער הער אינספּעקטאָר איז אַ שטרענגער מאַן, וועלכער טרעט ניט אָפּ אויף אַ האָר פון די פאָרגעשריבענע תקנות. איך קען זיך אפילו אויף אים ניט באַקלאָגן, ער האָט מיר דאָ דערלויבט צו שרייבן און האָט מיר אויך ניט לאַנג צוריק דאָ געבראַכט אַ גייסטלעכן, אָבער לויט זיינע פאַרשריפטן לאָזט ער מיך מיט דעם גייסטלעכן ניט אַליין, און וואָס מישטיינס געזאָגט, קען מען שוין וועמען אָנפאַרטרויען אין זאַכן פון האַרץ און געוויסן, ווען עס געפינט זיך נאָך אַ דריטער דערביי! איך וואָלט וועלן ריידן מיט מיין גייסטלעכן אַליין אונטער פיר אויגן, און דאָס וועט דער שעף קיין מאָל ניט צולאָזן״.

„דאָס זייט איר גערעכט, ווייל דאָס איז טאַקע קעגן די פאַרשריפטן פון דער תפיסה".

„דאַן האָט דאָך די גאַנצע זאַך קיין ווערט ניט און דער מאַן, וועמען דער שעף האָט מיר דאַמאָלסט געבראַכט, איז דערפאַר טאַקע גלייך אַוועק־געגאַנגען. איך מוז זיך אויסריידן אונטער פיר אויגן; איך צעברעך מיר דעם קאָפּ טראַכטנדיק ווי מען קען דאָס דורכפירן. ווען איר וואָלט מיר געקענט העלפן דערביי, וואָלט איך אייך אייביק דאַנקבאַר זיין און כ'וואָלט אייך גלייך פאַר אייערע באַמיאונגען גוט באַצאָלט".

יאסטרעבאָוו האָט זיך אַ קראַץ געטאָן הינטער די אויערן. „יאָ, ווען מען וואָלט נאָר געוואוסט ווי דאָס צו מאַכן! דאָס וואָלט דאָך טאַקע געווען אַ גוטע טאַט, אַ מענטשן, און בפרט נאָך אַזעלכן ווי איר, זיין לעצטן ווילן צו דערפילן: דאָס וואָלט געמוזט אויף יעדן פאַל געשען הינטער דעם רוקן פונעם אינספּעקטאָר. און ווי מיינט איר, וועל איך אייך קענען העלפן דערצו?"

„אויב איר ווילט מיר אויף אַן אמת טאָן די טובה, דאַן איז דאָס פאַר אייך ניט שווער, און דערמיט וואָלט איר מיר געהאָלפן".

„און וואָס מיינט איר, זאָל איך טאָן?"

„ווען זייט איר פריי צו גיין אין שטאָט?"

„יעדן דריטן טאָג האָב איך נאָכמיטאָג פיר שעה פרייע צייט: מאָרגן נאָכמיטאָג קום איך אין שטאָט".

„איר ווייסט דאָך די גאַס, אין וועלכער עס געפינט זיך דער גרויסער קאַטעדראַל?"

„געוויס ווייס איך, די דאָזיקע גאַס ווייסט דאָך יעדעס קינד אין פּעטערבורג".

„אויב אַזוי, איז גוט: אין אָט דער גאַס נומ. 35 וואוינט מיין גייסט־לעכער, ער הייסט ליעפלער. צו דעם גיב איך אייך מיט אַ בריוו, אין וועלכן איך בעט אים, מיטצוקומען מיט אייך צו מיר, כדי איך זאָל קענען זיך אַראָפּריידן פון האַרצן פאַר אים. איך שרייב אים ווייטער, אַז ער זאָל אייך אויסצאָלן הונדערט רובל, דערפון געהערט אַ העלפט צו אייך, די אַנדערע

העלפט גיט איר דעם שיפּל־מאַן, וועלכער וועט אייך מיט דעם גייסטלעכן אַריבערפירן אין זיין שיפל צו מיר. איר ברענגט דאַן דעם גייסטלעכן צו מיר אין קאַמער און איר באַגלייט אים ווידער צוריק ביז׳ן שיפּל. מער האָט איר גאָרנישט צו טאָן״.

„מיט דעם פאָרשלאָג קען איך ניט איינשטימען״, האָט געענטפערט דער וועכטער מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט און מיט אַ פעסטקייט, וועלכע איז ביי אים געוויינלעך ניט געווען צו זען. „ערשטנס, שווער איך אייך ביי אַלץ וואָס איז הייליק, אַז עס זאָל מיך בעסער אַ דונער טרעפן און דער הימל זאָל איבער מיר איינפאַלן, איידער איך זאָל פון אייך אָדער פון אייער גייסטלעכן אָננעמען אַפילו איין קאָפּקע דערפאַר וואָס איך טו אין דער זאַך. איך וואָלט דאַך געווען דער ערגסטער אין דער וועלט, ווען איך זאָל מיר לאָזן אַזוי פיל באַצאָלן פון אייך. דאַן אָבער——״

„איין מינוט״, האָט דער רב איבערגעריסן דעם דאָזיקן שטראָם פון רייד, „אַזוי טאָרט איר ניט ריידן, אויב איר ווילט טאַקע מיט אַן אמת טאָן אַ גוטע זאַך. דאָס שווערן און שילטן לייגט אַוועק אין גאַנצן אַן אַ זייט, אין דעם איז ניטאָ קיין ברכה פון ג־ט. דאָס איז אַ גרויסע זינד, אין וועלכער איך וויל ניט האָבן קיין חלק. אויב איר קענט דאָס מאַכן אָן קללות און אָן שבועות, דאַן רעדט ווייטער, אויב ניט — לאָמיר בעסער גאָר ניט אָנ־פאַנגען״.

„אַנטשולדיקט״, האָט יאסטרעבאָוו ווייטער געזאָגט, „דאָס וועט מער ניט פאָרקומען. אויב איך וועל זיך אין מיין אויפרעגונג, פאַרגעסן, דאַן זאָלט איר מיר גלייך דערמאָנען. אָבער אָט דעם גנב און דעם פּיאַניצע פון אַ שיפּל־מאַן אַריינצושטעקן פופציק רובל אין זיין גאָרגל, דאָס וואָלט גע־ווען די גרעסטע זינד, ער פאַרזויפט דאָך אַלץ, דער לומפּ! —״

„וואַרט״, האָט דער רב אין מיטן אויסגערופן, „אויך זידלען טאָרט איר ניט. אויב איר האָט ניט קיין גוטע מיינונג וועגן דעם שיפּל־מאַן, דאַרפט איר זיך אַלץ ניט אויסדריקן אַזוי וועגן אים, דאָס איז אויך אַ גרויסע זינד און כ׳וויל ניט אַז איבער אַזעלכע זינד זאָל פירן דער וועג צו מיין הילף״.

„אָבער דאָס איז אַלץ אמת, וואָס איך זאָג וועגן אים און נאָך פיל מער״.

„וואָס זאָגט איר, עס איז אַלץ אמת? ליגן זאָל דאָס נאָך אויך זיין? איר טאָרט ניט ריידן קיין שלעכטס אויף אַ מענטשן, אויך ווען דאָס איז אמת.

אַזוי טאָרט איר ניט ריידן, אַנדערש קענען מיר ניט האָפן אויף דער ברכה פון ג־ט אין דאָס וואָס מיר טוען״.

דאָס האָט זיך אָבער ניט אָפּגעלייגט אין יאַסטרעבאָווס אַלטן קאָפּ: ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מען זאָל אַזאַ מענטשן ניט טאָרן אָנ־רופן ביי זיין ריכטיקן נאָמען. אָבער ער האָט זיך גערעכנט מיט דעם ווילן פון געפאַנגענעם און האָט ווייטער געזאָגט:

„דעם שיפּל־מאַן טאָרט איר קיין איין קאָפּקע ניט געבן, דערמיט וועלן מיר נאָך מאַכן פיל ערגער. ער וואָלט פאַרשטייט זיך די פּופּציק רובל גערן צוגענומען און וואָלט אייך דערפאַר אַריבערגעפירט אַ גאַנצן טוץ פּאָפּן (גלחים) און ראַבינערס. אָבער ווען ער וועט זיך מיט דעם געלט גוט אָנ׳שכור׳ן, וועט ער דאָך דאָן אַלץ אויספּלוידערן. עס איז שוין אָפּט פאָרגעקומען אַז איך האָב באַגלייט גייסטלעכע, וועלכע די געפאַנגענע האָבן פאַרלאַנגט כדי זיך פאַר זיי מתוודה צו זיין. ווען איך זאָל אים זאָגן, אַז איך גיי אין שטאָט כדי צו ברענגען פאַר אייך אַ גייסטלעכן, וועט ער אין דעם גאָרנישט געפינען וואָס איבערצוטראַכטן, ווייל ער ווייסט דאָך אַז דער אינספּעקטאָר אַליין איז די טעג געווען מיט אַ ראַבין ביי אייך״.

„זאָל זיין ווי איר זאָגט. דאָס ווייסט איר בעסער פאַר מיר. טוט ווי איר פאַרשטייט. ווילט איר אויב אַזוי מאָרגן ברענגען רבי ליעפּלער דעם בריוו און אים דאָן אַליין באַגלייטן צו מיר?״

„אַזאַ וואונטש קען איך אייך ניט אָפּזאָגן, און איך גלויב אויך ניט אַז ס׳איז דאָ דערביי עפּעס אַ ריזיקע. זאָל עס אָבער אומדערוואַרט יאָ דערגיין צו די אויערן פון אינספּעקטאָר, דאָן בין איך אַ רואינירטער מענטש, און איך פאַרליר מיין פּאָסטן״.

„איך פאַרשטיי אייער באַזאָרגטקייט גאַנץ גוט, אָבער דאָס איז עפּעס, וועגן וואָס איך קען אייך פולשטענדיק באַרואיקן. אויב דער אינספּעקטאָר וועט זיך עפּעס דערוויסן פון דער זאַך און איר זאָלט דורכדעם פאַרלירן אייער שטעלע, דאָן פאַרשפּרעך איך אייך דאָפּלט פון אייער איצטיקן גע־האַלט פאַר די גאַנצע צייט פון אייער לעבן״.

שווייגנדיק האָט דער וועכטער אַ מינוט אָנגעקוקט דעם רב. דעם ווייטאָג און דעם סקעפּטישן אויסדרוק, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, האָט דער רב גלייך אויפגעכאַפּט.

„עס קומט אייך געוויס פֿאַר צום לאַכן, ווען אַ מענטש, וועמעס טעג עס זיינען געציילטע, מאַכט אייך פֿאַרשפּרעכונגען פֿאַר אַ גאַנץ לעבן לאַנג. פֿונדעסטוועגן האָט ניט קיין מורא, איך וועל אין דעם זעלביקן בריוו, וועלכן איך שיק מאָרגן דורך אייך צו מיין גייסטלעכן, אים אָנזאָגן אַז ער זאָל דערפֿאַר זאָרגן צו דערפֿילן מיין פֿאַרשפּרעכן, אין פֿאַל עס וועט טאַקע קומען דערצו. האָט איר נאָך חוץ דעם וועלכע ספֿקות?"

„ניין, הייליקער מאַן; איך דאַנק פֿאַר דעם גרויסן צוטרוי צו מיר. איך וועל דאָס זוכן צו פֿאַרדינען. שרייבט אייער בריוו און גיט מיר אים מאָרגן; ביז נאָכמיטאָג, מיין איך, וועל איך שוין קענען ברענגען צו אייך אייער גייסטלעכן".

טז

דעם רַב׳ס פאַרטיידיקונגס־שריפט

דעם פאַלגנדיקן טאָג, ניין אַזייגער אין דער פרי, איז דערשינען אין דעם רַב׳ס צעל דער געריכט־דינער, כדי אים צו ברענגען צו אַ צווייטן פאַרהער. דער דאָזיקער פאַרהער האָט זיך אונטערשיידט פון דעם ערשטן נאָר אין מינדערוויכטיקע פונקטן. מען האָט געהאַט אין צווישן דורכ־געזוכט די קאָנפיסקירטע פאַפירן פון רב; און כאָטש די ריכטערס האָבן זייער אינהאַלט ניט גוט פאַרשטאַנען, ווייל זיי זיינען געווען געשריבן אין לשון הקודש, האָט אָבער יעדער אורטייל־פעאיקער מענטש לייכט געקענט זען, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום פאָליטישן כאַראַקטער.

וואָס ווייניקער באַוויז־מאַטעריאַל עס איז געווען פאַר דעם רַב׳ס שולד, אַלץ מער האָבן די ריכטערס געזוכט דעם דאָזיקן מאַנגל אויסצו־פילן מיט אַ דאָפּלט ברוטאַלער שטרענגקייט. דער רב אָבער האָט געענט־פערט אויף אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים מיט אַזאַ רואיקייט, שאַרפקייט און שלאַגפערטיקייט, אַז די דאָזיקע האַלטונג האָט געמוזט אַרויסרופן ביי די ריכטער, קעגן זייער ווילן, די העכסטע מאָס אַכטונג און רעספּעקט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן. אַלס לעצטן פונקט פון דער באַשולדיקונג האָט דער געריכט־פּרעזידענט גענומען די פאָלגנדיקע פראַגע, וועלכע האָט אויבער־פלעכלעך געזאָלט טרעפן דעם רַב אַמשטאַרקסטן און אים שטעלן אין אַ פאַרדעכטיק ליכט:

די קעגנער האָבן אין זייער מסירה אָנגעוויזן אויף די געדרוקטע ווערק פון רַב, וואו אויסרעכנענדיק די ג־ט׳לעכע ספירות, ווערט דעם אויבערשטנס קעניגטום (מלכות) דערמאָנט אַלס לעצטע ספירה. אָט דעם פאַקט האָט די מסירה גענומען אַלס אַ באַוויז, אַז דער רב איז כלומר׳שט אַנטי מאָנאַרכיסטיש, אַז ער האָט זייער אַ נידעריקע מיינונג וועגן קעניג־טום און ממילא שטעלט זיך אַרויס ווי געפערלעך עס זיינען דעם רַב׳ס כתבים פאַר דער מלוכה. דער רַב האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג פול־שטענדיק אָפּגעוואָרפן דערקלערנדיק אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט; גראָד פון

דעם דאָזיקן סדר ווי די קבלה רעכנט אויס די ספירות, איז צו זען אַז מיט מלכות ווערט באַצייכנט דער העכסטער אַטריבוט פון ג־ט! מלכות שטעלט פאַר מיט זיך דעם הויכפּונקט און די קרוין פון אַלץ וואָס די קבלה־וויסנ־שאַפט לערנט אונדז וועגן דעם באַגריף און וועגן דער פאַרשטעלונג פון ג־ט. און טאַקע דערפאַר ווערט זי דערמאָנט צולעצט, אַלס די העכסטע באַצייכענונג פון ג־ט און ניט אַלס די נידעריקסטע!

אויב אָבער די ריכטערס ווילן דאָס פאַרשטיין גרינדלעכער, דאַן מוז ער זיי געבן אַ ברייטערע און אַ טיפערע דערקלערונג וועגן די השקפות פון דער קבלה אין באַצוג צו דעם דאָזיקן ענין, און מיט זייער הסכמה וואָלט ער דאָס געטאָן שריפטלעך און אין העברעאיש, ווייל דאָס איז די שפּראַך, וועלכע ער באַהערשט אַמבעסטן אין וואָרט און אין שריפט.

דעם דאָזיקן וואונטש האָט מען אים נאָכגעגעבן מיט דער באַמערקונג, אַז ער זאָל זיין כתב צוגרייטן אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך. אַזוי אָבער ווי קיינער פון די ריכטער קען קיין העברעאיש ניט, וועט מען דאָס שיקן צו אַ געשוואָרענעם איבערזעצער קיין ווילנע כדי דאָס איבערצוזעצן. דערמיט האָט מען דעם רַב אָפּגעלאָזן. ווען ער איז צוריקגעקומען אין זיין צעל, האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיין דערקלערונג צוזאַמענ־געשטעלט אין פאָרם פון אַ דירעקטערווענדונג צום קייסער, אויסדריקנ־דיק דערביי זיין וואונטש אַז דער קייסער אַליין — ניט דאָס געריכט — זאָל באַשטימען וועגן דער שולד אָדער אומשולד פון דעם שרייבער.

מען קען זיך פאָרשטעלן די שוועריקייטן צו דערקלערן די טיפסטע ענינים פון דער קבלה פאַר איינעם, וועלכער איז אַבסאָלוט אומוויסנדיק אין דעם און דערצו נאָך ניט קיין איד, כדי ער זאָל פאַרשטיין און אָפּשאַצן די מייסטערשאַפט פון דעם רַב׳ס כתב, וועלכער האָט פולשטענדיק באַלויכטן די אויבנדערמאָנטע פראַגע.

זייענדיק פאַרזונקען אין דער דאָזיקער אַרבעט, האָט דער רַב ניט באַ־מערקט ווי עס האָט זיך געעפנט די טיר פון זיין צעל און דער וועכטער איז אַריינגעקומען מיט די ווערטער, אַז ער ברענגט אים דאָ דעם פאַרלאַנגטן גייסטלעכן, און האָט זיך גלייך מיט גרויס רעספּעקט צוריקגעצויגן.

מיט אַ פאַרשטיקטער שטים פון טרערן, האָט ר׳ מרדכי ליעפּלער גע־מאַכט די ברכה, וואָס מען זאָגט ווען מען דערזעט אַ פריינד נאָך אַ לאַנ־

גער צייט. דער רַב האָט אָנגענומעןביידע העַנט פון זיין פריינד און האָט אים געדאַנקט פאַר זיין ריזיקירן מיט דער גרויסער געפאַר, אין וועלכער ער האָט זיך געשטעלט דורך זיין דאַזיקן באַזוך און האָט באַמערקט, אַז ער האָט שוין גאָר ניט געהאָפט נאָך צו זען ווען עס איז זיינעם אַ פריינד; אָבער אַז ג־ט האָט אים דאָך געלאָזט דערלעבן אָט דעם וואונדער, דאַן איז עס אַ באַווייז, אַז ער מעג אויך האָפן אויף דעם אויבערשטנס הילף פאַר אַ גוטן אויסלאָז פון זיין פּראָצעס.

„אמן! אַזוי זאָל זיין דעם אויבערשטנס ווילן!״ האָט גערירט געענטפערט דער טייערער גאַסט.

„זעצט זיך קודם כל, ר׳ מרדכי״, האָט דער רַב געזאָגט, „מיר זיינען דאָ אומגעשטערט, דער וועכטער איז אַ וואוילער מענטש, ער וועט אונדז ניט שטערן״.

„שטעלט זיך פאַר, רבי, איך האָב אים געוואָלט געבן אַ חשוב׳ע באַלוינונג פאַר זיין טרחה, האָט ער קיין איין קאָפּקע ניט גענומען; ער זאָגט, אַז דאָס וואָס ער טוט פאַר דעם געפאַנגענעם, וויל ער דערפאַר פון מענטשן קיין באַלוינונג ניט״.

„ג־ט וועט אים דערפאַר אַ סך בעסער באַצאָלן, דאָס בין איך זיכער״, האָט דער רַב געזאָגט. „אָבער מיר האָבן איצט דרינגלעכערע ענינים אָרומצורײדן, ר׳ מרדכי. ג־ט שיקט אייך צו מיר אין דעם ריכטיקן מאָמענט, ווייל איצט נייטיק איך זיך אין אייער הילף נאָך מער ווי די גאַנצע צייט; אָבער פריער זעצט זיך אַנידער״.

ר׳ מרדכי האָט אָבער געהאַט אַזוי שווער אָנגעפּאַקט די הינטערשטע קעשענע פון זיין מאַנטל מיט עוף, אַלערליי געבעקסן און איינגעמאַכטס, אַז ער האָט דאָס געמוזט פריער אויספּאַקן, כדי ער זאָל זיך קענען אַנידערזעצן. דער רַב האָט די אַלע שפּייזן פאַרשלאָסן אין זיין קעסטל און דערביי געפרעגט:

„וויסן מיין פרוי און מיינע קינדער, אַז איך לעב נאָך?״

„תיכף ווי איך האָב געקראָגן אייער צעטל, האָב איך זיי דאָס מודיע געווען דורך אַ שליח מיוחד (אַ ספּעציעלן שליח) מיט דעם אָנזאָג דאָס צו האַלטן שטרענג בסוד״.

„דערפֿאַר זאָג איך אײַך אַ גאַנץ באַזונדערן יישר כח. איז מײַן שוואָ־גער נאָך דאָ אין פּעטערבורג?‟ און ווען ר׳ מרדכי האָט אים געענטפֿערט אַז יאָ, האָט ער ווײַטער געזאָגט:

„ער מוז תיכף פֿאָרן קײַן ווילנע. איך האָב הײַנט געהאַט אַ צווייטן פֿאַרהער פֿון די ריכטערס פֿון געהיים־ראַט און כ׳האָב בײַ זיי גע׳פּועל׳ט, אַז איך זאָל מײַן פֿאַרטיידיקונג אַרײַנגעבן שריפֿטלעך. די ריכטערס מאַכן אויף מיר דעם אײַנדרוק, אַז זיי זײַנען באַאײַנפֿלוסט פֿון אונדזערע פֿײַנד קעגן מיר. עס איז דערפֿאַר אויסגעשלאָסן זיי איצט פֿאַר מיר צו געווינען, ווען מיר זאָלן אַפֿילו וואַגן די גרעסטע סומע געלט; אָבער בײַ מיר איז קיין ספֿק ניט, אַז אונדזערע פֿײַנד האָבן זיך שוין דערוואוסט וועגן דעם באַשלוס צו שיקן מײַן פֿאַרטיידיקונג צו אַן איבערזעצער אין ווילנע. זיי וועלן זוכן אים צו באַווירקן , אַז ער זאָל איבערגעבן פֿאַלש די איבערזעצונג. דאָס מוזן מיר זען צו פֿאַרהיטן. איך האָב בײַ מײַן אַרעסט באַשטימט, אַז ר׳ לייב יאַנאָ־וויטש זאָל פֿאָרן קײַן ווילנע. ער איז אַ פּלימעניק פֿון דעם פֿאַרשטאָרבע־נעם ווילנער גאון, זכותו יגן עלינו, און דערפֿאַר וועט מען ניט חושד זײַן אַז ער איז אַ אונדזעריקער. ער זאָל דאָרטן זען אָנצוהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט אונדזערע קעגנער, כדי אויף אַזאַ אופֿן צו דערוויסן זיך וועגן זייערע פּלענער קעגן מיר און זוכן אויף וויפֿל ס׳איז נאָר מעגלעך זיי אָפּצושוואַכן. דורך אים וועט מײַן שוואָגער לײַכט דערגיין ווער ס׳איז דער איבערזעצער פֿון מײַן אַרבעט. מיר מוזן זען אַז דער מאַן זאָל טאָן זײַן אַרבעט ערלעך און זאָל זיך ניט צוהערן צו קיין שום קעגנערישע אײַנרעדענישן, צו פֿעלשן מײַן כתב. האָט איר מיך פֿאַרשטאַנען?‟

„פּולקום, גלײַך ווי איך וועל קומען אַהיים, וועל איך זען אַז דעם רַב׳ס שוואָגער זאָל נאָך הײַנט אָפּפֿאָרן קײַן ווילנע. אָבער מיר האָבן נאָך———‟

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעפּראַלט די טיר פֿון דער צעל און דער וועכטער איז אַרײַן אַ בלײַכער, מיט אַ צעשראָקענעם פּנים און האָט קוים אַרויסגערעדט:

„הייליקער מאַן, איך בין פֿאַרלאָרן. אָקאָרשט איז אַרויסגעשטיגן דער אינספּעקטאָר פֿון שיפֿל; אין צוויי מינוטן אַרום וועט ער דאָ זײַן. אײַער גײַסטלעכער קען שוין איצט ניט מער פֿאַרלאָזן די קאַמער, ניט אַרײַנ־פֿאַלנדיק אים אין זײַנע אָרעמס; הייליקער מאַן, איך בין רואינירט!‟

„זאָרגט זיך ניט״, האָט אים דער רַב באַרואיקט, „איך גאַראַנטיר אייך אַז אייך וועט קיין אומגליק ניט געשען דורכדעם. גייט רואיק צוריק צו אייער פּאָסטן. ווען איך זאָל ווען, וועט דער אינספּעקטאָר דעם גייסטלעכן ניט זען. איר זאָלט זיך נאָר אַליין ניט פאַרראַטן דורך אייער דערשראָקן פּנים, דאַן האָט איר גאַרניט וואָס מורא צו האָבן״.

„אָבער ווי קענט איר דען דאָס מאַכן, אַז דער אינספּעקטאָר זאָל ניט ווען דעם פרעמדן ביי אייך?״

„לאָזט עס איבער צו מיר און שרעקט זיך ניט. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, עס וועט אייך גאָרנישט פּאַסירן. גייט נאָר אייער וועג, כדי דער אינספּעק־טאָר זאָל אייך דאָ ניט געפינען״.

ווען דער וועכטער האָט פאַרלאָזן די קאַמער, האָט דער רַב גענומען זיין גאַסט און, ניט אויסרייידנדיק אַ וואָרט, האָט ער אים אַוועקגעשטעלט הינטער אַ מין „פאָרהאַנג״ אין דעם ווייטסטן ווינקל פון קאַמער, האָט זיך דאַן רואיק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און האָט געוואַרט אויף דעם אָנ־קום פון אינספּעקטאָר, וועלכער איז טאַקע גלייך אַריינגעקומען.

„איך קום איצט פון דעם געריכט־פּרעזידענט, וועלכער האָט מיך גע־לאָזט רופן צוליב אייך״, האָט דער שעף אָנגעהויבן זיין מיטטיילונג, „און דער גרוס וואָס איך ברענג אייך דאָ איז ליידער ניט קיין גוטער. מען וויל אייך דורכאויס פאַראורטיילן, אָבער די ריכטער ווייסן ניט ווי דאָס צו טאָן. זיי זיינען אַלע איבערצייגט אין דער אומשולד פון רַב, אָבער דער קייסער האָט קעגן אייך אַ פאָראורטייל און די ריכטערס האָבן פּשוט מורא פאַר דעם קייסערלעכן צאָרן, אויב זיי וועלן אייך באַפרייען. אייגנטלעך איז עס ניט די פולמאַכט פונעם געהיימען געריכט־הויף אייך צו באַפרייען אָדער צו פאַראורטיילן. ער דאַרף נאָר פירן די אונטערזוכונג קעגן אייך און צו־שטעלן די אַקטן דעם סענאַט, וועלכער טראָגט דאַן אַרויס דעם אורטייל. אָבער דאָס איז נאָר אַ פאָרמאַליטעט, ווייל דער סענאַט טראָגט אַרויס די אַנטשיידונג אויפ׳ן סמך (גרונד) פון די אונטערזוכונג־אַקטן, וועלכע ס׳ווערן אים איבערגעגעבן. ווי עס זעט אויס זיינען אויך די סענאַטאָרן אונטערגעקויפט פון אייערע קעגנער; פון זיי קען מען דערפאַר קיין גוטס ניט דערוואַרטן״.

„אָבער״, האָט דער רַב געענטפערט, „מען האָט מיר דאָך ביי מיין היינ־

טיקן פאַרהער דערלויבט אָנצוגעבן שריפטלעך מיין פאַרטיידיקונג און מען וויל עס אַפילו לאָזן איבערזעצן דורך אַ ווילנער איבערזעצער? דאָס באַווייזט דאָך ווייניקסטנס, אַז קיין ענדגילטיקער באַשלוס פון די ריכטערס איז נאָך ניטאָ?"

„דאָס איז מיר באַקאַנט. אָבער דאָס ענדערט גאָרנישט אין דער זאַך; אפשר איז דאָס אַפילו אַ נייער באַוויז, אַז איר זייט שוין אין די אויגן פון די ריכטערס אַזוי גוט ווי פאַראורטיילט. זיי ווייסן אָבער ניט ווי דעם רַב בייצוקומען און אין זייער פאַרלעגנהייט זוכן זיי אויף דעם אופן צו געווינען צייט, וואָס איז באַזונדערס נייטיק צוליב דעם קייסער, ווייל ער דריקט שטאַרק אויף אַ גיכער אַנטשיידונג".

דער רַב האָט ביי דער דאָזיקער מיטטיילונג טיף אָפּגעזיפצט און דער שעף האָט ווייטער גערעדט:

„דער פּרעזידענט פונעם געהיים־ראַט האָט מיך איצט געלאָזט רופן און האָט מיר געזאָגט, אַז מען זאָל אייך געבן אַן אַנדער צעל מיט נאָך אַ געפאַנגענעם; פון דער דאָזיקער קאַמער זאָל מען קענען די געפאַנגענע אָבסערווירן און אונטערהערן זייערע געשפּרעכן, אָן זייער וויסן. דער געפאַנגענער איז אין דער אמת'ן נאָר אַ געהיימער דורכגעטריבענער דעטעקטיוו, וועלכער וועט אייך דערציילן מיט אַלע פּרטים וועגן זיינע פאַרברעכנס — וועלכע ער איז ניט באַגאַנגען, פאַרשטייט זיך — כדי דורכדעם צו ווירקן אויף אייך, אַז איר זאָלט אים אַלץ דערציילן וואָס איר זייט באַגאַנגען, און דאַן זאָלן זיי קענען האָבן קעגן אייך די ריכטיקע באַווייזן. איך האָב זיך דאָך מסתמא דייטלעך גענוג אויסגעדריקט, כדי איר זאָלט מיך ריכטיק פאַרשטיין?"

„פולקום", האָט דער רַב געענטפערט. „און וואָס האָט איר געענטפערט אויף דעם דאָזיקן פאַרשלאַג?"

„איך האָב אים שטאַרק געלויבט פאַר זיין קלוגן איינפאַל און פאַרשפּראָכן צוצוגרייטן די קאַמער, וואָס קען געשען אין פאַרלויף פון צוויי ביז דריי טעג. דערווייל, האָב איך אים געזאָגט, וויל איך זיך אָבער אַ סך מאָל אַליין פאַרבינדן מיט דעם געפאַנגענעם, כדי צו זען וואָס איך קען פון אים אַרויסבאַקומען און וועגן אַלץ גלייך מיטטיילן דעם פּרעזידענט. דורכדעם וועל איך האָבן אַ דאָפּלטן נוצן, ערשטנס, וואָס איך וועל אייך דאַ אָפּטער

קענען באַזוכן, ניט דערוועקנדיק דערביי קיין חשד און צווייטנס — וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער — דאָס וואָס כ׳וועל האָבן דורכדעם מער געלעגנ־הייטן אָפטער צו ריידן מיט דעם פּרעזידענט און אויף דעם אופן אפשר זיך דערוויסן פון אים וויכטיקע אינפאָרמאַציעס״.

„דער הער שעף האָט דאָ געהאַנדלט מיט דער גאַנצער חכמה, וועלכע כ׳האָב שוין אָפט געהאַט די געלעגנהייט צו באַוואונדערן. אָבער איך מוז זאָגן אַז די דאָזיקע מיטטיילונג מאַכט מיין גאַנצע לאַגע אויסזען וויניקער ערנסט ווי איך האָב נאָך מיט עטלעכע מינוטן צוריק געטראַכט; ווייל איך זע דערפון אַז די ריכטערס, וועלכע זיינען אונטערגעקויפטע דורך דעם ווילן פון קייסער, אָדער דורך דאָס געלט פון מיינע פיינד, אָדער דורך ביידע זאַכן, גלויבן ניט אין מיין אומשולד. אויב זיי וואָלטן געגלויבט אַז איך בין אומשולדיק, וואָלטן זיי דאָך דאָס ניט געקענט האַלטן פאַר מעגלעך, אַז וועלכער ס׳איז שפּיאָן וועט ווירקן אויף מיר אַז איך זאָל זיך מודה ומתוודה זיין אין זאַכן וועלכע איך בין קיין מאָל ניט באַגאַנגען. האַנדלען אויב אַזוי די ריכטערס נאָר שטרענג קעגן מיר, ווייל זיי האַלטן מיך טאַקע שולדיק, דאַן איז צו דערוואַרטן אַן ענדערונג אין זייער באַציאונג, ווען עס זאָל נאָר געלינגען זיי צו איבערצייגן אין מיין אומשולד. און דאָס, האָף איך, צו דער־גרייכן מיט ג־ט׳ס הילף דורך מיין שריפטלעכער פאַרטיידיקונג״.

דער שעף האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

„אייער בטחון אין ג־ט, וואָס איז אַן אַ גרענעץ, לאָזט אייך אפילו דאָס ערגסטע זען אין אַ מילדערן ליכט, ווי דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט. ווי קענט איר דאָס גאָר מיינען ערנסט, אַז דאָס געשריבן, קאַלט וואָרט זאָל האָבן מער ווירקונג ווי אייערע וואַרעמע מינדלעכע ווערטער, וועלכע האָבן אויך ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די ריכטערס!״

„אָבער איך וועל מיין שריפטלעכע פאַרטיידיקונג אַריינגעבן דירעקט צום קייסער אַליין און איך האָף אויף זיין געפיל און זיין זין פאַר גערעכטי־קייט. אַז ער וועט אָנערקענען מיין אומשולד און וועט מיך באַפרייען, אויב אַזוי וועט זיין דער ווילן פון ג־ט, אין וועמענס האַנט עס זיינען די הער־צער פון מלכים״.

„דער רבּ זאָל זיך דאָך ניט לאָזן פאַרפירן פון פאַלשע האָפענונגען״, האָט געענטפערט דער שעף גערירט. „אויך איך צווייפל ניט אין דעם גע־

רעכטיקייטס־זין פונעם קייסער און כ׳בין איבערצייגט, אַז ער וואָלט קיין מאָל ניט צולייגן אַ האַנט צו טויטן אַן אומשולדיקן מענטשן. אָבער ער איז באַווירקט פון דעם פאַראורטייל, אַז איר זייט שולדיק און אייער פאַרטיידי־קונג וועט דאָ גאָרנישט קענען ענדערן. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, אייער לאַגע איז אַפּילו לויט אייער אייגענער מיינונג קריטיש גענוג, לויט מיינער — זייט איר טאָטאַל פאַרלאָרן, אויב איר וועט לאָזן די זאַכן גיין ווי עס גייט. איר מוזט אַנטלויפן, און איך וועל אייך גלייך העלפן דערמיט! איך האָף, אַז איך קען דאָס טאָן, ניט שטעלנדיק דערביי מיין שטעלע און מיין לעבן אין געפאַר. אָבער ווען דאָס זאָל מיר אַפּילו קאָסטן מיין לעבן, איז דאָך די דער־האַלטונג פון אייער לעבן ווערטפולער פאַר מיינעם. מיין טויט מעג דאַן זיין אַ כפּרה פאַר מיין זינדיק לעבן. אָבער דאָס מוז איך אייך זאָגן: וואָס עס דאַרף געשען, מוז גלייך, נאָך היינט אָדער מאָרגן געשען. ווען איר וועט זיך שוין געפינען אין אַן אַנדער צעל, וואָס וועט זיין בייטאָג און ביינאַכט אונטער דער אָבסערוואַציע פון פאַרשידענע שפּיאָנען, דאַן וועל איך אויך ניט זיין מער אימשטאַנד אייך צו העלפן. איז דער רַבֿ גרייט?״

„איך דאַנק אייך, הער שעף, פון מיין גאַנצן האַרצן. איך בין גאַנץ גע־רירט פון אייער העלדישער גרייטקייט פאַר קרבנות, אָבער איך האָב שוין דערקלערט, אַז איך וויל אונטער קיינע שום אומשטענדן ניט אַנטלויפן. די סיבות, וועלכע כ׳האָב אייך דערפאַר אָנגעגעבן, גילטן נאָך היינט פּונקט ווי דאַמאָלסט. אויסער דעם, קען איך ניט אָננעמען אַזאַ קרבן פון דעם שעף. איך וואָלט עס אַפּילו ניט געקענט אָננעמען פון מיינע לאַנגיאָריקע פריינד און נאָכפאָלגער, פאַר וועלכע איך האָב אַ גאַנץ לעבן געווירקט און גע־ליטן, ווי צ. ב. פון הער ליעפּלער און ענלעכע״.

„און דער רַבֿ גלויבט נאָך אַלץ, אַז איינער פון זיינע פריינד וואָלט אים געקענט באַפרייען פון דער דאָזיקער תּפיסה? הער ליעפּלער צ. ב. איז דורך און דורך אַן ערע־מאַן און ער מעג זיין רייך אין מעלות און מידות, אָבער ער ווייסט אַפּילו ניט דעם אויפהאַלטונגס־אָרט פון דעם רבֿ. און אויב ער וואָלט אַפּילו יאָ געוואוסט, וואָלט עס אים געווען אוממעגלעך אַהער צו קומען און ווען ער וואָלט שוין אַפּילו געקענט אַריינדרינגען אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואָלט ער נאָך אַלץ ניט געקענט באַ־פרייען דעם רבֿ. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער, פאַרדריסלעכער טעות, ווען דער רבֿ זאָל זיך דאָס פאַרשטעלן״.

„דער טעות איז אפשר גאָר ניט אַזוי גרויס, ווי דער ה׳ קאָלאָנעל מיינט. אַז הער ליעפּלער קען מיך פון דאַנעט באַפרייען, האָב איך קיין מאָל ניט געזאָגט. וועגן דעם לוינט גאָר ניט צו דיסקוטירן, ווייל איך וואָלט מיך סייווי ניט געלאָזט באַפרייען פון אים. אָבער אַז ער, ה׳ ליעפּלער, ווייסט ניט מיין אויפהאַלט־אָרט, אָדער אַז ער קען ניט אַריינקומען אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, אויב ער זאָל וועלן, האָב איך גענוג גרונד צו צווייפלען".

„נו, אויב אַזוי, וועל איך היינט אָוונט פרעגן ה׳ ליעפּלער אויב ער ווייסט טאַקע דעם אויפהאַלט־אָרט פון רבֿ, אויב דער רבֿ איז מסכים דערצו. ער קומט היינט אָוונט 8 אַזייגער לערנען מיט מיר".

„איך בין פולשטענדיק מסכים דערצו, דער ה׳ שעף דאַרף אפילו ניט וואַרטן ביז היינט אָוונט; איר קענט אים גלייך פרעגן".

„גלייך? איר מיינט נאָך איידער עס ווערט נאַכט? דאָס איז אומ־מעגלעך".

„מעגלעך וואָלט דאָס גראָד יאָ געווען, איר דאַרפט עס נאָר וועלן און ער וועט דאָ גלייך דערשיינען און מיט אייך ריידן און ענטפערן אויף אייערע פראַגעס".

„דאָ?"

„דאָ".

דער שעף האָט אָנגעקוקט דעם רבֿ מיט ברייט צעעפנטע אויגן פון גרויס שטוינונג און אַ פרעג געטאָן:

„איר מיינט דאָס ערנסט?"

„מיט דער גאַנצער ערנסטקייט. דער הער שעף איז דאָך דער אינספּעקטאָר פון דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, ווען דער הער שעף זאָל באַפעלן, דערשיינט ה׳ ליעפּלער גלייך".

ביי די ווערטער, איז דער שעף זייער אויפגערעגט, אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק אויף דעם רבֿ, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן אים. ער האָט ניט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס זאָל זיך דערלויבן צו מאַכן אַ שפּאַס; אויף זיין געזיכט איז געלעגן אַ מיושבֿ׳דיקע

רואיקייט, וועלכע האָט אים קיין מאָל ניט פאַרלאָזן. מיט זיין טיפן, מילדן בליק, מיט וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט אין די אויסגעגלאָצטע אויגן פון שעף, האָט ער ווידערהאָלט זיין גרייטקייט צו פאַרווירקלעכן זיין פאַר־שפּרעכן און דער שעף האָט דורך אַ לייכטן שאָקל מיט'ן קאָפּ געגעבן זיין צושטימונג, אָנשטרענגענדיק איצט זיין בליק אויף דער צעל־טיר.

„ר' מרדכי, קומט אַהער צום טיש!" דער „פאַרהאַנג" האָט זיך שטיל באַוועגט, און ר' מרדכי האָט זיך באַוויזן.

ווען עס וואָלט פּלוצלונג פון אַ קלאָרן הימל אַראָפּגעפאַלן אַ בליץ צו די פיס פון דונדוקאָוו, וואָלט ער זיך מער ניט געקענט דערשרעקן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ האַלב גע'חלש'טער האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזן אין זיין זיץ. דער קאָפּ האָט אים נאָך אַלץ געשווינדלט. פאַר די אויגן איז אים געוועזן טונקל און ער האָט זיך געמוזט מיטביידע הענט פעסט אָנ־האַלטן אָן דער טיש־פּלאַטע. אַ קאַלטער שווייס איז אַראָפּגערונען פון זיין שטערן איבער זיין דערשראָקן, בלייך פּנים; ער האָט ניט געקענט אַרויס־ברענגען קיין איינציק וואָרט. עטלעכע מינוטן האָט געהערשט אַ טיפער שוויגן צווישן די דריי מענער, ביז קאָלאָנעל דונדוקאָוו האָט ענדלעך אויסגערופן:

„רבי! איז דאָס טאַקע באמת ה' ליעפּלער, אָדער נאָר זיין בילד? רעדט ה' ליעפּלער, זייט איר דאָס ווירקלעך אָדער דאָס איז נאָר אַ געשפּענסט?"

„איך בין דאָס טאַקע, ה' שעף", האָט ר' מרדכי געזאָגט, אויסשטרעקנ־דיק אים די האַנט, „נעמט נאָר אָן מיין האַנט און איבערציייגט זיך אַליין; גע־שפּענסטער האָבן ניט קיין וואַרעמע הענט פון פליייש און בלוט, ווי איך שטרעק אייך דאָ אויס".

אָבער דונדוקאָוו האָט אויסגעמיטן יעדע באַרירונג, ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ער האָט פאַר זיך אַן איבערערדישע דערשיינונג.

„רבי, מיט וואָס פאַראַ געהיימער וויסנשאַפט האָט איר אַהער באַ־שוואָרן די דערשיינונג פון אָט דעם מאַן?"

„באַרואיקט זיך, ה' שעף, עס ליגט אין דעם ניט קיין שום באַשווערונג אָדער עפּעס ענלעכעס. — די אָנוועזנקייט פון ה' ליעפּלער פאַרדאַנק איך אין גאַנצן אייער אייגענער קלוגשאַפט".

„מיין קלוגשאַפט? מיין נאַרישקייט אפשר, אָבער ניט מיין קלוג־שאַפט!"

דער רב האָט איצט דערציילט, ווי ער האָט אויסגענוצט דעם ביישפּיל פון דעם קייסער׳ס פאַרקליידונג אַלס אַ אידישער „נשמה־זאַרגער" און ווי ער האָט דערמעגלעכט ר׳ מרדכי׳ס צוטריט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם תפיסה־וועכטער, און ווי דער לעצטער האָט אים נעבעך ציטערנדיק איבער זיין צוקונפט, אָנגעזאָגט וועגן דעם אָנקום פון אינספּעקטאָר.

„אָבער רבי", האָט דונדוקאָוו געפרעגט, „אויב אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט און קלאָר, צו וואָס דאַרף זיך דאַן ה׳ ליעפּלער פאַר מיר באַהאַלטן, פאַרוואָס האָב איך אים גלייך ניט געמעגט געפינען ביי אייך?"

„דערפאַר, ה׳ שעף, האָב איך געהאַט צוויי טעמים: ערשטנס, ווען איר קומט צו מיר אין אַזאַ אומגעוויינלעכער שעה, האָב איך געוואוסט אַז איר האָט מיר צו מאַכן אַ וויכטיקע מיטטיילונג. ווען איר וואָלט אָבער ביי אייער אריינקומען דאָ געפונען ה׳ ליעפּלער, וואָלט איר שוין גלייך געוואָרן אויסער זיך, ווי עס האָט איצט פּאַסירט מיט אייך, אַז איר האָט שיער ניט גע׳חלש׳ט. און איך האָב מורא געהאַט אַז איר וואָלט דאַמאָלסט ניט געווען מער אין דער ריכטיקער שטימונג און לאַגע, מיר צו מאַכן אייערע מיט־טיילונגען".

„איך באַוואונדער אייער רואיקע, שאַרפזיניקע מיושב׳דיקייט, מיט וועלכער איר געפינט אין עטלעכע סעקונדעס אַ לייזונג פאַר יעדער פּראָבּלעם, און אין יעדער סיטואַציע, מיט מער דערפאָלג, ווי מיר טראַכטנדיק גאַנצע שעה׳ן און אפילו טעג. און וואָס איז געווען אייער צווייטער גרונד, אויב איך מעג פרעגן? איך פרעג ניט סתם אַזוי אויס נייגעריקייט, נאָר ווייל איך קען פון אייער יעדער קלוגער האַנדלונג זייער פיל לערנען".

„צווייטנס, האָט דאָס געמוזט געשען צוליב דעם תפיסה־וועכטער, וועלכער — אין דער צייט וואָס מיר ריידן דאָ גאַנץ רואיק — זיצט ער אויף זיין פּאָסטן און ציטערט נעבעך פאַר שרעק וועגן זיין נאָענטסטער צו־קונפט. ווען איר וועט מיך איצט פאַרלאָזן, און איר וועט אים פאַרבייגיין ווי אַלעמאָל, ווי גאָרנישט וואָלט געשען, וועט ער זיין איבערצייגט אַז איר האָט קיין דריטן ביי מיר ניט געזען. ער וועט דאַן אַריינפאַלן צו מיר, עטלעכע מינוטן שפּעטער, און וועט מיך פרעגן, ווי אַזוי איך האָב געבראַכט דעם

גרויסן וואונדער. דאַן קען איך אים פּשוט אָנווייזן אויף דעם פאַר־האַנג, הינטער וועלכן ה׳ ליעפּלער איז געווען אויסבאַהאַלטן״.

„אָבער דאָס וואָלט איר אים דאָך אויך געקענט זאָגן, ווען איר וואָלט ה׳ ליעפּלער ניט געהאַט באַהאַלטן?״

„געוויס וואָלט איך עס געקענט, אָבער דאַן וואָלט איך אים געזאָגט אַ ליגן און דער גוטער, אָרנטלעכער מענטש האָט באמת ניט פאַרדינט ביי מיר, איך זאָל אים זאָגן ליגן. עס איז מיר געווען גענוג שווער, ווען איך האָב אים געמוזט זאָגן, אַז איך וויל דאָ האָבן ה׳ ליעפּלער אַלס „נשמה־זאָרגער״. אָבער אין אַזאַ פאַל, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויס־געפינען מיטלען און וועגן, וועלכע זאָלן מיך באַפרייען פון דער לעבנס־געפאַר אין וועלכער איך געפין זיך, דאָ האָב איך געמעגט און געמוזט זיך דערלויבן אָט די אָפּווייכונג פון דעם אמת. אָבער דערפאַר זוך איך אַלע מאָל מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט צו פאַרמיידן אַלץ וואָס עס גרע־נעצט זיך מיט ליגן״.

זייענדיק זייער פאַרגאַפט, האָט דער שעף, מיט שטוינענדיקע בליקן, געקוקט אויפ׳ן רַב. אַז אַ איד זאָל אַזוי געוויסנהאַפט אָפּהיטן יעדעס וואָרט וואָס ער רעדט אַרויס, עס זאָל נאָר קיין ליגן ניט זיין און דאָס האַנדלט ער אַזוי לגבי אַ מינדערווערטיקן וועכטער, וועמען זיין שעף טרעט כסדר מיט די פיס: דאָס איז אים פאַרגעקומען אומבאַ־גרייפלעך. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעדריקט זיין גרויס באַ־וואונדערונג וועגן דעם, האָט ער, זיך גרייטנדיק אַוועקצוגיין, פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„איצט בין איך זיכער, אַז דער רבי וועט באַקומען זיין פרייהייט אויפ׳ן גראַדן וועג, כאָטש איך האָב אַפילו ניט די מינדסטע אָנונג, ווי דאָס קען געשען. ניט אייער חכמה, נאָר די לויטערקייט פון אייערע געדאַנקען און געפילן ווי אויך אייערע אומבאַפלעקטע מעשים און האַנדלונגען, וועלן אייך פון דער דאָזיקער תפיסה באַפרייען. איר זייט גערעכט וואָס איר פאַר־לאָזט זיך אין גאַנצן אויף ג־ט, ער וועט שוין פאַר אייך זאָרגן און אַלץ פירן צום גוטן!״

„אמן!״ האָט דער רַב געענטפערט און האָט זיך געזעגנט מיט אים.

דער רַב האָט איצט דערוואַרט יעדע מינוט דעם וועכטער, וועלכער

האָט זיך אָבער איבער אַ שעה צייט ניט געלאָזט זען און הערן. דער רבּ האָט אין אָנפאַנג געמיינט, אַז ער וויל ניט שטערן זיין געשפּרעך מיט דעם „גייסטלעכן" און האָט זיך דערמיט באַרואיקט. די צעל־טיר, וועלכע דער וועכטער פלעגט יעדעס מאָל נאָך דעם אינספּעקטאָרס אַוועקגיין, זייער פּאַרזיכטיק פאַרשליסן, האָט ער דאָס מאָל געלאָזן אָפן. דער רבּ איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם טונקלען קאָרידאָר און האָט אים גערופן. ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן. ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנגזאַם, אומזיכער און ציטערנדיק מיט יעדן גליד, אַז דער רבּ האָט אים גלייך אַ פרעג געטאָן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. דער וועכטער האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע צעשראָקענע אויגן און נאָר מיט גרויס מי האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט:

„איך האָב מורא פאַר אייך. ביז אַהער האָב איך אייך געהאַלטן פאַר אַ הייליקן מאַן, אָבער איצט זע איך, אַז איר זייט אַ כּישוף־מאַכער און איר האָט צו טאָן מיט אַלע בייזע רוחות. דער אינספּעקטאָר האָט דאָך אויף אַן אמת ניט געזען אייער גייסטלעכן. איר מוזט אים דאָך האָבן פאַר׳כּישופ׳ט; איך האָב מורא, אַז איר קענט מיט מיר טאָן פּונקט דאָס זעלבע. און איך מוז דאָך אייער „נשמה־זאָרגער" ווידער צוריקפירן!"

„זייט דאָך פאַרשטאַנדיק!" האָט דער רבּ געזוכט צו באַרואיקן דעם צעשראָקענעם מענטשן, „און גלויבט ניט אַזעלכע נאַרישקייטן. ווען איך וואָלט געקענט צויבערן, וואָלט איך זיך שוין לאַנג אַרויסגעצויבערט פון דעם דאָזיקן הויז און כ׳וואָלט אייך אויך מיטגענומען, כּדי איר זאָלט ניט מוזן פאַרברענגען אַלע אייערע יאָרן ווי אַ געפאַנגענער אין אָט דער אונטערערדישער תּפיסה. די זאַך איז גאָר פּשוט, איך האָב באַהאַלטן ה׳ ליעפלער הינטער מיין פאָרהאַנג, דאָס איז אַלץ".

„הינטער דעם פאָרהאַנג, זאָגט איר? אָבער ווען דער אינספּעקטאָר וואָלט אינספּעקטירט אייער קאַמער, ווי דאָס איז זיין רעכט און זיין פליכט, וואָס וואָלט איר דאַן געטאָן?"

„דאַן וואָלט אונדז ג־ט געמוזט העלפן אויף אַן אַנדער אופן, אָבער קיין כּישוף איז ניט געווען, וועגן דעם קענט איר זיין גאַנץ רואיק".

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז דער רבּ האָט דעם וועכטער באַרואיקט, ווייניקסטנס אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט געקענט אָננעמען גענוג מוט אַרויסצופירן ר׳ מרדכי׳ן פון תּפיסה און אים באַגלייטן אין שיפל ביז צו דעם אַנדערן ברעג פון טייך ניעוואַ.

יז
באַפרייאונג און אויסלייזונג

מיט אַן עקספּרעס־שליטן איז ר׳ ישראל קאַזיק גיך אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט געהערט פון ר׳ לייב יאַנאָוויטש, אַז די קעגנער ווייסן שוין וועגן דעם באַשלוס פונעם געהיים־ראַט איבערצוגעבן די איבער־זעצונג פון דעם רבֿ׳ס שריפטלעכער פאַרטיידיקונג צו אַ געשוואָרענעם איבערזעצער אין ווילנע.

איידער דער פאַרטיידיקונגס־שריפט איז נאָך געווען אין זיינע הענט, האָבן זיך שוין די קעגנער געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן איבערזעצער און זיי האָבן אים אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע געלט, אַז ער זאָל זיי דערלויבן דורכצוקוקן דעם דאָזיקן כתב. זייער כוונה איז געווען צו ענ־דערן געוויסע זאַצן און אויסלאָזן די קרעפטיקסטע אַרגומענטן, כדי דורכ־דעם אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון דעם שריפט און צוגעבן צו דעם אַ פאַרקערטע און פאַלשע באַדייטונג.

די דאָזיקע שטרעבונג זייערע איז אָבער פאַרמיטן געוואָרן דורך די ביידע שלוחים פונעם רבֿ. עס איז זיי געלונגען צו ווירקן אויף דעם איבער־זעצער, אַז ער זאָל ניט מאַכן די אַלע פעלשונגען און ער האָט טאַקע דעם רבֿ׳ס פאַרטיידיקונגס־שריפט, וועלכער איז באַלד נאָכדעם אָנגעקומען, איבערזעצט ערלעך און ריכטיק. דאָס האָט גענומען עטלעכע וואָכן. און דעם ערשטן נאָוועמבער 1798 איז עס אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּעטער־בורג איבערצוגעבן דירעקט צום קייסער.

צי דאָס איז געווען דער איינדרוק פון אָט דעם פאַרטיידיקונגס־שריפט, אָדער דער קייסער האָט זיך שוין געהאַט איבערצייגט פון דעם ביז־איצטיקן גאַנג פון דעם פּראָצעס אין דער גרונדלאָזיקייט פון זיין פאַרדאַכט, דער פאַקט איז געווען, אַז דער קייסער האָט פולשטענדיק געביטן זיין מיינונג וועגן חסידים בכלל און זייער אַרעסטירטן פירער בפרט. געוויס האָט קאָ־לאָנעל דונדוקאָוו פיל בייגעטראָגן צו דער ענדערונג פונעם קייסער׳ס

באַציאונג, אין דעם וואָס ער האָט געזוכט דירעקט, אָדער דורך אַנדערע איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן, צו ווירקן אויף אים אין דעם זין. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט לשבח (צום גוטן) אין ספר שו״ת „בשמים ראש״ און אין נאָך פיל אַנדערע ספרים. (זיין פאַמיליע־נאָמען פאַר דער טויפונג איז געווען צייטלין.)

דער געהיים־ראָט האָט אָפּגעשלאָסן די אונטערזוכונג וועגן דעם רבֿ — אין וועלכער ער איז ניט געפונען געוואָרן שולדיק אין קיין איין איינ־ציקן פּרט — און ער האָט איבערגעגעבן די אַקטן דעם סענאַט, וועלכער האָט גלייך דעם רבֿ פולשטענדיק באַפרייט.

די ידיעה וועגן דער גינסטיקער ווענדונג פונעם פּראָצעס, איז גע־האַלטן געוואָרן אין געהיים פונקט אַזוי ווי זיין גאַנצער פאַרלויף. אָבער דורך דער פאַרמיטלונג פון קאָלאָנעל דונדוקאָוו, איז זי דאָך באַלד אָנגע־קומען אין תפיסה־קאַמער פון רבֿ. דאָס איז געווען דינסטיק, י״ט כסלו, אין דעם יאָרצייט־טאָג פון זיין רבין, רבי דוב בער פון מעזריטש, ווען דער רבֿ האָט זיך דורך די מזמורי תהלים דערהויבן איבער דער טראַגישער ווירק־לעכקייט פון זיין מצב. גראָדע זיינען אים געקומען איבער די ליפּן די ווער־טער פון דעם 55טן קאַפּיטל: „פדה בשלום נפשי וגו׳״ (ער האָט אויס־געלייזט בשלום מיין נפש), ווען די טיר פון זיין צעל האָט זיך אָן עפן געטאָן און דער געריכט־פּרעזידענט, אין דער באַגלייטונג פון צוויי ריכטערס, איז אַריינגעקומען און האָט אים פאָרגעלייענט דעם באַפרייאונגס־אורטייל, דורך וועלכן ער איז גלייך באַפרייט געוואָרן פון זיין לעבעדיקן קבר. די דאָזיקע העכסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רוסישער יוסטיץ־פאַר־וואַלטונג האָבן אויסגעדריקט דעם רבֿ זייער פרייד וואָס עס איז אים אַזוי פולקום געלונגען צו באַווייזן זיין אומשולד און זיי האָבן אים געוואונטשן אויך אין דער צוקונפט די הילף פון ג־ט, פונקט ווי זי איז אים אַזוי אָפן און קלאָר בייגעשטאַנען אין דער צייט פון זיין אַרעסט.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזן די צעל, איז אַריינגעקומען באַראָן דונדו־קאָוו מיט טרערן אין די אויגן פאַר פרייד, אומפּעאיק אויסצורייד אָ וואָרט. דער רבֿ האָט אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט און געזאָגט:

„אויב אַפילו איך דאַנק און איך לויב אין דער ערשטער און אין דער לעצטער ריי ג־ט און נאָר ג־ט, וואָס ער האָט באַוויזן מיין אומשולד און האָט מיר צוריקגעגעבן די פרייהייט, ווערט אָבער, דער דאָזיקער דאַנק ניט

פאַרמינערט, ווען איך דאַנק אויך אייך פאַר אַלץ וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר; ווייל איר זייט געווען דער אינסטרומענט אין זיין מעכטיקער פאָטער־האַנט דעם דאַזיקן וואונדער דורכצופירן. אונדזערע חכמים לערנען אונדז, אַז פאַר דער דורכפירונג פון זיינע לויטערע און ריינע צילן, קלייבט ג־ט אויס לויטערע און ריינע מענטשן. דאָס וואָס ג־ט האָט גראַדע אייך אויסגע־קליבן כדי דורך אייך קלאָר צו מאַכן מיין אומשולד פאַר דער גאַנצער וועלט, איז מיר אַ באַוויז דערפאַר, אַז איר רעכנט זיך צווישן זיינע לויטערע און ריינע, אַז אייער זינדיקע פאַרגאַנגענהייט איז פאַרגעבן גע־וואָרן דורך אייערע גוטע מעשים אין דער קעגנוואַרט און אַז איר גייט איצט אַנטקעגן אַ גליקלעכער, עכט אידישער צוקונפט. אפשר וועט עס גע־לינגען ה׳ ליעפּלער דאָס, וואָס מיר איז ביז איצט ניט געלונגען, אייך צו דערמוטיקן איר זאָלט אויפגעבן אייער הויכע שטעלע און פאַרלאָזן רוס־לאַנד, כדי איר זאָלט קענען פולשטענדיק זיך צוריקקערן צו דעם גלויבן פון אייערע אבות. אָבער ווען איר זאָלט אַפילו אָט די הויכע מדרגה ניט דערגרייכן און איר זאָלט זיך באַשרענקען אויף דעם, אַז נאָר אין אייער מחשבה און אין אייערע מעשים וועט איר האַנדלען ווי אַ געוויסנהאַפטער איד, אין דער צייט וואָס אויסערלעך וועט איר טראָגן אַ פרעמדע, פאַלשע מאַסקע, אויך דאַן, בין איך איבערצייגט, אַז ג־ט׳ס ברכה וועט רוען אויף אייך און אייער צוקונפט. און אפשר זייט איר גאָר באַשטימט פון ג־ט דוקא צו פאַרבלייבן אויף אייער דאַזיקער שטעלע, כדי איר זאָלט דורכדעם האָבן די מעגלעכקייט אויך אַנדערע פון אונדזער גלויבן, וועלכע ווערן אומ־שולדיק פאַרפאַלגט, צו העלפן אַזוי ווי מיר. פּדיון שבויים, די באַפרייאונג פון אומשולדיק געפאַנגענע, איז אַזאַ גרויסער חסד, אַז דאָס אַליין איז שוין גענוג אייך צו זיכערן פאַר אַלעמאָל די ברכה פון ג־ט, וועלכע איך בעט פאַר אייך פון מיין גאַנצן, דאַנקפולן האַרצן. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל מיין גאַנצן לעבן אייך געדענקען אין מיינע טעגלעכע תפילות און אין מיינע הייסע ברכות פאַר אייער געזונט און הצלחה״.

ביי די דאַזיקע ווערטער האָט דער רַבּ אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם קאַלאָנעל׳ס קאָפּ און האָט אים געבענטשט. דונדוקאָוו האָט דאַן, זייער גערירט, געקושט דעם רַבּ׳ס הענט און מיט אַ קול וואָס איז געווען פאַר־שטיקט פון טרערן האָט ער געזאָגט:

„איך דאַנק אייך, רבי. און איך וועל שטרעבן צו בלייבן אייער גע־טרייער שילער; זייט געזונט און פאַרגעסט מיך ניט״.

ווען קאַלאָנעל דונדוקאָוו האָט פאַרלאָזן די צעל, איז אַריינגעקומען דער תפיסה־וועכטער יאסטרעבאָוו און האָט דערלאַנגט דעם רבֿ זיינע קליידער, כדי זיי אומצובייטן פון זיינע תפיסה־מלבושים. ער האָט אים אויך צוריקגעגעבן זיין ביסל זאַכן, וועלכע מען האָט געהאַט ביי אים צוגענומען אַריינקומענדיק אין תפיסה. דער רבֿ האָט נאָך געהאַט אַ באַדייטנדיקע סומע געלט אין זיין לעדערנעם בייטל און ער האָט דאָס דערלאַנגט דעם וועכ־טער, אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר דאָס, וואָס ער האָט פאַר אים געטאָן אין דער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט. אָבער יענער האָט דאָס גלייך צוריקגעוויזן, זאָגנדיק:

„פאַרוואָס ווילט איר מיך אָפּ־פּטר'ן מיט געלט, אין דער צייט וואָס כ'האָב דאָך געזען, אַז איר האָט דעם ה' אינספּעקטאָר געגעבן אייער ברכה, אַרויפלייגנדיק די הענט אויף זיין קאָפּ? גיט מיר אויך אייער ברכה, דאָס איז מיר מער ווערט ווי טויזנטער רובל".

„האָט איר אפשר אַ באַזונדערן וואונטש, דאַן זאָגט עס מיר, איך וועל בעטן ג־ט פאַר זיין דערפילונג; אפשר וועט עס אייך ג־ט דערפילן אַלס באַ־לוינונג פאַר דער גוטער באַהאַנדלונג, וועלכע איר האָט געגעבן אַן אומ־שולדיקן געפאַנגענעם".

„איך ווייס, איר זייט אַ ג־ט'לעכער מאַן, און ווען איר זאָלט נאָר וועלן, דאַן קענט איר אַלע מיינע וואונטשן דערפילן: דעריבער וועל איך אייך פאַרטרויען עפּעס, וואָס ס'איז מיר נאָך קיין מאָל ניט געקומען איבער די ליפּן, אָבער דערפאַר ברענט עס אין מיר נאָך שטאַרקער: ווען איר ווילט, זייט אַזוי גוט און מאַכט אַז, אויב מעגלעך, זאָל נאָך היינט אַראָפּ אַ בליץ פון הימל און ער זאָל טרעפן דעם שיפל־מאַן, דעם פּיאַניצע, ווייל ער איז באמת אַ כוליגאַן און אַ זשוליק".

„דעם וואונטש קען איך אייך ניט דערפילן. איך קען אים אַפילו ניט אַרויסזאָגן פאַר ג־ט. וואָס ווילט איר האָבן פון דעם שיפל־מאַן? ער קען ניט זיין אַזוי שלעכט ווי איר זאָגט. און איך דענק, אַז ס'זיינען נאָך דאָ ערגערע פון אים אין דער וועלט: טאָ פאַרוואָס זאָל גראָדע אים, אין מיטן ווינטער, ווען דונערן און בליצן זיינען אַזוי זעלטן, טרעפן אַ בליץ? ווען ג־ט לאָזט אים לעבן, טאָ פאַרוואָס ווילט איר אים דוקא זען טויט?"

„איר זעט, ג־טלעכער מאַן, יענער איז אַ שלעכטער יונג. ווען ער זאָל

ווערן אָפּגעראַמט פון וועג, וואָלט איך דאַן באַקומען זיין שטעלע. זי איז בעסער פון מיינער און איך וואָלט דאַן ניט געדאַרפט אָפּפינצטערן מיין גאַנץ לעבן, ווי אַ ריכטיקער פאַרברעכער, אונטער דער ערד. ער מוז ניט דוקא קאַלט געמאַכט ווערן דורך אַ בליץ. אויב ס'איז אייך לייכטער אויף אַן אַנדער אופן, אַרט מיר אויך ניט, נאָר עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף אונדז ביידן, אַז מיר האָבן דאָס אָפּגעטאָן".

„לאָזט נאָר דעם שיפּל־מאַן רואיק לעבן, ביז ג־ט אַליין וועט אים אָוועקרופן. אויב איר זייט אים מקנא פאַר זיין בעסערע שטעלע, איז ער גאָר מסתמא ניט אַזוי שלעכט, ווי אייער קנאה מאַכט אייך גלויבן. איר האָט גאָר ניט קיין אַנדער וואונטש, וועלכן איך זאָל אייך קענען דערפילן, ניט ברענגענדיק דערביי קיין שאָדן צו אַן אַנדערן?"

„איך האָב נאָך אַ וואונטש, אָבער זיין דערפילונג איז פאַרבונדן מיט דעם ערשטן, וועלכן איר האָט מיר אָפּגעזאָגט. מיין גוטע פרוי און איך זיינען שוין מער ווי צוואַנציק יאָר פאַרהייראַט און מיר האָבן קיין קינד ניט. אַ קינד צו האָבן איז אונדזער גרעסטער וואונטש און געבעט זייט אונדזער חתונה. אָבער מיין פרוי מיינט, אַז ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ זון, וועלכער וואָלט אויך געוועזן פאַראורטיילט אַזוי ווי מיר, צו פאַרברענגען זיין לעבן אונטער דער ערד, דאַן איז עס שוין אַ גרעסערער חסד פון דעם אויבערשטן, ווען דער דאָזיקער וואונטש זאָל אונדז ניט דערפילט ווערן. דערפאַר וואָלט איך וועלן, אַז קודם כל זאָל ווערן דער שיפּל־מאַן אָפּגע־שאַפן, כדי איך זאָל באַקומען זיין שטעלע".

„דער וואונטש צו פאַרזעצן דאָס לעבן אין אַ קינד, איז אַ באַרעכטיק־טער, אָבער אויב איר ווילט דער דאָזיקער וואונטש זאָל מקוים ווערן, דאַן מוזט איר פריער אָוועקוואַרפן אַלע אייערע שלעכטע געדאַנקען און כוונות. אויב איר זייט גרייט צוזאָגן, אַז איר וועט אין גאַנצן אַרויסרייסן פון אייער האַרצן אַל־דאָס־בייז און די קנאה און די שנאה קעגן דעם שיפּל־מאַן, דאַן פאַרשפּרעך איך אייך דערפאַר אַ קינד, פון וועלכן איר וועט האָבן אַ סך פרייד פאַר לאַנגע יאָרן, וואָס וועט אַליין לאַנג לעבן און וועט אַנעמען אַ פיל העכערע און בכבוד'יקערע שטעלע אין דער וועלט, ווי איר".

„מער דאַרף איך אייך גאָרנישט פאַרשפּרעכן?" האָט דער וועכטער אַ צופרידענער האָסטיק אַ פרעג געטאָן.

„ווייטער גאַרנישט, נאָר העכסטנס דאָס איינציקע, אַז איר וועט אייער פאַרשפּרעכן אויך האַלטן. כדי איך זאָל זען, אַז איר מיינט דאָס טאַקע ערנסט, גיב איך אייך דאָ צען רובל: גייט אַוועק און גיט דאָס אָפּ דעם שיפּל־מאַן און זאָגט אים, אַז איר האָט דאָס באַקומען פון מיר צו דער געזעגענונג און איר שענקט עס אים אַלס אַנטשולדיקונג דערפאַר, וואָס איר האָט ביז איצט וועגן אים אַזוי שלעכט געטראַכט און גערעדט".

„איר מיינט דאָס ערנסט? דעם זשוליק, דעם כוליגאַן, דעם פּיאַניצע, אומזיסט און אומנישט אַריינצושטאָפּן גאַנצע צען רובל אין זיין גאָרגל? ניין, דאָס קען איך ניט, דאָס קענט איר גאָר פון מיר ניט פאַרלאַנגען!"

„זעט איר, וואָס עס שטעקט הינטער אייער פאַרשפּרעכן? איר האָט זיך דאָך איצט ערשט דערקלערט גרייט ניט צו טראָגן מער קיין שנאה אויף דעם דאָזיקן מענטשן און איר זידלט אים שוין ווידער אָן אַ שום גרונד און איר קענט ניט פּועל'ן ביי זיך, אים צו געבן אַ פּאָר רובל, וועלכע קאָסטן אייך גאָרנישט, אויסער אַ ביסעלע זיך צו שטאַרקן איבער אייער קנאה. ניין, ליבער מאַן, ווי גערן איך וואָלט דאָס פאַר אייך געטאָן, קען איך אָבער פאַר אייך ניט מתפלל זיין מיט דער האָפענונג, אַז מיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן".

דער רבֿ האָט ווידער דערמאָנט דעם צעטומלטן מענטשן, ניט צו פאַר־זאַמען די עטלעכע מינוטן פון זייער צוזאַמענזיין, כדי זיך מיט אַזאַ קליינ־קייט צו פאַרזיכערן זיין און זיין ווייב'ס לעבנס־גליק.

ווען דער רבֿ איז נאָכדעם, אין זיין לאַנגער, זיידענער קאַפּאָטע, צוגע־קומען צו אים און האָט אים דערלאַנגט זיין האַנט צום געזעגענען זיך, האָט ער געפילט ווי דעם וועכטערס האַנט האָט שטאַרק געציטערט. פּלוצלונג האָט דער וועכטער געגעבן אַ צי אַרויס זיין האַנט און האָט אויסגערופן:

„גיט מיר דאָס געלט, איך וועל עס אַוועקטראָגן דעם שיפּל־מאַן, אָבער דאַן וועט איר מיר ווירקלעך געבן אייער ברכה?"

ניט אָפּוואַרטנדיק דעם ענטפער, האָט ער אויף גיך געכאַפּט דעם צענערל און איז דערמיט אַרויסגעלאָפן. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז ער אַ צעהיצטער צוריקגעקומען, שטראַלנדיק אין גאַנצן פאַר פרייד. און מיט אַ קול וואָס האָט געקלונגען פול מיט נצחון, האָט ער כמעט ווי אויסגע־שריען:

„איך האָב אייער וואונטש דערפילט, אין גאַנצן, אַזוי ווי איר האָט עס פון מיר פאַרלאַנגט. איר קענט פרעגן דעם שיפל־מאַן אַליין, ווען ער וועט אייך אַריבערפירן".

„דאָס איז ניט נייטיק, ווייל מען דערקענט עס אויף אייך, אַז איר האָט באַזיגט די בייזע געפילן אין אייך; איצט זייט איר ווערט די ברכה פון ג־ט, וועלכע איך בעט פאַר אייך". ער האָט אָנגענומעןביידע הענט פון וועכ־טער, האָט שטיל געזאָגט אַ הארציקע תפילה און האָט פאַרלאָזן, באַגלייט פון דעם געטרייעם מענטשן, די צעל, אין וועלכער ער איז געווען איינגע־שפּאַרט כמעט צוויי מאָנאַטן. דער שיפל־מאַן האָט אים באַגריסט מיט גרויס רעספּעקט און האָט אים אַריבערגעפירט צום אַנדערן ברעג פון טייך. איצט איז דער רַב ענדלעך געווען פריי.—

ר' מרדכי ליעפּלער, מיט אַ קליינער צאָל חסידים, האָט אים דאָ אָפּגע־וואַרט און האָט אים אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים, וואו עס האָט שוין גע־וואַרט אויפ'ן טייערן גאַסט אַ גרויסע מסיבה פון זיינע פריינד און פאַר־ערער און מען האָט דעם רַב'ס באַפרייאונג געפייערט אין אַ העכסט געהוי־בענער שטימונג ביי אַ יום־טוב'דיקן מאָלצייט, פאַרברענגענדיק ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי דער רַב איז גע־קומען אַביסל צו זיך פון די אויפרעגונגען פון זיין געפאַנגענשאַפט, האָט ער פאַרלאָזן פּעטערבורג און זיך צוריקגעקערט אין זיין היים־שטאָט.

י"ט כסלו, דער טאָג אין וועלכן דער רַב איז אין יאָר תקנ"ט (5559) באַ־פרייט געוואָרן פון תפיסה, איז דערקלערט געוואָרן צווישן חסידים אַלס אַן אַלגעמיינער יום טוב, וועלכער ווערט געפייערט ביז היינטיקן טאָג דורך הונדערטער טויזנטער אידן אויף דער גאַנצער וועלט מיט אַ באַזונדערער שמחה.

אויף דער תקנה פון רַב איז איינגעפירט געוואָרן אַ חלוקת הש"ס, לויט וועלכער אַלע מסכתות פון תלמוד זיינען פאַרטיילט געוואָרן צווישן באַזונ־דערע לערנער, פון וועלכע יעדער איינער האָט געדאַרפט דורכלערנען זיין מסכתא. אַזוי, אַז ביז צום קומענדיקן י"ט כסלו איז אויף אַזאַ אופן דורכ־געלערנט געוואָרן דער גאַנצער ש"ס. דער דאָזיקער מנהג פון חלוקת הש"ס איז פאַרבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

יח
דער צווייטער אַרעסט

מיט דער באַפרייאונג פונעם רַב און מיט זיין צוריקקער אַהיים, איז אָבער די רו איינגעשטעלט געוואָרן ניט מער ווי אויסערלעך. זייַנע אָנ־הענגער האָבן ערשט רעכט דערפילט דאָס שרעקלעכע אומרעכט אין זיין גאַנצער טיפקייט — אַן אומרעכט וואָס האָט שיער געקאָסט דאָס לעבן פון זייער מנהיג — און זיי האָבן זייער פאַרביטערטקייט גאַנץ אָפן אַרויס־געוויזן. די מתנגדים פון זייער זייט ווידער, זייענדיק אַנטוישט צוליבן דורכפאַל פון זייערע פּלענער, האָבן איצט זייער ענערגיש געזוכט נייע מיטלען ווי צו באַקעמפן די חסידות־באַוועגונג, דורך באַזייטיקן איר פירער.

דער רַב אַליין אָבער האָט ניט צוגעלאָזן צו זיין איידל האַרץ קיין שום געפיל פון פאַרביטערונג אָדער כּעס איבער די עוולות, וועלכע האָבן אים אַזוי שווער געטראָפן. באַלד נאָך זיין באַפרייאונג האָט ער אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו אַלע חסידים, אין וועלכן יעדעס וואָרט איז געווען דורכ־געדרונגען מיט דעם גייסט פון גרעסטער סבלנות און אומבאַגרענעצטער אהבת ישראל. צום גליק איז דער דאָזיקער בריוו אָפּגעהיט געוואָרן, פון וועלכן עס ווערט דאָ געבראַכט אַן אויסצוג:

„הנה מודעת זאת ענין חומר המחלוקת ושנאת חנם. אשר על כן ראוי לכל החיל אשר נגע יראת ה׳ בלבו וחרד אל דברו ליזהר מאד מלהיות גורם או גורם דגורם בניזקין ח״ו בתכלית הזהירות עד קצה האחרון אשר נלאתי נשוא להעלות במכתב נקודת לבבי האמיתי לעורר בלב כל סיעת מרחמינו אהבה גם לאחינו אשר לא מאנ״ש בכלל אהבת כל בני ישראל כמצווה עלינו. אשר לזאת גם בשנה דאשתקד אחרי פטירת כבוד הגאון ז״ל מוילנא כתבתי אזהרה נוראה לכל סיעת מרחמינו שלא לספר אחרי מיטתו של תלמיד חכם שום שמץ דופי ושמצה דשמצה בלי הוראת היתר בעולם. אך הפעם עתה בצוק העתים שעברו עלינו למיחש מיבעי אולי הותרה הרצועה ח״ו מחמת

שאנשים רבים נתלים באילן גדול ה"ה כ' הגאון החסיד המנוח ז"ל על כן באתי שנית באזהרה כפולה ומכופלת לכל סיעת מרחמינו הקרובים והרחוקים בכל מקומות מושבותיהם בלי שום מורי היתר לעצמו לפתוח פה ולשון על כבוד התורה כ' הגאון החסיד ז"ל כי ידוע לנו בבירור שלא מאתו יצאו הדברים ח"ו לילך עמנו בגדולות וכל ימי חייו לא יצא המכשלה והשגגה מלפני השליט ח"ו. וגם לרבות שאר ת"ח וכל לומדי תורה יברך ה' הקטנים עם הגדולים אף שאינם מסיע"מ. וחלילה ליתן בהם שום שמץ דופי ח"ו לא בדבור ולא במעשה רבא או זוטא ח"ו. ואף אם לפעמים יצא מפיהם דבר שלא כהוגן בעיני ובעיני סיע"מ לשלוח את פיהם ולשונם בקדושי עליון הבעש"ט ז"ל ותלמידיו הקדושים נ"ע אזי השומע יחוש לנפשו להרהר בתשובה שלימה על כל מעשיו ודבוריו ומחשבותיו אשר לא להוי' המה שהן הם גרמא בניזקין לגרום ולדבר סרה על עבדי ה' אשר אנחנו מכונים בשם הסרים למשמעתם והולכים בעקבותיהם ולכן הם סובלים עוונינו ואת פושעים נמנו להיות בחבורתם.

זאת נרפה לנו. ואם יזכר זאת יתמסמס לב השומע ויהי' לבו נשבר בקרבו ולא ירום לבבו להרחיב פה ולשון על מוציאי דבה כי לכל העם בשגגה וה' יסלח להם.

עוד זאת אדרוש ואבקש מאתכם להרגיל את לבם לאהוב את אחינו בני ישראל אף אם אינם מסיע"מ ולדונם לכף זכות כי באמת לאמיתו כל ישראל כאחים ממש ועל כולם נאמר בנים אתם להוי' אלקיכם ובין כך ובין כך קרואים בנים. ובודאי כשהם נוטרים שנאה בלב כאו"א הוא למורת ועצבון לאביהן שבשמים. בכן מי שנגע יראת ה' בלבו לקיים מ"ש איש את רעת רעהו אל תחשובו בלבבכם וכמים הפנים אל הפנים גם מהם יפוק הקנאה והתחרות מלבם וה' יעשה בלב כל ישראל שלום ואחוה וריעות וכל אחד על מקומו יבא בשלום."

פרייע איבערזעצונג:

ס'איז באַוואוסט די האַרבקייט פון דער זאַך פון מחלוקת און שנאת חנם. דעריבער דאַרף יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער

מענטש, וואָס די מורא פאַר ג־ט האָט אַנגערירט זיין האַרץ און ער ציטערט פאַר זיין וואָרט, זיין זייער פאַרזיכטיק ניט צו גורם זיין דערצו, אין קיין שום אופן ח״ו, מיט דער גרעסטער מאָס פאַרזיכטיקייט.

עס איז פאַר מיר אומגעהויער שווער צו אַרויסברענגען אין אַ בריוו מיין אינערהאַרציקן פאַרלאַנג, צו דערוועקן אין די הערצער פון אַלע אונדזערע גוטע פריינד אַ ליבשאַפט אויך צו אונדזערע ברידער, וועלכע זיינען ניט פון אנ״ש, די אהבה צו יעדן אידן, ווי ס׳איז אונדז אַנגעזאָגט געוואָרן (פון ג־ט).

דעריבער האָב איך שוין מיט אַ יאָר צוריק, נאָך דער פטירה פון דעם כבוד הגאון ז״ל מווילנא, געשריבן אַ מורא׳דיקע וואָרנונג צו אַלע אונדזערע גוטע פריינד, ניט נאָכצוזאָגן נאָכ׳ן נפטר קיין שום שלעכט וואָרט אָדער די מינדסטע באַליידיקונג פון אַזאַ תלמיד חכם. ס׳איז ניט פאַראַן קיין שום היתר אָדער אַנטשולדיקונג פאַר דעם.

אָבער איצט, נאָכדעם ווי מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַזעלכע שווערע צייטן, און פאַרשידענע מענטשן פון אונ־דזערע קעגנער פאַררופן זיך (אין זייער קעגנערשאַפט צו אונדז) אויף דעם „גרויסן בוים״, דעם גאון החסיד ז״ל, דאַרף מען חושש זיין, אַז עמעצער קען מיינען, אַז מיינע ביז־אַהעריקע וואָרנונגען זיינען מער ניט גילטיק, אָדער זיי האָבן פאַרלאָרן זייער ערנסטע באַדייטונג; דעריבער קום איך נאָכאַמאָל מיט אַ וואָרנונג, און מיט אַ דאָפלטער און אַ פיל־פאַכיקער שטרענגקייט, צו אַלע אונדזערע אַנהענגער פון נאָענט און פון ווייט, וואו נאָר זיי געפינען זיך, אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין שום היתר און קיין אַנטשולדיקונג פאַר׳ן עפענען דאָס מויל און אויפלייזן די צונג, צו ריידן שלעכטס וועגן דעם כבוד פון הגאון החסיד ז״ל, צו פאַרשוועכן זיין כבוד, חלילה, און דערמיט אויך דעם כבוד פון דער תורה ח״ו, (וועלכע ער האָט פאַרטראָטן); ווייל מיר ווייסן מיט דער גאַנצער זיכער־קייט, אַז ניט פון אים איז אַרויס די דאָזיקע שטרויכלונג (די מלשינות) ח״ו. אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען ביים לעבן, האָט ער

קיין מאָל ניט איינגעשטימט אַרויסצוטרעטן קעגן אונדז אין אַזאַ עקסטרעמען אופן און מיט אַזעלכע געפּערלעכע מיטלען.

דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו אַנדערע תּלמידי חכמים און לומדי תּורה — זאָל דער אויבערשטער בענטשן די קליינע מיט די גרויסע צוזאַמען, כאָטש אַפילו זיי זיינען ניט פון אונדזערע פריינד — אַז מען זאָל חלילה ניט טאָן צו זיי קיין שום שלעכטס, ניט דורך רייד און ניט דורך וועלכע גרויסע אָדער קליינע מעשים, ח״ו.

און אויב עס וועט אַמאָל פּאַסירן, אַז פון זייער מויל וועט עפּעס אַרויס, וואָס איז ניט גלייך אין מיינע אויגן, אָדער אין די אויגן פון אונדזערע אַנהענגער, דהיינו — זיי וועלן ריידן קעגן די קדושי עליון, דעם בעל שם טוב ז״ל און זיינע הייליקע תּלמידים נ״ע, (אַפילו דאָן) זאָל דער, וואָס וועט דאָס הערן ליבערשט חושש זיין וועגן זיך אַליין און מהרהר זיין בתשובה שלמה אויף אַלע זיינע מעשים, רייד און געדאַנקען. אפשר זיינען זיי ניט געווען פולשטענדיק געווענדעט צו ג־ט (לשם שמים) און דאָס איז, וואָס ס׳האָט גורם געווען דאָס אומרעכט אַז יענע זאָלן ריידן שלעכטס אויף די עבדי ה׳; ווייל זיי (די מתנגדים) זעען דאָך אין אונדז די תּלמידים און נאָכפאָלגער, וואָס גייען אין זייערע פוסטריט; דערפאַר לאָזט מען זיי ליידן צוליב אונדז און מען ציילט זיי — צוליב אונדזער צוגעהעריקייט צו זיי — צווישן די זינדיקע.

נעמענדיק דאָס אין אַכט, וועט דאָס האַרץ צעבראָכן ווערן פון יעדערן וואָס וועט הערן די שלעכטע רייד און ער וועט זיך ניט דערוועגן אָפּצוצאָלן די פאַרלוימדער מיט דער גלייכער מטבע; ווייל זייער גאַנצע התנגדות איז באַזירט אויף אַ טעות און ג־ט זאָל יעדערן פון זיי מוחל זיין.

און נאָך עפּעס פאַרלאַנג איך און בעט ביי אייך: איר זאָלט איינגעוואוינען אייער האַרץ ליב צו האָבן אונדזערע ברידער, די בני ישראל — אַפילו אויב זיי זיינען ניט פון אונדזערע אַנהענגער — און זיי דן זיין לכף זכות; ווייל דער אמת׳ער אמת איז, אַז אַלע אידן זיינען ווי ברידער ממש און וועגן אַלע שטייט

געשריבן: „בנים אתם לה׳ אלקיכם״ (קינדער זייט איר צו ה׳ אייער ג־ט) און „בין כך ובין כך קרואים בנים״ (סיי אַזוי — אויב זיי פירן זיך גוט און סיי אַזוי — און אַפילו אויב ניט, ווערן זיי אָנגערופן „קינדער״). דעריבער, אויב איינער טראָגט אין זיין האַרץ אַ שנאה קעגן זיי, איז דאָס קעגן דעם ווילן פון זייער פאָ־טער אין הימל און דאָס איז אים מצער.

דעריבער, ווען די מורא פאַר ג־ט האָט אַנגערירט זיין האַרץ, וועט ער זען צו מקיים זיין: „איש את רעת רעהו אל תחשבו בלבבכם״ (איינער זאָל ניט טראַכטן קיין שלעכטס אין זיין האַרצן וועגן דעם צווייטן) און די תוצאה דערפון וועט זיין — „כמים הפנים אל הפנים״, (אַזוי ווי דאָס וואַסער שפיגלט אָפּ אַ פּנים) אַז עס וועט אויך פון זייערע הערצער פאַרשווינדן די שנאה און די קנאה און די ניט פאַרגינעריי און דער אויבער־שטער וועט אַריינגעבן אין די הערצער פון אַלע אידן שלום, ברודערשאַפט און פריינדשאַפט און יעדער איינער וועט קומען בשלום אויף זיין פּלאַץ.

כאָטש די דאַזיקע ווערטער פון רבֿ האָבן זיכער ניט פאַרפעלט צו מאַכן זייער איינדרוק אויף די יעניקע, צו וועמען זיי זיינען געווען געווענדעט, האָבן אָבער דאָך ניט אַלע חסידים געקענט זיך ווי געהעריק באַהערשן. עס מוז אויך אָנערקענט ווערן אַז עס האָבן ניט געפעלט קיין אַרויספאָדע־רונגען מצד די מתנגדים, וועלכע האָבן געשטעלט די מחילה פון די חסידים פאַר אַ שווערן נסיון. זייט דעם דורכפאַל פון די מתנגדישע פּלענער צו שעדיקן דעם רבֿ, וואָס האָט נאָך דערצו געבראַכט צו גאַנץ קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן, נעמלעך — צו דער אָפיציעלער קייסערלעכער אָנערקענונג פון חסידים — איז די פאַרביטערונג פון די מתנגדים געווען אָן אַ גרענעץ. ניט האָבנדיק קיין אַרגומענטן איצט מיט וואָס אָנצוגרייפן דעם פירער, האָבן זיי זייער גאַנצן כעס און פאַרביטערונג אויסגעלאָזן צו זיינע אָנ־הענגער. דער דאָזיקער פאַקט ווערט באַשטעטיקט אין אַ בריוו, וואָס דער רבֿ האָט — קורץ נאָך זיין באַפרייאונג — געשיקט צו זיין עלטערן חבר, דעם דאַמאָלסטדיקן פראַנקפורטער רבֿ, רבי פּנחס האָראָוויטץ (אַ בריוו וועלכער איז אונדז אויך נאָך פאַרבליבן ביז היינט). דער דאָזיקער בריוו איז אַ רעקאָמענדאַציע פאַר דעם פריערדיקן ראָטמאַן פון דעם ווילנער ועד הקהילה, רבי משה מייזעלס (וועגן וועמען מיר וועלן דערציילן מער שפּע־

טער), וואָס דער לעצטער האָט פּערזענלעך אַריבערגעבראַכט צו דעם פראַנקפורטער רב. דער רַב האָט אין דעם בריוו אויך געשילדערט זיין אַרעסט און זיין וואונדערלעכע באַפרייאונג און האָט באַצייכנט דעם איבערגעבער פון דעם בריוו אַלס אַ קרבן פון דער פאַרביטערונג קעגן די חסידים, וועלכע האָט אָנגענומען זייט זיין באַפרייאונג זייער אַ שאַרפע פאָרם.

די דאָזיקע פאַרביטערונג האָט אויסגענוצט אויף זייער אַ כיטרען אופן אַ באַזונדערס פאַרביסענער קעגנער פון חסידים, כדי דורך נייע מסירות צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון קייסער פּאַוול. אָט דער געפערלעכער קעגנער איז געווען דער אויבן דערמאָנטער אביגדור, וועלכער איז פריער געווען רב אין פינסק און אומגעגנט; ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט מיט צענדליקער יאָרן פריער, דורך דעם צוטרוי וואָס ער האָט גע־וואונען ביים ווילנער גאון ר׳ אליי, אים באַוועגט און געשטויסן דורך פאַלשע, ליגנערישע באַריכטן, אויפצונעמען דעם קאַמף קעגן די חסידים.

אביגדור האָט דורך זיינע כיטרע שטיק דערפירט, אַז דער פריער־דיקער רב, ר׳ לוי יצחק, דער מחבר פון דעם באַרימטן ווערק „קדושת לוי״, איינער פון די אויסגעצייכנטסטע תלמידים פון מעזריטשער מגיד, איז פאַר־טריבן געוואָרן פון פינסק און ער אַליין, אביגדור, האָט איבערגענומען די רבנות. אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך די צאָל פון חסידים אין אַלגעמיין, און הויפּטזעכלעך אין דער געגנט פון זיין רבנות אויף אַזוי פיל פאַרמערט, אַז ס׳איז אַביגדורן זייער ענג געוואָרן. זיינע טעותים ביים פּסק׳ענען דינים און זיין שטאַרקע נייגונג צו שכרות האָבן אים סיוּוי אומ־מעגלעך געמאַכט צו פאַרבלייבן אַלס רב. ער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע און האָט געמאַכט די חסידים פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיץ פון די אַקטיווע באַקעמפער פון חסידות, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט בעיקר אין ווילנע.

אין ווילנע האָט די קעגנערשאַפט צו די חסידים זייט דער פּטירה פון גאון — ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט — אָנגענומען דעם כאַ־ראַקטער פון אַ קאַמף ווענן דער פירערשאַפט פון דער קהילה. דער וועד הקהילה איז געווען פאַרטראָטן אויסשליסלעך נאָר פון מתנגדים. ווער עס האָט נאָר געהאַט די מינדסטע נייגונג צו חסידות איז געווען אויסגע־שלאָסן, כאָטש שטייערן האָבן זיי געמוזט צאָלן אַלע גלייך. די חסידים

וועלכע האָבן, מיט רעכט, געפאָדערט אַ גלייכע רעפּרעזענטאַציע, אָבער אַז דערפאָלג, האָבן זיך געמוזט ווענדן צו דער רעגירונג וועגן דער דאָזיקער דיסקרימינאַציע. זיי האָבן אויך געהאַט אויפמערקזאַם געמאַכט די רעגי־רונג אויף וואָס פאַר אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן אופן עס ווערן אויסגעגעבן די קהילה־הכנסות. אַנשטאָט עס אויסצונוצן אויף די צוועקן פאַר וועלכע זיי זיינען באַשטימט, ווערן זיי גאָר אויסגעגעבן אויף צו באַקעמפן חסידות.

נאָך אַ גרינדלעכער אויספאָרשונג איז באַשטעטיקט געוואָרן די ריכטיקייט פון אָט דער באַשולדיקונג. די קהילה־פאַרוואַלטונג איז דורך דער רעגירונג אַראָפּגעזעצט געוואָרן. מען האָט געמאַכט נייע וואַלן און אין דעם נייעם ועד זיינען דערוויילט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל חסידים. די ביז־אַהעריקע פאַרטרעטער זיינען אויסערדעם פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרגיטיקן אַ דעפיציט פון 13000 רובל, אַלס רעזולטאַט פון זייער שלעכטער ווירטשאַפט.

פון דעם אַלץ איז צו פאַרשטיין, צו וואָס פאַרא באַדייטונג די חסידים האָבן שוין דאַמאָלסט געמוזט דערגרייכן, אַז זיי האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג אין ווילנע, וואו ס'איז געווען דער הויפּט־צענטער פון זייערע קעגנער. די מתנגדים האָבן דערפאַר אויספּרובירט אַלע מיטלען ווידער צו געווינען זייער פאַרלאָרענע פּאָזיציע. זיי האָבן געזוכט נייע מסירות און פאַרדאַכטן קעגן די חסידים. עס איז זיי אָבער זייער שווער געווען צו גע־פינען אַ פּאַסיקע פאָרם פאַר אַ נייעם אָנגריף, נאָכדעם ווי דעם רבּ'ס באַ־פרייאונגס־אורטייל איז פון קייסער אַליין באַשטעטיקט געוואָרן און דערצו נאָך האָבן די חסידים אין אַלגעמיין געוואונען די פולע אָנערקענונג פונעם קייסער.

אביגדור איז געוואָרן דער העלפער אין דער נויט, דורכדעם וואָס ער האָט פאַרבונדן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן מיט די פון דער ווילנער קהילה. ער איז געווען זייער גוט באַקאַנט אין די העכסטע פּעטערבורגער קרייזן, (ער האָט שוין אַפילו געהאַט אַמאָל אַן אוידיענץ ביים קייסער אַליין) און האָט אַחוץ דעם געוואוסט אַלע הינטער־וועגן און געקענט אַלע מיטלען ווי צו דערלאַנגען מיט אויסזיכט אויף דערפאָלג אַ נייעם קלאַפּ די פאַר־האַסטע חסידים.

ער האָט אַריינגעשיקט אַ מעמאָראַנדום דירעקט צום קייסער, וואו ער האָט אָנגעוויזן אויף דער געפערלעכקייט פון אַ נייער סעקטע, וועלכע ער

רופט אָבער בכיוון ניט אָן מיטן נאָמען. אַזוי ווי דער קייסער האָט נאָך דעם באַפרייאונגס־אורטייל פון רַב, געגעבן די חסידים אַבסאָלוטע רעליגיע־פרייהייט, האָט ער זיי דאָך ניט געקענט אויף ס׳ניי פאַרדעכטיקן. האָט אביגדור דערפאַר נאָר גערעדט וועגן אַ נייער סעקטע פון שבתי צבי׳־ניקעס, וועלכע האָט זיך אָפגעזאָגט פון אידנטום, וועלכע דערלויבט גנבות, רציחות און אַלערליי אַנדערע פאַרברעכנס און ממילא זיינען זיי אַ גרויס געפאַר פאַר אַלע רעליגיעס פון דער רוסישער מלוכה. די דאָזיקע שרעק־לעכע בלבולים זיינען זייער ווירקזאַם באַגרינדעט געוואָרן דורך ציטאַטן פון פאַרשידענע כתבים פון באַרימטע חסידישע מחברים.

אַז די ציטאַטן זיינען געפעלשט געוואָרן דורך הוספות און דורך אויס־לאָזונגען, האָט דער קייסער בשום אופן ניט געקענט וויסן. דערצו האָט אביגדור פאָרגעשלאָגן, אַז דער קייסער זאָל אָרויסטראָגן דעם אורטייל אַליין, ניט צוציענדיק דערביי קיינע ריכטערס, דערקלערנדיק דערביי, אַז דער קייסער איז דער פאַרטרעטער פון ג־ט, און ממילא האָט ער דאָס ג־ט׳־לעכע רעכט צו משפטן אַליין, ניט מוזנדיק אויסהערן פריער ריכטערס און עדות. ער האָט אויך געבעטן מען זאָל אַרעסטירן דעם רַב און אים קעגנ־שטעלן פאַר אים, ווייל ער וויל מיט אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָ צו באַ־קלאָגן אויף דער „נייער סעקטע״ און אירע פירער, אַרויסטרעטן קעגן דעם רַב. ענדלעך האָט ער פאַרלאַנגט קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע שאָדנס, וואָס ער האָט געליטן פון דער דאָזיקער סעקטע, ווי צ. ב. די אַנטשעדיקונג פאַר׳ן אַראָפּזעצן אים פון זיין אַמט, אַ סומע פון 13000 רובל, פּונקט די זעלביקע סומע, וועלכע עס האָבן געדאַרפט באַצאָלן די אַראָפּגעזעצטע פאַרשטייער פון דער ווילנער קהילה.

אויב די דאָזיקע בלבולים האָבן אַפילו ניט געהאַט גלייך דעם דער־וואַרטן דערפאָלג, איז אָבער דאָך די לאַגע פון די חסידים, דורך די פיל מסירות, געוואָרן זייער אַ קריטישע. אַ צווייטער אַרעסט פון דעם רַב, וועל־כער איז קנאַפּע צוויי יאָר פריער דורכ׳ן קייסער אַליין באַפרייט געוואָרן פון יעדן אומרעכט, האָט אויסגעזען צו זיין אין גאַנצן אויסגעשלאָסן. דער קייסער האָט געלאָזט פעסטשטעלן דורך די גובערנאַטאָרס פון ווייס־רוסלאַנד, מינסק און פון אַלע געגנטן וועלכע זיינען געקומען אין באַ־טראַכט, וואָס זיי איז באַקאַנט וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַ „נייער סעקטע״. די באַריכטן פון די גובערנאַטאָרס זיינען געווען איינשטימיק, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין שום נייע סעקטע צווישן די אידן, סיידן עס האַנדלט

זיך וועגן די „קאַרלינער" ד. ה. די חסידים, וועלכע האָבן זיך אָבער בשום אופן מיט גאָרנישט פאַרשולדיקט, סיי אין פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפט־לעכן און סיי אין רעליגיעזן זין.

אַן אויסערלעכער צופאַל האָט אָבער געגעבן אַ נייע ווענדונג צו דער גאַנצער אַנגעלעגנהייט. אין יאָר 1800 האָט אין ווייסרוסלאַנד געהערשט אַ גרויסער נויט־צושטאַנד, נאָך וועלכן עס איז געקומען אַ שווערער הונגער. די קייסערלעכע רעגירונג האָט געשיקט דעם קאָמיסיאָנער דערזשאַווין, וועלכער איז אגב געווען אַ שונא ישראל, קיין ווייסרוסלאַנד, כדי פעסט־צושטעלן די סיבות פון דעם נויט־צושטאַנד און צו געבן דער באַפעל־קערונג פון די פויערים געוויסע מאַטעריעלע אונטערשטיצונגען. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די פויערים זיינען אין זייער געשעפטלעכן פאַרקער מיט די אידן פון זיי באַעוולט געוואָרן און דערזשאַווין האָט גע־זאָלט ספּעציעל וועגן די דאָזיקע באַריכטן דערגיין דעם אמת.

איינע פון די פאַראָרדענונגען, וועלכע דערזשאַווין האָט אַרויסגעגעבן צו פאַרגרינגערן דעם הונגער־נויט, איז געווען אַ פאַרבאָט אויף בראַנפן־דיסטילעריעס, כדי מען זאָל פון דער תבואה, וועלכע ווערט פאַרנוצט פאַר דעם צוועק, קענען מאַכן ביליגערע ברויט. דער קייסערלעכער קאָ־מיסיאָנער האָט זיך דערוואוסט אַז אין ליאָזנע, די רעזידענץ־שטאָט פון רבֿ, ווערן טראָץ דעם פאַרבאָט אָנגעפירט בראַנפן־דיסטילעריעס פון די דאָר־טיקע אידן. ער איז גיך אַהין אַוועק און האָט זיך איבערצייגט אַז עס איז טאַקע אַזוי געווען. (פאַקטיש איז דאָס געטאָן געוואָרן אויפן גרונד פון אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע. ער האָט אָבער קאָנפיסקירט אַלע תבואות, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען און געלאָזט שליסן די דיסטילעריעס).

דערזשאַווין האָט געהאַלטן דעם רבֿ, וועלכער האָט געגאָלטן אַלס דער ראש הקהל, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר'ן עובר זיין אויף דעם דאָזיקן געזעץ און האָט אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג אַ זייער ניט־גינסטיקן באַריכט וועגן אים בפרט און וועגן די חסידים בכלל. דער דאָזיקער באַריכט איז אָנגעקומען אַרום פיר וואָכן נאָך דער אָנקלאָג־שריפט פון אביגדור'ן און דאָס האָט באַווירקט דעם קייסער אַרויסצוגעבן דעם באַפעל צו אַרעסטירן דעם רבֿ צום צווייטן מאָל און אים אָפּצופירן קיין פּעטערבורג.

דעם 9טן נאָוועמבער 1800 (ד' כסלו ה'תקס"א) איז דער רבֿ, אונטער אַ שטרענגער וואַך, צום צווייטן מאָל אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה קיין

פעטערבורג און דאָס מאָל ווי אַ געמיינער פאַרברעכער. נאָר מיט גרויס מי איז געלונגען צו פאַרמיידן, אַז מען זאָל דעם געפאַנגענעם ניט בינדן אין קייטן. כאָטש אַן איינפלוסרייכער פאַרערער פון רַב, בערעץ פון וויטעבסק, האָט איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר, אַז דער רַב וועט צו דער באַשטימטער צייט אָנקומען אין פעטערבורג, האָט מען אים דאָך ניט געלאָזט פאָרן אַליין און צוויי שלוחים פון סענאַט, פעטראָוו און זשוקין, האָבן אים כסדר באַוואַכט אויף דער גאַנצער רייזע. אין פעטערבורג איז ער גענומען געוואָרן אונטער אַ שטרענגן און געהיימען אַרעסט און זיינע כתבים אין דער היים זיינען געוואָרן פאַרזיגלט און צוגעשטעלט דעם סענאַט.

דער דאָזיקער קלאַפּ האָט געטראָפן זיינע אָנהענגער אין גאַנצן אומדערוואַרט און ממילא איז אויך זיין ווירקונג געווען אַ דערשיטערנ־דיקע. עס איז ניט געווען די זעלביקע תפיסה, וואו ער איז געווען דאָס ערשטע מאָל און עס האָט אים געפעלט יעדע מעגלעכקייט זיך צו פאַר־בינדן מיט זיינע פריינד און פאַרערער אין פעטערבורג.

אַנשטאָט אַ מיטפילנדיקן פריינד האָט מען אים אין תפיסה אַנטקעגנ־געשטעלט זיין פאַרביסענעם שונא אביגדור, כדי ער אַליין זאָל ברענגען זיינע באַשולדיקונגען קעגן דעם רַב און אים געבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זיי. עס זיינען געווען ניט ווייניקער ווי 19 געמיינע און העכסט אומבאַגרינדעטע אָנקלאַגעס, וועלכע אביגדור האָט אַרויסגע־שטעלט קעגן דעם רַב, אַקעגן וועלכע דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך גע־דאַרפט פאַרענטפערן. די אָנקלאַגע און די פאַרטיידיקונג זיינען נאָכדעם פון אביגדור און פון דעם רַב אָנגעשריבן געוואָרן אין לשון־הקודש און אין רוסישער איבערזעצונג איבערגעגעבן דעם קייסער.

אויסער דעם, האָט דער רַב נאָך־אַריינגעשיקט דעם קייסער אַ שריפט פון צען דרוק־זייטן, אין וועלכן יעדעס וואָרט אָטעמט מיט דער גרעסטער יראת שמים און מיט אַן אומבאַגרענעצטער געטריישאַפט און לאָיאַליטעט צום לאַנד און צום קייסער. דער מחבר האָט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן אַריינגעפלאָכטן אין זיין כתב פאַרשידענע טיילן פון אגדה און קבלה און זיי אַרויסגעבראַכט אַזוי פאָלקסטימלעך, אַז זיי זיינען געווען גוט פאַר־שטענדלעך אויך פאַר דעם ניט־אידישן לעזער, וועלכער איז אַבסאָלוט אומבאַקאַנט מיט דער דאָזיקער וויסנשאַפט. די דאָזיקע פעטיציע האָט, לויט

אביגדור׳ס אייגענע ווערטער, איבערגעלאָזן אַ טיפן איינדרוק אויף דעם קייסער פּאַול. דער גוטער איינדרוק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ באַריכט פון גובערנאַטאָר סעווערין, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן דעם קייסער דעם 15טן נאָוועמבער, ד. ה. פינף טעג נאָך דעם אַרעסט פון רבֿ. ער זאָגט דאָרטן:

„איך האַלט עס פאַר מיין פליכט מיטצוטיילן זיין מאַיעסטעט, אַז איך בין דורך גרינדלעכע נאָכפאָרשונגען און אונטערזוכונגען אריינגעדרונגען אין די סודות פון דער לעבנס־פירונג און מנהגים פון דער ,קאַרלינער׳ פּאַרטיי. ניט נאָר האָב איך ביי זיי ניט געפונען קיין שום אומרעכט אָדער קעגנערשאַפט צו דער רעגירונג, נאָר עס איז איבערהויפּט אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט אַנצונעמען אַזאַ השערה. אַלע זיינען זיי איבערגעגעבן פאַר זיין קייסערלעכן מאַיעסטעט מיט אַ שטאַרקער געטריישאַפט און זיי לעבן אויך אין פולשטענדיקער געהאָרכזאַמקייט צו די באַאַמטע. אין דער גאַנצער פּאַרטיי איז גאָרנישט פאַראַן, וואָס זאָל קענען וואַרפן דעם מינדסטן חשד וועגן עפּעס, וואָס זאָל שטערן די אַלגעמיינע רו און פרידן פון דער מלוכה. אויך זייער מנהיג און לערער ברוכאָוויטש*), וועלכער איז לויט דער באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג אין ווייסרוסלאַנד געבאָרן אין דער שטאָט ליאָזנע, האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן מיט עפּעס אַנדערש, אַחוץ מיט דעם שטודיום פון כתבי הקודש און מיט תפילה. ער האַלט אויך פאַר זיין פליכט אויסצוגלייכן סכסוכים און קריגערייען אויפ׳ן גיכסטן אופן, אַז וועלכע עס איז שריפטלעכע פאַרהאַנדלונגען, מיט דער צושטימונג פון ביידע צדדים. לויט דער באַשטעטיקונג פון דער דער־מאָנטער קהילה, גלייכט ער אויס אַלע סכסוכים אַלעמאָל צו דער צופרידנ־קייט פון ביידע צדדים, און קיינער האָט זיך נאָך ביז אַהער ניט באַקלאָגט וועגן דעם״.

וואָס וואָלט נאָך געקענט ווירקן שטאַרקער ווי אָט דער אָפיציעלער באַווייז, אויף צו צערייסן אביגדור׳ס געשפּונענע שקרים?!

*) דער זון פון ברוך: באַצייכענונג פון רבֿ אין די אַמטלעכע דאָקומענטן.

יט

צאַר אַלעקסאַנדער I
שענקט דעם רַב פולע פרייהייט

די דאָזיקע איינציקע גינסטיקע מאָמענטן האָבן אָבער ניט געקענט אָפּ־האַלטן דעם גאַנג פון פּראָצעס און אים אַפילו ניט באַאיינפלוסן, ווייל זיי זיינען געווען פאַר די ריכטערס טאָטאַל אומבאַקאַנט. דער ריכטער־קאָלעגיום איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער ווי דער פריערדיקער און ער איז באַשטאַנען פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען זייער שלעכט באַאיינפלוסט קעגן רַב. ווי עס איז געקומען דערצו, אַז אוועקצושטעלן פאַר׳ן רַב זיין שונא, כדי זיך פאַר אים צו פאַרטיידיקן, וועגן דעם גיט שוין דער ערשטער געריכטלעכער פאַרהער אַן אויפקלערונג.

„איר זייט שוין צום צווייטן מאָל אַרעסטירט?״ האָט אים גראָב אַ פרעג געטאָן דער פאָרזיצער.

„יאָ, אָבער איך בין פון זיין מאַיעסטעט דעם קייסער אויפ׳ן גרונד פון דעם סענאַט־באַשלוס באַפרייט געוואָרן״.

„דאָס האָט מען אייך ניט געפרעגט. איר מוזט זיך האַלטן ביי אייערע ענטפערס געניו אַן די פראַגעס און ניט אָפּנייגן דעם געריכט פון דער זאַכלעכער לאַגע מיט אייערע איבעריקע רייד. איר זייט שוין אויב אַזוי געווען איין מאָל אַרעסטירט?״

„יאָ״.

„איר זייט דער גרינדער און פירער פון אַ אידישער געהיימער חברה, וועלכע האָט זיך אויסגעשלאָסן פון אידנטום?״

„ניין״.

„איר לייקנט דאָס? איר ווילט ניט צוגעבן אַז איר זייט דער אָנער־

קענטער פירער פון די ,קאַרלינער׳, ווי מען רופט די פּאַרטיי, אָדער ווי זיי רופן זיך אַליין, די ,חסידים׳?״

„דאָס גיב איך פּולקום צו. אָבער איך באַשטרײַט אַז איך בין דער גרינ־דער פון דער דאָזיקער חברה, און אַז זי איז אַ געהיימע חברה און אַז זי האָט זיך אויסגעשלאָסן פון אידנטום״.

„און איר קענט דאָס באַווייזן?״

„געוויס״.

„דאַן טוט דאָס, אָבער מאַכט עס קורץ״.

„דער כבוד צו האָבן געגרינדעט די דאָזיקע ריכטונג, געהערט ניט מיר. איך האָב זי שוין געפונען. איר גרינדער איז רבי ישראל בעל שם טוב, וועלכער איז שוין אין יאָר 1761 געשטאָרבן. עס האַנדלט זיך דעריבער וועגן אַ חברה, וועלכע עקסיסטירט שוין זייט צענדליקער יאָרן. אַן אויסגעצייכנטער תלמיד פון דעם גרינדער איז געווען רבי דוב בער אין מעזריטש, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1773. ער האָט מסדר געווען די אַלע לערעס פון זיין לערער מיט אַ געוויסער סיסטעם און האָט געוואונען דער־פאַר אַ גרויסע צאָל תלמידים, וועלכע זיינען טעטיק היינט צו טאָג אַלס רבנים אין פיל קהילות. צו די תלמידים פון אָט דעם גרויסן לערער געהער אויך איך און איך גיי אין זיינע ליכטיקע פוס־טריט, פאַר וועלכע איך זוך אויך אַנדערע צו געווינען. דאָס איז אַלץ״.

„אַזוי אומשולדיק, ווי איר באַמיט זיך די זאַך צו שילדערן, קען זי ניט זיין. אויב עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען, טאָ פאַרוואָס האָט איר זיך אָפּגע־טיילט פון אַלע אַנדערע אידן מיט דעם וואָס איר האָט באַזונדערע שולן צום דאַווענען?״

„מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט אָפּגעטיילט פון אידישקייט און אויך ניט פון אידנטום. מיט דעם וואָרט חסיד באַצייכנט די אידישע שפּראַך איינעם, וועלכער טוט אַלעמאָל מער פון דער געבאָטענער פליכט. אין דעם ליגט די אַנערקענונג, אַז אויך די איבעריקע דערפילן זייער פליכט און אַז מיר אונטערשיידן זיך נאָר לויט דעם גראַד״.

„אהאַ, אונטערשיידט איר זיך דאָך יאָ פון די אַנדערע אידן, אין וואָס באַשטייט, אויב אַזוי, די דאָזיקע אונטערשיידונג?״

„סיי די חסידים און סיי זייערע קעגנער שטייען אויף דעם יסוד פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט.ביידע אַנערקענען די תורה שבכתב און תורה שבע״פ און די פאַרפליכטונג פון יעדן אידן מקיים צו זיין אַלע אירע מצוות. וואָס עס אונטערשיידט זיי, איז ניט די עצם מצוה און איר דערפילונג, נאָר דער גייסט און די כוונה מיט וועלכער די מצוה ווערט דורכגעפירט. און אַפילו אָט די פאַרשידנקייט איז אין דער אמת׳ן נאָר אין דער הויכקייט פון דער מדרגה. ווייל אויב אונדזערע קעגנער שטעלן ביים קיום המצוות אויף דעם ערשטן אָרט די עצם דערפילונג פון זיי, קומען זיי דאָך דורכדעם ממילא אויך צו צו דער ריינער כוונה, וועלכע באַגלייט יעדע טאָט פון אַ מצוה.

די חסידים אָבער, לייגן די הויפּט־געוויכט אויף דער כוונה, וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס די נשמה פון די פאַרקערפּערטע מצוות. בכדי צוצוקומען צו דער נייטיקער כוונה העלפט אונדז פיל דאָס דאַווענען, וואָס דינט אַלס שטאַרקער מיטל צוצופירן דעם מענטשן צו דער פולשטענדיקער איבער־געבונג צו דעם אויבערשטן. דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס ביי אונדז חסידים דויערט דאָס דאַווענען לענגער ווי ביי אונדזערע קעגנער; און כדי דערביי צו פאַרמיידן יעדע מעגלעכע מחלוקת, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו פאַרזאַמלען אין באַזונדערע בתי תפילה. עס האַנדלט זיך דערביי ניט וועגן וועלכן עס איז פּירוד און נאָך פיל ווייניקער וועגן אויסשליסן זיך פון אונ־דזערע ברידער, נאָר מער ניט ווי אַן אויסדרוק פון דעם באַוואוסטזיין פאַר שלום — צו פאַרמיידן אַלץ, צו וואָס די פאַראייניקונג אין איין און דעם זעלביקן אָרט קען ברענגען. אַחוץ דעם איז ניט פאַראַן קיין שום זאַך מיט וואָס דער חסידישער איד אונטערשיידט זיך פון דעם אַנדערן״.

„ניין? איר האָט דאָך נאָך אָבער אַ געהיימע וויסנשאַפט, די קבלה?״

„די וויסנשאַפט פון קבלה ווערט פון די חסידים און ניט חסידים אָפּ־געהיט און אָפּגעשאַצט מיט דער זעלביקער אַנערקענונג און פאַרערונג. זי איז דערפאַר בשום אופן ניט קיין סימן פון אונטערשיידונג און האָט דאָ דערפאַר געקענט אין גאַנצן ניט דערמאָנט ווערן. איך וואָלט נאָר וועלן איין מינוט זיך אויפהאַלטן דערביי, אום צו פאַרריכטן די באַצייכענונג, וועלכע שטעלט פאַר די קבלה אַלס אַ געהיימע וויסנשאַפט, אויב דער הויכער געריכט־הויף וועט עס נאָר ניט באַטראַכטן ווי אַן אָפּווייכונג פון אונדזער טעמע״.

„איר לייקנט אויב אַזוי, אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער מיינונג, אַז די קבלה איז אַ געהיימע לערע; דער דאָזיקער באַוויז — ווען ער זאָל אייך נאָר געלינגען — וואָלט דעם געריכט־הויף געוויס זייער אינטערעסירן".

„דאָס וועט ניט זיין שווער. די אַלגעמיינע מיינונג קען דאָ ניט זיין פאַרלעסלעך, פונקט ווי זי קען עס ניט זיין אויך אין אַנדערע וויסנשאַפטן. מיט וואָס פאַראַ רעכט קען מען גאָר ריידן וועגן דער קבלה ווי וועגן אַ געהיימער וויסנשאַפט, אין דער צייט ווען עס געפינט זיך אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן אירע איינציקע צווייגן, וועלכע איז צוגענגלעך פאַר יעדערן וואָס באַזיצט נאָר די נייטיקע פאַרקענטעניש?!

זי ווערט אָנגערופן „געהיים־וויסנשאַפט" ניט צוליב די ענינים וועלכע זי נעמט אַרום, נאָר דערפאַר ווייל אין די אַלטע צייטן איז זי איבערגעגעבן געוואָרן נאָר מינדלעך פון לערער צום שילער. זי פאַרנעמט זיך מיט זוכן צו פאַרשטיין ג־ט׳לעכקייט און די אופנים פון זיין אַנטפּלעקונג (התגלות), ווי זיי ווערן באַצייכנט אין די פאַרשידענע נעמען פון דעם אויבערשטן.

די קבלה אַנטהאַלט קאָסמאָגאָנישע, פילאָזאָפישע און פילאָלאָגישע חקירות פון אַן אומגעוויינלעכער שאַרפקייט און טיפקייט, וועלכע זיינען ניט צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן. ס׳איז פאַרשטענדלעך אַז ביי אָט די חקירות קענען זיך טרעפן פאַרשידענע השקפות, וועלכע שטייען אָפט אין אַן אַבסאָלוטער סתירה איינע צו דער אַנדערער. אָבער די מיינונגס־פאַרשידנקייט ביי די וויסנשאַפטלער פון דער קבלה, איז אַ זאַך, וואָס קען טרעפן סיי אין די רייען פון חסידים און סיי ביי זייערע קעגנער, און קען בשום אופן ניט דערקלערט ווערן אַלס אַ מחלוקה־פונקט צווישן זיי ביידן".

„אָבער אין די אָנקלאַגעס קעגן די חסידים בכלל און קעגן אייך בפרט, ווערט דאָך ספּעציעל פיל מאָל שאַרף באַטאָנט די באַשעפטיקונג מיט דער קבלה. ווי קען דאָס מעגלעך זיין אַז אייערע קעגנער אַליין זאָלן באַנוצן די זעלביקע וויסנשאַפט, אין וועלכער זיי באַשולדיקן אייך און וואַרפן אייך פאָר, וואָס איר באַשעפטיקט זיך מיט איר?"

„אַזוי לאַנג ווי איך האָב ניט אַריינגעקוקט אין דעם טעקסט פון די אָנקלאַגעס, איז מיר שווער זיי צוריקצואווייזן. אויב די דאָזיקע אָנקלאַגע איז אַן אויסדרוק פון די פיל פאַרדעכטיקונגען און אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען, וועלכע ווערן אַחוץ דעם אַרויסגעבראַכט פון אונדזערע קעגנער,

דאַן האַנדלט עס זיך דאָ מסתמא ניט אַזוי וועגן דעם שטודיום פון קבלה, ווי וועגן איר פּאָפּולאַריזירונג.

די צוציִענדיקע קראַפט פון דער דאָזיקער ג־ט׳לעכער וויסנשאַפט האָט אונדז געבראַכט פיל אַנהענגער פון די קרייזן פון אונדזערע קעגנער און זי ברענגט אונדז נאָך טעגלעך נייע. זי איז זיי דערפאַר ווי אַ דאָרן אין אויג, וואָס זיי ווילן אָבער מיט אַ כּיוון פאַרדעקן.

אונדזערע קעגנער גיבן אָן אַז זיי האַלטן — און אפשר מיינען זיי עס טאַקע אין אַ געוויסער מאָס — אַז די פאַרשפּרייטונג פון אָט דער וויסנשאַפט צווישן די מאַסן פון פאָלק איז אַ געפאַר פאַר׳ן כּלל. נאָר דורך דעם פאַלשן אויסטייטש און באַנוץ פון דער קבלה, איז עס דעם פאַלשן משיח שבתי צבי געלונגען, צו פאַרפירן אַ גרויסן טייל פון די אידן און ממילא צו ברענגען אין געפאַר דעם גאַנצן קיום פון אידישקייט. אַ צווייטער פאַרפירער, פראַנק, האָט מיט די זעלביקע מיטלען געבראַכט דעם זעלביקן אומגליק. זיי מיינען דערפאַר, אָדער זאָגן נאָר אַז זיי מיינען, אַז דורך דער פאַרשפּרייטונג פון דער קבלה אין אַלע שיכטן פון פאָלק מצד די חסידים, וועט אידישקייט אויף ס׳ניי געשטעלט ווערן אין געפאַר און אַז די פאַרשפּרייטער אַליין זיינען גאָר געהיימע שבתי צבי׳ניקעס און פראַנקיסטן, וועלכע מאַכן נאָר אויסערלעך דעם אָנשטעל פון געטרייע, אויפריכטיקע אידן, פונקט ווי די אַנדערע פאַרפירער האָבן עס געטאָן, בכדי אַזוי אַרום צו קענען לייכטער און מיט מער דערפאָלג באַקעמפן אַלץ וואָס איז אידיש.

ווי באַליידיקנדיק און ווייטאָגדיק אָט דער גאַנצער גרונדלאָזער פאַרוואורף איז פאַר אונדז, האָב איך פונדעסטוועגן אַלע מאָל אָנגעוויזן מיינע פריינד און חברים אויף דעם, אַז די מאָטיוון פון וואַנעט ער שטאַמט, זיינען ריין און ערלעך. אונדזערע קעגנער טוען אונדז פאַרוואַרפן אָן וועלכן עס איז באַוויז, און אָן וועלכער עס איז באַגרינדעטער אונטערלאַגע, די שענדלעכסטע זאַכן; דאָס קען איך נאָך אין זייער אַלגעמיינער אויפרעגונג און צעטומלטקייט באַגרייפן און דערפאַר אויך פאַרגעבן. אָבער, אַז מען זאָל וואָגן צו קומען מיט אַזעלכע גרונדלאָזע פאַרדאַכטן אַזש ביז צום הויכן געריכטס־הויף, און אַז מען זאָל זיך דערמיט אַפילו ווענדן צום קייסער אַליין, און אַז מען קען מיט אַזעלכע אומבאַוויזענע בלבולים נאָך מאַכן אָן איינדרוק אויך אין די הויכע ערטער, דאָס איז די גרעסטע פאַרלעצונג פון אונדזערע הייליקסטע מענטשן־רעכטן, פאַר וועלכער מיר פעלט יעדע פאַרשטענדעניש״.

„די באַשולדיקונגען, וועלכע זיינען אויפגעהויבן קעגן אייך, זעען אויס אָבער דאָך ניט צו שוועבן אַזוי אין דער לופטן, ווי איר מיינט דאָ צו באַ־ווייזן. מיר האָבן די שריפטן פון רבי ישראל בעל שם טוב און פון זיין שילער אין מעזריטש, פון וועלכע אַ באַהאַוונטער רב האָט אונדז דורך ווערטלעך ציטירטע שטעלן באַוויזן, אַז זיי האָבן ניט נאָר געגלויבט אין פאַלשע משיחים, מיט וואָס זיי שטעלן אין געפאַר די גאַנצע אידישקייט, נאָר אַז זיי דערלויבן אויך גנבות און רציחות א. ד. גל., מיט וואָס זיי זיינען אין העכסטן גראַד געפערלעך פאַר דער גאַנצער מלוכה. אויך אייערע אייגענע שריפטן ליגן ביי אונדז און זיי אַנטהאַלטן זייער פיל וועגן דער אָפּראַבירונג און פאַרטיידיקונג פון אַ פרייער, אויסגעלאַסענער לעבנס־פירונג, אַזוי אַז מיר זיינען גענוג איבערצייגט אין אייער געפערלעכקייט פאַר'ן כלל".

„הער פרעזידענט! רבי ישראל בעל שם טוב האָט קיין שום שריפטן ניט פאַרפאַסט. נאָך זיין טויט האָט איינער פון זיינע שילער צוזאַמענגעשטעלט מאמרים פון זיין לערער אונטער דעם טיטל: ‚דער טעסטאַמענט פון בעל שם טוב': די דאָזיקע מאמרים זיינען עכט און שטאַמען טאַקע פון רבי ישראל בעל שם טוב. אויב עס געפינט זיך צווישן אָט די מאמרים, אַזוי ווי אין די שריפטן פון זיין שילער, דער רבי פון מעזריטש אָדער אין די פון מיר אַרויסגעגעבענע ספרים, אַפילו איין איינציקער מאמר, וועלכער טראָגט אַ געפערלעכן כאַראַקטער אין דעם דאָ דערמאָנטן זין, דאַן דערקלער איך דערמיט מיין גאַנצן פראָצעס פאַר פאַרלאָרן. אויב דאָס איז אָבער אַלץ ליגן, אויב אין די אָנגערופענע שטעלן איז צעריסן געוואָרן דער אָריגינעלער צוזאַמענהאַנג, דורך צוזעצן און אויסלאָזן ווערטער און זאַצן, איבער־געמאַכט און געפעלשט, דאַן דערלויב איך מיר צו בעטן, מען זאָל מיך ניט פאַראורטיילן, ביז איך וועל זיך באַקענען מיט אַלע איינצלהייטן פון אָט דער אָנקלאַגע און אַזוי אַרום זיין אין דער לאַגע זיך צו פאַרטיידיקן".

אַן אינגערער ריכטער האָט איצט גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט, אַז דער פאַרלאַנג פון דעם אָנגעקלאָגטן איז דורכאויס אַ באַרעכטיקטער. ער שלאָגט פאָר צוזאַמענצושטעלן אַלע אָנקלאַגע־פונקטן און זיי צו איבער־ווייזן דעם אָנגעקלאָגטן מיט דער פאָדערונג, ער זאָל אַריינגעבן זיין פאַרטיידיקונג שריפטלעך.

די אויספירונג פון אָט דעם פאָרשלאָג איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט

שוועריקייטן. און מען איז דערפאַר געפאַלן אויפ׳ן פּלאַן צו ברענגען צום רַבּ זיין אַנקלאַגער פּערזענלעך. ווי פיינלעך דאָס זאָל ניט האָבן געווען פאַר׳ן רַבּ, איז עס דאָך געווען דער איינציקער מיטל צו זיין פולער פאַרטיי־דיקונג. אַז זי איז פולקום געלונגען, באַווייזט די גינסטיקע ווענדונג, וואָס דער פּראָצעס האָט גלייך נאָכדעם אָנגענומען.

די אונטערזוכונג פון דער געהיימער געריכט־אָפּטיילונג האָט צוגע־געבן די פולע אומשולד פון רַבּ אין אַלע פּונקטן. דעם 27טן נאָוועמבער איז געקומען די אויפפאָדערונג צום סענאַט צו באַהאַנדלען דעם סכסוך צווישן די אידן אביגדור חיימאָוויטש און זלמן ברוכאָוויטש, אויף וויפל עס איז נוגע די רעליגיעזע זייט פון דער זאַך און צו מאַכן געוויסע תקנות, לויט וועלכע די פּאַרטיי פון די חסידים און די אַנדערע אידישע קהילות זאָלן זיך פירן אין דער צוקונפט. גלייך נאָכדעם איז דער רַבּ באַפרייט געוואָרן פון זיין אַרעסט, וואָס האָט דאָס מאָל געדויערט אין גאַנצן פערצן טעג. אָבער זיין באַפרייאונג איז געווען פאַרבונדן מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל ניט פאַרלאָזן פּעטערבורג ביז דעם ענדגילטיקן אָפּשלוס פון זיין פּראָצעס.

אין צווישן האָט זיך זיין עקשנות׳דיקער קעגנער באַמיט ווידער און אָבער צו פאַרשפּרייטן קעגן דעם רַבּ זיינע שקרים און בלבולים אין די גע־העריקע ערטער און דער רַבּ איז געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן דעם גאַנצן ווינטער אין פּעטערבורג, ווייט פון זיין משפּחה און פון דעם קרייז פון זיין גייסטיקער פּירערשאַפט, וואַרטנדיק אויף דעם אויסגאַנג פון זיין פּראָצעס. אָנפאַנג מערץ האָט ער אַריינגעגעבן אַ פּעטיציע אין סענאַט, בעטנדיק צוצואיילן זיין פּראָצעס, אָבער ס׳איז געווען אָן דערפאָלג.

און דאָ איז עפּעס געשען דעם 11טן מערץ, 1801, וואָס איז געווען פון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג: צאַר פּאַוול דער 1טער איז פּלוצלונג גע־שטאָרבן.

צוליב דעם צאַר פּאַוול׳ס גוטער מיינונג, וועגן דעם רַבּ — וואָס איז אויך געווען די אורזאַך פאַר זיין גיכער באַפרייאונג פון אַרעסט — איז דער טויט פונעם קייסער געווען פאַר׳ן רַבּ אַ שטאַרקער קלאַפּ. פאַר אַלעק־סאַנדער דעם 1טן, פּאַוול׳ס נאָכפאָלגער, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן אַלס קייסער אין דעם זעלביקן מאָנאַט, איז דער רַבּ געווען אַ פולשטענדיק אומבאַקאַנטע פּערזענלעכקייט. עס איז דעריבער באַשטאַנען די געפאַר אַז ער וועט שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו אביגדור׳ס ווידערהאָלטע

בלבולים און באַשולדיקונגען, אַזוי אַז מען האָט געקענט דערוואַרטן דאָס ערגסטע. אין די בריוו, וואָס דער רַב האָט שפּעטער, נאָך זיין פולשטענדי־קער באַפרייאונג, געשיקט צו זיינע פריינד, האָט ער וויפל מאָל באַטאָנט, אַז זיין צווייטע באַפרייאונג איז געווען אַ פיל גרעסערער נס ווי די ערשטע.

עס איז אין רוסלאַנד אַ מנהג, אַז די ערשטע דריי קייסערלעכע אַמט־האַנדלונגען פון אַ ניי געוויילטן קייסער, צייכענען זיך אויס מיט מילדקייט און גנאַד, אַזוי אַז דאָס זיינען באַגנעדיקונג־אַקטן, אויף וועלכע דער קייסער גיט זיינע ערשטע אונטערשריפטן. די השגחה פרטית האָט עס גע־וואָלט אַז דעם רַב׳ס פּראָצעס זאָל זיין דער ערשטער דאָקומענט, וועלכן אַלעקסאַנדער האָט אונטערגעשריבן און האָט אים דערמיט געשאָנקען די פולע פרייהייט.

דער צוריקקער פון רַב צו זיין סביבה איז געווען אַ גוואַלדיקער טריאומף פאַר זיינע אָנהענגערס און פאַרערערס, וואָס זייער צאָל איז גע־וואַקסן פון טאָג צו טאָג. די אומבאַגרענעצטע שמחה צוליב דער צווייטער באַפרייאונג פון אָט דעם גדול, איז געפלאָסן פון דעם באַוואוסטזיין, אַז די אומשולד פון רַב, וועלכע איז פון די צוויי קעניגן אונטערגעשריבן און באַ־שטעטיקט געוואָרן, וועט מער קיין מאָל ניט קענען געשטעלט ווערן אין פראַגע און אַז די חסידות־באַוועגונג, וועלכע איז דורך אים אַזוי גלענצנדיק פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר די העכסטע מלוכה־מענער, האָט ניט מער וואָס מורא צו האָבן פאַר נייע רדיפות און פאַרדאַכטן.

די דאָזיקע האָפענונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלש. די קעגנער, אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאַרדאַרבענעם, גיפטיקן אביגדור, האָבן פאַרגעזעצט זייערע בלבולים און באַשולדיקונגען, מיינענ־דיק צו דערגרייכן אונטער צאַר אַלעקסאַנדער דאָס, וואָס עס איז זיי ניט געלונגען אונטער דער הערשאַפט פון פריערדיקן צאַר. דער רַב האָט זיך פון די פלענער אַלע מאָל דערוואוסט און האָט זיך כסדר געמוזט ווענדן צום סענאַט נאָך שוץ קעגן די אָנגריפן. אויב די דאָזיקע בקשות, וואָס זייער טעקסט איז ביי אונדז מער ניט פאַראַן, האָבן געהאַט דעם באַגערטן דער־פאָלג, לאָזט זיך היינט ניט מער פעסטשטעלן. דערפאַר אָבער האָט אַ העכערע מאַכט גענומען דעם רַב אין שוץ.

אביגדור, וועלכער האָט מיט זיין גאַנצער כיטרעקייט און פאַלשקייט פאַרט גאָרנישט געקענט האָבן קעגן דעם רַב און די חסידים, האָט פאַר־

לאָרן דעם צוטרוי פון די וואָס זיינען געשטאַנען הינטער אים. זיי האָבן אים געלאָזן פאַלן. (דער זעלביקער גורל האָט געטראָפן זיינע מיטהעלפער, וועלכע האָבן שטענדיק אונטערשטיצט די פאַרפאָלגונג פון רַב מיט געלט.) עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער געקומען אַלס אַ בעטלער צו דער טיר פון רַב. דער רַב האָט אים געלאָזט געבן אַ נדבה, ניט אַריינלאָזנדיק אים צו זיך. אביגדור׳ס אייגענע זין האָבן אים פאַרלאָזן און פאַרלייקנט, מיט דעם וואָס זיי האָבן זיך ניט געלאָזן אויפרופן צו דער תורה מיט זייער פאָטערס נאָמען. זיי זיינען געוואָרן הייסע חסידים און האָבן געזוכט דורך זייער באַגייסטערטער מסירות צו חסידות צו מכפּר זיין אויף דעם שווערן אומרעכט וואָס איז געלעגן אויף זייער פאָטער.

כ
אין ליאַדי

ערשט איצט האָט דער רַב געקענט אין רו און אין פרידן אַנטוויקלען זיין פּרוכטבאַרע אַרבעט. זיין געבורטסאָרט ליאָזנע, דער אָרט פון זיינע ביז־איצטיקע אַקטיוויטעטן, ביי וועלכע ער האָט געמוזט אויסשטיין אַזויפיל צרות, האָט אים אויסגעזען צו זיין ניט גענוג פּאַסיק דערצו. ער פאַרלאָזט ליאָזנע נאָך אַ 22 יעריקער טעטיקייט אַלס רַב און ציט זיך אַריבער קיין ליאַדי — אַ קליינע שטאָט, וועלכע האָט געציילט אַרום 3000 נפשות — אין מאָהילעווער גובערניע. דאָ, וואו עס איז אים דערלויבט געווען אומגע־שטערט אויסצונוצן זיינע געניאַלע כשרונות, האָט זיין ווירקזאַמקייט דער־גרייכט איר הויכפּונקט. און דערפאַר ווערט ער אין אַלגעמיין באַצייכנט פון זיינע צענדליקער טויזנטער נאָכפאָלגערס, ביז היינטיקן טאָג, אַלס דער „רַב פון ליאַדי".

די דאָזיקע תקופה פון רו האָט דער רַב אויסגענוצט זיך צו שטעלן אין אַ פּערזענלעכער פאַרבינדונג מיט די חשוב׳סטע גדולי־התורה פון זיין צייט. ווי הויך ער האָט געשאַצט די קייסערלעכע אַנערקענונג פאַר זיינע טעטיקייטן, איז אים אָבער פיל מער ווי דאָס אָנגעגאַנגען צו איבערצייגן זיינע אייגענע ברידער, וועלכע האָבן ביז איצט געגאָלטן אַלס זיינע שטאַרקסטע קעגנער, אַז זייער קעגנערשאַפט האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן שיין פון באַרעכטיקונג. קיין זאַך האָט ניט געקענט האָבן אַזאַ שטאַרקע ווירקונג צו מבטל מאַכן די באַשולדיקונגען און חשדים קעגן חסידים, ווי די בלויזע פּערזענלעכקייט פון רַב. זיין אויסערלעכקייט אַליין, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין אצילות הרוח, איז געווען אַזוי אימפּאָזאַנט, אַז ער האָט צו זיך צוגעצויגן יעדערנס אויפמערקזאַמקייט. זיין פריינד און פאַרערער, קאַלאַנעל דונדוקאָוו, איז געווען דערפון אַזוי באַ־איינדרוקט, אַז ער האָט געלאָזט מאָלן זיין בילד, אין דער צייט פון זיין ערשטן אַרעסט אין יאָר 1798, דורך דעם באַרימטסטן פּאָרטרעט־מאָלער אין פּעטערבורג, גלאַוואַטשעווסקי. שפּעטער איז דאָס בילד איבער־געגאַנגען צום גראַף טישקאָוויטש, וועלכער האָט עס אָוועקגעשטעלט אין

זיין קונסט־זאַמלונג, ניט וויסנדיק אפילו ווען דאָס בילד שטעלט מיט זיך פאָר. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך אַ אידישער מאָלער אָנגעשטויסן אָן דעם בילד אין דעם גראַפ׳ס בילדער־גאַלעריע און עס האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ טיפן איינדרוק, אַז ער האָט וועגן דעם געפרעגט דעם גראַף. יענער האָט נאָר געוואוסט אַז דאָס איז דאָס בילד פון אַ הויף־באַרימטן רב ביי אידן, וועלכער האָט געטראָגן די אונטערשריפט אין דער רוסישער שפּראַך: „זלמן ברוכאָוויטש אין ליאָזנאָ״. דורך אָט דעם מאָלער האָט אַן אייניקל פון רַב זיך דערוואוסט וועגן דעם בילד, און עס איז אים געלונגען צו באַקומען די דערלויבעניש פון דעם גראַף צו מאַכן דערפון אַ קאָפּיע.

אָבער מער ווי זיין אויסערלעכער אויסזען זיינען עס געווען זיינע גייסטיקע מעלות און מידות, דורך וועלכע דער רַב האָט געמאַכט אויף יעדערן וואָס איז נאָר געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, אַן אויסערגעוויינ־לעכן איינדרוק.

צווישן די לייכטנדיקסטע תורה־אויטאָריטעטן, מיט וועלכע דאָס רוסישע אידנטום איז אין יענער צייט געווען באַזונדערס רייך, האָט ער באַ־זוכט די אויסגעצייכנטסטע גדולים: רבי משה חפץ אין זאַוואָס און רבי יואל אין אַמטשיסלאַוו, ווי אויך דעם רייכן און גדול שבגדולים, רבי יהושע צייטלין אין שקלאָוו. אַלע דריי זיינען געווען פאַרביסענע קעגנער פון חסידות און האָבן די דאָזיקע קעגנערשאַפט אויך ניט באַהאַלטן ביי דעם באַזוך פון רַב. זיי האָבן אים אויפגענומען קאַלט און אומפריינדלעך און האָבן אים אַפילו ניט געבעטן זיך זעצן. זייענדיק אַליין גאונים און מומחים אין ידיעות התורה, זיינען זיי געווען לייכט געניינגט צו אונטערשאַצן די גרויסקייט פון דעם חסידישן רב אויף דעם דאָזיקן געביט. אָבער אַזוי ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אַז ווען בני תורה האָבן זיך קעגנזייטיק באַזוכט, פלעגט שטענדיק זיין די תורה די ערשטע און די לעצטע טעמע פון זייער שמועס, האָט דער רַב עס שוין פאַרשטאַנען מסדר צו זיין אַז זיינע קעגנער זאָלן אים פאַרלייגן די שווערסטע קשיות און שאלות. די בקיאות פון דעם רַב, זיין חריפות און הבנה, מיט וועלכע ער האָט זיי געגעבן באַלויכטונגען איבער די האַרבסטע קשיות און ענינים, האָבן זיינע קעגנער אַזוי דער־שטוינט, אַז זיי האָבן שוין געמוזט אָנערקענען זיין גדלות. ניט נאָר האָבן זיי אים דאַן באַהאַנדלט ווי זייער גלייכן, נאָר זיי האָבן אַפילו אָנערקענט — ווי עס פּאַסט פאַר אמת׳ע גדולים — אַז ער שטייגט זיי הויך אַריבער. אָט די מיינונגס־ענדערונג פון זיינע קעגנער האָט דער רַב אויסגענוצט כדי סותר

צו זיין אַלע חששות און טענות קעגן דער חסידישער פירונג. ער האָט זיי אויפגעוויזן אַז עס איז ניטאָ קיין שום באַגרינדונג פאַר זייער קעגנער־שאַפט, אַז זי וואָלט קיין מאָל ניט אָנגענומען אָט די שאַרפקייט, ווען דאָס וואָלט ניט געווען דער גאון ר׳ אלי׳ פון ווילנע, דער, וואָס האָט דעם דאָזיקן קאַמף געפירט מיט זיין אומדערמידלעכן כח ביז צו זיין פטירה. אָבער אָט דער ריינער, ג־ט׳לעכער תורה־אויטאָריטעט איז אַליין פאַרפירט געוואָרן דורך פאַלשע באַריכטן: זיינע אייגענע תלמידים און זיינע געטרייע אָנהענגער וואָלטן דאָס אין משך פון דער צייט אַליין איינגעזען.

די פערזענלעכקייט פון רבֿ, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון העכסטער יראת שמים, פון תורה, פון גרעסטער עניוות און בטול עצמי און פון דער גליענדיקסטער מענטשן־ליבע: די קאָלאָסאַלע גייסטיקע און מאָראַלישע גרויסקייט פון אָט דעם מנהיג פון חסידים, איז געווען די ווירקזאַמסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער זאַך וואָס איז געווען פון אים פאַרטראָטן. אויף דעם אופן האָט דער רבֿ ניט נאָר פאַרגרינגערט די קעגנערשאַפט צו חסידות, נאָר פיל פון די גרעסטע קעגנערישע רבנישע אויטאָריטעטן זיינען געוואָרן די שטאַרקסטע אָנהענגער און אומצייליקע טויזנטער פון פיל קהילות האָבן נאָכגעטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל.

ניט דורך איבעררעדן, ניט דורך אַגיטירן, נאָר בלויז דורך דער ווירקונגס־קראַפט פון זיין ג־ט־געבענטשטער פערזענלעכקייט, האָט דער רבֿ צוגעצויגן צו זיך די מענטשן, וועלכע האָבן אין אים געזען דעם ג־ט־לעכן מאַן און זיינען געקומען צו אים פון ווייטע שטעט נאָך עצות און ברכות. ער האָט אָבער שטאַרק געזוכט זיי אָפּצואָווענדן פון קוקן אויף אים ווי אויף אַ בעל מופת און האָט זיך באַמיט דאָס אויפצוקלערן ניט נאָר צו די, וועלכע פלעגן קומען צו אים פרעגן עצות אין זייערע מאַטעריעלע און געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, נאָר ער האָט אויך אַראָפּגעבראַכט דעם דאָזיקן ענין אין סימן כ״ב פון „אגרת הקודש״ אין תניא, פון וועלכן מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג:

כב אהוביי אחיי ורעיי מאהבה מסותרת
תוכחת מגולה לכו נא ונוכחה
זכרו ימות עולם בינו שנות דור ודור ההיתה כזאת
מימות עולם ואיה איפוא מצאתם מנהג זה באחד
מכל ספרי חכמי ישראל הראשונים והאחרונים להיות

מנהג ותיקון לשאול בעצה גשמיות כדת מה לעשות בעניני העולם הגשמי אף לגדולי חכמי ישראל הראשונים כתנאים ואמוראים אשר כל רז לא אנס להו ונהירין להון שבילין דרקיע כ"א לנביאים ממש אשר היו לפנים בישראל כשמואל הרואה אשר הלך אליו שאול לדרוש ה' על דבר האתונות שנאבדו לאביו כי באמת כל עניני אדם לבד מדברי תורה וי"ש אינם מושגים רק בנבואה ולא לחכמים להם כמארז"ל הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים ושבעה דברים מכוסים כו' אין אדם יודע במה משתכר כו' ומלכות בית דוד מתי תחזור כו' הנה הושוו זה לזה ומ"ש בישעיה יועץ וחכם חרשים וכן משארז"ל ונהנין ממנו עצה ותושיה היינו בד"ת הנקרא תושיה כמארז"ל יועץ זה שיודע לעבר שנים ולקבוע חדשים כו' שסוד העיבור קרוי עצה וסוד בלשון תורה כדאיתא בסנהדרין דף פ"ז ע"ש בפרש"י:

אך האמת אגיד לשומעים לי כי אהבה מקלקלת השורה והנה היא כסות עינים שלא לראות האמת מרוב אהבתם לחיי הגוף לש"ש לעבוד בו את ה' ברשפי אש ושלהבת גדולה מאהבת נפשם את ה' וע"כ היטב חרה להם בצער הגוף ח"ו ה' ירחם ואין יכולין לקבל כלל עד שמעבירים על דעתם לכתת רגליהם מעיר לעיר לשאול עצות מרחוק ולא שעו אל ה' לשוב אליו ברוח נמוכה והכנעת הגוף לקבל תוכחתו באהבה כי את אשר יאהב ה' וכו':

וכמו אב רחמן חכם וצדיק המכה בנו שאין לבן חכם להפוך עורף לנוס למצוא לו עזרה או אפילו מליץ יושר לפני אביו הרחמן והצדיק והחסיד רק להיות ישר יחזו פנימו עם אביו פנים בפנים לסבול הכאותיו באהבה לטוב לו כל הימים.

פרייע איבערזעצונג:

מיינע ליבע, מיינע ברידער און מיינע פריינד!

פון אַ באַהאַלטענער ליבשאַפט — אָפענע מוסר־רייד:

לאָמיר גיין און זיך אויס'טענה'ן: געדענקט די פּאַר־

צייטיקע טעג, באַטראַכט זיך די יאָרן פון יעדן דור. צי איז דען אַזוינס שוין געשען זייט די וועלט שטייט, און וואו האָט איר גע־פונען אין וועלכן עס איז פון אַלע ספרים פון די ערשטע און פון די לעצטע חכמי ישראל, עס זאָל זיין אַ מנהג און אַ תקנה צו פרעגן אַן עצה אין מאַטעריעלע ענינים — וואָס מען זאָל טאָן אין די ענינים, וואָס זיינען שייך צו דער גשמיות'דיקער וועלט — אַפילו ביי די גרעסטע, פריערדיקע חכמי ישראל ווי די תנאים און אמוראים „וואָס קיין שום סוד איז ניט געווען פאַרבאָרגן פאַר זיי" און „אַלע שטעגן פון הימל זיינען געווען קלאָר פאַר זיי", סיידן ביי די נביאים ממש, וואָס זיינען געווען פאַרצייטן ביי אידן, אַזוי ווי שמואל „דער זעער", צו וועמען שאול איז געגאַנגען פרעגן ביי ג־ט וועגן די אייזלען, וועלכע זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען ביי זיין פאָטער. ווייל באמת זיינען אַלע ענינים פון אַ מענטש, אויסער דברי תורה און יראת שמים, ניט באַגרייפלעך, סיידן דורך נבואה; די חכמים אָבער האָבן אַליין ניט קיין ברויט. —

אַזוי ווי רז"ל האָבן געזאָגט: „אַלץ איז בידי שמים אויסער יראת שמים", און „זיבן זאַכן זיינען פאַרבאָרגן כו', (צווישן זיי) אַ מענטש ווייסט ניט ווי ער וועט פאַרדינען כו' און ווען מלכות בית דוד וועט צוריקגעשטעלט ווערן כו'" — זיינען זיי אין דעם צוגעגליכן איינס צום אַנדערן! (די ערשטע זאַך איז אַזוי ווי די אַנדערע, פאַרבאָרגן פון דעם מענטשלעכן וויסן).

און דאָס וואָס ס'איז געשריבן אין ישעי': „יועץ וחכם חרשים" (אַ ראַטגעבער און אַ גרויסער חכם, וואָס ווען ער לערנט מיט אַנדערע חכמים אין ענינים פון תורה, ווערן אַלע ווי „פאַרשטומט"),

און אויך דאָס וואָס די רז"ל האָבן געזאָגט ונהנין ממנו „עצה ותושי'", אַז מען געניסט פון אים אַן עצה און אַ הילף — באַציט זיך דאָס נאָר אויף דברי תורה, וועלכע ווערט אָנגע־רופן „תושי'". און ווי רז"ל זאָגן אַז „אַ יועץ איז דער, וואָס ווייסט ווען און ווי צו מאַכן אַן עיבור יאָר און ווי צו באַ־שטימען די חדשים": ווייל דער סוד פון עיבור־יאָרן ווערט (אין

דער תורה־שפּראַך) אָנגערופן „עצה״ און „סוד״, ווי עס ווערט געבראַכט אין סנהדרין דף פ״ז, זע דאָרטן אין פירוש רש״י.

אָבער דעם אמת וויל איך זאָגן צו די וועלכע פאָלגן מיר, אַז „ליבשאַפט מאַכט קאַליע דעם נאַטירלעכן סדר פון הנהגה״, ווייל דאָס פאַרדעקט די אויגן מען זאָל ניט זען דעם אמת, צוליב זייער גרויס ליבשאַפט צו דעם לעבן פון דעם קערפּער לשם שמים, כדי צו קענען דינען מיט אים ג־ט מיט פונקצן־פייער און מיט אַ גרויסן פלאַם, מחמת דער ליבשאַפט פון זייער נפש צו ג־ט. דעריבער פאַרדריסט זיי שטאַרק דער ווייטיק פון דעם קערפּער ח״ו, ג־ט זאָל רחמנות האָבן, אַזוי אַז זיי קענען דאָס גאַרניט פאַרנעמען, ביז וואַנען דאָס פירט זיי אַראָפּ פון זייער דעת צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט צו פרעגן עצות פון דער ווייטנס, אַנשטאָט זיך צו ווענדן אַליין צו ג־ט און זיך צוריקקערן צו אים מיט אַ נידעריקן געמיט און מיט אַ הכנעה פון גוף, צו מקבל זיין זיין שטראָף מיט אהבה, „ווייל דעם וועמען ג־ט האָט ליב וכו׳״ (משלי — ג׳, י״ב).

דאָס איז אַנאַלאָגיש צו אַ דערבאַרעמדיקן, קלוגן און רעכטפאַרטיקן פאָטער, וועלכער שטראָפט זיין זון, וואָס זיכער וועט אַ קלוגער זון זיך ניט אויסקערן מיטן נאַקן צום פאָטער און אַנטלויפן צו געפינען פאַר זיך הילף אָדער אַפילו אַ מליץ יושר פאַר זיין פאָטער, דעם באַרעמהאַרציקן, דעם צדיק און חסיד; נאָר עס זאָל זיין „ישר יחזו פנימו״ (תהלים יא, ז), ער זאָל קוקן דעם פאָטער גלייך אין פנים, פנים צו פנים, סובל זיין זיינע קלעפּ מיט ליבשאַפט, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף אים און עס זאָל אים זיין גוט אַלע טעג פון זיין לעבן.

דאָס שליסט אָבער ניט אויס, אַז דעם רבֿ׳ס טיפע חכמה, זיינע גרינד־לעכע פילזייטיקע ידיעות, און זיין זעלטענע מענטשן־קענטעניש האָבן אים געמאַכט פאַר דעם געטרייען ראַטגעבער אין די שווערסטע לאַגעס פון לעבן און צוליב זיין קאָלאָסאַלער מענטשן־ליבע האָט ער קיינעם ניט אָפּגע־זאָגט, ווער ס׳האָט זיך נאָר געווענדעט צו אים נאָך הילף. עס איז אויך צו פאַרשטיין, וואָס יעדערער וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ צרה ר״ל, איז געקומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ און געפינען טרייסט און הילף ביי דעם

מענטשן, וואָס זיין האַרץ האָט געשטראָמט מיט ליבע און מיטלייד; אָדער פונקט אַזוי איז פאַרשטענדלעך ווי יעדערער וואָס האָט זיך געניײטיקט אין רחמי שמים, האָט זיך געווענדעט נאָך אַ תפילה פון דעם צדיק, וועלכער האָט געדינט דעם אויבערשטן מיט יעדן אָטעמצוג זיינעם; צו אַ תפילה פון אַ האַרץ וואָס איז געווען טיף געריךט פון יענעמס צרות אוןליידן, און וועלכע איז ביי דעם אויבערשטן זיכער געווען שטאַרק אָנגענומען.

די, און אַנדערע פאַקטן צוזאַמען מיט דער מאַרטירערשאַפט פון זיין צוויי־מאָליקן אַרעסט, האָבן דעם רבּ געקרוינט מיט דער העכסטער מאָס כבוד און אַנערקענונג, וואָס ס'איז אים, צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער עניוות גאָר ניט געווען לרצון. אָבער דוקא דורך זיין פשטות און זיין באַ־שיידנקייט איז זיין כבוד נאָך מער געשטיגן, ווייל ווי באַקאַנט לויפט דער כבוד נאָך יענעם, וואָס אַנטלויפט פון אים.

די דאָזיקע פשטות און באַשיידנקייט האָבן זיך אויך שטאַרק אָנגעזען אין דער גאַנצער פירונג פון זיין הויז און באַזונדערס אין דער דערציאונג פון זיינע קינדער און אייניקלעך. ער פלעגט זיי שטענדיק אויפמערקזאַם מאַכן וועגן דעם אַז אַ רבּ, וועלכער לעבט פון קהל'שע געלט, מוז זיך פירן אַזוי איינפאַך און שפּאָרעוודיק ווי נאָר מעגלעך. פון די פיל כאַראַקטע־ריסטישע שטריכן, וועלכע זיינען וועגן דעם פאַרשפּרייט, ווערט דאָ נאָר איינער דערמאָנט ווערן:

זיין באַרימטער אייניקל, רבּי מנחם מענדל, דער מחבר פון „צמח צדק", האָט אַלס יונג פאַרהייראַטער מאַן געטראָגן אַ קאָסטבאַרן גאַרטל. אַזוי ווי ער האָט געוואוסט אַז זיין זיידע וויל דאָס ניט ליידן, פלעגט ער אים אַלעמאָל אויסטאָן ווען ער פלעגט דאַרפן צו אים אַריינגיין. איין מאָל האָט אים דער זיידע געלאָזט רופן צו זיך אין צימער און אין איילעניש האָט ער פאַרגעסן אויסצוטאָן פריער דעם גאַרטל. דער זיידע האָט גלייך באַמערקט דעם טייערן גאַרטל און אַ פרעג געטאָן וואָס עס קאָסט.

„פופצן רובל".

„פופצן רובל?! דאָס איז אומדערהערט. ביסט דען אַזוי רייך, אַז דו קענסט זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס?"

„איך האָב באַקומען 2000 רובל נדן און כ'האָב געטראַכט אַז רעכענע־

דיק זיך מיט מיין יונגער פרוי און איר משפחה, דאַרף איך זיך בעסער קליידן״.

„וואָס טראַכסטו צו טאָן מיט די 2000 רובל?״

„איך וואָלט עס וועלן אַריינגעבן אין געשעפט פון ה׳... און קריגן פון דעם געלט אַ רעגולערן יערלעכן רווח״.

„און אויב עס זאָל זיך שפעטער אַרויסווייזן אַז דאָס געשעפט איז ניט אַזוי גוט און זיכער, און דו וועסט פאַרלירן דעם רווח מיט דעם קרן צו־זאַמען, וואָס וועט דאַן זיין?״

„וואָס פאַלט דיר איין? דו קענסט דאָך אַליין דעם אייגנטימער פון דעם געשעפט אַלס אַ פרומען, ערלעכן און רייכן מאַן און זיין פירמע האָט דעם בעסטן נאָמען״.

„דאָס ענדערט אָבער ניט מיין חשש. איצט איז ער טאַקע אַ רייכער מאַן, אָבער זיין געשעפט קען אָנפאַנגען גיין אויף צוריק און ער קען ווערן אַן אָרעמאַן, אַזוי אַז דו זאָלסט גאַרנישט געווינען פון דיין קאַפּיטאַל און צום סוף נאָך אים אויך פאַרלירן״.

„אָבער איך פאַנג ניט אָן צו וויסן, וואו איך וואָלט מיין געלט געקענט בעסער אַוועקלייגן; ווייסטו אפשר אַ בעסערן אָרט?״

„איך ווייס אַ בעסערן״, האָט דער זיידע געענטפערט און האָט דערביי געעפנט אַ קעסטל. „דאָס איז מיין צדקה־קאַסע, דאָ ליגט דאָס געלט וואָס איך זאַמל פאַר אָרעמע, קראַנקע און נויט־באַדערפטיקע פון יעדן סאָרט. לייג דאָ צו אויך דיינע 2000 רובל, דאַן איז דיר דיין קאַפּיטאַל אויף יעדן פאַל געזיכערט; דו קענסט עס צו יעדער צייט באַקומען צוריק טיילווייז אָדער אין גאַנצן און פאַר די פּראָצענטן לאָז שוין ג־ט זאָרגן״.

דער אייניקל האָט אַנגעקוקט זיין זיידן מיט פאַרוואונדערונג, ער האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג געהאַלטן פאַר אַ שפּאַס און האָט אויסגעזען צו האָבן גאָר אַ קנאַפּן חשק איינצוגיין אויף דעם. דער זיידע האָט אָבער אַ זאָג געטאָן:

„איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. אויב דו וועסט אַוועקלייגן דיין געלט אין מיין צדקה־קאַסע, דאַן ביסטו זיכער סיי מיט׳ן קאַפּיטאַל און סיי מיט די

פּראַצענטן; אויב דו וועסט עס אָבער אָנפאַרטרויען עמעצן, אַפילו ווען ער איז היינט רייך געגוג, דאַן ריזיקירסטו מיט ביידע זאַכן. מיר לעבן דוקא אין אַזאַ צייט, אין וועלכער די גליק־ראָד דרייט זיך נאָך גיכער ווי שטענדיק און אין וועלכער קיין שום רייכטום קען זיין באַזיצער ניט גאַראַנטירן דערפאַר, אַז ער וועט מאָרגן ניט זיין קיין בעטלער".

דער פאָרשלאָג האָט אָבער פּאַרט דעם יונגן מאַן ניט געגומען, און מיט דער באַמערקונג אַז ער וויל זיך די זאַך איבערטראַכטן, האָט ער פאַרלאָזן דעם זיידנ׳ס צימער. ער האָט זיך טאַקע באַלד באַקלערט און גלייך איבער־געגעבן דאָס געלט דעם באַזיצער פונעם גרויסן געשעפט, כדי דער זיידע זאָל אים ניט קענען שפּעטער אָפּשוואַכן אין זיין באַשלוס.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט אָפּגעברענט דאָס גרויסע געשעפט, וואו ער האָט געהאַט אינוועסטירט זיין גאַנץ פאַרמעגן. דער אייגנטימער פון געשעפט האָט ניט געקענט באַצאָלן זיינע חובות. ער האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן האָב און גוטס. אַלץ איז אַוועק מיט׳ן רויך און ער איז געוואָרן אַזאַ אָרעמאַן, אַז ער האָט געמוזט אָנקומען צו צדקה. ווען דער אייניקל האָט אַ דערשלאָגענער עס דערציילט זיין זיידן, האָט ער געענטפערט:

„אייך יונגע מענטשן פעלט בטחון אין ג־ט און דער צוטרוי צו די ווערטער פון אייערע עלטערן און רביים. און אויב איר האָט שוין יאָ צוטרוי, האָט איר דאָס ניט אויפ׳ן ריכטיקן אָרט. דו פאַרלאָזט זיך אויפ׳ן רייכטום פון אַ רייכן מענטש, און דיין זיידן שענקסטו ניט קיין צוטרוי. אַזוי האָט מען פריער ניט געהאַנדלט. איך וויל דיר איצט דערציילן אַ דערפאַרונג פון מיין אייגענעם לעבן, כדי דו זאָלסט זען, וואָס עס הייסט ריכטיקע „אמונת חכמים".

דער אייניקל האָט ניט געוואָגט צו קוקן דעם זיידן גלייך אין די אויגן, ווען ער האָט ווייטער גערעדט אין זיין מילדן, האַרציקן טאָן:

„ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער מאַן, האָט מיר מיין גרויסער, אומ־פאַרגעסלעכער רבי זצ"ל געגעבן אַ שליחות, וועלכע האָט געדאַרפט דער־ליידיקט ווערן אַ מרחק רב פון מעזריטש. עס איז געווען אין מיטן פון זייער אַ האַרבן ווינטער, ווען די קעלט איז געווען אַזוי שטאַרק אַז כ׳האָב גע־האַלטן ביים אָפּפרירן מיינע פיס און כ׳האָב צוליב דעם געמוזט איבער־נעכטיקן אין אַ דאָרף, וועלכער איז נאָך געווען זייער ווייט פון דעם ציל פון

מיין רייזע. איך האָב מיט מיינע פאַרפראַרענע פיס שוין ניט געקענט אַראָפּ־שטייגן פון וואָגן. דער בעל־עגלה האָט מיך דעריבער אַראָפּגענומען פון וואָגן און מיך אַריינגעטראָגן אין אַ דערבייאיקער אכסני׳, וואָס האָט גע־הערט צו אַן אַלטן אידן. דער לעצטער האָט איינגעריבן מיינע פיס מיט שניי און בראָנפן, און ס׳איז מיר באַלד געוואָרן בעסער. ווען כ׳האָב זיך אַריינ־געלאָזן אין אַ שמועס מיט דעם דאָזיקן איד, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַ פּשוטער, פרומער מענטש, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז דער איינציקער איד וואָס וואוינט אין דעם אָרט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ תלמיד פון דעם באַרימטן מעזריטשער מגיד און דאָס פאַר איך אין זיינער אַ שליחות, האָט ער מיך באַהאַנדלט מיט נאָך מער איבער־געבנקייט ווי פריער. אויף מיינע פראַגעס האָט ער מיר דערציילט אַז די נאָענטסטע אידישע קהילה — וועלכע האָט געציילט אַרום הונדערט אידישע משפּחות — געפינט זיך אַרום צוואַנציק וויאָרסט פון דעם פּלאַץ און אַז יעדעס יאָר גייט ער אַהין פאַר די ימים נוראים.

„און אינעם פאַרלויף פון דעם גאַנצן יאָר״, האָב איך געפרעגט, „דאַוונט איר אַליין, אָן אַ מנין, און הערט קיין מאָל ניט קיין קדיש און קיין קדושה, ווי איז דאָס מעגלעך פאַר אַ פרומען איד?!״

„איך פיל אַליין זייער שטאַרק, אַז דער מצב איז ניט ווי ס׳דאַרף זיין״, האָט געענטפערט מיין בעל אכסני׳, „אָבער וואָס זאָל איך טאָן? דאָ האָב איך מיין פּרנסה ברווח און אין שטאָט זייענדיק, ווייס איך ניט ווי איך וואָלט גע־קענט מפרנס זיין מיין משפּחה״.

„דאָס ווייסט איר ניט?״ האָב איך אים געענטפערט. „ג־ט, וועלכער שיקט צו די פּרנסה צו הונדערט אידישע משפּחות, וועט נאָך קענען זאָרגן פאַר איין משפּחה מער אויך. דאָס איז ניט קיין סיבה פאַר אייך, צו פאַר־ברענגען דאָ אייער גאַנץ לעבן״.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס, בין איך אַריין צו זיך אין צימער.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך דערהערט ווי ס׳איז צוגעפאָרן אַ וואָגן צום הויז און כ׳האָב געזען ווי מען האָט אים אָנגעפּאַקט מיט פאַר־שידענע חפצים. ווען כ׳האָב געפרעגט איינעם פון די אידישע אַרבעטער וואָס דאָס באַדייט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז זיין בעל הבית האָט בדעה נאָך היינט אויפצוגעבן זיין היגע וואוינונג און זיך אַריבערציען אין שטאָט.

דער מענטש האָט טאַקע זיין באַשלוס דורכגעפירט. וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט פון געלט און אַנדערע ווערטזאַכן האָט ער מיטגענומען. זיינע בהמות האָט ער געלאָזן נאָכקומען אויפ׳ן אַנדערן טאָג. דעם נעקסטן טאָג איז ער ווידער צוריקגעקומען און האָט פאַרקויפט זיין הויז מיט׳ן גאַנצן ווירטשאַפט־אינווענטאַר פאַר אַ זייער מעסיקן פרייז.

אין דער נאַכט נאָכ׳ן פאַרקויף האָט זיך אָנגעצונדן די היי אין שייער און דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דעם נייעם באַזיצער איז אַוועק אינעם רויך פון די פלאַמען.

אַזוי האָט אַ פשוט׳ער, פרעמדער מענטש געפאָלגט מיין עצה, נאָר דערפאַר וואָס איך בין געווען דער תלמיד פון מיין רבי׳ן. פופציק יאָר האָט שוין דער דאָזיקער מענטש געהאַט אָפּגעוואוינט אין דאָרף, איז דאָרטן אַלט און גרוי געוואָרן, האָט דאָ געהאַט זיין פרנסה ברווח און פונדעסטוועגן האָט ער גלייך געפאָלגט מיין עצה, צו פאַרלאָזן דעם אָרט און זיך אַוועק־לאָזן זוכן אַ נייעם פרנסה־קוואַל. און דיר האָב איך צוויי מאָל באַטאָנט די מעגלעכקייט אַז דיין געלט קען פאַרלאָרן גיין, און דו האָסט מיין עצה ניט געפאָלגט!״

ווען דער אייניקל האָט נאָך אַלץ ניט געוואָגט אויפצוהויבן זיין בליק צום זיידן, האָט דער זיידע אָנגענומען זיין האַנט און געזאָגט:

„דו דאַרפסט צוליב דעם ניט זיין פאַרצווייפלט, נאָר דו מעגסט זיין איבערצייגט אַז דיין שאָדן איז פאַר דיר אַ גרויסער געווינס, אויב דו זאָלסט עס נאָר ערנסט וועלן. אויב דו וואָלסט דאָס, וואָס איך האָב דיר אָקאָרשט דערציילט און דאָס וואָס דו האָסט אָקאָרשט אַליין דערפאָרן, געזען מיט׳ן ריכטיקן בליק און דו וואָלסט קומען פון דעם אַלעם צו דער געהעריקער מסקנא (אויספיר), דאַן וואָלסטו דורכדעם געווינען אַזוי פיל חכמה, וועלכע איז ווערט מער ווי די 2000 רובל״.

איצט האָט דער אייניקל אויפגעהויבן זיין בליק צום זיידן. אין דעם דאָזיקן בליק איז געלעגן דער אויסדרוק פון דאַנק פאַר די מילדע, באַ־לערנדיקע ווערטער, אָבער גלייכצייטיק אויך די פראַגע, וואָס ער האָט צו טאָן, כדי צוריקצוקריגן דעם שאָדן אין אַ רווח, ווייל ס׳איז אים אויסגע־קומען זייער אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי דאָס ליגט אין זיינע אייגענע הענט.

דער זיידע, וועלכער האָט די דאָזיקע שטומע פראַגע דערוואַרט, האָט ווייטער גערעדט:

„דו דאַרפסט נאָר ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס דו ווייסט שוין פון לאַנג, וואָס געפינט זיך אָבער נאָך פאַרלויפיק אין דיין קאָפּ ווי אַ פאַר־שלאָסענער אוצר און איז נאָך ניט אַריינגעדרונגען אין הארצן, נאָך ניט איבערגעגאַנגען אין פלייש און בלוט: עס איז ניט פאַראַן קיין צופאַל אין אונדזער לעבן. אַלע באַגעגענישן און פּאַסירונגען, אפילו ווען זיי קוקן אויס צו זיין זייער קליין און אומבאַדייטנדיק, זיינען בהשגחת ה'. חז"ל זאָגן אַז עס קלאַפּט זיך קיינער ניט אָפּ אַ פינגער, סיידן עס איז געווען אַזוי דער רצון מלמעלה.

ווען מיין רבי שיקט מיך מיט אַ שליחות אין אַ ווייטן אָרט, דאַן בין איך אַ שליח מצוה, בין איך דער שליח ממלא צו זיין אַ העכערן תפקיד. אַלס אַזאַ קען מיך קיין אומגליק ניט טרעפן און קיין שום מניעות ועכובים זיינען דאַן ניט שטאַרק גענוג כדי מיך צוריקצוהאַלטן. ווען עס טרעפן מיך אָבער פאַרט שניי־שטורעמס און צווינגען מיך צו אונטערברעכן מיין רייזע, דאַן ווייס איך פון דוד המלך, אַז דער אויבערשטער קלייבט אויס אויך דעם שטורעם און דעם פייער אַלס זיינע שליחים, כדי צו דערגרייכן זיינע צילן. דער שלעכטער וועטער, וואָס האָט מיך באַוואויגן צו זוכן הילף ביי אַ פרעמדן ברודער, ברענגט מיר שוין דעם באַווייז פאַר דעם. ווי אַ קאָנסעק־ווענץ פון זיין האַרציקער הכנסת אורחים, ווער איך צו אים נענטער. גיב אים עצות און אָנווייזונגען, וועלכע איך וואָלט אים אפשר גאָר קיין מאָל ניט געגעבן. ווייל איך ווייס, אַז דער שלעכטער וועטער, וועלכער איז געווען געשיקט פון ג־ט, האָט מיך ניט אומזיסט אַריינגעטריבן אין דעם דאָזיקן הויז. מיין עצה, וואָס איך גיב אים איז טאַקע, כדת משה וישראל, די איינציק ריכטיקע. אָבער פון סוחר'ישן שטאַנדפונקט איז עס קרום און אומלאָגיש, ווייל עס נעמט אַוועק פון דעם מענטש זיין גוטע פרנסה און ברענגט אים אַריין אין אַן אומבאַשטימטער, אומזיכערער צוקונפט.

אין דער אמת'ן ווייזט זיך אָבער אַרויס פונקט פאַרקערט. וואָלט דער איד ניט געפאָלגט גלייך מיין עצה, וואָלט ער רואינירט געוואָרן, אין דער צייט וואָס האַנדלענדיק לויט מיין עצה האָט ער געראַטעוועט זיין לעבן און זיין פאַרמעגן.

עס איז ביי מיר קיין שום ספק ניט, אַז איך בין געווען דער שליח פון

דעם אויבערשטן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן און פאַרמעגן פון אַט דעם אידן, כאָטש איך האָב אַליין קיין אַנונג ניט געהאַט פון דעם, פונקט ווי דער שניי־שטורעם האָט עס ניט געהאַט, וועלכער איז ניט ווייניקער געשטאַנען אין שליחות פון ג־ט. דאָס ווייס איך, ווייל איך דערפיל דערמיט די ליכטיקע אָנווייזונגען פון אונדזערע חז״ל, וועלכע לערנען אונדז, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין שום צופעליקייט אין דעם, וואָס די נישט באַוואוסטזיניקע מאָסן באַטראַכטן אַלס צופאַל, נאָר אַלץ איז בהשגחה: קורץ, ווייל איך האָב ב״ה אמונת חכמים, דעם פולן פאַרטרויען אין די רייד פון אונדזערע חכמים. ווען דו וואָלסט אויך זען צו באַזיצן אָט די שטאַרקע אמונה, וואָלסטו אויף אַלץ געקוקט גאָר מיט אַנדערע אויגן: וועסטו דערפון פאַרשטיין, ווי דוקא אונדזערע פעלערן, טעותים, אַנטוישונגען און דורכפאַלן אין לעבן ווערן פון דעם אויבערשטן באַנוצט כדי צו דערגרייכן די העכסטע צילן.

לאָמיר אַקאָרשט באַטראַכטן דיין פאַל. דו ביסט שטאַרק צעטראָגן און אומעטיק, ווייל דו האָסט פאַרלאָרן דיין גאַנצן פאַרמעגן. לויט דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן בליק, איז די דאָזיקע צעטראָגנקייט דערקלערבאַר און באַרעכטיקט. אָבער פאַר איינעם, אין וועמעס נשמה עס האָט אויפגעלויכטן אַ פונק פון דער ליכטיקער השקפה, פון די באַגריפן און השגות פון אונדזערע חכמים, איז די דאָזיקע אומעטיקייט אומפאַרשטענדלעך און אומבאַרעכטיקט. זיי זיינען געווען אַזוי דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז אַפילו דאָס שלעכטס און די יסורים וואָס קומען ר״ל אויפ׳ן מענטשן זיינען אויך לטובה, אַז זיי האָבן אונדז מחייב געווען צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר שלעכטס מיט דער זעלביקער שמחה ווי פאַר גוטס. און פאַר ביטערקייט — פונקט ווי פאַר זיסקייט, וואָס די דערציערישע השגחה האָט אונדז אין אונדזער לעבנס־בעכער פאַרמישט. ווי ער פאַרזיסט די ביטערקייט, דאָס ווייסן מיר ניט. אָפט דערוויסן מיר זיך דאָס שפּעטער, אָפט — קיין מאָל ניט, אָבער מיר קענען זיך רואיק פאַרלאָזן אויף זיין חסד. אין דיין פאַל קענען מיר דאָס שוין — אָן אַ באַזונדערער שאַרפזיניקייט — איצטער זען.

לאָמיר אָננעמען, אַז דו וואָלסט דיין געלט ניט פאַרלאָרן, נאָר פונקט פאַרקערט, עס וואָלט זיך פאַרמערט און דיך געמאַכט פאַר אַ רייכן מאַן: ווי נאָענט וואָלט דאַן געווען די מעגלעכקייט, אַז דו זאָלסט אויסנוצן דיינע וואונדערבאַרע גייסטיקע פעאיקייטן, מיט וועלכע ג־ט׳ס גנאָד האָט דיך באַ־

שאַנקען, כדי אַליין עוסק צו זיין אין מסחר און אויף דעם אופן דיין רייכטום נאָך מער צו פאַרגרעסערן.

ווי באַרעכטיקט און גוט אַזאַ באַשעפטיקונג בכלל זאָל ניט זיין, פאַר דיר אָבער, וואָלט זי עס ניט געווען. דיין התמדה פאַרבונדן מיט אַ זעלטע־נער חריפות און אַ באַזונדערס גוטן זכרון, וועלכע האָבן דיך שוין געמאַכט פאַר אַ גרויסן תלמיד חכם, טאָרן בשום אופן ניט באַנוצט ווערן אויף איינצושאַפן זיך גשמיות׳דיקע רייכטימער, נאָר דו מוזט זיי פאַרווענדן אויף איינצושאַפן זיך וואָס מער און וואָס גרעסערע גייסטיקע אוצרות. דו ביסט ראוי צו ווערן אַמאָל דער מנהיג פון דיין פאָלק; דאָס וועט אָבער קיין מאָל ניט קענען געשען, אַזוי לאַנג ווי דיין האַרץ וועט ציען נאָך גאָלד און זילבער. דו מעגסט מיט אַ פריילעכן האַרצן זאָגן ווי דוד המלך: ,איך דאַנק דיר ג־ט וואָס דו האָסט מיך געלאָזט ווערן אָרעם, דאָס איז מיר געוואָרן צו אַ הילף׳. וואָס קלענער דיין מאַכט וועט זיין, אַלץ גרעסער וועט זיין דיין קראַפט. אויך דער מלך המשיח, וועלכער וועט אַמאָל צוזאַמענעמען אַלע צעשפּרייטע אידן און זיי צוריקפירן צו ג־ט, אויך ער איז דורך דער אָרעמ־קייט געאיידלט.

אין דער אמת׳ן ביסטו אָבער ניט אָרעם, אויב דו גייסט אין די וועגן פון תורה און דו באַגנוגנסט זיך נאָר מיט די הכרחיות׳דיקע באַדערפעניש. דו וועסט מיט דיין פרוי און דיינע קינדער, וועלכע ג־ט וועט דיר שענקען, זיין ביי מיר און עסן ביי מיין טיש, אַזוי אַז איר וועט ניט ליידן קיין נויט. ווילסטו דען ניט דאַנקען ג־ט דערפאַר, וואָס ער האָט דיר, דורך דעם דאָזיקן שאָדן, אָנגעוויזן אויף דיין איינציקן, אמת׳ן הויכן תפקיד, צו ווערן דער רבי און מנהיג פון דיין פאָלק?״

„דו האָסט מיך געטרייסט, זיידע, דו האָסט מיך מער ווי געטרייסט; איך בין פולשטענדיק צופרידן מיט מיין גורל״, האָט אויסגערופן רבי מנחם מענדל. —

די ברכה וואָס דער זיידע האָט געבענטשט דעם אייניקל איז מקוים גע־וואָרן; דער אייניקל איז שפּעטער געוואָרן דער באַרימטער מנהיג פון הונדערטער טויזנטער אָנהענגערס פון דער חב״ד־באַוועגונג, וועלכע זיין זיידע האָט געגרינדעט.

כא

דער „גראַף" אין ר' מרדכי ליעפלער'ס הויז

די טעטיקייט פון דעם רב אין די קומענדיקע רואיקע יאָרן האָט זיך ניט באַשרענקט נאָר אויף הרבצת תורה און אויף דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות אַליין. זיין איידל הארץ, וואָס האָט מיטגעפילט און אַנטייל גענומען אין יעדער צרה פון זיינע ברידער, האָט אים אָפט געטריבן אין ווייטע געגנטן, כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די ליידנדיקע, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר דערוואוסט פון זייער שווערן מצב. באַזונדערס טעטיק איז ער געווען אין דער הילף פאַר די אָרעמע אין ארץ־ישראל. צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט ער געזאַמלט אַזעלכע גרויסע סומעס פאַר דעם דאָזיקן צוועק, אַז זיינע קעגנער האָבן דערפון געשעפּט דעם פאַרדאַכט אַז ער אונטערשטיצט מיט די דאָזיקע געלטער דעם סולטאַן, וועלכער האָט דאַמאָלסט געפירט אַ קריג מיט רוסלאַנד. אויך קעגן אָט דעם בלבול האָט דער רב זיך געמוזט פאַרענטפערן פאַר'ן געריכט, אין דער צייט פון זיין אַרעסט, וואָס ס'איז אים פולשטענדיק געלונגען. אַזוי געפינען מיר דעם רב אין די לעצטע צען יאָר אָפט אויף רייזעס, וועלכע האָבן אים אָפט געבראַכט אויך קיין פעטערבורג. ער איז דאַן אַלעמאָל געווען דער גאַסט פון זיין פריינד ר' מרדכי ליעפלער און האָט זיך דאָרטן אויך מערערע מאָל געטראָפן מיט באַראָן דונדוקאָוו. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם לעצטן איז דעם רב פיל מאָל געלונגען צו פאַראינטערעסירן פאַרשידענע הויכע רעגירונגס־באַאַמטע צו פאַרגרינגערן די ליידן פון די פאַרפאָלגטע אידן, וועלכע זיינען צוליב דער שלעכטער, אומגינסטיקער צייט שווער געטראָפן געוואָרן.

עס איז געווען אָנהויב יאָר תקע"א (1810); ר' מרדכי ליעפלער האָט מיט דריי טעג פריער געהאַט דערהאַלטן אַ בריוו פון רב, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אַ לענגערער נסיעה, וואו ער האָט אים מיטגעטיילט וועגן זיין באַזוך פאַר די נאָענטסטע טעג. דאָס איז געווען אַ פריילעכע בשורה פאַר דער גאַנצער ליעפלער משפחה. ווען דער קייסער אַליין וואָלט באַערט ר' מרדכי מיט זיין באַזוך, וואָלט עס ניט אַרויסגערופן אַזאַ פריידיקע אויפ־

רעגונג, אַזאַ פייערלעכע שטימונג און אַזעלכע גרויסאַרטיקע הכנות. ר׳ מרדכי ליעפלער אַליין האָט שוין צום וויפלטן מאָל געהאַט אינספּעקטירט אַלע צימערן פון דעם גרויסן הויז, כדי זיך פּערזענלעך צו איבערצייגן אַז אַלץ איז גוט צוגעגרייט געוואָרן. און ווען ער איז נאָכדעם אַריין צוריק אין זיין לערן־צימער, נאָך אַן אינספּעקציע אין דער קיך, האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט ווי ס׳איז צוגעפאָרן אַ שליטן געשפּאַנט מיט דריי פערד. ר׳ מרדכי איז צוגעלאָפן צום פענצטער — דאָס איז אָבער ניט געווען דער רַב. אַ העכערער אָפיציר איז עלאַסטיש אַרויסגעשפרונגען פון שליטן און איז אַזוי גיך אַרויף די טרעפּ, אַז ר׳ מרדכי האָט אַפילו ניט באַוויזן אַריינצוגיין צו זיך אין ביוראָ — וואו ער פלעגט געוויינלעך אויפנעמען אַזעלכע באַ־זוכער — און ער האָט אים דערפאַר אויפגענומען אין זיין לערן־צימער.

„האָב איך דעם כבוד צו ריידן מיט ה׳ ליעפלער? מיין נאָמען איז גראַף ספּעראַנסקי, מאַיאָר אין דער גוואַרדיע פון זיין מאַיעסטעט״.

„זייט האַרציק געגריסט! מיין נאָמען איז ליעפלער; מיט וואָס קען איך דינען אייער עקסעלענץ?״

„איך קום אין שליחות פון קריגס־מיניסטעריום אָפּצונעמען פון אייך די 52,000 רובל, וועלכע האָבן לכתחילה געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן קיין פּאַריז צו דעם באַראָן טשערניטשעוו. ער געפינט זיך אָבער זייט נעכטן אַליין אין פּעטערבורג און ער קען דערפאַר דאָס געלט פּערזענלעך מיטנעמען״.

„דאָס געלט ליגט אָנגעגרייט און עס קען אייך גלייך אויסגעצאָלט ווערן. מעג איך בעטן אייער עקסעלענץ אַ לעגיטימאַציע אויף צו באַקומען דאָס געלט?״

„וואָס, אַן אידענטיפיצירונג?! איר געטרויט ניט אַ מאַיאָר פון דעם קייסער׳ס גוואַרדיע, וועלכער שטייט דאָ פאַר אייך אין שליחות פון קריגס־מיניסטעריום?״ האָט דער אָפיציר אין גרויס אויפרעגונג געפרעגט.

„איך האָב דעם פולסטן צוטרוי צו אייער עקסעלענץ, אויף אַזוי ווייט אַז איך וואָלט אייך געגעבן יעדע סומע, וועלכע איר פּערזענלעך וואָלט פאַר־לאַנגען פאַר זיך אַליין. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן געלטער פאַר׳ן קריגס־מיניסטעריום און באַזונדערס וועגן סומעס וועלכע דינען אַזעלכע דיסקרעטע צוועקן, ווי אין דעם איצטיקן פאַל, בין איך געבונדן מיט מיינע אינסטרוקציעס״.

"איר האַלט מיך אויב אַזוי פאַר אַ שווינדלער".

"בשום אופן ניט. אָבער אייער עקסעלענץ וועט דאָך דאָס איינזען, אַז מען קען ניט אויסצאָלן איינעם, וועמען מען זעט היינט צום ערשטן מאָל, אַ סומע פון 52,000 רובל אָן אַ לעגיטימאַציע! עס וואָלט געווען עפּעס אַנ־דערש ווען דער באַראָן טשערניטשעוו, וועלכער איז מיר זייט מערערע יאָרן פּערזענלעך באַקאַנט, וואָלט אַליין אָפּגענומען דאָס געלט, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טאָן. אָבער אויך אים האָב איך קיין מאָל ניט אויסגע־צאָלט קלענערע אָדער גרעסערע סומעס אָן אַ קוויטאַנציע פון דעם קריגס־מיניסטעריום".

"איר זאָגט אַז איר קענט מיך ניט, אַז איר האָט מיך קיין מאָל ניט געזען, אָבער איך צווייפל שטאַרק אין דעם. מיר האָבן זיך שוין פיל מאָל געזען און גערעדט".

"די באַרימטע פאַמיליע פון די גראַפן ספּעראַנסקי איז מיר זיכער באַ־קאַנט, כ'האָב אָבער קיין מאָל ניט געהאַט דעם כבוד, צו באַקענען זיך פּער־זענלעך מיט איינעם פון אירע מיטגלידער".

"קוקט זיך דאָך ריכטיק איין אין מיר און זוכט נאָך אַביסל אין אייערע זכרונות".

"איך קען נאָר ווידערהאָלן, אַז אייער עקסעלענץ איז מיר פול־שטענדיק אומבאַקאַנט".

דער גאַנצער שמועס איז ביז איצט געפירט געווען אין רוסיש. פּלוצ־לונג איז דער גראַף אַריבער אין אַ ריינעם אידיש:

"ר' מרדכי, איר דערקענט מיך טאַקע ניט?"

ר' מרדכי ליעפּלער איז בלייך געוואָרן. ער האָט געטראַכט אַז אויב דער הויכער באַאַמטער איז אַ איד, דאַן מוז ער זיכער זיין אַ משומד, אַניט וואָלט ער ניט געקענט דערגרייכן צו אַט דעם הויכן מיליטערישן ראַנג. ער האָט אינסטינקטיוו אַ טראַט געטאָן אויף צוריק און ער האָט זיך אַפילו ניט באַמיט צו באַהאַלטן דעם פיינלעכן געפיל, וואָס עס האָט ביי אים אַרויס־גערופן די אַנוועזנקייט פון אַ משומד. דער גאַסט איז געווען גענוג מענטשן־קענער, בכדי פולשטענדיק צו באַגרייפן די סיטואַציע און ער האָט געזאָגט:

„אַ משומד בין איך ניט, אָבער איך בין אויך ניט קיין גראַף און ניט קיין אָפיציר. איך בין נאָר אין דער דאָזיקער פאַרשטעלטער פאָרם געקומען צו אייך, כדי זיך צו איבערצייגן אויב מען דערקענט מיך אַזוי אָדער ניט. אויב אַזאַ געטרייער, אַלטער פריינד ווי איר זייט האָט מיך ניט דערקענט, דאַן קען איך שוין רואיק וואָגן צו פאָרן קיין ווילנע אין דעם דאָזיקן אָנצוג, וואו איך האָב זייער דרינגלעכע זאַכן צו דערלייִדיקן".

„קיין ווילנע?" האָט ר' מרדכי ליעפּלער געפרעגט.

„יאָ, קיין ווילנע, דאָרטן האָבן מיר זיך אומגעפּער מיט ניין יאָר צוריק געטראָפן און צום לעצטן מאָל געשמועסט. איר דערקענט מיך נאָך אַלץ ניט?"

ר' מרדכי ליעפּלער האָט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק געקוקט אויף זיין גאַסט, וועלכער האָט געזאָגט:

„געדענקט איר נאָך דעם נֶאֱמָן פון דעם ועד הקהילה אין———"

„רבונו של עולם!" האָט ר' מרדכי אויסגעשריען, „ר' משה מייזעלס? דאָס זייט איר? איצט דערקען איך אייך. שלום עליכם! און זייט מיר טויזנט מאָל מוחל, וואָס איך האָב אפילו פאַר איין רגע געהאַט אויף אייך אַ חשד אַז איר זייט חלילה אַ משומד".

„ר' מרדכי האָט דאַן געמאַכט די ברכה וואָס מען זאָגט, ווען מען זעט זיך ווידער מיט אַ פריינד נאָך אַ לאַנגער צייט און ר' משה מייזעלס האָט אויף דעם געענטפערט מיט גרויס כוונה, אמן. דאַן האָט ער געזאָגט:

„איר דאַרפט זיך גאָר ניט אַנטשולדיקן; אייער חשד איז געווען ניט אויף מיר, נאָר אויף דעם גראַף און שטאַב־אָפיציר, פאַר וועלכן איר האָט מיך געהאַלטן. איר קענט גאָר ניט וויסן ווי גליקלעך איר מאַכט מיך דורך אייער חשד און דורך דער זיכערקייט וואָס איך שעפּ דערפון, אַז קיינער וועט מיך אין דער דאָזיקער אוניפאָרם ניט דערקענען אַלס משה מייזעלס. דאָס קענט איר איצט ניט וויסן, אָבער איך וועל אייך דאָס דערציילן".

„איר האָט מיר אַ סך צו דערציילן, ווי עס איז אייך געגאַנגען זינט איר זייט אַנטלאָפן פון ווילנע, ווי אַזוי איר זייט אַזוי הויך אָנגעזען אין קריגס־מיניסטעריום, אַז איר זייט אַזוי גענוי אינפאָרמירט וועגן טשערניטשעוו און זיינע פאַרבינדונגען. דאָס זיינען דאָך זאַכן וואָס ווערן געהאַלטן בסוד

סודות, וואָס נאָר יחידים ווייסן וועגן דעם, און פון וועלכע איך אַליין ווייס גאָרנישט, אַחוץ די גרויסע סומעס, וואָס ווערן דורך מיר אויסגעצאָלט. דאָס אַלץ און נאָך פיל מער מוזט איר מיר דערציילן. אָבער צוערשט קומט צום טיש און זייט מיין גאַסט, אַזוי לאַנג וואָס איר געפינט זיך אין פּעטער־בורג״.

„אייער איינלאַדונג צום עסן נעם איך דאַנקבאַר אָן. איך בין שוין פיר טעג אין פּעטערבורג און כ׳האָב, אויס מורא דערקענט צו ווערן, מיט קיין שום אידן זיך ניט געטראָפן. דערפאַר האָב איך די גאַנצע צייט פון מיין זיין דאָ געלעבט נאָר פון ברויט מיט טיי. וואוינען קען איך אָבער ניט ביי אייך, איך וואוין אין פּאַלאַץ פון גראַף ספּעראַנסקי, וועמעס מאַיאָר־אוניפאָרם איך טראָג איצט. אָבער איידער איך גיי עסן, וויל איך אייך זאָגן, וואָס איך וויל אייגנטלעך פון אייך״.

„קומט מיט אין עסצימער, איר קענט מיר ביים עסן אַלץ זאָגן״.

„איך וועל קיין איין ביסן ניט ברענגען צו מיינע ליפּן, איידער איך וועל אייך מודיע זיין וועגן וואָס פאַראַ ענין דאָ האַנדלט זיך. אפשר קענט איר מיר געבן אַן עצה, וואו און ווען איך קען ריידן מיט׳ן רבי? איך האָב אין די לעצטע יאָרן געמוזט איבעררייסן די קאָרעספּאָנדענץ מיט אים. אין דער איצטיקער צייט איז עס נאָך מער ווי אַלעמאָל העכסט געפערלעך צו אָנ־פאַרטרויען דער פאַרמיטלונג פון פּאָסט עפּעס, וואָס ס׳איז נאָר פון דיס־קרעטער נאַטור. דערפאַר האָב איך דעם רבי שוין לאַנג ניט געשריבן. צי דער רבי האָט אויך אַזוי געהאַלטן, אָדער זיינע בריוו זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייס איך ניט. איך קען אים ניט באַזוכן אין זיין וואוינאָרט, ווייל כ׳האָב מורא טאָמער וועל איך דאָרטן פון וועמען דערקענט ווערן״.

„ווען איר זאָלט קומען אין ליאַדי מיט דער זעלביקער אוניפאָרם, אָן אייער פריערדיקער פולער באָרד, נאָר מיט די מיליטערישע וואָנצעס, ווי איר זיצט איצטער פאַר מיר, דאַן וועט אייך קיין מענטש דאָרטן ניט דער־קענען, און אייערע שונאים אַוודאי ניט, זייער שנאה מאַכט זיי בלינד. איך בין אַפילו מסופק, צי דער רבי אַליין וועט אייך דערקענען״.

„דער רבי? זייט מוחל, דאָ האָט איר אַ גרויסן טעות. דער רבי וואָלט מיך אַפילו אין מיטן דער נאַכט אָן באַלייכטונג דערקענט. ווען מיינע שונאים וואָלטן געהאַט אַזעלכע אויגן ווי דער רבי, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר

זאָלן זיי לייכטן, וואָלט איך ניט געוואָגט צוריקצוקומען איבער דעם רוסישן גרענעץ. אָבער אין אַזאַ קליינער שטאָט ווי ליאָדי וועט עס דאָך זיין זייער אויפפאַלנדיק ווען איך וועל זיך באַווייזן אין אַ אוניפאָרם פון אַ מאַיאָר און כ׳וואָלט ניט וועלן אומזיסט איבערשרעקן די אַנ״ש. זייער ערשטער געדאַנק וואָלט געווען, אַז עס האַנדלט זיך ווידער וועגן אַן אַרעסט פון רַב, ח״ו. דאָס קען מען ניט טאָן. חוץ דעם האָב איך געהערט מן הצד, אַז דער רבי געפינט זיך אין די לעצטע יאָרן אַ סך אויף נסיעות און עס טרעפט אָפט, אַז ער קומט מאָנאַטן־לאַנג ניט קיין ליאָדי״.

„ווי לאַנג האָט איר בדעה זיך אויפצוהאַלטן אין פּעטערבורג?״

„דאָס ווייס איך אַליין ניט. דאָס איז אָפּהענגיק פון אַ סך זאַכן, וועלכע ליגן ניט אין מיינע הענט. אַכט טעג אויף יעדן פאַל, און דאַן מוז איך צוריקפאָרן קיין פּאַריז״.

„קיין פּאַריז? איר וואוינט איצט אין פּאַריז? דאָרטן קענט איר דעם רַב אוודאי ניט טרעפן. אָבער איר קענט דאָס האָבן לייכטער. איך דערוואַרט דעם רַב יעדן טאָג, מען קען אַפילו זאָגן יעדע שעה, דאָ ביי מיר. ער האָט מיר שוין מודיע געווען וועגן זיין קומען מיט עטלעכע טעג צוריק און ווען איר זייט איצטער צוגעפאָרן, האָב איך געמיינט אַז דאָס איז דער רַב און כ׳בין געווען זייער אַנטוישט דערזעענדיק אַנשטאָט אים אַ הויכן אָפיציר. איצט זע איך אָבער, אַז מיין אַנטוישונג איז ניט געווען אַזאַ באַרעכטיקטע, ווי איך האָב אין אָנפאַנג געמיינט״, האָט ער לאַכנדיק צוגעגעבן.

„איר קענט זיך גאָר אין דעם מאָמענט ניט פאָרשטעלן, ווי גליקלעך איך בין מיט דער דאָזיקער ידיעה און ווי דאַנקבאַר איך בין אייך דערפאַר. איך מיין אַז דער קייסער און גאַנץ רוסלאַנד דאַרפן אייך זיין דאַנקבאַר דערפאַר. איך שטוין ווי די השגחה האָט מיך אַריינגעפירט צו אייך אין הויז צו לאָזן מיך דאָ געפינען מיין גרעסטן וואונטש!״

„אויב איר מיינט טאַקע אַז איר זייט מיר דאַנק־שולדיק, דאַן מעג איך אפשר איצט אויך דערוואַרטן אַז איר זאָלט דערפילן מיין בקשה און גיין מיט מיר צום טיש. איר וועט שוין דאַן געניסן דעם זכות פון רַב, ווייל די סעודה איז צוגעגרייט פאַר אים״.

„איצט נעם איך גערן אָן אייער איינלאַדונג, אָבער נעמט מיט פון אייער

לערן־צימער עפּעס אַ ספר, איך האָב שוין מער ווי פערצן טעג ניט גע־לערנט ווי ס'דאַרף צו זיין".

„דאָס איז ניט נייטיק, איך האָב אין מיין עסצימער אַ גרויסן שראַנק מיט ספרים; אָבער קודם כל מוזט איר עפּעס עסן און דאַן מוזט איר מיר דער־ציילן, ווי אַזוי איר קומט קיין פּאַריז, קיין פּעטערבורג און צום גראַף ספּע־ראַנסקי. דאָס זיינען דאָך לויטער נסים ונפלאות, וועלכע איך וואָלט בשום אופן ניט געגלויבט ווען דאָס וואָלט מיר אַן אַנדערער דערציילט".

כב
ר׳ משה מייזעלס דערציילט

נאָך דעם ערשטן געריכט ביי ר׳ מרדכי ליעפּלער׳ס טיש, האָט דער בעל־הבית ווידערהאָלט זיין בקשה צום גאַסט, אים צו דערציילן פון אַלץ וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן, זינט זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען. אָבער ר׳ משה מייזעלס האָט געענטפערט, אַז עס וואָלט געוועזן אומ־פאַרזיכטיק פון זייער זייט וועגן דעם אַלץ צו ריידן, אין דער צייט וואָס די דינערשאַפט האַלט אין איין אַרײַנגיין און אַרויסגיין. עס מוז זיי שוין סייווי זייער וואונדערן, האָט ער געזאָגט, ווי אַזוי עס קומט אַז אַ שטאָב־אָפיציר זאָל דאָ עסן, וואַשט זיך, מאַכט ברכות און טראָגט אַ יאַרמולקע! „זיי הערן זיך געוויס צו זייער אויפמערקזאַם, כדי אויפצוכאַפּן אַ וואָרט פון אונדזער שמועס, וואָס זייער פאַנטאַזיע וועט עס שפּעטער קענען ווייטער שפּינען. דערפאַר מיין איך, אַז די פאַסיקע צייט דערצו וועט זיין שפּעטער, ביים טיי און רויכערן, ווען מיר וועלן זיין אַליין״. עס וואָלט דאָך געוועזן בעסער, האָט ר׳ משה מייזעלס באַמערקט, ביים טיש עפּעס צו לערנען און ר׳ מרדכי ליעפּלער זאָל דערפאַר ברענגען די גמרא גטין. דאָס האָט ער גראָדע גע־לערנט איידער ער איז אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז און ער האָט זיך דאָרטן אָנגעשטויסן אין זייער אַ שווערער סוגיא, וואָס ער קען בשום אופן ניט פאַרשטיין. דערצו פעלן אים דאָרטן אויך די נייטיקע ספרים, כדי אין זיי צו געפינען אַ דערקלערונג פאַר דעם.

קוים וואָס ר׳ משה מייזעלס האָט באַוויזן צו ענדיקן די דאָזיקע ווער־טער, וועלכע ער האָט גערעדט מיט אַ גאַנץ נידעריקן קול, און אַ משרת, וועלכער איז גראָדע אַריין אין מיטן דעם דאָזיקן געשפּרעך, איז צוגעלאָפן ניט געבעטענערהייט צום ספרים שראַנק, אַרויסגענומען דעם פאַרלאַנגטן ספר און האָט אים אַוועקגעלייגט פאַר דעם גאַסט. דער בעל־הבית מיט׳ן אורח האָבן זיך פאַרשטייענדיק איבערגעקוקט. עס איז טאַקע ניט געווען קיין בלויזע השערה, אַז די דינערשאַפט האָט אונטערגעהערט זייער שמועס.

ר׳ משה מייזעלס האָט איצט פאָרגעבראַכט זיין קשיא, וועלכע האָט באַוויזן גרויסע בקיאות און אומגעווייגלעכע חריפות. ר׳ מרדכי און זיין גאַסט האָבן זיך פאַרטיפט אין דעם דאָזיקן ענין און האָבן דערפאַר גאָר ניט באַמערקט מער דעם באַדינער. יענער איז ווידער צוגעגאַנגען צו דעם שראַנק, האָט אַרויסגענומען נאָך אַ ספר און האָט עס אַוועקגעלייגט אַפן פאַר זיין בעל־הבית מיט די ווערטער:

„דער משנה למלך (אַ באַוואוסטער פירוש) פרעגט די קשיא און גיט אויף איר זייער אַ גוטן תירוץ״.

„ביידע האָבן זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיין אָנווייזונג און מייזעלס האָט געפרעגט:

„אפשר האָט איר ביי דער האַנט אַ תלמוד ירושלמי?״

„דאָ אין שראַנק איז עס ניטאָ, אָבער איך וועל עס גלייך ברענגען פון לערן־צימער״, האָט געענטפערט דער דינער און האָט באַלד פאַרלאָזן דעם צימער.

„איך האָב פריער, ביים אַריינקומען, דורכגעקוקט אייער ספרים שראַנק און באַמערקט אַז דאָרטן איז ניט פאַראַן קיין תלמוד ירושלמי״, האָט געזאָגט ר׳ משה. „דערפאַר האָב איך דאָס בכיוון פאַרלאַנגט, כדי דער משרת זאָל פאַר אַ מינוט אַרויסגיין. ער איז דאָך זייער אַ וואונדערבאַרער מענטש, ער מוז דאָך זיין אַן אומגעווייגלעכער תלמיד חכם. און אויב דער משרת איז אַזוי גרויס אין חכמה, טאָ ווי מוז שוין זיין דער בעל־הבית אַליין!״

„דאָס איז אַ פאַלשער קל־וחומר, איך גרייך ווייט ניט צו זיינע ידיעות. ער איז אַ לאַנגיאָריקער תלמיד פון רב. מיר לערנען יעדן אָוונט צוזאַמען און יעדעס מאָל מוז איך אויף דאָס ניי באַוואונדערן זיינע טיפע און ברייטע ידיעות. ער לעבט דאָ מיט זיין פרוי און קינדער, וועלכע מאַכן זיך אויך נוצלעך אין הויז״.

„איך האָב אַ סך געלעגנהייט צוזאַמענצוקומען מיט באַראָנען, גראַפן און פירשטן״, האָט געזאָגט מייזעלס. די דאָזיקע דזשענטלמענער ריידן אַ סך וועגן מענטשן־רעכטן, וועגן גלייכקייט און ברידערלעכקייט פון אַלע מענטשן. לויטער שלאַגווערטער, וועלכע לעבן אין יעדענס מויל, זייט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס זיינען אָבער בלויז מליצות און פוסטע

פראַזן. ווען איך טראַכט וועגן דעם ווי אַט די זעלביקע הערן באַגייען זיך מיט זייערע דינערס און איך פאַרגלייך עס מיט דער באַציאונג דאָ, וואו דער בעל־הבית באַוואונדערט זיין באַדינער און לערנט צוזאַמען מיט אים תורה, דאַן פיל איך די ריכטיקייט פון דעם מאמר חז״ל אין זיין גאַנצער טיפקייט, דער מאמר, אַז ג־ט האָט די תורה געגעבן בכדי די מענטשן צו פאַרבינדן און צו פאַרברידערן און אַז——״

איצט איז דער משרת אַריין מיט אַ גרויסן ספר און האָט גלייך פאַרלאָזן דעם צימער.

„דער משרת, ר׳ שמעלקע״, האָט ר׳ מרדכי ליעפּלער געזאָגט, „האָט באַמערקט ביים אַריינגיין, אַז איר האָט צוליב אים מפסיק געווען אין מיטן ריידן, האָט ער דערפון פאַרשטאַנען אַז זיין קעגנוואַרט שטערט און איז דערפאַר גלייך אַרויסגעגאַנגען״.

„דאָס איז זייער אַ פיינער שטריך״, האָט געענטפערט ר׳ משה מייזעלס; „צו אייער ר׳ שמעלקע וועל איך זיך נאָך אומקערן, אָבער דערצו מוז איך אייך ־דאָך פריער דערציילן מיין וואונדערלעכע געשיכטע״.

„איר ווייסט״, האָט ר׳ משה אָנגעפאַנגען, נאָכדעם ווי ער איז מיט ר׳ מרדכי אַריין אין לערן־צימער, „איר ווייסט דאָך אַז איך האָב געהאַט אַ בכבוד׳יקע שטעלע אַלס נאמן אין דעם ווילנער ועד הקהילה. צוליב מיין קענטשאַפט פון אַ סך פרעמד־שפּראַכן — רוסיש, פראַנצויזיש, ענגליש און דייטש, בין איך געווען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע הויכגעשטעלטע מענטשן אין פיל לענדער. אויך פינאַנסיעל האָב איך דערגרייכט צו אַ געוויסן וואוילשטאַנד, ווי איר ווייסט. דאָס אַלץ האָט זיך געענדערט מיט איין קלאַפּ, ווען איך האָב זיך אָפּן אָנגעשלאָסן צום חסידיזם. אַז דאָס וועט מיר קאָסטן מיין שטעלע אין דעם ועד, האָב איך פאַרויסגעזען און כ׳האָב דאָס אויך געקענט באַגרייפן. ווילנע, דער הויפּטאָרט פון דער התנגדות צו די חסידים, וועט ניט איבערלאָזן די איינפלוסרייכע שטעלע פון אַ נאמן אין די הענט פון אַ חסיד. אָבער די גיפטיקע שנאה, און די פאַלשע מסירות, מיט וועלכע מען האָט מיך גע׳רודפ׳ט, וואָלט מיר דאָס לעבן געקאָסט, ווען איך וואָלט זיך ניט געראַטעוועט דורך אַנטלויפן אין געהיים. איך בין צום אַלעם ערשטן אַוועק צום רב, און כ׳האָב אים געבעטן זיין עצה און זיין ברכה. ער האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמען רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דעם פראַנק־פורטער רב און צוזאַמען מיט זיין ברכה — אויך די פאַרזיכערונג, אַז עס

איז מיר באַשערט אַ גרויסע צוקונפט. דאָס אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, צו וועלכער עס האָט מיך געצוואונגען די שנאה פון אונדזערע מתנגדים, האָט ער געזאָגט, וועט זיין דער מיטל צו קענען דינען אונדזער גוטער זאַך פיל בעסער, ווי אין רוסלאַנד. ער איז זיכער, האָט ער מיר ווייטער געזאָגט, אַז איך וועל ווערן געראַטעוועט אויף גאַר אַ וואונדערבאַרן אופן און אַז כ׳האָב דאָס פאַרדינט דורך דעם גרויסן קרבן, וועלכן כ׳האָב געבראַכט פאַר מיין איבערצייגונג. אָבער, האָט דער רב געזאָגט, איך זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין ראוי און ווערט פאַר אָט די ג־ט׳לעכע וואונדער און זיי באַנוצן כדי צו דינען דעם אינדנטום ווי אויך אונדזער קייסער אין אַ ענין, וואָס זיין חשיבות לאָזט זיך גאָר ניט אָפּשאַצן״.

דאָ האָט זיך מייזעלס אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ווייטער צו ריידן. ער איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי פאָרזיכטיק פאַרשלאָסן און ערשט דאַן האָט ער מיט אַ נידעריקן קול ווייטער געזאָגט:

„ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם שמועס, פון כמעט צען יאָר צוריק, מוז איך נאָך היינט שטוינען פון דעם רב׳ס ווייטן קוק. אונדזער קייסער — ג־ט זאָל אים נאָר דערהאַלטן — איז דאַמאָלסט ערשט געקומען צו דער מאַכט און האָט דעם רב פולשטענדיק פרייגעשפראָכן פון די באַשולדיקונגען, מיט וועלכע זיינע קעגנער האָבן אים געזוכט צו פאַראומגליקן. דערפאַר האָט דער רב, אויסער זיין לאָיאַליטעט צום קייסער ווי אַ רעליגיעזע פליכט, נאָך אַ פּערזענלעכן אינטערעס אים אָפּצודינען פאַר זיין טובה. דער דאָזיקער געדאַנק האָט דאַמאָלסט באַהערשט דעם שטרעבן און דענקען פון רב און ביי זיינע פעסטע, אַנטשלאָסענע לעבנספּרינציפּן, וועלכע ווערן ניט באַאיינפלוסט פון קיינע צייט־ענדערונגען, איז דאָס נאָך געוויס היינט אויך אַזוי ביי אים. אָבער איך האָב דאַמאָלסט געמיינט, מיט מיין באַשרענקטן שכל, אַז די טובה וואָס דער קייסער האָט געטאָן דעם רב, האָט ביי אים געשאַפן אַ מין פעסטע אידעע, און אין דעם זין זעט ער און אורטיילט די זאַכן, ווען ער האָט צו מיר געזאָגט:

‚אין מערב זייט איז אויפגעגאַנגען אַ בלוטיק רויטער שטערן, וועלכער שטייגט אַלץ העכער און העכער און ער באַדייט טויט און אונטערגאַנג פאַר דער גאַנצער וועלט. איך מיין נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועלכער וואָלט וועלן איינעמען די גאַנצע וועלט און וועמעס פאַרברעכערישע אַמביציע ווייסט

ניט פון קיינע גרענעצן. ניט נאָר וואַרפט ער אום קעניגלעכע טראָנען, נאָר ער רייסט אויך אויס פון די מענטשלעכע הערצער דאָס באַוואוסטזיין וועגן ג־ט. רוסלאַנד איז די איינציקע מלוכה אין אייראָפּע, וועלכע האָט נאָך ביז איצט אָנגעהאַלטן איר זעלבסטשטענדיקייט. זי אַליין איז באַשטימט צו ברענגען די מפלה אויף אָט דעם בלוטדאָרשטיקן דעראָבערער און מיר אַלע מוזן מיטהעלפן דערצו. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?׳

‚ניט אין גאַנצן, רבי׳, האָב איך געענטפערט. ‚מיר אידן, זאָלן מיטהעלפן צו ברענגען די מפלה אויף נאַפּאָלעאָנען? דאָס פאַרשטיי איך ניט. ער מעג זיין וואָס ער איז, אָבער מיר אידן האָבן דאָך גענוג אורזאַך זיך צו פרייען מיט אים און אים דאַנקבאַר צו זיין פאַר אַל־דאָס־גוטס וואָס ער האָט גראָדע אונדז געבראַכט. נאַפּאָלעאָן איז אַ קינד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ער איז דאָס געוועזן דער, וועלכער האָט איבער גאַנץ אייראָפּע פאַרשפּרייט די פון איר פּראָקלאַמירטע מענטשן־רעכטן, און האָט אומעטום, וואו ער האָט נאָר געהאַט פעסט אַריינגעשטעלט אַ פוס, אַראָפּגענומען פון אונדז די באַליידיקונגען, וואָס הונדערטער יאָרן האָבן אויף אונדז אַרויפגעלייגט. ער האָט אונדז אָוועקגעשטעלט גלייך און מיט די זעלביקע רעכטן ווי אַלע אַנדערע בירגער פון דער מלוכה; אים זאָלן מיר ברענגען אַ מפלה? דאָס פאַרשטיי איך ניט׳.

‚דאָס פאַרשטייט איר ניט?׳ האָט געענטפערט דער רַב, ‚דאָס האָב איך מיר גלייך געטראַכט, אַז די קרייזן, אין וועלכע איר פאַרקערט, פאַרבלענדן אייך דעם קלאָרן בליק און איר זעט ניט די זאַכן, ווי זיי זיינען אין דערווירקלעכקייט. נאַפּאָלעאָן, זאָגט איר, אַכטעט אַלע מענטשן גלייך? ער פאַראַכטעט אַלעמען גלייך; און די ברואים, וועלכע פרייען זיך מיט אים און בויגן זיך פאַר אים מיט חניפה און פאַלשקייט, פאַרדינען די דאָזיקע פאַראַכטונג. ווייסט איר דען ניט, אַז נאָך אַ שלאַכט דערקונדיקט ער זיך צוערשט, וויפל פערד עס זיינען געפאַלן און דערנאָך ערשט, וויפל מענטשן, ווייל פאַר די פערד מוז ער באַצאָלן, און די מענטשן האָט ער אומזיסט? פון אַזעלכע בלוטבאַפלעקטע, פאַרדאָרבערישע הענט, וועלן מיר אידן אונדזערע מענטשן־רעכטן קיין מאָל ניט קריגן אויף לאַנג; איך פערזענלעך וואָלט עס אפילו פון אַזאַ האַנט ניט וועלן אָננעמען׳.

פאַרוואונדערט האָב איך אָנגעקוקט דעם רַב, וועלכער האָט ווייטער גערעדט מיט התלהבות:

,פאַר אייער גייסטיק אויג זעט איר אין דעם מאָמענט אַלע צרות און יסורים, די טרערן און דאָס בלוט פון אונדזער פאָלק, וועלכע עס האָט אונדז געבראַכט די שנאה פון די פעלקער און זייערע הערשערס און האַלט נאָך אין איין ברענגען אויף אונדז טעגלעך, און איר האַלט דאָס דערפאַר פאַר אומבאַגרייפלעך צוריקצואווייזן די פרייהייט און גלייכהייט, נאָר דערפאַר וואָס די האַנט, וועלכע שענקט עס אונדז איז ניט אין גאַנצן ריין, ניט אַזוי?׳

איך האָב נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס באַשטעטיקונג, אַז דער רב האָט ווי אַ געדאַנקען־לעזער אַרויסגעלייענט מיינע געהיימסטע געדאַנקען, אָבער דער רב האָט מיט אַן אומגעוויינלעכער התרגשות ווייטער גערעדט:

,שענקט ער אונדז דען טאַקע אָט די מאַטעריעלע גיטער, וואָס זייער פאַרלוסט באַדויער איך פונקט אַזוי ווי איר? ער נעמט אונדז דאָך אָבער אַוועק דערפאַר אונדזער טייערסטן, גייסטיקן אוצר, ער רויבט דאָך אוועק אונדזער אמונה! אין אַלע לענדער, וואו ער איז נאָר אַריינגעדרונגען, האָט ער גלייך פאַרשפרייט הפקרות, לייכטזיניקייט, כפירה און שמד. אָט דער דאַזיקער גייסט פון מאָראַלישער געפאַלנקייט, וואָס הערשט איצט אומעטום, דאָס איז דאָך זיין אויפטו! און מיט אַזאַ איינעם זאָל זיך אַ איד פרייען? גלויבט מיר, ווען נאַפּאָלעאָן זיגט, זיגט אויך די כפירה צווישן מענטשן בכלל און אין די אידישע רייען בפרט. איז עס דען ניט בעסער פאַר אונדז צו בלייבן אָרעם און פאַראַכט ביי מלוכות און פעלקער, אָבער געטריי אונדזער ג־ט און אונדזער אידישער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, איידער צו זיין בלויז אידן לפנים וועגן, וועלכע פרייען זיך מיט דער ביסל גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס עס ווערט אונדז אָנגעבאָטן פון אַזאַ בלוט־דאָרשטיקן טיראַן? איר ציילט דאָך זיכער ניט צו די יעניקע, וועלכע וואָלטן זיין גרייט צו פאַרקויפן אונדזער בכורה פאַר אַזאַ לינדזן־געריכט?׳

דער רב האָט מיך דערביי אָנגעקוקט מיט אַזאַ ברענענדיקן בליק, אַז איך האָב נאָר געקענט גאַנץ אומזיכער אַ פרעג טאָן:

,אָבער וואָס וואָלטן מיר אידן געקענט טאָן, און בפרט איך, אַ שוץ־לאָזער און רעכטלאָזער פליכטלינג, וואָס וואָלטן מיר געקענט טאָן, כדי צו ברענגען נאַפּאָלעאָנען צו זיין אונטערגאַנג?׳

,זייער אַ סך, ר׳ משה,׳ האָט דער רב געענטפערט. ,מיר אידן, ווען

דער אויבּערשטער האָט צעשפּרייט איבּער דער גאַנצער וועלט, כּדי די מענטשהייט צו לערנען און דערציען, זיינען דער פאַרבּינדנדיקער עלעמענט צווישן אַלע פעלקער און מלוכות. אונדזער שוואַכקייט און רעכטלאָזיקייט, צרות און פאַרפאָלגונג, וועלכע מיר ליידן אין די לענדער וואו מיר האַלטן זיך אויף, זיינען דער ריכטיקער מאָסמיטל, מיט וועלכן מען קען מעסטן דעם גייסטיקן מצב פון די מלוכות און פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבּן. דערצו מוזן מיר אידן קודם כּל זיין און בּלייבּן אידן און ניט לאָזן זיך פאַרבּלענדן פון קיין פאַלשן אויסערלעכן גלאַנץ, און נאָך ווייניקער דורך דעם גלאַנץ פון דעם בּלוטיקן שטערן, וועמעס וועג עס ציט זיך איצט דורך גאַנץ אייראָפּע און אַ טייל פון אַפריקע דורך מצרים. מיר אידן אין רוסלאַנד, מוזן זיך בּאַמיען אַז אונדזער גלאָררייכער קייסער זאָל זיך ניט לאָזן פאַנגען אין די נעצן פון דעם כיטרען פוקס; דערצו מוזן מיר אָבּער אין דער ערשטער ריי זיך אַליין בּאַשיצן פון אים. אונדזער קייסער איז פון הארצן גוט; ער איז די פאַרקערפּערונג פון מענטשן־ליבּע און ג־ט׳ס־פאַרכטיקייט; ער וויל נאָר אמת און גערעכטיקייט און זיין קעניגלעכער חוש פאַראַכט אַלץ וואָס ס׳איז שלעכט און געמיין, אפילו ווען דאָס בּאַהאַלט זיך אין די לבושים פון פּורפּור און גלאַנץ. ער וועט אויך לייכטער מאַכן די טרויעריקע לאַגע פון זיינע אידישע אונטערטאַנען, אין דעם קענט איר זיין זיכער. אָבּער ער איז יונג און זיין גוטסקייט און ערלעכקייט מאַכט זיינע אויגן צו זען דאָס זעלבּע אויך בּיים דעראָבּערער. און אונדזער פליכט איז אים אויפצוקלערן דעם דאָזיקן טעות, אויף ווי ווייט מיר קענען דאָס טאָן מיט אונדזער שוואַכער השפּעה. רוסלאַנד איז די איינציקע מעכטיקע מלוכה אין אייראָפּע, וועלכע האָט קעגן נאַפּאָלעאָנען אויפגעהאַלטן איר זעלבּסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. דערפאַר פאַרוואַרט דער פראַנצויזישער פעלקער־מערדער אונדזער קייסער מיט פריינדשאַפט־דער־קלערונגען און מיט אָנבּאָטן פון אַלערליי פאַרבּינדונגס־אָפּמאַכן און אונדזער קייסער איז ליידער איינגעגאַנגען אויף דעם. דאָס איז אַ גרויסער אומגליק פאַר אים, פאַר זיין מלוכה און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין אָט דער ריכטונג מוזן מיר אונדזער קייסער אויפקלערן; ווען ניט, איז ער און זיין מלוכה פאַרלאָרן און דאָס רוסישע אידנטום פאַרלירט איר אידישקייט, ח״ו׳.

„אָבּער וואָס וואָלטן מיר אידן געקענט טאָן אין דער זאַך. מיר, פאַר וועמען דער קייסער איז דאָך ניט צוגענגלעך און וואָס וואָלט איך געקענט

טאָן אין דעם בפרט, וואָס איך מוז דאָך גאָר פון דאַנעט אַנטלויפן און ווי נאָר איך וועל האָבן פאַרלאָזן דעם רב׳ס הויז, מוז איך זוכן אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך צו אַנטלויפן איבער דעם רוסישן גרענעץ?׳

„אַ סך, זייער אַ סך וואָלט איר געקענט דערפאַר אויפטאָן, ר׳ משה, דורך אייערע באַציאונגען מיט די פאַרשידענע הויכע פערזענלעכקייטן פון דער מלוכה. אויב מיר קענען אפילו ניט האָבן אַליין קיין צוטריט צום קייסער, זיי קענען עס אָבער האָבן און זיי וועלן דאָס אויך זיכער טאָן, ווען מען זאָל זיי אויפקלערן די ערנסטקייט פון דעם מצב. דערפאַר האָט איר געדאַרפט אויסנוצן אייער השפעה. דאָס וואָס איר האָט עס ביז איצט ניט געטאָן, איז דאָס ווייניקער אייער שולד ווי מיינע. איך וואָלט אייך געדאַרפט פריער אויפמערקזאם מאַכן אויף דעם. איך האָב פון דער צייט פון מיין ערשטער געפאַנגענשאַפט אַ געטרייען פריינד און פאַרערער, אַ הויכן באַאַמטער, וועלכער האָט אויף מיין שטאַרקער בקשה געזוכט אויסצונוצן זיין איינפלוס אין דעם זין, אָבער ביז איצט איז עס נאָך אָן דערפאָלג. די געשעענישן אַליין וועלן אָבער אונטערשטיצן אונדזערע שטרעבונגען און פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי אויך איבערצייגן אונדזער קייסער אין דער אומווירדיקייט פון פראַנצויזישן קעניג. אָבער רוסלאַנד טאָר בשום אופן ניט איינגיין צו מאַכן מיט אים אַ בונד אָדער וועלכע עס איז אָפּמאַכן: זיי וועלן נאָר פאַראַליזירן די פרייהייט פון אונדזער האַנדל, אין דער צייט וואָס אים וועלן זיי אויף קיין אופן ניט בינדן. אַזוי גיך ווי די אָפּמאַכן וועלן אים נאָר ווערן אומבאַקוועם, וועט ער זיי סיווי ברעכן, פונקט ווי ער טוט כסדר מיט זיינע פאַרפליכטונגען קעגן אַנדערע מלוכות. רוסלאַנד טאָר מיט דעם שונא פון דער מענטשהייט ניט קאָאָפּערירן: ביי רוסלאַנד מוז ער אונטערגיין, ווי עס וועט נאָר קומען צו אַ מלחמה מיט אונדז: און עס וועט דערצו קומען, אין דעם מעגט איר זיין זיכער, כאָטש עס האַלט נאָך פאַרלויפיק ניט דערביי״.

„חכם עדיף מנביא״ (אַ חכם איז מער ווי אַ נביא) זאָגט די גמרא, האָט ר׳ מרדכי ליעפּלער באַמערקט. הייסט עס אַז דער רב האָט שוין מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק פאָרויסגעזאָגט דעם קריג צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד, וועלכער ליגט שוין אין דער לופט און עס איז נאָר אַ פראַגע פון אַ גאָר קורצער צייט. אָבער וואָס האָט איר דאַמאָלסט געקענט טאָן אין דער זאַך, אַז איר זייט גאָר געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד אין געהיים?״

„דער רַב האָט מיר דאַמאָלסט געזאָגט: ,איר ווייסט אַז קיינער שטויסט זיך דאָ אונטן ניט אָן אַ פינגער, סיידן דאָס איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן אים מלמעלה. ווען דער איבערשטער האָט אייך אָבער ניט נאָר דעם פינגער, נאָר ער האָט דעם גאַנצן ר׳ משה מייזעלס מיט ווייב און קינדער איבער׳ן גרענעץ אַוועקגעשטויסן, איז דאָס אַ סימן אַז ער האָט מיט אים גאַנץ באַזונדערע כוונות, וועלכע לאָזן זיך אין רוסלאַנד ניט אויספירן. איר מוזט פאָרן קיין דייטשלאַנד, צוערשט קיין פראַנקפורט. מיין ידיד, דער דאָרטיקער רב, וועט אייך אויפ׳ן סמך פון מיין רעקאָמענדאַציע אויפנעמען זייער פריינדלעך און וועט אייך העלפן גרינדן פאַר אייך אַ נייע עקסיסטענץ. איר וועט זען אַז איר וועט עס לייכט געפינען. אָבער דאָס טאָר ניט זיין דער צוועק פון אייער פאָרן קיין דייטשלאַנד. איר מוזט גיין אַהין אַלס שליח־מצוה און איר מוזט מיט אייער גאַנצן הארצן און מיט אייער גאַנצער נשמה טראַכטן וועגן דעם, ווי אָנצוקניפּן דאָרטן פאַרבינדונגען מיט איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען אַליין אינטערעסירט אין נאַפּאָלעאָנס מפלה. דאָס איז אייער מיסיע, ווילט איר דאָס איבערנעמען, דאַן גיט מיר אַ תקיעת כף!׳

,דער רַב פאַרלאַנגט פון מיר זייער פיל, איך וואָלט געזאָגט כמעט אוממעגלעכעס. ווי קען איך איבערנעמען צו דערפילן אַזאַ אויפגאַבע, צו וועלכער איך בין ניט פּעאיק?׳

,דער געדאַנק איז אייך ניי און דערפאַר אויך פרעמד, זיין אויספירונג זעט אייך דערפאַר אויס צו זיין שווערער ווי זי איז אין דער אמת׳ן. איך פאַרלאַנג נאָר אַז איר זאָלט די אויפגאַבע וועלן איבערנעמען, ווייטער גאָרנישט. אויב איר ווילט, דאַן וועט ג־ט אייך שוין העלפן דורך די פיל שלוחים וואָס ער האָט. אויב איר ווילט, דאַן קענט איר! דאָס קען איך אייך זאָגן: ווען איך וואָלט געהאַט אייערע ידיעות, אייערע שפּראַך־קענטענישן, אייער דערפאַרונג אין דעם אומגאַנג מיט גרויסע פערזענלעכקייטן, דאַן וואָלט איך עס אייך ניט געבעטן, איך וואָלט אַלץ געלאָזט שטיין און כ׳וואָלט אַליין געגאַנגען׳״.

„אַזוי האָט דער רַב געזאָגט?״ האָט ר׳ מרדכי געפרעגט.

„אַזוי האָט דער רַב געזאָגט. אָבער ווען ער האָט געזען אַז איך האָב זיך נאָך אַלץ געקווענקלט, האָט ער רואיק ווייטער געזאָגט:

איר איבערשאַצט די שוועריקייט פון דער אויפגאַבע. ווען עס זאָל, אייך געלינגען אַריינצוקומען אין דייטשלאַנד און אפילו אין פראַנקרייך אין די העכערע קרייזן, דאַן וועט איר שטוינען, ווי איר וועט אומעטום געפינען צושטימונג צו אייערע פּלענער. אויב איר ווילט נאָר ערנסט וואַגן דעם דאַזיקן פּרואוו, דאַן וועט איר דערלעבן וואונדער. פאַר מיר איז די דאַזיקע צושטימונג גאָר קיין וואונדער ניט און פאַר אייך וועט עס אויך ניט אויסזען וואונדערלעך, ווען איר וועט זיך גוט באַקענען מיט דעם געדאַנק, אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן. זעט די אומצופרידנקייט פון נאַפּאַלעאָנס אונטעריאַכטע מלוכות, באַטראַכט דעם ווידערווילן מיט וועלכן די פראַנצויזן טראָגן דעם בלוטיקן, אייזערנעם יאָך, וואָס זייער באַצווינגער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי, כדי צו זעטיקן זיין תאוה פאַר כבוד און ממשלה, און דאַן וועט איר אַליין איינזען, אַז ער מוז פאַלן אַ קרבן פון דער אַלגעמיינער אומצופרידנקייט, אַז ער מוז קריגן די מפלה דורך אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון פאָלק. וועט דאָס ניט געשען פאַר דעם אויסברוך פונעם קריג מיט רוסלאַנד, דאַן וועט דער אויסגאַנג פון דעם דאַזיקן קריג פירן דערצו. און דאָס אַלץ קענט נאָר איר העלפן דורכפירן און איר באַקלערט זיך נאָך?׳

לענגער האָב איך ניט געקענט ביישטיין די דאַזיקע פלאַמענדיקע באַגייסטערונג. ווען דער רבֿ האָט מיר ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט, האָב איך אים געגעבן אַ תקיעת כף, אויסרופנדיק דערביי נאָר איין וואָרט: ,הנני!׳ (איך בין גרייט). נאָר די איינציקע פראַגע האָב איך מיר נאָך דערלויבט: ,און וואָס זאָל איך איצט טאָן?׳

,וואָס איר זאָלט טאָן?׳ האָט דער רבֿ געענטפערט. ,פון דער דאַזיקער שאלה זע איך, אַז איר זייט נאָך ניט אין גאַנצן ביי דער זאַך, אַז זי איז אייך נאָך ניט איבערגעגאַנגען אין פלייש און בלוט. ווען עס וואָלט אייך ווער געזאָגט, אַז דאָס הויז פון אייער שכן ברענט, איר זאָלט גיך אַהין גיין און העלפן לעשן און איר וואָלט דאַן ערשט פרעגן, וואָס איר זאָלט טאָן, דאַן וואָלט דאָס געווען זייער ניט קיין פּאַסיקע פראַגע. איר דאַרפט איצט העלפן לעשן די גרעסטע וועלט־שריפה און אַנשטאָט צו גיין צו דער אַרבעט, שטעלט איר גאָר פראַגן! ווייס איך, וואָס איר זאָלט טאָן? קען איך דאָס וויסן? איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין בן נביא, אָבער דאָס איז אויך גאָר ניט נייטיק. איר ווייסט ניט וואָס איר זאָלט איצט טאָן? דאָס דאַרפט איר גאָר ניט וויסן. גייט נאָר אַוועק צום פּלאַץ פון דער שריפה, פאַרט קיין

דייטשלאַנד, פאַרט קיין פראַנקרייך, פאַרט קיין פּאַריז, גייט צו דעם לייבן־גרוב אַליין און ג־ט וועט אייך שוין אין דעם ריכטיקן מאָמענט געבן דעם ריכטיקן געדאַנק וואָס צו טאָן. איר דאַרפט נאָר ווילן, אָבער ווילן מיט אַלע כחות, מיט דער גאַנצער התלהבות, מיט דער גאַנצער מסירות צו וואָס איר זייט פעאיק, און דאָס איבעריקע לאָזט איבער צו דעם רבונו של עולם. זייט איר באַזאָרגט מיט גענוג געלט?'

ווען כ'האָב געזאָגט אַז יאָ, האָט דער רַבּ געענטפערט:

,דאַן זאַמט זיך דאָ ניט לענגער און גייט אייער וועג'.

ער האָט מיך בענטשנדיק אַרויפגעלייגט די הענט אויפ'ן קאָפּ, און האָט מיך פאַרלאָזן מיט די ווערטער:

,גיי, ווייל ג־ט שיקט דיך!'"

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט זיך ר' מרדכי די גאַנצע צייט צוגעהערט צו דער דערציילונג פון זיין גאַסט. ווען דער לעצטער האָט אויף אַ מינוט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ר' מרדכי געזאָגט:

„אַז דער רַבּ זאָל זיין אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פּאָליטישע טאָג־געשעענישן און זאָל זיך משתתף זיין אין זיי אויף אַזאַ וואונדערבאַרן אופן, וואָלט איך ניט געגלויבט. אויב ער האָט אייך געשיקט און באַגלייט מיט זיין ברכה, דאַן זיינען אַלע וואונדער, וועלכע האָבן אייך געטראָפן און וועלכע האָבן אייך דערהויבן אויף אייער איצטיקער הויך, מער קיין וואונדער ניט אין מיינע אויגן. דאַן וואָלט שוין געווען אַ וואונדער ווען איר וואָלט אין דער שליחות ניט מצליח געווען. און וואוהין זייט איר געגאַנגען, ווען איר האָט דעם רַבּ פאַרלאָזן?"

„נאָכדעם ווי איך האָב זיך געהאַט געזעגנט מיט'ן רַבּ און כ'האָב באַקומען זיין ברכה, האָב איך זיך דערפילט ווי ניי געבאָרן. אַנשטאָט מיין פריערדיקן געפיל, פון פאַרלאָזנקייט און אומזיכערקייט, בין איך באַהערשט געוואָרן פון אַ פריידיקער זיכערקייט. איך האָב איצט געהאַט אַ וויכטיקן תפקיד און כ'בין געגאַנגען אים דערפילן מיט מוט און בטחון. עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אַריבער דעם גרענעץ און בין דירעקט געפאָרן קיין פראַנקפורט, זיך ניט אויפהאַלטנדיק אויפ'ן וועג מער ווי ס'איז געווען נייטיק. די וואונדער, וועלכע האָבן מיט מיר דאָרטן געטראָפן, וואָלט איך

אַליין ניט געגלויבט, ווען אַן אַנדערער וואָלט עס מיר דערציילט. די השגחה האָט אַזוי געפירט אַז שוין אין דעם דריטן טאָג פון מיין אויפהאַלט אין פראַנקפורט, בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט איינעם פון די איינפלוסרייכסטע דייטשע פירשטן, דער פירשט פון דאַלבערג; האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן לעבן פראַנקפורט מיט דעם הויפּט פון די קאָזאַקן טשערניטשעוו און אין עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אָנגעקומען מיט׳ן עקספּרעס פּאָסט־וואָגן אין פּאַריז, וואו טשערניטשעוו האָט מיך וואַרעם רעקאָמענדירט צו דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר, פירשט קוראַקין. יעדעס גליד פון אָט דער וואונדערבאַרער קייט, פאַרדינט באַזונדער דערציילט צו ווערן. — — — מען קלאַפּט אין טיר, ר׳ מרדכי״.

ר׳ מרדכי האָט געעפנט און ר׳ שמעלקע האָט ציטערנדיק פאַר פרייד און אויפרעגונג געזאָגט:

„דער רבֿ איז אָקאָרשט אָנגעקומען!״

„דער רבֿ?!״ האָבן ביידע אויסגערופן און האָבן געוואָלט אַרונטערלויפן די טרעפּ אים מקבל פּנים זיין.

„זייט מוחל, ר׳ משה״, האָט ר׳ מרדכי געבעטן זיין גאַסט, „בלייבט איר דאָ. איך וויל דעם רבֿ אַליין מקבל פּנים זיין און נאָכדעם זען, אויב ער וועט אייך דערקענען״.

„גוט״, האָט ר׳ משה נאָכגערופן דעם לויפנדיקן ר׳ מרדכי, „אָבער לאָזט מיך ניט צו לאַנג וואַרטן״.

ר׳ מרדכי האָט שוין קוים געהערט די לעצטע ווערטער, ווייל דער רבֿ איז שוין געווען אַריין אין הויז, און ער האָט געוואָלט דעם טייערן גאַסט גלייך באַגריסן.

כג
די וואונדערלעכע פגישה

נאָך דער ערשטער באַגריסונג, האָט ר׳ מרדכי געבעטן זיין גאַסט צו גיין צום טיש, אָבער דער רבֿ האָט געענטפערט:

„צום עסן וועלן מיר נאָך קומען שפּעטער. איך וויל אייך פריער בקיצור דערציילן, צוליב וואָס איך בין אייגנטלעך איצט אין פּעטערבורג און אַז איך האָב גלייך ביים אַריינקומען אין אייער הויז געהאַט די איבער־צייגונג, אַז דאָס וואָס איך זוך, וועל איך דאָ זיכער געפינען. אָבער לאָזט מיך איצט אויף אַ מינוט אַליין אין אייער לערן־צימער און איר גייט צו אייער גאַסט, וועלכער וואַרט אויף אייך. איך האָב אַריינקומענדיק אין אייער הויז געהערט, ווי עמעצער האָט אייך נאָכגערופן, איר זאָלט אים ניט לאָזן צו לאַנג וואַרטן״.

„דער רבֿ האָט אַ מערקווירדיק שאַרפן געהער. איך אַליין האָב גאָר־נישט געהערט״.

„די שמחה מיט מיין אָנקומען האָט פאַרנומען אייער גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט, דערפאַר האָט איר ניט געהערט. דאָס וואָס איך האָב אָבער דעם רוף זייער קלאָר יאָ געהערט, קומט דערפון, וואָס מיינע געדאַנקען זיינען גראַדע געווען באַשעפטיקט אין דער ריכטונג, פון וועלכער די שטימע איז געקומען״.

„זייט מוחל, רבי, איך פאַרשטיי אייך ניט״.

„איר וועט מיך באַלד פאַרשטיין, ווען איך וועל אייך נאָר זאָגן, צוליב וואָס איך געפין זיך דאָ אייגנטלעך. איך וויל וויסן צוליב אַ דרינגלעכער אָנגעלעגנהייט, וואו עס האַלט זיך אויף ביי דעם מאָמענט ר׳ משה מייזעלס אָדער ריכטיקער, ווי און וואו קען מען אים מודיע זיין גאָר אַ וויכטיקע ידיעה. אַז ער וואוינט אין פּאַריז, איז מיר באַקאַנט, אָבער מיך אינטערע־סירט זייער שטאַרק, אויב ער איז דאָרטן פאַראַן ביי דעם מאָמענט און וואו

עס קען אים דערגרייכן אַ ידיעה. איך האָב גערעכנט, אַז פון אייך אָדער פון דונדוקאָוו, דורכ׳ן קריגס־מיניסטעריום, וועל איך קענען זיך דערוויסן מער פרטים. איצט פאַרשטייט איר מיך?״

„איך פאַרשטיי וואָס דער רבי וויל דאָ, אָבער ווי אַזוי דער רבי איז געווען זיכער, אַריינקומענדיק צו מיר אין הויז, אַז ער וועט דאָ דערגרייכן זיין וואונטש, און וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט דעם רוף, וועלכן דער רבי האָט געהערט, אין דער צייט וואָס איך האָב אים אין גאַנצן ניט געהערט, דאָס פאַרשטיי איך נאָך ניט״.

„מעג איך פרעגן, ווער עס איז דער הער, וועלכער דערוואַרט אייך?״

ר׳ מרדכי איז ביי דער דאָזיקער פראַגע געוואָרן צוערשט בלייך ווי קאַלך און דאַן צונטער־רויט. זאָגן דעם רב אַ ליגן, האָט ער ניט געוואָלט און אויסזאָגן דעם אמת, וואָלט געווען קעגן דעם אָפּמאַך, מיט וועלכן זיי האָבן געוואָלט פעסטשטעלן, צי דער רב וועט דערקענען ר׳ משה׳ן אויך אין זיין מיליטערישער קליידונג. ער האָט דערפאַר געגעבן אַזאַ ענטפער, וועלכער האָט אויסגעמיטן דעם אמת, ניט אַנטהאַלטנדיק דערביי קיין וואָרט וואָס ס׳איז ניט אמת.

„דער הער האָט זיך מיר עטלעכע שעה צוריק פאָרגעשטעלט אַלס מאַיאָר גראַף ספעראַנסקי״.

„אויב אַזוי איז ער גאָר ניט קיין איד, מערקווירדיק! און איך בין געווען זיכער אַז איך הער די שטימע פון ר׳ משה מייזעלס; איז אייך דאָס ניט אויך אויפגעפאַלן? אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, ווען איך קום אַריין צו אייך אין הויז, כדי צו זוכן ר׳ משה מייזעלס און דער ערשטער קלאַנג וואָס קומט מיר פון דאָרטן אַנטקעגן איז די שטימע פון ר׳ משה מייזעלס, אָדער וויניקסטנס ווערט עס אַזוי פון מיר געהאַלטן, דאַן איז דאָך דאָס אַ גוטער סימן פאַר דער דערגרייכונג פון דעם וואָס איך זוך; דאָס גיט איר דאָך צו״.

„געוויס, און איצט פאַרשטיי איך דעם רבי פולקום. מיין גאַסט שטייט, אגב, אין די בעסטע באַציאונגען מיט׳ן קריגס־מיניסטעריום; ווען דער רב וויל, שטעל איך אים פאָר״.

„איך וועל אייך דערפאַר זייער דאַנקבאַר זיין, מען קען אין אַזאַ צייט, ווי די איצטיקע, ניט האָבן גענוג אַזעלכע פאַרבינדונגען״.

„ר׳ שמעלקע!״ האָט ליעפּלער אַ רוף געטאָן, „זייט אַזוי גוט און פירט אַריין דעם פרעמדן הער צו אונדז״.

ר׳ שמעלקע האָט שוין געהאַט באַגריסט דעם רַבּ אין שליטן; נאָך איידער דער רַבּ איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער שוין דורך זיינע פראַגן זיך דערוואוסט, אַז ער לערנט יעדן טאָג זייער פלייסיק צוזאַמען מיט זיין בעל־הבית און אַז עס גייט אים און זיין פאַמיליע גוט. ווי שטאָלץ און גליקלעך האָט זיך איצט ר׳ שמעלקע דערפילט, ווען דער רַבּ האָט אים, אַלס צייכן פון צופרידנקייט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער׳ן פּלייצע. ניט קוקנדיק אויף זיין הויכן עלטער, איז ער גיך אַוועק מיט אַ יוגנטלעכער פלינקייט און האָט אַריינגעפירט דעם פרעמדן „אָפיציר״ אין לערן־צימער. דער לעצטער איז געבליבן שטיין אויפ׳ן שוועל פון דער געעפנטער טיר און האָט אָפּגעגעבן זיין מיליטערישע באַגריסונג, צולייגנדיק די האַנט צו זיין היטל.

דער רַבּ האָט אַ מינוט באַטראַכט דעם סאַלוטירנדיקן אָפיציר, דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג פון דעם אַריינגעקומענעם.

ר׳ משה איז קענטיק געווען זייער צופרידן, וואָס דער רַבּ האָט אים גלייך ניט דערקענט; דאָס האָט אים פאַרזיכערט אַז זיין פאַרקליידונג איז אַ געלונגענע און ר׳ מרדכי איז איצט געווען באַרואיקט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם טעות, ווען ער האָט געזען, אַז עס האָט אַפילו מיט דעם רַבּ פּאַסירט דאָס זעלבע.

ר׳ מרדכי האָט זיך דאַן אַנטשולדיקט פאַר עטלעכע מינוטן, און איז אַרויס ברענגען אייניקע דערפרישונגען. ווען יענער האָט קוים באַוויזן צוצומאַכן די טיר, איז דער רב אויפגעשפּרונגען און האָט אויסגעשטרעקט ר׳ משה׳ןביידע הענט מיט די ווערטער:

„שלום עליכם ר׳ משה! איר האָט אַ באַזונדערן גרונד זיך צו פאַרשטעלן פאַר ר׳ מרדכי?״

ר׳ משה איז געוואָרן שטייף פאַר שרעק. אויב אַזוי, האָט אים דעם רַבּ׳ס אויג דאָך דערקענט! קודם כל האָט ער געענטפערט אויף דעם רַבּ׳ס באַגריסונג און דאַן האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט זיך שוין געלאָזט דערקענען צו ר׳ מרדכי און ער האָט געהיט זיין אינקאָגניטאָ ווייטער נאָר דער־

פאַר, כדי זיך צו איבערצייגן, אויב דאָס וועט אויך קעגן רבי'ן מעגלעך זיין. ער האָט אַפילו גלייך ניט געגלויבט אַז דאָס איז מעגלעך, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער צוזאַמען מיט ר' מרדכי געוואָלט מאַכן די דאָזיקע פּראָבע.

קיינער איז דאַן ניט געווען גליקלעכער פון ר' מרדכי, וועלכער האָט זיך ביי זיין צוריקקער איבערצייגט, אַז זיינעביידע געסט האָבן זיך שוין אָן אים פאַרשטענדיקט און אַז ער איז באַפרייט פון דער פּיינלעכער נויטווענדיקייט זיך צו אַנטשולדיקן ביים רַב פאַר'ן ניט מיטטיילן אים גלייך וועגן ר' משה'ס אַנוועזנקייט.

„וואָס זאָגט איר צו דער דאָזיקער פגישה, ר' מרדכי", האָט דער רַב אויסגערופן צו דעם אַריינקומענדיקן בעל־הבית. „ר' משה זוכט מיך און איך זוך ר' משה'ן און מיר טרעפן זיך דאָ ביי אייך אין הויז; איז דאָס ניט וואונדערבאַר?"

ר' מרדכי, וועלכער איז געווען זייער אַ ליבהאַרציקער מענטש און זייער גאַסטפריינדלעך, און איז היינט געווען באַזונדערס גליקלעך צו האָבן ביי אים אין הויז אַזעלכע צוויי חשוב'ע, בכבוד'יקע געסט, האָט געענטפערט דעם רַב:

„געוויס איז דאָס וואונדערבאַר, אָבער ניט אַזוי דער עצם צוזאַמענטרעף, ווי דער אָרט פון צוזאַמענטרעפן זיך. דאָס, וואָס די השגחה האָט פאַר דער דאָזיקער צוזאַמענטרעפונג אויסגעקליבן דוקא מיין הויז, איז באמת אַ גרויסער זכות פאַר מיר".

נאָך די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך ר' מרדכי אויפגעהויבן מיט דער באַמערקונג, אַז אַזוי ווי זיינע געסט האָבן דאָך אַזוי פיל צו ריידן און זיך צו דערציילן, וועט ער זיי איבערלאָזן אַליין און אומגעשטערט. די געסט האָבן אָבער פּראָטעסטירט קעגן דעם. עס האַנדלט זיך טאַקע, זאָגן זיי, וועגן געהיימע אַנגעלעגנהייטן, וועלכע זיינען פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט, אָבער דאָס איז ר' מרדכי'ן פונקט אַזוי נוגע ווי זיי. עס איז אַפילו גוט אַז ער, ר' מרדכי, זאָל זיין אינפאָרמירט וועגן אַלץ, ווייל ער בלייבט דאָך אין פּעטערבורג, און זיי מוזן באַלד ווידער פאַרלאָזן די שטאָט. ער קען דערפאַר דאָ אויף אָן אָרט זיין טעטיק און פאַרמיטלען צווישן זיינע ביידע געסט, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך ווידער האָבן צעשיידט.

„איר קענט זיך אַפילו מאַכן גלייך נוצלעך", האָט דער רַב געזאָגט, „ניט נאָר דורך אייער גוטער עצה, וועלכע וועט אונדז זיין באַזונדערס ווערטפול ביי שווערע פראַגן, נאָר אויך דורכדעם, וואָס מיר וועלן אייך אויסקלייבן פאַר אונדזער יושב־ראש און מיר וועלן אייך טאַקע גלייך בעטן אַנטשיידן, ווער פון אייערעביידע געסט זאָל קומען צוערשט צום וואָרט".

„דאָ איז איבערהויפּט ניט נייטיק די אַנטשיידונג פון אַ דריטן", האָט ר' מרדכי געענטפערט, „ווייל עס קען דאָך קיין פראַגע ניט זיין, אַז דער רַב האָט דאָס וואָרט צוערשט".

ווען ר' משה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ צייכן, אַז ער איז פול־שטענדיק מסכים מיט ר' מרדכי'ס רייד, האָט דער רַב געזאָגט צו ר' משה'ן:

„איך דערקלער אייך דערמיט, אַז איך האָב אייך גאָרנישט מער וואָס צו פרעגן און וואָס צו באַמערקן. אַלע מיינע קשיות זיינען אין די פּאָר מינוטן, וואָס איך האָב מיט אייך גערעדט, צו מיין צופרידנקייט, פולשטענדיק פאַר־ענטפערט געוואָרן".

ר' משה מייזעלס און ר' מרדכי ליעפּלער האָבן פאַרוואונדערט אָנגע־קוקט דעם רַב, וועלכער האָט דאַן געזאָגט:

„עס זיינען איצט כמעט צען יאָר, זינט מיר האָבן זיך געזעגנט אין ליאַדי. איר האָט מיר אין די ערשטע יאָרן אָפּטער געשריבן, דערנאָך זעלטענער, און זינט פיר יאָר האָב איך אין גאַנצן ניט קיין שום ידיעה פון אייך. דאָס וואָלט מיך אָבער ניט באַאומרואיקט, ווייל איך ווייס ווי גע־פערלעך עס איז צו אָנפאַרטרויען דער פּאָסט דעם ענין פון אונדזער קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב אויך געהערט, אַז איר זייט אין די לעצטע יאָרן שטענדיק געווען אין רוסלאַנד אונטער אַ פאַלשן נאָמען. איך קען צו אייך אויך קיין טענה ניט האָבן, וואָס איר האָט מיך קיין מאָל ניט באַזוכט, ווייל איך זע פון אייער פאַרקליידונג, ווי שטאַרק איר מוזט אַכטונג געבן, ניט דערקענט צו ווערן, וואָס אין ליאַדי איז געווען נאָך מער גרונד מורא צו האָבן פאַר דעם, ווי אין יעדן אַנדער אָרט. אָבער איר ווייסט, ווי שווער איר האָט זיך אַנטשלאָסן צו איבערנעמען די שליחות, וועלכע איך האָב אייך געגעבן, ווי איר זייט פריער געווען אַן אָנהענגער פון נאַפּאָלעאָנען און ערשט נאָך מיין צורעדן האָט איר געביטן אייער מיינונג. האָב איך דען געקענט וויסן, אַז דורך אייער פיל־יאָריקן אויפהאַלט אין פּאַריז האָט איר

זיך ניט געביטן און ווידער געוואָרן נאַפּאָלעאָנ׳ס אַן אָנהענגער? האָב איך ניט געמוזט טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אַזאַ ענדערונג אין אייערע מיינונגען איז אפשר די סיבה, וואָס איר האָט איבערגעריסן מיט מיר יעדן קאָנטאַקט? דאָס, וואָס איך האָב אייך פאָרויסגעזאָגט כמעט מיט צען יאָר צוריק, אַז עס מוז קומען צו אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד, איז שוין היינט אַזוי נאָענט, אַז דער פראַנצויזיש־רוסישער קריג הענגט שוין אין דער לופט; קיינער צווייפלט שוין מער ניט אין דעם אַחוץ אונדזער קייסער, וועלכער האַלט נאָך אַלץ אָן זיינע גוטע באַציאונגען מיט נאַפּאָלעאָנען. דערפאַר האָב איך געמוזט ריידן מיט אייך, כדי צו הערן פון אייך, צי און ווי איר זייט געבליבן טריי אייער צוזאָג, צי און וואָס איר האָט אויפגעטאָן, אַז רוסלאַנד זאָל ניט זיין אומגעריכט פאַר אַ פראַנצויזישן אָנגריף. דאָס, און נאָך אַ סך מער ווי דאָס, האָב איך געוואָלט זאָגן, פרעגן און פון אייך הערן. דאָס וויכטיקסטע אָבער ווייס איך שוין אַזוי פולשטענדיק, אַז איך האָב שוין אין דער ריכטונג מער גאָרניט צו פרעגן און נאָך ווייניקער אייך צו דער־מאָנען וועגן אייער געגעבענעם וואָרט״.

דער רב האָט אין די דערשטוינטע בליקן פון זיינע צוהערערס אַרויס־געלייענט די פראַגע, פון וואַנעט ער האָט די דאָזיקע ידיעות און דערפאַר האָט ער געזאָגט:

„ווען איר האָט דעם וואונטש מיט מיר צו ריידן, דאַן געהערט איר היינט, אַזוי ווי ביי אונדזער געזעגענונג, צו די אונדזעריקע. איצט וועט איר דאָך אָן אַ ספק מיר וועלן דערציילן וועגן אייער ביז־אַהעריקער טעטיקייט און וועגן דעם מאָמענטאַלן מצב פון דער זאַך; ר׳ משה, איצט האָט איר דאָס וואָרט״.

כד
די דיסקוסיע

„איך דאַרף דעם רבי׳ן ניט נאָר אָפּגעבן אַ באַריכט אַליין״, האָט ר׳ משה אַנגעהויבן, „נאָר איך האָב אויך צו פרעגן אייניקע וויכטיקע פראַגעס, וועלכע איך געטרוי זיך אַליין ניט צו פאַרענטפערן, ווייל עס הענגט דערפון אָפּ מיין פּערזענלעכער ווֹאוילזיין און דער וואוילזיין פון דער גאַנ־צער רוסישער מלוכה.

וועגן מיר אַליין, וועל איך מאַכן בקיצור: דער רבי ווייסט, אין וואָס פאַרא וואונדערלעכן אופן עס איז געלייך נאָך מיין אָנקומען אין פראַנק־פורט, מקוים געוואָרן דעם רבי׳נס ברכה, ווי איך בין דאָרטן באַקאַנט גע־וואָרן מיט איינפלוסרייכע, הויכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב לייכט געוואונען פאַר אַ געהיימען בונד קעגן נאַפּאָלעאָן. לעבן פראַנקפורט האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם הויפּט פון די קאָזאַקן, טשערניטשעוו, וועלכער איז געפאָרן מיט וויכטיקע דאָקומענטן פון פּאַריז קיין רוסלאַנד און ער האָט מיך באַשטימט צו גיין אויף זיין שטעלע קיין פּאַריז. ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, און זינט דאַן שטיי איך אין זייער דינסט און איך מוז זאָגן, אַז מען איז דאָרטן אַזוי צופרידן מיט מיינע אויפטוען, אַז דאָס האָט דערגרייכט אַזש ביז צום אויער פונעם קייסער אַליין, וועלכער האָט מיר געלאָזט אויסדריקן זיין העכסטע אָנערקענונג דורך אונדזער געזאַנדטן אין פּאַריז, פירשט קוראַקין. אויסער דער דאָזיקער אַכטונג און אָנערקענונג, באַקום איך אַ גאָר פיינעם יער־לעכן איינקונפט. עס פעלט מיר גאָרנישט פון דעם, אין וואָס די ברייטע מאַסן זעען דאָס העכסטע גליק, און איך בין טראַץ דעם שרעקלעך אומ־גליקלעך און אומצופרידן און איך וואָלט בעסער היינט איידער מאָרגן זיך צוריקציען פון מיין דאָזיקער שטעלע און אין צוריקגעצויגנקייט לעבן אין ארץ־ישראל, ווען איך וואָלט זיך נאָר ניט פאַרפליכטעט פאַר דעם רבי׳ן דורך אַ תקיעת כף. און דאָס איז איצט מיין גרעסטער וואונטש און מיין שטאַרקסטע בקשה, אַז דער רבי זאָל מיך באַפרייען פון מיין דאָזיקער הבטחה״.

דער רַב האָט ביי די דאָזיקע ווערטער אַ קנייטש געטאָן מיט'ן שטערן און געזאָגט:

„ר' משה, איר זייט מיר אַ רעטעניש, וואָס איך מוז פריער לייזן, איידער איך גיי אייך מתיר זיין אייער שבועה. און אפשר וועט די ריכטיקע לייזונג פון אייער לעבנס־רעטעניש שוין מאַכן די אויפלייזונג פון אייער שבועה גאַנץ איבעריק, אַזוי אַז איר וועט דאָס אַליין מער ניט פאַרלאַנגען. אין וואָס באַשטייט אייער אומגליק, אין וואָס, זאָגט מיר דאָס צוערשט, באַשטייט אייגנטלעך אייער טעטיקייט ביי דער רוסישער געזאַנדשאַפט?"

„דער רבי איז קלוג ווי אַ מלאך פון ג־ט", האָט ר' משה געענטפערט. „די שאלה פון אַ חכם איז שוין אַ האַלבע תשובה. איך דאַרף נאָר ענטפערן אויף דעם רבי'נס צווייטע פראַגע, דערמיט וועט דער רבי שוין האָבן די תשובה אויך אויף דער ערשטער. מיין טעטיקייט, וועלכע ברענגט מיר אַזוי־פיל אויסערלעכע אַנערקענונג און אַזויפיל אינערלעכע זעלבסטפאַר־אַכטונג, איז די העכסטע אומערלעכקייט און פאַרדאַרבנקייט! איך בין די פאַרקערפּערטע כאַראַקטערלאָזיקייט. מיט איין וואָרט, איך בין אַ — שפּיאָן! דאָס ביסל חן און דאָס ביסל שכל וואָס ג־ט האָט מיר געשאָנקען, האָב איך פאַראומווירדיקט, כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, אַרויסצוקריגן זייערע סודות און זיי דאַן צו פאַרראַטן: דאָס איז מיין געשעפט. דערפאַר ווער איך געערט פון דעם צאַר, דערפאַר ווער איך פון זיינע מיניסטאָרן פירשטלעך באַצאָלט, דערפאַר בין איך געוואָרן אַן אומגעוויסנהאַפטער מענטש! זאָגט, רבי, קען מען אַזאַ לעבן לאַנג אויסהאַלטן?"

ביי די ווערטער האָט זיך דער רַב אויפגעהויבן, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף ר' משה'ס פּלייצע און האָט אים טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, אַזוי אַז יענער האָט ניט ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן זיין בליק צו דער ערד. נאָך עטלעכע מינוטן פון טיפן שווייגן, האָט דער רב געזאָגט:

„איר דאַרפט אייערע אויגן ניט אַראָפּלאָזן, ר' משה, איר מעגט מיר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. אַזוי ווי איר דענקט וועגן דער נידער־טרעכטיקייט פון אַ שפּיאָן, אַזוי דענק אויך איך. ווי קען גאָר אַ איד האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם? אין די כתבי הקודש ווערט דאָך אין פיל ערטער שטאַרק געטאַדלט יענער, וואָס נאַרט אָפּ אַ צווייטן אין זיין דענקען, אַזוי אַז עס קען ניט באַשטיין קיין שום מיינונגס־פאַרשידנקייט צווישן אונדז וועגן

דעם. חז״ל האָבן פֿאַרבאָטן אַזאַ מין אָפּנאַרערײַ אַפֿילו אין די גלײַכ־גילטיקסטע, טאָג־טעגלעכע זאַכן און באַטראַכטן דאָס אַזוי ווי אַ גנבֿה — גנבֿת הדעת.

דאָס לערנט אונדז די גמרא, און דער שלחן ערוך ברענגט דאָס אין חשן משפט סימן רכ״ח אַלס הלכה פּסוקה.

איך קען אײַך דערפֿאַר מיטפֿילן די פֿאַראַכטונג וואָס איר פֿילט אין דעם לעבנסבאַרוף פֿון אַ כאַראַקטערלאָזן מענטשן, ווי יעדער שפּיאָן איז״.

„דער רבי וויל מיך אויב אַזוי באַפֿרײַען?״, האָט מיט אַ לײַכטנדיקן פּנים געפֿרעגט ר׳ משה, „און מיר דערלויבן אויפֿצוגעבן מײַן איצטיקע באַשעפֿ־טיקונג?״

„איך וויל אײַך ניט צוריקהאַלטן און כ׳וויל אײַך ניט באַפֿרײַען, איך לאָז איבער די אַנטשיידונג אין גאַנצן צו אײַך; איך וויל אײַך נאָר בעטן מיך אויסצוהערן ביז׳ן סוף. וועגן דער שענדלעכקייט און געמיינקייט פֿון דעם גאַנצן שפּיאָנאַזש זײַנען מיר בײדע אייניק. אָבער ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין גוטס אויף דער וועלט וואָס ביי אַ פֿאַלשער אַנווענדונג קען עס ניט זײַן שלעכטס און קיין שלעכטס — וואָס אין געוויסע פֿאַלן קען עס ניט זײַן גוט. אַז מאָרד צ. ב. איז עפּעס שרעקלעכס, וועגן דעם קען דאָך נאָך ווייניקער זײַן אַ מיינונגס־פֿאַרשידנקייט צווישן אונדז און פֿון דעסטוועגן איז עס גאָר קיין פֿראַגע ניט, אַז לויט דעם געזעץ פֿון דער תורה, קענען זײַן פֿאַלן, אין וועלכע דער מאָרד איז ניט נאָר דערלויבט, נאָר אַפֿילו געבאָטן צ. ב. אין פֿאַל פֿון זעלבסטפֿאַרטיידיקונג. ווען איינער איז מקדים דעם מערדער און דערהרג׳ט אים, כדי ער זאָל ניט קענען אויספֿירן אויף אים זײַן מאָרד־פֿאַר־מעסט, דאַן איז דער אַנגעגריפֿענער בלי שום ספֿק באַגאַנגען אַ מאָרד קעגן דעם אַנגרײַפֿער. איז ער אָבער דערפֿאַר אַ רוצח אין געוויינלעכן זין פֿון וואָרט? וואָס מיינט איר, ר׳ משה?״

„דאָס איז גאָר קיין פֿראַגע ניט. חז״ל זאָגן דאָך: ׳הבא להרגך, השכם להרגו״ (ווער עס קומט דיך דערמאָרדן, דערמאָרד דו אים).

„אויב מיר זײַנען ביז אַהער אייניק, דאַן קען עס אויך וועגן דעם ניט זײַן קיין מיינונגס־פֿאַרשידנקייט, אַז אַזאַ נויטלאַגע באַשטייט אויך אין אונדזער פֿאַל. ווען אַ געוויסנלאָזער מענטש פֿאַרניכט די גייסטיקע עקסיס־טענץ און דאָס לעבנסגליק פֿון הונדערט טויזנט פֿאַמיליעס, וועלכער

שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר קיין מאָרד, פאַר קיין רויב, פאַר קיין שום פאַר־ברעכן, ווען ער רייסט אַרויס פון דער מענטשהייט דאָס טייערסטע, איר ג־ט און אַלץ וואָס עס פאַרבינדט זי מיט אים, איר רעליגיע, ווען מיר זעען די דראָענדיקע געפאַר פאַר דאָס הייליקסטע פון אונדז אידן, אונדזער אמונה, געפינען מיר זיך דען ניט אויך אין אַ מצב וואו מיר זיינען גע־נייטיקט זיך צו ווערן, אין אַ צושטאַנד פון זעלבסטפאַרטיידיקונג? אָט דער שׂונא פון דער מענטשהייט באַנוצט אַלע נידערטרעכטיקע מיטלען אום צו פאַרשקלאַפן און צו אונטערדריקן די גאַנצע מענטשהייט. ער האָט פאַר־פלייצט גאַנץ אייראָפּע מיט אויפּפּאַסערס, געהיימע אַגענטן און שפּיאָנען, איז עס דען אין אַזאַ פאַל אומערלעך צו באַקעמפן אָט די געפערלעכע באַ־שעפעניש מיט אירע אייגענע וואָפן?״

ווען ר׳ משה איז נאָך אַלץ געבליבן צוריקגעהאַלטן, האָט דער רב ווייטער געזאָגט:

„ר׳ משה, איך קען אייך נאָר נאָכאַמאָל דאָס זאָגן: ווען איך וואָלט געהאַט אייערע שפּראַך־קענטענישן און אייער דערפאַרונג אין אומגאַנג מיט די גרויסע פּערזענלעכקייטן, דאַן וואָלט איך אייך געזאָגט: פאָרט איר רואיק קיין ארץ־ישראל, איך וויל אָבער גיין קיין פּאַריז און כ׳וויל מיין לעבן אַוועקגעבן כדי אָט דעם מאַסן־מערדער אומשעדלעך צו מאַכן. אָן שום חששות וואָלט איך מוותר געווען אויף מיין רבנות, כ׳וואָלט איבערגעלאָזט מיין טעטיקייט פאַר הרבצת תורה און יראת שמים און כ׳וואָלט עס געהאַלטן אַלס מיין העכסטע פליכט צו באַפרייען די מענטשהייט פון אָט דער פאַרדאַרבענער חי׳; איך וואָלט ג־ט געדאַנקט פון די טיפעניש פון מיין נשמה, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען צו ווערן זיין שליח לטובת הכלל. און איר באַזיצט דאָס אַלץ, איר זייט דער ריכטיקער מאַן, וועמען ג־ט האָט דורך נסים גלויים אַוועקגעשטעלט אויף דעם ריכטיקן אָרט און איר ווילט פאַרלאָזן אייער פּאָסטן, כדי צו לעבן אין ארץ־ישראל? איך האָב אפשר די זעלביקע בענקשאַפט און געגועים צו דעם לאַנד פון אונדזערע אבות פּונקט ווי איר, אָבער ווען איך וואָלט דאָרטן איצט געווען, אין דער צייט וואָס איך וואָלט געקענט אין פּאַריז אויפטאָן פאַר דער זאַך פון ג־ט אַזוי ווי איר, דאַן וואָלט עס מיר דאָרטן ניט איינגעגאַנגען; איך וואָלט דאַן געזאָגט ווי דוד המלך: ׳מי יתן לי אבר כיונה, אעופה ואשכונה׳ (ווער וואָלט מיר געגעבן פליגלען ווי די טויב, איך וואָלט פון דאַנען אַוועקגעפלויגן און כ׳וואָלט דאָרטן געוואוינט). און איר וואוינט דאָרטן און איר מאַכט זיך אומ־

זיסטע חששות. ר׳ משה, איך פאַרשטיי אייך ניט! ווען איך וואָלט נאָר גע־וואוסט אַ צווייטן אין רוסלאַנד, וועלכער זאָל פאַרבינדן אַזוי פיל יראת שמים מיט וועלטלעכע מאַנירן, דאַן וואָלט איך אים אויפגעזוכט און אויף אייך מוותר געווען; אָבער אַזוי קען איך אייך נאָר באַפרייען, אויב איר וועט נאָך ווייטער באַשטיין אויף דעם״.

„דער רבי קען ניט פאַריז״, האָט ר׳ משה געענטפערט, „דער רבי קען ניט די געמיינקייט און נידערטרעכטיקייט, וועלכע איז דאָרטן פאַרשפּרייט און פאַר׳סמ׳ט אַלץ וואָס קומט נאָר אין באַרירונג מיט איר. ווען דער רבי וואָלט דאָס אַלץ געוואוסט, וואָלט ער מיר ניט געראָטן דאָרטן צוריק־צוגיין, און נאָך ווייניקער וואָלט דער רבי אַליין געוואָלט גיין אַהין, אַנ־שטאָט צו לעבן אינעם הייליקן לאַנד פאַר ג־ט און זיין תורה און צו אַרבעטן אויף דער אייגענער שלמות. דאָס מעג דער רבי מיר גלויבן״.

„דאָס גלויב איך אייך ניט, ר׳ משה. פאַריז קען איך טאַקע ניט. אָבער ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין, ערגער ווי מצרים, אויסגעלאַסענער ווי דער מצרישער קעניג־הויף איז געווען, איז עס ניט. און דאָס האָט פונדעסט־וועגן ניט צוריקגעהאַלטן משה׳ן און אהרנ׳ען צו קומען אין אָט דעם קעניג־הויף אום דאָרטן צו ווירקן פאַר זייער פאָלק. זיי וואָלטן אין זייער צוריק־געצויגנקייט אַוודאי געקענט בעסער און לייכטער אַרבעטן פאַר זייער אייגענער שלמות! אַזוי האָבן אויך ניט געטראַכט מרדכי און אסתר, וועלכע זיינען געקומען צום פּערסישן קעניג־הויף, כדי צו ראַטעווען זייער פאָלק! אויב איר ווילט מיר ניט פאָלגן, דאַן מוזט איר אָבער פאָלגן אונדזערע העכסטעביישפּילן. וואָס וואָלט איך געהאַט פון דער גאַנצער שלמות, ווען איך וואָלט עס ניט געקענט שטעלן אין דינסט פון מיין פאָלק, ווען מיין פאָלק זאָל חלילה פאַרלירן זיין אמונה דורך דער פאַרדאָרבענער באַ־שעפעניש און איך זאָל אַלס אַ שלמות׳דיקער מלאך פאַסיוו צוקוקן צו אָט דעם שרעקלעכן יאָמער?! ׳כי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי׳ (ווי וואָלט איך געקענט איבערלעבן דעם חורבן פון מיין פאָלק), האָט אסתר געזאָגט; אַזוי מוזן אויך מיר זאָגן און האַנדלען לויט איר ביישפּיל; און איר ווילט ניט? זײַט איר דען ———״.

„גענוג, רבי, איך וועל שוין וועלן!״ איז ר׳ משה אַריינגעפאַלן דעם רַב אין די רייד. „דאָ האָט איר מיין תקיעת כף צום צווייטן מאָל. איך וועל אויך ווייטער האַנדלען אין דעם זין ווי דער רבי הייסט מיר, פונקט ווי ביז איצט,

ווי עס זאָל מיר ניט זיין דערווידער אַזאַ האַנדלונג! ווען דער רבי דער־קלערט אַלס אַ גרויסע מצוה דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן ווי אַ שווערע עבירה, דאַן גיב איך זיך אונטער צו דער חכמה פון רבי׳ן און כ׳בין דערמיט יוצא פאַר ג־ט און פאַר מיין אייגענעם געוויסן״.

ר׳ משה האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט זיין האַנט פאַר אַ תקיעת כף, אָבער דער רב האָט עס נאָך ניט אָנגענומען. „איר ווילט ווייטער האַנדלען״, האָט דער רב געזאָגט, „ווי איר האָט ביז איצט געהאַנדלט? איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, ווי איר האָט מיט אַזעלכע ספקות און חששות געקענט דינען אונדזער זאַך מיט אַלע אייערע כחות. איידער איך נעם אָן אייער תקיעת כף, מוז איך אייך בעטן מיר צוערשט צו דערציילן עפּעס וועגן אייער ביז־אַהעריקער טעטיקייט; זייט איר גרייט דערצו?״

„געוויס!״ האָט ר׳ משה געענטפערט. „צוליב מיין הבטחה וואָס כ׳האָב געגעבן דעם רבי׳ן, האָב איך ניט צוגעלאָזן אַז מיינע שווערע אינערלעכע ספקות און איבערלעבונגען זאָלן האָבן וועלכן ס׳איז איינפלוס אויף דער דערפילונג פון מיינע פונקציעס. איך האָב אונטערדריקט מיינע אינערלעכע געפילן און כ׳האָב געוויסנהאַפט — און ווי דער רבי וועט זיך באַלד אַליין איבערצייגן — דערפילט מיינע פליכטן מיט דערפאָלג. דערפאַר טאַקע איז מיר אויסגעקומען אַזוי פיל צו ליידן — צוליב דעם שטענדיקן קאַמף צווישן מיין אינערלעכן און אויסערלעכן מענטשן. אָבער איצט האָב איך דאָס — דורך דעם רבי׳נס וואָרט — בייגעקומען און איצט קען איך אויך פיל דרייסטער דעם רבי׳ן אַלץ דערציילן״.

ר׳ מרדכי האָט געהאַט אין משך פון דעם גאַנצן שמועס עטלעכע מאָל פאַרלאָזן דעם צימער און איז ביי די לעצטע ווערטער פון ר׳ משה׳ן ווידער אַריינגעקומען. ער האָט אָנגעגעבן אַלס אַ תירוץ וויכטיקע געשעפטן, כדי צו קענען איבערלאָזן זיינעביידע געסט אַליין. אָבער די אורחים, וועלכע האָבן זייער גוט געקענט די איידלקייט פון זייער מכניס־אורח, האָבן געזאָגט, אַז ער קען ניט האָבן קיין שום געשעפט, וואָס זאָל זיין אַזוי דרינ־גענדיק ווי דער ענין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, און זיי האָבן אים אַזוי שטאַרק געבעטן בלייבן, אַז ער האָט ניט געקענט האַנדלען קעגן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג און מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער נאָכגעפאָלגט ר׳ משה׳ס באַריכט.

כה
אַ שליחות לשם שמים

„זאָל איך דערציילן כסדר, אָדער דער רבי וויל מיר בעסער שטעלן איינצלנע פראַגעס?" האָט מייזעלס געפרעגט.

„ביידע זאַכן, ר' משה. מיך באַשעפטיקט זייער איין וויכטיקע פראַגע, וואָס איר ענטפער וועט אייך געבן גענוג געלעגנהייט צו שטיצן אויף דעם אייער באַריכט".

„און וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס?"

„דאָס איז בנוגע אונדזער קייסער אַלעקסאַנדער (דער 1טער). ווען איך האָב מיט אַרום צען יאָר צוריק געטומען אייער תקיעת־כף, אין ליאַדי, איז ער קורץ פאַר דעם געווען אַרויפגעשטיגן אויפ'ן טראָן. דאַמאָלסט האָט נאָך קיינער ניט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ קריג צווישן רוסלאַנד און פראַנקרייך. פונדעסטוועגן האָב איך אייך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער קריג איז אומפאַרמיידלעך און אַז רוסלאַנד איז באַשטימט אַראָפּצוּוואַרפן נאַפּאָלעאָנען. צאַר אַלעקסאַנדער, וועלכער איז אַלעמאָל געווען אַ גרויסער פאַרערער און באַוואונדערער פון נאַפּאָלעאָן, האָט געזאָלט געוואָרנט ווערן זיך ניט צו לאָזן פאַרכאַפּן פון נאַפּאָלעאָן אין אַ פּאַסטקע, נאָר ער זאָל אָפּ־ברעכן יעדע באַציאונג מיט אים און זיך דערקלערן אַלס זיין פיינד. איר דערמאָנט זיך נאָך דאָס אַלץ, ר' משה?"

„געוויס", האָט געענטפערט מייזעלס.

„פון דעמאָלט אָן זיינען אַוועק כמעט צען יאָר. דער פראַנצויזיש־רוסישער קריג, וועלכן מען האָט דאַמאָלסט געהאַלטן פאַר אומגלויבלעך, זעט שוין איצט אויס אומפאַרמיידלעך און יעדערער רעכנט זיך מיט דער מעגלעכקייט פון זיין אויסברוך: יעדערער, מיט דעם איינציקן אויסנאַם פון דעם צאַר. ווי איז דאָס מעגלעך, ווי קען מען דאָס דערקלערן?

ער האָט דאָך ערשט מיט איניקע יאָר צוריק באַנייט מיט נאַפּאָלעאָן

דעם פרידנס־בונד פון טילזיט. און ניט לאַנג צוריק, אין יאָר תקס״ח (1808), האָבןביידע פייערלעך פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט זייער אָפּ־מאַך אין ערפורט, אַזוי אַז קיינער האָט ניט געקענט צווייפלען אין זייער קעגנזייטיקער פריינדשאַפט; און איר זאָגט אַז אייער טעטיקייט איז געווען זייער דערפאָלגרייך?! וואָס האָט איר דען געקענט האָבן אויפגעטאָן, ווייבאַלד אַז אונדזער קייסער איז נאָך אַלץ ניט איבערצייגט?״

„וועגן דעם, קען איך דעם רבי׳ן פולשטענדיק באַרואיקן. אונדזער קייסער איז היינט דער ביטערסטער שונא פון נאַפּאָלעאָנען און ער ווייסט זייער גוט אַז אַ קריג צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד איז אומפאַר־מיידלעך. אָבער ער באַמיט זיך צו נאַרן נאַפּאָלעאָנען וועגן זיינע אמת׳ע צילן און כוונות, ווייל ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַן אַנגריף. די דאָזיקע צייט מוז באַשטימט ווערן פון נאַפּאָלעאָנען און זי וועט טאַקע, ווי איך מיין, באַלד קומען, נאָך פריער ווי די אינערלעכע, גוט אינפאָרמירטע שטאַטסלייט גלויבן״.

„איז די פיינדלעכע שטעלונג פון אונדזער צאַר קעגן נאַפּאָלעאָנען נאָר אייער בלויזע השערה, אָדער איר האָט באַווייזן דערפאַר?״

„די אָפּגעפרעמדקייט און די דערווייטערונג פון ביידע מלכים איז שוין געשען מיט צוויי יאָר צוריק. לעצטנס איז עס אָבער שטאַרק פאַרשאַרפט געוואָרן, אַזוי אַז עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פיינדשאַפט און מען קען יעדן טאָג דערוואַרטן אַ מלחמה, כאָטש ביידע קעניגן זיינען אינטערעסירט אויפצוהאַלטן דערווייל כלפי חוץ דעם אויסזען פון אַ פרידן״.

„און וואָס זיינען די באַווייזן דערפאַר?״ האָט דער רבי געפרעגט.

„אָבער איידער איר זאָגט עס מיר, בעט איך אייך, ניט צו ריידן וועגן צוויי מלכים, ווען איר רעדט וועגן אונדזער קייסער אַלעקסאַנדער און נאַפּאָ־לעאָן. אונדזער קייסער איז טאַקע באמת אַ קייסער, דאָס הייסט ער איז דאָס בחסדי השם, אָבער דער פראַנצויזישער זעלבסטגעקרוינטער, האָט זיך דעם דאָזיקן טיטל נאָר אָנגעמאָסטן. ער לייקנט דאָך אין ג־ט; אַזוי אַרום, קען ער זיך דאָך ניט האַלטן, אַז ער איז פון ג־ט באַשטימט געוואָרן אַלס קייסער; ער פאַרדינט ניט דערמאָנט צו ווערן צוזאַמען מיט אונדזער קייסער״.

ר׳ משה איז געווען זייער באַאיינדרוקט פון דער דאָזיקער אומ־

בויגזאַמקייט אין דעם רבי׳נס שטעלונג. אין דער צייט ווען גאַנץ אייראָפּע איז געלעגן ביי נאַפּאָלעאָנ׳ס פיס מיט דער גרעסטער הכנעה; אין דער צייט ווען אַלע געקרוינטע קעפּ פון דער וועלט האָבן אים אַנערקענט אַלס איינעם פון די גרויסע קעניגן, האָט אָט דער גייסטיקער פּרינץ אים אָפּגע־זאָגט יעדע אַנערקענונג. ר׳ משה האָט פאַרשפּראָכן דעם רַב צו נעמען אין אַכט דעם דאָזיקן וואונטש און האָט פאַרגעזעצט:

„אַלעקסאַנדער׳ס לעצטע האַנדלונגען אין שפּאַניע און אויך זיין אַרויס־געוויזענע סימפּאַטיע פאַר די דייטשע פּאַטריאָטן, האָבן נאַפּאָלעאָנען זייער דערצאָרנט, און ער, ווידער, האָט זיך פאַרשולדיקט קעגן אַלעקסאַנדער דורך דער פאַרגרעסערונג פונעם הערצאָגטום וואַרשע און דורך זיין דערמוטיקונג און אונטערשטיצונג פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ מאָנאַרכיע אין פּוילן. ביידע זיינען שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט איינער אויף דעם אַנדערן און אַ מלחמה קען אויסברעכן יעדן טאָג״.

„איז די דאָזיקע שנאה דירעקט אָדער אומדירעקט דורך אייך אַרויס־גערופן, אָדער ווייניקסטנס פאַרשאַרפט געוואָרן?״

„ניין, רבי, דאָס אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט אין גאַנצן אָן מיין מיט־ווירקונג. דערפאַר, אָבער, מעג איך באַטראַכטן אַלס מיין פאַרדינסט דאָס, וואָס ס׳איז פאַרמיטן געוואָרן אַ קרוב׳ישע פאַרבינדונג צווישן נאַפּאָ־לעאָנען און דעם רוסישן קייסער־הויז״.

„פאַרשטיי איך אייך ריכטיק? איר מיינט אַ שידוך צווישן אונדזער קייסער־הויז און נאַפּאָלעאָן?״

„אַזוי איז דאָס, רבי. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט הייראַטן אַ רוסישע פּרינצעסין און אונדזער קייסער איז געווען זייער גענייגט דערצו. ניט מחמת אָן אינערלעכן פאַרלאַנג, ווייל די פאַרערונג פון אונדזער צאַר פאַר נאַפּאָלעאָנען איז שוין דאַמאָלסט געווען פון לאַנג אויסגעניכטערט; נאָר צוליב ריין פּאָליטישע טעמים, איז ער געווען זייער שטאַרק פאַר אַזאַ פאַר־בינדונג. דאָס וואָלט דאָך געווען אַ פיינער דיפּלאָמאַטישער שאַך־צוג, צו באַשרענקען די דעראָבערונגס־גלוסטן פון נאַפּאָלעאָן ביי דעם רוסישן גרענעץ. אַ רוסישע פּרינצעסין אַלס די פראַנצויזישע קייסערינע, וואָלט גע־מיינט אַ זיכערערע באַשיצונג פון די רוסישע גרענעצן קעגן נאַפּאָלעאָנען, פיל מער ווי הונדערט טויזנט סאָלדאַטן. עס איז מיר, אָבער, מיט ג־ט׳ס

הילף געלונגען די קייסערינע־מוטער צו באַאיינפלוסן קעגן דעם פּראָ־יעקט; די פאַרהאַנדלונגען זיינען שוין געווען זייער פאַרגעשריטן, ווען די קייסערינע־מוטער האָט מיט איר גאַנצער אַנטשלאָסנקייט צעשטערט דעם גאַנצן פּלאַן, אָנגעבנדיק דעם תירוץ אַז די פּרינצעסין איז פיל צו יונג פאַר דעם. דאַן האָט דער עסטרייכישער קאַנצלער מעטערניק פאַרגעשלאָגן די אידעע וועגן אַן עסטרייכישער פּרינצעסין אַלס אַ פראַנצויזישע קייסע־רינע, און האָט דעם דאָזיקן שידוך אויך אויסגעפירט.

ער מיינט צו האָבן מיט דעם איבערגעיאָגט די רוסישע דיפּלאָמאַטיע און אפשר איז ער טאַקע דערמיט גערעכט, אויב מען זאָל די אַנגע־לעגנהייט באַטראַכטן בלויז פון איר פּאָליטישער זייט. אָבער פאַר מיר איז געווען אויסשליסלעך מאַסגיביק די מיינונג פון רבי׳ן, אַז ניט אין דעם פרידן, נאָר אין דעם קריג מיט נאַפּאָלעאָנען, וועט קומען די ישועה און די דערלייזונג״.

„ג־ט צו דאַנקען, ר׳ משה; האָט איר פּערזענלעך באַאיינפלוסט די קייסערינע־מוטער?״

„ניין, איך האָב זי קיין מאָל ניט געזען און זי ווייסט מסתמא גאָרניט פון מיין עקסיסטענץ. דאָס איז געשען דורך הויכראַנגיקע, איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב אויף פאַרשידענע אומוועגן צוגעצויגן פאַר אונדזער זאַך. אין דער מלוכה־מאַשין זיינען, אַזוי ווי ביי יעדער אַנדער מאַשין, די יעניקע ספּרוזשינעס און רעדער, וועלכע זיינען באַהאַלטן פון דעם אויסערלעכן בליק, גראַדע די וויכטיקסטע. ווען איך זאָל וועלן אויס־רעכענען אַלע וועגן, באַגעגענישן און דיסקוסיעס, וואָס זיינען נייטיק גע־ווען נאָר פאַר דעם פּונקט אַליין און די נסים גלויים, אָן וועלכע עס וואָלט ניט מעגלעך געווען דאָס אַלץ צו דערגרייכן, וואָלטן זיי אָנגעפילט אַ גאַנצן בוך. אָבער מיר דאַרפן זיך ניט אויפהאַלטן דערביי. דורך די נייעסטע אַנט־וויקלונגען, וועלכע זיינען נאָך דערוויילן אין דער גרויסער וועלט קיינעם ניט באַקאַנט, איז דער בונד צווישן אונדזער קייסער און נאַפּאָלעאָנען פול־שטענדיק צעריסן״.

„מעג איך וויסן וואָס זיינען די דאָזיקע אַנטוויקלונגען?״ האָט דער רב געפרעגט.

„די דאָזיקע פּאַסירונגען מעג יעדערער וויסן און אין פאַרלויף פון גאָר אַ קורצער צייט וועט עס ווערן אַלגעמיין באַקאַנט. אין אַ געוויסער מאָס

ווייסט מען דאָס שוין איצט: ערשטנס, האָט נאַפּאָלעאָן אין פאַרלויף פון דעם יאָר דערקלערט דעם קירכן־שטאָט פאַר אַ פּראָנצויזישע פּראָווינץ; צווייטנס, האָט ער אומדירעקט פאַראייניקט האַנאָווער מיט פראַנקרייך; און דריטנס, האָט ער זיין, קעגן ענגלאַנד געצילטע, קאָנטינענטאַל־בלאָקאַדע אַזוי אויסגעברייטערט, אַז דורכדעם האָבן אַלע זיינע פאַרבינדעטע שטאַטן געליטן דעם גרעסטן עקאָנאָמישן שאָדן. דאָס אַלץ האָט אונדזער קייסער אָנגעפילט מיט אומצופרידנקייט און בייזקייט. באַזונדערס איז אָבער דער צאַר געוואָרן פאַרביטערט און שטאַרק דערצאָרנט, ווען ס'איז אין דעם זעלבן מאָנאַט פאַרגעקומען די אַנעקסירונג פון דעם דייטשן צפון'דיקן ים־ברעג געגנט צו פראַנקרייך; ווייל ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז אויך אַן אַנגעהעריקער פונעם רוסישן קייסער־הויז, דער פירשט פון אָלדענבורג, באַרויבט געוואָרן פון זיין לאַנד; אַן אַקט וואָס אונדזער קייסער האָט באַטראַכט ווי אַ באַליידיקונג און אַ דירעקטן אָנגריף קעגן זיין אייגענער קייסערלעכער מאַיעסטעט. פון דער אַנדער זייט האָט אויך דער צאַר מיט אַ קורצער צייט צוריק געטאָן אַ שריט, וועלכער זעט אויס אין אַ געוויסער מאָס ווי אַן אַנולירונג פון דעם בונד מיט נאַפּאָלעאָן. נעמלעך: ער האָט דערלויבט דעם אימפּאָרט פון געוויסע ענגלישע סחורה קיין רוסלאַנד, אַזוי לאַנג ווי זיי ווערן טראַנספּאָרטירט אויף נייטראַלע שיפן. גלייכצייטיק האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ נייעם צאָל־טאַריף, אין וועלכן אייניקע פראַנצויזישע אַרטיקלען זיינען פאַרבאָטן און אַנדערע ווערן זייער הויך באַשטייערט. און די פאַרבאָטענע פראַנצויזישע סחורה איז — אַזוי ווי די פאַרבאָטענע ענגלישע — געוואָרן פאַרברענט! זייט דעם זיינען אַלעקסאַנדער און נאַפּאָלעאָן פאַרביסענע שונאים, כאָטש אויסערלעך באַמיען זיי זיך נאָך אויפצוהאַלטן דעם איינדרוק פון אַ כלומר'שטן פרידן".

ביי די ווערטער האָט זיך דער רבֿ אויפגעהויבן און האָט געמאַכט די ברכה וואָס מען זאָגט ווען מען הערט אַ גוטע בשורה. ער האָט געגעבן ר' משה'ן די האַנט און געזאָגט:

„איר דאַרפט מיר מער ניט באַשטעטיקן אייער געוויסנהאַפטיקייט דורך אַ תקיעת־כּף; איר האָט שוין מיט ג־ט'ס הילף אויפגעטאָן און דערגרייכט זייער פיל, און איך בין זיכער אַז איר וועט די גרויסע מצוה, וואָס איר האָט אָנגעפאַנגען, אויספירן ביז צום סוף מיט דעם זעלביקן דערפאָלג. ווי לאַנג, מיינט איר, קען עס נאָך דויערן, ביז עס וועט קומען צום קריג צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד?"

„ווי איך שאַץ, וועט נאָך דויערן וויניקסטנס צוויי יאָר און אפשר אפילו עטוואָס מער. דאָס איז אָפּהענגיק פון פאַרשידענע פאַקטאָרן און איינפלוסן, אַזוי אַז ס'איז שווער פעסטצושטעלן מיט דער פולער זיכער־קייט דעם געוויסן מאָמענט. מעג איך זיך דערלויבן צו מאַכן אַ קליינע באַמערקונג, ווען דער רבי רעדט וועגן אַ קריג מיט פראַנקרייך אַנשטאָט — מיט נאַפּאָלעאָן? פראַנקרייך וויל ניט קיין קריג, אַזוי ווי ס'ווילן ניט די איבעריקע לענדער און פעלקער פון אייראָפּע. אַלע זיינען זייער אויפּגערעגט און אויפגעבורזשעט און אפשר, אפילו מער ווי אומעטום, אין פראַנקרייך גופא. מען איז מיד פון דעם בלוטיקן, אייזערנעם יאָך, וואָס דער דעראָבערער האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אַלע פעלקער. אין געהיים זוכן זיך אַלע צו באַפרייען פון דעם בלוט־דאָרשטיקן אַוואַנטוריסט. אונטער די אומשטענדן איז ניט אויסגעשלאָסן אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ קריגעריי, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ מלחמה מיט רוסלאַנד פריער. אָבער אויב אַזאַ אומפאָראויסגעזעענע געשעעניש וועט ניט טרעפן, גלויב איך אַז עס וועט נאָך מינדסטנס נעמען צוויי יאָר ביז דער קריג וועט אויסברעכן — און דאָס איז באַזונדערס געוואונטשן פאַר די אינטערעסן פון רוסלאַנד".

„פאַר אונדזער אינטערעס?" האָט דער רבי פאַרוואונדערט געפרעגט.

„פאַר אונדזער אינטערעס. רוסלאַנד איז נאָך אַזוי גוט ווי גאָרניט צוגעגרייט פאַר דעם גרויסן קריג, אין דער צייט וואָס נאַפּאָלעאָן איז דאָס שטענדיק. דאָס איז אויך דער גרונד פון מיין זיין אין פעטערבורג. אונדזער אַמבאַסאַדע אין פאַריז האָט מיך אַהער געשיקט צו דעם רוסישן קריגס־מיניסטעריום, כדי אים מיטצוטיילן וועגן די גרויסע און גוט־געפּלאַנטע צוגרייטונגען, וואָס נאַפּאָלעאָן מאַכט אין דער שטיל פאַר זיין אָנגריף אויף רוסלאַנד. ביי אונדז אין רוסלאַנד איז פאַקטיש גאָרנישט געטאָן געוואָרן: און אויב עס וועלן ניט גלייך אָנגענומען ווערן די נייטיקע שריט, זיינען מיר, לויט דער מענטשלעכער אויסרעכענונג, זיכער פאַרלאָרן".

„ווי לאַנג וועט איר זיך נאָך אויפהאַלטן אין פעטערבורג?" האָט דער רב געפרעגט.

„מיין היגע מיסיע איז שוין דערפילט, אַזוי אַז איך קען שוין יעדן טאָג צוריקפאָרן קיין פאַריז. דער צאַר איז שוין דורך דעם קריגס־מיניסטער וועגן אַלץ אינפאָרמירט און ער איז פאַר אַ באַלדיקער אַקטיווער צוגרייטונג פאַר אַ מלחמה מיט נאַפּאָלעאָן. די שוועריקייט אָבער באַשטייט אין

דעם, וואָס כּדי מיר זאָלן זיין דערפאָלגרייך מיט אונדזער סטראַטעגיע, איז פון גרויס וויכטיקייט צו וויסן דעם קריגס־פּלאַן פון נאַפּאָלעאָן. דער קריגס־מיניסטעריום וויל איך זאָל צוריקפאָרן קיין פּאַריז און פּרובירן דאָס אויסגעפינען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז זייער אַ שווערע און גע־פערלעכע אויפגאַבע, כאָטש מען האָט מיר געזאָגט אַז איך מעג פאַרווענדן יעדע סומע געלט פאַר דעם דאָזיקן צוועק".

„איז דען דער פּלאַן פאַר דעם קריג קעגן רוסלאַנד — וואָס וועט זיין, לויט אייער מיינונג, ערשט אין צוויי יאָר אַרום — שוין אויפגעצייכנט?"

„דאָס ווייס איך ניט, אָבער איך בין משער אַז יאָ. וועגן דעם וועל איך זיך מוזן דערוויסן פאַר זיכער אין פּאַריז. נאַפּאָלעאָנס קריגס־מיניסטער איז פאַר רוסישע רובל גאָר ניט שווער צו געווינען — פאַר הונדערט טויזנט רובל, קען מען פון אים אַלץ דערגיין, וואָס ער ווייסט נאָר אַליין. אָבער פריער מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אויב ער ווייסט טאַקע באמת עפּעס. נאַפּאָלעאָן איז זייער זעלבסטשטענדיק אין אויסאַרבעטן זיינע קריגס־פּלענער און ער לאָזט וויסן זיינע גענעראַלן און דעם קריגס־מיניסטער ערשט דאַן, ווען אַלץ איז שוין פולשטענדיק אויסגעפּלאַנט. אַזאַ קריגס־מיניסטער איז אויך אימשטאַנד אַרויסצוגעבן פאַלשע אינפאָרמאַציעס, אַבי נאָר זיך צו פאַרזיכערן מיט זיינע הונדערט טויזנט רובל. מען קען זיך דער־פאַר אויף אים אַליין ניט פאַרלאָזן און מ'מוז נאָך אויסגעפינען אַנדערע קוועלן, אום צו קענען קאָנטראָלירן די פאַרלעסלעכקייט פון דעם מיניסטערס מיטטיילונג.

ביז אַהער האָב איך זיך אַלעמאָל געהאַלטן אין הינטערגרונט, אָבער איצט מוז איך זיך באַמיען צו טרעפן פּערזענלעך מיט נאַפּאָלעאָנען. ביי דעם אומצוטרוי וואָס ער האָט קעגן רוסלאַנד, איז דאָס ניט קיין לייכטע אויפגאַבע. דאָס מיינט ריזיקירן מיט'ן לעבן — פונקט ווי איינער וואָס טרעט אַריין אין אַ לייבן־גרוב. בין איך באַרעכטיקט צו שטעלן מיין לעבן אין דער גרעסטער סכנה, כדי צו קענען דערפילן די דאָזיקע מיסיע?! דאָס איז וואָס כ'האָב געוואָלט פרעגן דעם רבי'ן, איידער איך נעם־אונטער דעם גורל'דיקן שריט. דערפאַר האָב איך דעם רבי'ן אויפגעזוכט און איך זע אין דעם די השגחה פּרטית, וואָס מיר איז דאָס גלייך געלונגען".

„ר' משה", האָט דער רבי ערנסט געענטפערט, „איר זייט ניט נאָר באַ־רעכטיקט, איר זייט מחויב, אפילו מיט דער געפאַר פאַר אייער לעבן, צו

טאָן אַלץ וואָס איר קענט אין דער זאַך. ווען איר וועט דאָס אַלץ דערפילן מיט אַ ריינער כוונה, ניט מיט דער אויסרעכענונג פאַר כבוד אָדער געלט, נאָר לשם שמים, דאַן וועט איר מצליח זיין און עס וועט אייך קיין האָר ניט געקרימט ווערן. דאָס איז דער געדאַנק פונעם פסוק קס״א אין פרק קי״ט פון תהלים: ׳שָׂרִים רְדָפוּנִי חִנָּם וּמִדְּבָרְךָ פָּחַד לִבִּי׳ [פירשטן פאַרפאָלגן מיך אומזיסט (אָן דערפאָלג), ווען (ניט פאַר זיי, נאָר) פאַר דיין וואָרט ציטערט מיין האַרץ]. נעמט אַריין די דאָזיקע ווערטער טיף אין אייער האַרץ, געדיינקט זיי, און נעמט זיי מיט אויף דעם וועג, וועלכן איר דאַרפט גיין און זייט ניט באַזאָרגט״.

דאָ האָט זיך דער רַבּ אויפגעשטעלט, האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף ר׳ משה׳ס קאָפּ און האָט אים געבענטשט אין לשון הקודש מיט די ווערטער פון תהלים פרק צ״א:

„קיין בייז וועט זיך צו דיר ניט טרעפן און קיין פלאָג וועט זיך ניט דערנענטערן צו דיין געצעלט, ווייל ג־ט וועט באַפעלן זיינע מלאכים דיך צו היטן אין אַלע דיינע וועגן. אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן, אַז דיין פוס זאָל זיך ניט אָנשטויסן אויף קיין שטיין. איבער לייב און שלאַנג וועסטו שפּרייזן, וועסט דעם יונגלייב און שלאַנג צעטרעטן, ווייל דער וואָס גאַרט צו מיר, דעם וועל איך מציל זיין פון דעם אַלעמען. הויך וועל איך אים דערהויבן און אים שטאַרקן, ווייל ער קען און ווייסט מיין נאָמען (צו מורא האָבן פאַר מיר). ווען ער וועט צו מיר רופן, וועל איך אים ענטפערן. מיט אים וועל איך זיין אין דער צייט פון אַ צרה, וועל אים דערפון באַפרייען און אים ברענגען כבוד. מיט לאַנגע טעג וועל איך אים אָנזעטיקן און אים ווייזן מיין הילף!״

„אמן! אמן!״ האָבן ר׳ מרדכי און ר׳ משה געענטפערט, טיף גערירט.

צו ר׳ מרדכי האָט ר׳ משה געזאָגט: „מיט דער ברכה פון רבי׳ן וועל איך אָן מורא און אָן חששות גיין אויספירן מיט ג־ט׳ס הילף מיין הייליקע שליחות, אָבער איר, ר׳ מרדכי, מוזט אויך מיטהעלפן. איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה, וואָס פון איר דערפילונג איז פיל אָפּהענגיק די לייזונג פון מיין אויפגאַבע. ווילט איר מיר דאָס באַוויליקן?״

„איך בין גרייט צו יעדער צייט צו טאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר אין מײַנע מעגלעכקייטן; זאָגט עס נאָר פֿריי און אָפֿן אַרויס״, האָט ר׳ מרדכי געענט־פֿערט.

„גיט מיר מיט אײַער ר׳ שמעלקע קיין פּאַריז. איך האָב דאָרטן קיין שום פּאַרלעסלעכן מענטשן, וועמען איך זאָל קענען געטרויען. עס קען אָפֿט פּאַרקומען איך זאָל דאַרפֿן פֿרעגן ביי דעם רבי׳ן אַן עצה אין שווערע אָנגע־לעגנהייטן, אָדער שיקן וויכטיקע פּאָליטישע ידיעות קיין פּעטערבורג, וואָס מען קען ניט אָנפֿאַרטרויען דער פּאָסט. ר׳ שמעלקע וואָלט געקענט פּער־זענלעך איבערגעבן ידיעות און באַריכטן פֿון פּאַריז צו פּעטערבורג און אויך צוריק. אויסער דעם פֿעלט מיר אויך די געלעגנהייט צו לערנען תורה בחברותא. איך בין גרייט אים צו צאָלן דאָפּלט פֿון דעם וואָס ער באַקומט ביי אײַך. ווילט איר מיר ברענגען דעם דאָזיקן קרבן?״

„מיט׳ן גאַנצן האַרצן״, האָט געענטפֿערט ר׳ מרדכי. „איך ברענג עס ניט אַזוי צוליב אײַך, ווי צוליב דער גוטער זאַך און כ׳קען אײַך גאַרניט זאָגן ווי גליקלעך איך בין וואָס איך קען אײַך מיט עפּעס מיטהעלפֿן, כאָטש איך מעג זאָגן, אַז ס׳איז מיר זייער שווער צו שיידן זיך פֿון אָט דעם גרויסן און באַשיידענעם תלמיד חכם. אָבער פֿאַר דעם דאָזיקן וויכטיקן צוועק איז ניט פֿאַראַן אַ קרבן, וואָס איך וואָלט ניט געבראַכט מיט דער גרעסטער צופֿרידנקייט״.

דעם קומענדיקן טאָג איז ר׳ משה מייזעלס אָפּגעפֿאָרן מיט ר׳ שמעלקע קיין פּאַריז, און איין טאָג שפּעטער איז דער רבֿ צוריקגעפֿאָרן קיין ליאַדי.

כו
ר׳ שמעלקע ביים רַב

זינט דעם פּעטערבורגער צוזאַמענטרעף זיינען פאַרביי פינף פּערטל יאָר, וואָס דער רַב האָט ניט באַקומען קיין שום דירעקטע ידיעה פון ר׳ משה מייזעלס פון פּאַריז. דערפאַר, אָבער, האָט ר׳ שמעלקע אָפּט געשריבן צו ר׳ מרדכי׳ן, וועלכער האָט באַלד נאָכ׳ן באַקומען פון יעדן בריוו, געלאָזט וויסן דעם רַב. נאָר איין מאָל האָט ר׳ שמעלקעס אַ בריוו אַנטהאַלטן גרוסן פון זיין בעל־הבית פאַר דעם רַב מיט דער קורצער פאַרזיכערונג, אַז אַלץ גייט גוט. זייט דעם האָט דער רב געלעבט אין אַ שטענדיקער דער־וואַרטונג, צו באַקומען אַ ידיעה וועגן דעם אָנהייב פון דעם רוסיש־פראַנ־צויזישן קריג. יענע צייט איז בכלל געווען פּאָליטיש זייער אַן אומרואיקע, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין די וויטסטע, פאַרוואָרפנסטע טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע און האָט אויפגערודערט אַלעמען, יונג און אַלט.

די דאָזיקע אויפרעגונג איז געקומען באַזונדערס צום אויסדרוק אין דעם פּורים פונעם יאָר ה׳תקע״ב (1812), כאָטש די טיפע ערנסטקייט איז אַ ביסל אונטערדריקט געוואָרן פון דער באַהערשנדיקער שמחת פּורים, פאַר דער קורצער צייט פון דער פּורים פייערונג.

אינעם זאַל פון רַב׳ס הויז איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם אין אַ פייערלעכער, פריילעכער שטימונג. דאָס זיינען מערסטנס געווען חסידים און תלמידים פון רַב, ווי אויך אַ צאָל מיטגלידער פון דער שטאָטישער קהילה, וועלכע זיינען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען לכבוד פּורים.

דער רַב איז געזעסן אויבן־אָן. די שמחה פון דעם טאָג האָט זיך איצט אָפּגעשפּיגלט אויף זיין הימלדיק־הערלעך געזיכט און אין זיינע טיף־קלוגע אויגן. דאָס האָט דערוועקט ביי די פאַרזאַמלטע אַ באַזונדערע פריידיקייט און פּורים׳דיקע „שטיפערישקייט״, וואָס מ׳וואָלט זיך ניט דערלויבט אין אַן אַנדער טאָג. אַזוי אַרום, האָט מען צווישן דעם געדיכטן עולם, וואָס איז געקומען הערן פון רַב טיפע דברי תורה מענינא דיומא, אויך געזען

אַזעלכע וועלכע זיינען געווען פאַרשטעלט אין פאַרשידענע מאַסקעס, ווי ס'פירט זיך פורים ביי אידן.

צווישן די מאַסקעס האָט מען אפילו געקענט מערקן די „צורה" פון „נאַפּאָלעאָן" און אויך פון דעם רוסישן קייסער, ווי אויך אַנדערע מיני פאַר־שטעלונגען. אין אַ ווינקל פון זאַל איז געווען באַזונדערס טומלדיק, ווייל דאָרט איז אויסגעבראַכן אַ „סכסוך" צווישן צוויי פאַרמאַסקירטע — אַ חסיד און אַ מתנגד. צוליב דעם האָט מען דאָרט באַלד „געקרוינט" אַ פורים־רב, — אַ יונגער שאַרפזיניקער תלמיד פון רַב.

די צוויי פאַרשטעלטע חסיד און מתנגד האָבן געפירט אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן זיך, און ווען ביים מתנגד האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע טענות ומענות, האָט ער אויסגעשריען: „די חסידים זיינען לויטער נאַראָנים און ליגנערס!"

אַזעלכע זידלווערטער, אַפילו מיט דער פרייהייט פון וואָרט, און אַפילו אום פורים, איז געווען אומדערהערט. ווען מען האָט דעם „פאַרברעכער" געפירט צום פורים־רב ער זאָל אים משפט'ן, האָט דער לעצטער פאַר־קנייטשט דעם שטערן און האָט דערקלערט:

„אַזאַ באַהויפּטונג איז געוויס זייער אַ גרויסער פאַרברעכן: דאָ מוז מען לויט דעם דין התורה געפינען אַלע מילדערונגס־גרונדן, וועלכע זאָלן קענען באַווירקן זיין באַפרייאונג. ער האָט אונדז אָנגערופן 'נאַראָנים' און 'ליגנערס'. גוט. וועגן אַ נאַר זאָגט שלמה המלך, אַז ער גלויבט אַלץ. 'נאַר', איז דעריבער נאָר אַ פּאַראַפראַזע פון גלויביק, און גלויביק זיינען מיר דאָך טאַקע און מיר באַרימען זיך אַפילו דערמיט. וואָס איז נוגע ליגנערס, — דער מדרש זאָגט, אַז ווען ג־ט האָט געוואָלט באַשאַפן דעם ערשטן מענטש, האָבן די מלאכים געבעטן, ניט צו באַשאַפן אים, ווייל ער וועט זיין פול מיט ליגנס. ג־ט האָט אָבער דעם מענטשן טראָץ דעם באַשאַפן. און מיר זאָלן זען אין דעם אַ באַליידיקונג? ער ווערט דערפאַר פרייגעשפּראָכן".

„אָבער", האָט גע'טענה'ט דער קעגנער פון דעם באַפרייטן, „דער מתנגד האָט אויך דערקלערט פאַר עדות, אַז משיח, ווען מען מיר דער־וואַרטן טעגלעך, וועט ניט זיין קיין חסיד נאָר אַ מתנגד! אַזעלכע לעסטע־רונגען זיינען דאָך ממש אומדערטרעגלעך!"

„דערמיט האָט ער געזאָגט דעם פולן אמת״, האָט געענטפערט דער פורים־רב.

די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע איז געווען געווענדעט צום פורים־רב: יעדערער איז געווען געשפּאַנט צו הערן ווי וועט ער רעכט־פאַרטיקן די דאָזיקע ווילדע באַהויפּטונגען. אָבער דער פורים־רב האָט מיט אַ פריילעכן שמייכל געזאָגט:

„די ערשטע באַדינגונג פאַר דער אויספירונג פון זיין ג־ט׳לעכער שליחות אויסצולייזן די וועלט איז, אַז משיח זאָל זיין ביי אַלעמען פול־שטענדיק באַגלויבט. איז אויב ער וואָלט געווען אַ חסיד, וואָלטן אים דאָך די מתנגדים ניט גלויבן, דערפאַר זיינען זיי דאָך מתנגדים. מיר, חסידים, אָבער, זיינען יאָ גלויביק, אַפילו אין שייכות צו אַ מתנגד און בפרט ווען ער איז משיח, דערפאַר קען ער ניט זיין קיין חסיד, נאָר ער מוז בדוקא זיין אַ מתנגד!״

די דאָזיקע קלוגע באַרעכטיקונג און באַגרינדונג פון דעם פורים־רב, האָט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג און אַ פריילעכן געלעכטער פון די אַרומיקע.

ווער עס האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם עולם אין זאַל, דער האָט געקענט באַמערקן איין מאַסקירטן, וועלכער האָט זיך דאָ שטיל באַוועגט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער שעה, ניט נעמענדיק אַנטייל אין דעם פריילעכן פאַרברענגען פון די אַנוועזנדיקע. ער האָט געפּרואווט די גאַנצע צייט זיך דערנענטערן צום רַב, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל דער מכניס־אורח איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן, אומדורכדרינגלעכן קרייז פון זיינע געטרייע חסידים. אָבער אין דעם גאַנצן „הו־האַ״ איז יעדער איינער געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיך אַליין, אַז ער זאָל נאָך האַלטן אַן אויג אויף אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

נאָר דער רַב אַליין האָט, זייט אַ געוויסער צייט, אָבסערווירט דעם דאָזיקן מענטש און געזען ווי ער באַמיט זיך זייער צוצוקומען צו אים. אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען דער גאַנצער עולם איז געווען פאַרטראָגן אין אַ שטורעמדיקן פורים־ניגון, האָט זיך דער רב אויפגעהויבן און געלאָזט זיין בליק וואַנדערן צווישן די פאַרזאַמלטע. ער האָט באַלד דערבליקט דעם שווייגנדיקן פאַרמאַסקירטן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט. דער רב איז

צו אים צוגעגאַנגען און שטיל אַ זאָג געטאָן: „איר זוכט שוין די גאַנצע צייט צוצוקומען צו מיר, האָט איר אַ באַזונדערן פאַרלאַנג?"

„דער רבי איז גוט און קלוג ווי אַ מלאך פון הימל, דער רבי דערקענט מיך?"

„איך דערקען אייך ניט, ווי איז דען דאָס מעגלעך?! איר זייט אַזוי פאַר־זיכטיק איינגעהילט און פאַרשטעלט, אַז מיר איז דאָס געוואָרן אויפפאַליק. אַלע אַנדערע פאַרמאַסקירטע ווילן גערן דערקענט ווערן, כדי די אַלגע־מיינע אָפּשאַצונג פאַר זייערע גוטע איינפאַלן זאָל קומען צו דעם ריכטיקן אַדרעס. דערפאַר פאַרשטעלן זיי זיך בכיוון ניט גענוג. אָבער איר זייט אַזוי גרינטלעך פאַרהוילן אין אייער מאַסקע, און זייט דערצו אַזוי שווייגעדיק, אַז דאָס האָט זייער צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. ערשט איצט, ווען איך הער אייך ריידן, געפין איך אַן ענלעכקייט מיט דער שטים פון אַ טייערן פריינד, און אויך מיט זיין וואוקס, אָבער ער וואוינט ווייט פון דאַנעט און ער קען איצט אוממעגלעך זיין דאָ".

„ער געפינט זיך אָבער יאָ דאָ, און ער מוז זייער דרינגלעך מיט אייך נאָך היינט אָוונט ריידן אַ שעה צייט, אַליין. ווער דאָס מעגלעך זיין? מאָרגן גאַנץ פרי, מוז איך ווייטער פאָרן קיין פעטערבורג".

„שלום עליכם, ר' שמעלקע; מיר טאָרן איצט ניט ריידן מער, כדי ניט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט; אַזוי גיך ווי איך וועל זיך קענען פריי מאַכן, וועל איך זיך צוריקציען, און איר זאָלט מיר נאָכפאָלגן".

צוויי שעה שפּעטער זיינען שוין געזעסן דער רַב און ר' שמעלקע איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן אין דעם רַב'ס לערן־צימער. דער רַב האָט אויסגעשטרעקט דעם גאַסט ביידע הענט און געזאָגט:

„קיין גרעסערע איבעראַשונג און קיין ריינערע שמחת־פורים האָב איך ניט געקענט האָבן, ווי די, וואָס אייער איצטיקער באַזוך האָט מיר פאַר־שאַפט. און מיט וויפל חכמה איר האָט עס איינגעאָרדנט, גראַדע אויף פורים צו קומען, ווען קיינער וועט אייך אין אייער פאַרקליידונג ניט דערקענען. איך האָף אַז איר ברענגט אויך גוטע באַריכטן וועגן דעם פראַנצויזישן המן און זיין מפלה; ריכטיק? אָבער דערציילט מיר אַלץ כסדר".

„מיין חכמה איז ניט אַזוי גרויס, אויך דער פּלאַן צו קומען אַהער אויף

פּורים, קומט פֿון ר׳ משה מײַזעלס: דאָס איז אַ חכם, איבער װעמען מען װאָלט געדאַרפֿט יעדן טאָג מאַכן אַ ברכה. און דערצו איז ער אַ גרױסער תּלמיד חכם און נאָך אַ גרעסערער ירא שמים. אַזעלכע למדנים, און יראי שמים האָבן מיר ב״ה בײַ אונדז אין רוסלאַנד פֿיל, אָבער אַלס װעלטלעכער בעל דרך־ארץ איז ער דער אײנציקער. װען מיר זיצן צוזאַמען און לערנען און מ׳לאָזט װיסן אַז ס׳איז געקומען אַ היכער דיפּלאָמאַט, װען ער טוט דאַן אױס זײַן לאַנגן כאַלאַט, נעמט אַראָפּ זײַן שװאַרצע יאַרמלקע, פֿאַרשאַרט די פּאות הינטער די אױערן און טוט זיך אָן אין הײַנטװעלטיקע, פֿראַנצױזישע קלײדער — דאַן דערקען איך אים אַלײן ניט. װען איך הער אים נאָכדעם הינטער דער האַלב־געעפֿנטער טיר רײדן פֿראַנצױזיש, אַזױ װי ער װאָלט געװען אַ געבאָרענער פֿראַנצױז, און װי ער שטײַגט אַלעמען אַריבער מיט זײַן חכמה, דאַן מײן איך אַז דאָס מוז זײַן אַן אַנדער מענטש, אַז דאָס איז גאָרניט ר׳ משה. ער באַװעגט זיך אין די קרײַזן פֿון גראַפֿן און פֿירשטן מיט דער זעלבער לײַכטקײט און זיכערקײט, װי אױף די געשלענגלטע װעגן פֿון תּלמוד. איך דאַרף דעם רבי׳ן גאָרנישט מער זאָגן, װי נאָר די אײן זאַך: ר׳ משה האָט געהאַט אַן אױדיענץ בײַ נאַפּאָלעאָנען אַלײן, עס איז אים געלונגען אַרױסצובאַקומען דעם פֿראַנצױזישן קריגס־פּלאַן קעגן רוסלאַנד. דאָ איז ער!״

בײַ די װערטער האָט ער אַרױסגענומען אַ גרױסן, פֿאַרזיגלטן קאָנ־װערט פֿון זײַן בוזעם־קעשענע און האָט עס אָװעקגעלײגט פֿאַר׳ן רבֿ.

„װי האָט דאָס ר׳ משה געקענט אַרױסקריגן?״ האָט דער רבֿ מיט גרױס פֿאַרװאונדערונג געפֿרעגט.

„װי? ר׳ משה קען אַלץ דורכפֿירן; ער האָט אַ סך סיעתּא דשמיא, אָבער די זאַך האָט אים שיער דאָס לעבן געקאָסט. איך קען זיך איצט ניט אױפֿהאַלטן מיט אַלע פּרטים, װײַל די צײַט איז זײער קורץ. איך מוז זײַן אין אײן און דער זעלבער צײַט מיט דעם גראַף טשערניטשעװ אין פּעטערבורג און איך האָב אַן אָנזאָג פֿון ר׳ משה׳ן נאָך פֿאַר דעם, צו פֿרעגן אַן עצה בײַם רבי׳ן״.

„די אײן זאַך אָבער מוזט איר מיר דערצײלן — װי איז ר׳ משה גע־קומען צו אַן אױדיענץ בײַ נאַפּאָלעאָן, װי האָט ער אַרױסבאַקומען דעם קריגס־פּלאַן און װי אַזױ עס האָט אים שיער ניט דאָס לעבן געקאָסט; דאַן

וועל איך אייך לאָזן ריידן, אָן איבעררייס, וועגן דעם וואָס איר ווילט מיך פרעגן״.

„אונדזער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז, פּירשט קוראַקין, איז אַ מענטש וואָס איז בשום אופן ניט פּעאיק צו באַהאַנדלען אַליין די שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס מיט וועלכע אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָסטן איז פאַרבונדן אויף יעדער שריט און טריט; דערפאַר האָט אים דער קייסער צוגעגעבן אַלס געהילף דעם הויפּט פון די קאַזאַקן טשערניטשעוו, וועלכער איז זייער קלוג און מיט זיין העלדישקייט און געוואַגטקייט קען זיך קיינער ניט פאַרגלייכן. מיט אים איז ר׳ משה שוין געווען גוט באַקאַנט נאָך פון ווילנע און איצט האָט ער זיך באַמיט אים צו פאַראינטערעסירן ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דעם פראַנצויזישן קריגס־פּלאַן.

די פראַנצויזישע העכערע באַאַמטע ביז צום קריגס־מיניסטער קען מען פּונקט אַזוי לייכט אונטערקויפן מיט געלט ווי די רוסישע. דער אונטערשיד באַשטייט העכסטנס אין דעם, וואָס אין פּאַריז פאַרלאַנגט מען פיל גרעסערע סומעס ווי ביי אונדז, אָבער אין דעם איז קיין מניעה ניט געווען.

אין זיינע פאַרהאַנדלונגען, וואָס טשערניטשעוו האָט געפירט מיט דעם פראַנצויזישן קריגס־מיניסטער, האָט זיך דער לעצטער פאַרהאַלטן אין אָנפאַנג אַבסאָלוט נעגאַטיוו. טשערניטשעוו האָט געקראָגן דעם איינדרוק, אַז דעם מיניסטער וועט מען קענען געווינען נאָר דאַן, אויב מען זאָל אים קענען איבערצייגן, אַז מען ווייסט שוין אין רוסלאַנד סיַיווי אין אַלגעמיין וועגן דעם גאַנצן פּלאַן און אַז ער וועט אייגנטלעך ניט באַגיין קיין פאַר־ראַט, ווען ער וועט נאָר צוגעבן צו אונדזערע אינפאָרמאַציעס מער אָדער ווייניקער וויכטיקע פּונקטן. אַזעלכע פּרטים זיך צו דערוויסן, האָט געזאָלט זיין ר׳ משה׳ס אויפגאַבע״.

„און ווי האָט ער די אויפגאַבע געלייזט?״ האָט דער רַב געפרעגט.

„איך ווייס ניט צי איך זאָל דערביי מער ווי אַלץ באַוואונדערן דעם שאַרפזין אָדער די קאָלאָסאַלע געדולד, וואָס איז מאָנאַטן־לאַנג נייטיק געווען פאַר אַזאַ אַרבעט מיט אַלע דעטאַלן, כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל.

ווען נאַפּאָלעאָן גרייט זיך צו פאַר אַ מלחמה, דאַן ציט ער זיך צוריק אויף גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד אין זיין ׳קאַרטע־צימער׳. דאָס איז אַ גרויסער

זאָל אין דעם טואילעריען־פּאַלאַץ, אין וועלכן עס זיינען אויסגעשפּרייט אויף די ווענט און אויף לאַנגע טישן לאַנד־מאַפּעס, פון וועלכע ער שטודירט דעם פּלאַן מיט אַלע נייטיקע פּרטים, די פאַרמירונג, גרופּירונג און דעם מאַרש פון די אַרמיי־טרופּן א. אַ. וו. ער לאָזט זיך דאָן ניט שטערן פון קיין שום רעגירונגס־געשעפטן און נאָר העכסט דרינגלעכע אוידיענצן נעמט ער אויף אין אָט דעם ,קאַרטע־זאַל׳ און פאַרטיקט זיי אָפּ זייער גיך. ר׳ משה׳ס שטרעבונג איז געווען צו באַקומען אַן אַריינטריט אין דעם דאָזיקן זאַל און דאָרט כאַפּן אַ בליק אויף די מאַפּעס.

אַ כלומר׳שטער דרינגנדיקער ענין פון דעם פּעטערבורגער קאַבינעט איז געלעגן אָנגעגרייט וואָכנלאַנג, כדי דאָס פאַרצולייגן פאַר נאַפּאָלעאָנען אין דעם געהעריקן טאָג. דורך דער לייכט אונטערגעקויפטער דינער־שאַפט, האָט מען זיך געמוזט דערוויסן אין וועלכן טאָג נאַפּאָלעאָן גיט אוידיענצן אין זיין ׳קאַרטע־צימער׳. אַז נאַפּאָלעאָן אַרבעט מיט אַן אומגע־וויינלעכן ברען און חשק אויף די צוגרייטונגען פון דעם קריגס־פּלאַן, האָבן מיר געוואוסט. גלייכצייטיק האָבן מיר אויך אויסגעפונען די סימנים וועלכע ער האָט באַנוצט דערביי. צום ביישפּיל די נאַפּאָלעאָנישע טרופּן זיינען באַ־צייכנט געוואָרן מיט רויטע און די רוסישע — מיט בלויע שטריכן. אויב עס געלינגט צו וואַרפן אַן אָריענטירנדיקן בליק אויף די קאַרטעס און דאָס גוט צו געדענקען, דאַן איז דערמיט שוין וויניקסטנס דערגרייכט אַזויפיל, וויפל ס׳איז נייטיק צו מאַכן דעם קריגס־מיניסטער גלויבן אַז מיר ווייסן שוין אַן אים די הויפּט סטראַטעגיע און ער וואָלט אונדז שוין דאַן צושטעלן די איבעריקע פּרטים״.

„און ר׳ משה האָט טאַקע באַקומען דעם צוטריט צו דעם ,קאַרטע־זאַל׳?״ האָט דער רבֿ פאַר׳חידוש׳ט געפרעגט.

„יאָ, מען האָט אים באַשטימט צו קומען צען אַזייגער אין דער פרי צו אַן אוידיענץ, אין דער פאַרטרעטונג פון דעם פירשט קוראַקין, וועלכער וואָלט לכתחילה געדאַרפט רעפּרעזענטירן די רוסישע רעגירונג, אָבער מיט דעם תירוץ אַז ער ,פילט ניט גוט׳, איז ר׳ משה געגאַנגען אַנשטאָט אים.

ער האָט פאַרגעבראַכט פאַר נאַפּאָלעאָן זיין פיקטיוון „וויכטיקן״ קאָמו־ניקאַט, און דערביי האָט ער ניט נאָר געלאָזט זיינע בליקן פאַלן איבער נאַפּאָלעאָנס פּלייצע, אויף די אויסגעשפּרייטע מאַפּעס, נאָר ער האָט נאָך דערצו אָנגעמערקט מיט׳ן טײַט־פינגער פון דער רעכטער האַנט אויף דעם

רעכטן נאָגל פון דעם גראָבן פינגער, די וויכטיקסטע ליניעס פון דעם פּלאַן. אָבער די דאָזיקע בליקן און האַנט־באַוועגונגען האָבן ניט אויסגעמיטן די אָדלער־אויגן פון נאַפּאָלעאָן. ער איז אויפגעשפּרונגען אין מיט׳ן זאַץ, אָנגע־פאַלן אויף ר׳ משה׳ן און מיט אַ היסטערישן קול האָט ער געשטורעמט און געדונערט קעגן אים:

׳איר זייט אַ שפּיאָן און איך לאָז אייך גלייך דערשיסן! ווען אַפילו אַלע רעגירונגען האָבן דאָ זייערע שפּיאָנען — אָבער אַז איינער זאָל וואַגן, שטייענדיק פאַר מיר בשעת אַן אוידיענץ, אויסצושפּיאָנירן מיינע קאַרטעס, און זיי נאָך דערצו צו קאָפּירן אין מיין קעגנוואַרט, דאָס איז אַ פאַרברעכן וואָס פאַרדינט טויט־שטראָף!״

ר׳ משה האָט ניט פאַרלאָרן אויף קיין איין מינוט זיין רואיקייט. נאַפּאָ־לעאָן האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום גלעקל, כדי צו לאָזן אים אַרעסטירן דורך זיינע מענטשן, ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט און אַ זאָג געטאָן:

„איך וועל זיך ביים צאַר אַלעקסאַנדער דירעקט באַקלאָגן קעגן זיין היגער אַמבאַסאַדע, איר קענט איצט גיין״.

ר׳ משה האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט׳ן רוקן, אַזוי אַז ער האָט גלייך געקענט פאַרלאָזן דעם ׳קאַרטע־זאַל׳. וואָס ר׳ משה האָט געוואָלט דערגרייכן איז אים פולקום געלונגען. ער איז אַוועק אַהיים, האָט אויפגעצייכנט אויף אַ בלאַט פּאַפּיר אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, און ערשט דאַן האָט ער מיר דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס אָנגע־צייכנטע בלאַט, און געזאָגט:

׳דאָס דאָזיקע בלאַט זאָלט איר טיף פאַרשטעקן אין אַ געהיימער קעשענע און גוט אַכטונג געבן עס זאָל אונדז ניט פאַרלאָרן גיין. יעדן אויגנבליק קען מען מיך פאַרהאַלטן און דערשיסן. אין יעדן פאַל וועט נאַפּאָלעאָן אויף מיר אָנשיקן אַ גאַנצע באַנדע געהיימע פּאָליציאַנטן, וועלכע וועלן נאָכשפּירן יעדן טריט מיינעם. איך מוז גלייך גיין צו אונדזער אַמבאַ־סאַדע, כדי איבערצוגעבן אַ פאָרמעלן באַריכט, ווייל די דעטעקטיוון, וועלכע רינגלען מיך איצט אַרום, וועלן האָבן אַ שטאַרקן פאַרדאַכט, אויב איך וועל באַלד נאָך מיין אוידיענץ ביי נאַפּאָלעאָן ניט גיין זען דעם פירשט

קוראַקין. אויב מען וועט מיך אויפן וועג ניט פאַרהאַלטן, וועל איך זיין צוריק שפעטסטנס אין אַ שעה אַרום. ווי עס וועט מיר איצט מעגלעך זיין, צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם קריגס־מיניסטער, דאָס ווייס איך אַליין ניט, ווייל איין איינציקער באַזוך ביי אים, קען מיר און אים קאָסטן דער קאָפּ.

דער רַב האָט אונטערבראָכן דעם באַריכט מיט דער פראַגע:

„און וואָס איז מיט ר׳ משה איצט, ער לעבט און איז געזונט?"

„ר׳ משה לעבט און איז געזונט, אַ דאַנק ג־ט, און געפינט זיך אין פּאַריז. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן וואונדערבאַר. אַ טאָג נאָכדעם האָט אונדז באַזוכט אַ הויכער באַאַמטער פון דעם פראַנצויזישן קריגס־מיניסטעריום, און געזאָגט צו ר׳ משה, אַז ער קומט דירעקט פון קריגס־מיניסטער. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויסגעדריקט מיט באַוואונדערונג וועגן זיין דרייסטקייט, מוט און קוראַזש, ווי פון איינעם וואָס קומט זען דעם לייב אין זיין הייל... נאַפּאָלעאָן האָט אים באמת געוואָלט אומברענגען, אָבער אים איז פּלוצלונג איינגעפאַלן אַן אַנדער געדאַנק. ער וויל דעם מאַן, וועלכער איז פעאיק אויף אַזאַ העלדישקייט, געווינען פאַר זיינע אייגענע צוועקן! אַזוי ווי אים איז געווען זייער נוגע צו וויסן פּרטים וועגן דעם רוסישן קריגס־פּלאַן האָט ער אים פאָרגעשלאָגן אַז אויב ער וויל דאָס אים פאַרשאַפן, וועט ער אים באַצאָלן דערפאַר יעדן פאַרלאַנגטן פּרייז. אויב ער, ר׳ משה, איז מסכּים אויף אָט דעם פאָרשלאַג, דאַן זאָל ער זיך דירעקט ווענדן צום פראַנצויזישן קריגס־מיניסטער און מיט אים דיסקוטירן וועגן אַלע דעטאַלן... אויב ער וויל אָבער ניט איינגיין אויף דעם, וועט נאַפּאָלעאָן אים לאָזן טויטן אַלס שפּיאָן.

ר׳ משה האָט זיך באַלד דערקלערט גרייט צו דערפילן דעם וואונטש פון נאַפּאָלעאָן און האָט פאַרשפּראָכן, נאָך אין דעם זעלביקן טאָג, זיך צו טרעפן מיט דעם קריגס־מיניסטער. אויף דעם אופן האָט זיך נאַפּאָלעאָן אַליין געפאַנגען אין זיין אייגענער כיטרע־אויסגעשפּרייטער נעץ. ווייל זייט דאַמאָלסט האָט ר׳ משה געקענט קומען אַפּט און פריי אין פראַנצויזישן קריגס־מיניסטעריום.

דעם קריגס־מיניסטער האָט ר׳ משה דערקלערט קאָנפידענציעל, אַז ער וועט פאַר קיין שום פּרייז אין דער וועלט ניט איינגיין אויף נאַפּאָלעאָנס פאַרשלאַג, אָבער לפּנים וועגן, כדי צו דערהאַלטן זיין לעבן, איז ער גע־

צוואונגען דערצו. עס איז אים איצט אָנגעקומען לייכט צו פועל'ן ביי דעם מיניסטער, פאַר אַן אומגעהייער גרויסער סומע געלט, אַרויסצוגעבן דעם פראַנצויזישן קריגס־פּלאַן. צו דערציילן אַלע פּרטים, איז אָבער די נאַכט צו קורץ. דער פאַקט איז, אַז איך האָב דעם קריגס־פּלאַן דאָ מיט מיר און אַז איך וועל אים מאָרגן ברענגען קיין פּעטערבורג".

„מיר איז פון אייער באַריכט עטלעכע זאַכן נאָך ניט גענוג קלאָר", האָט דער רַב באַמערקט. „איר זאָגט, ר' משה האָט לפנים וועגן איינגעוויליקט צוצושטעלן נאַפּאָלעאָנען דעם רוסישן קריגס־פּלאַן. דאַן וואָלט ער דאָך אויך לפנים וועגן געמוזט גיין קיין רוסלאַנד, און איר זאָגט, אַז ער לעבט בשלום אין פּאַריז. נאָכדעם זאָגט איר, אַז איר האָט דעם קריגס־פּלאַן אין קעשענע, כדי אים צו ברענגען קיין פּעטערבורג; פאַרוואָס ברענגט אים ניט ר' משה אַליין?"

„ווען ר' משה האָט איין טאָג נאָך זיין אוידיענץ ביי נאַפּאָלעאָנען געהערט וועגן זיינע כוונות, אים צו אַנגאַזשירן פאַר זיינע פראַנצויזישע קאַמפּאַס־אַקציעס, האָט ער אין אָנהויב גאָר ניט געטרויט די גאַנצע געשיכטע. ער האָט געטראַכט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אפשר די כוונה אים צו האַלטן וואָס ווייטער פון פּאַריז, און אפשר אויך, ווען ער וועט אַרויספאָרן אויף אַזאַ ווייטער רייזע, וועט ער אים אונטערשיקן מערדער, וועלכע זאָלן אים אונטערוועגנס באַפאַלן און דערמאָרדן. ווייל אומברענגען דעם רעפּרעזענטאַטיוו פון אַ „פריינדלעכער" מאַכט צוליב אַ פאַרדאַכט פון שפּיאָנאַזש, בלויז אויפן גרונד פון אַ בליק און אַ האַנט־באַוועגונג, וואָלט געווען ווייט צו דראַסטיש, אַזוי אַז אַפילו דער הפקר'דיקער נאַפּאָלעאָן וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשרעקן דערפאַר. ר' משה האָט געמיינט אַז ס'איז בעסער פאַר אים ניט אויסצונוצן די געלעגנהייט אַוועקצופאָרן פון פּאַריז, כדי אַזוי אַרום אָפּצושוואַכן נאַפּאָלעאָנס פאַרדאַכט. ער האָט געזאָגט דעם קריגס־מיניסטער, אַז ער וויל אָנפאַרטרויען דעם שעף טשערנישעוו מיט דער דאָזיקער מיסיע, ווייל ער טויג זיך דערצו בעסער אויס און אויך צוליב זיינע בעסערע באַציאונגען מיט דעם רוסישן גענעראַל־שטאַב. טשערנישעוו איז טאַקע געפאָרן קיין פּעטערבורג און איז צוריקגעקומען זעקס וואָכן שפּעטער מיט דעם רוסישן קריגס־פּלאַן, וועלכער געפינט זיך שוין היינט, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם פראַנצויזישן קריגס־מיניסטער, אין נאַפּאָלעאָנס הענט. דער פּלאַן איז אָבער פאַקטיש פאַלש און איז אויסגעאַרבעט געוואָרן נאָר אויף צו פאַרפירן און אָפּצונאַרן נאַפּאָלעאָנען...

ר׳ משה האָט באַקומען דערפאַר 400,000 פראַנקן, וואָס ער האָט ביז צו דעם לעצטן סענטים איבערגעלאָזן פאַר טשערניטשעוו. איצט האָט ער גאָר־נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר נאַפּאָלעאָן. ער וויל אָבער דערווייל פּאַריז ניט פאַרלאָזן, ווייל יעדער טאָג און אַפילו יעדע שעה ברענגט מיט זיך איבערראַשונגען, וואָס קיינער קען ניט אַזוי גיך און אַזוי זיכער אויסגע־פינען ווי ער, און וועלכע ער איז מודיע מאַמענטאַל אין פּעטערבורג״.

„ווער זאָגט אייך אָבער, אַז איר זייט ניט אַליין די אָפּגענאַרטע, און אַז אייער פראַנצויזישער קריגס־פּלאַן איז ניט פּונקט אַזוי געפעלשט געוואָרן אַזוי ווי דער רוסישער, וועלכן טשערניטשעוו האָט געבראַכט?״

„וועגן דעם קען דער רבי זיין פולקום באַרואיקט, מיר זיינען זיכער מיט אונדזער זאַך: ווען איך זאָל אויסרעכענען דעם רבי׳ן אַלע פאַר־בינדונגען וואָס ר׳ משה האָט אָנגעקניפּט, כדי זיך צו פאַרשאַפן אָט די זיכערקייט, וואָלט אונדז דאָס איצט צו ווייט פירן. די צייט איז קורץ, איך מוז שפּעטסטנס אין אַ שעה אַרום ווייטער פאָרן״.

„און וואָס איז דאָס וואָס איר האָט מיך געוואָלט פרעגן?״

„ר׳ משה האָט מיר געגעבן דעם אויפטראַג צו פרעגן ביים רבי׳ן דאָס פאָלגנדיקע: נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט פאַר דעם קריג מיט רוסלאַנד קאָלאָ־סאַל גרויסע הכנות און האָט פּערזענלעך אויסגעאַרבעט אַלע פּרטים, ביז צו די לעצטע פּונקטן. אויסער זיינע פראַנצויזישע סאָלדאַטן האָט ער אויך מאָביליזירט די טרופּן פון ריינבונד, עסטרייך און פּרייסן, פּאָרטוגעזן, שפּאַניער, שווייצער, איטאַליענער, פּוילן און איליריער, אַרויסצוטרעטן קעגן רוסלאַנד. אויסער די סאָלדאַטן שיקט נאַפּאָלעאָן קיין רוסלאַנד גאַנצע צוגן מיט האַנטווערקעס, בעקערס, וואָפנשמידן, שניידערס און שוסטערס. קיין דאַנציג אַליין ווערן געשיקט 20,000 מאַן, כדי דאָרטן צו פּראָדוצירן אַלץ וואָס ס׳איז אין רוסלאַנד און פּוילן שווער אָדער גאָר אוממעגלעך צו באַקומען. דערצו וועט קומען אַ ריזן־פּלאַט מיט וואַגאָנען פאַר דער טראַנספּאָרטאַציע פון מכשירים און אינסטרומענטן פאַר דעם אינזשענירן קאָרפּוס, זעקס בריקן, א. ד. גל. לויט די אַרמיי־ליסטעס, וועלכע מיר האָבן זיך פאַרשאַפט, וועלן אַרויסמאַרשירן קעגן רוסלאַנד פּאַקטיש אַרום 417,000 מאַן, דערביי האָט דער קריגס־מיניסטער אַליין דערקלערט ר׳ משה׳ן, אַז די דאָזיקע צאָל איז ניט פולקום: זי האָט געזאָלט דערגאַנצט ווערן ביז 600,000 מאַן.

אַנטקעגן אָט דעם גוט דורכגעטראַכטן פּלאַן, וואָס זיין אויספירונג באַדייט אַ גאַנצע פעלקער־וואַנדערונג, שטייט רוסלאַנד אַזוי גוט ווי ניט צוגעגרייט. לויט אונדזערע אַרמיי־ליסטעס האָבן מיר געזאָלט האָבן אַרום 1,200,000 מאַן, פון וועלכע נאָר 500,000 מאַן קענען באַצייכנט ווערן אַלס אַקטיווע, אָבער דאָס שטייט אַלץ נאָר אויף דעם פּאַפּיר. באמת האָבן מיר אין אונדזער רשות ניט מער ווי 300,000 מאַן. אויסער דעם זיינען די געלטער, וואָס זיינען געווען אַסיגנירט פאַר אַ דרייפאַכיקער ריי פון מאַגאַזינען פאַר זאַפּאַסן פון פּראָוויאַנטן א. ד. גל., פאַרשווינדלט געוואָרן".

דער רַבּ האָט ביי די דאָזיקע ידיעות טיף אָפּגעזיפצט און האָט אָנגעוואונקען ר' שמעלקע צו פאָרזעצן זיין באַריכט.

„דערצו קומט נאָך צו וואָס אונדזער צאַר איז נעגאַטיוו באַווירקט געוואָרן, דורך פאַלשע באַריכטן און אינטריגעס, צו דערוויטערן פון זיך דוקא די איידלסטע און איבערגעגעבנסטע מענטשן. אַזוי האָט ער דעם גראַף ספּעראַנסקי, ביי וועמען ר' משה פלעגט ביי זיינע אַמאָליקע פּעטערבורגער באַזוכן וואוינען, פאַרטריבן ערגעץ טיף אין רוסלאַנד. זיין כלומר'שטער פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט פראַנצויזישע געלערנטע, וואָס האָט געטראָגן באמת אַ גאַנץ אומשולדיקן כאַראַקטער. אָט די האַרטקייט האָט ר' משה'ן באַזונדערס ווייגעטאָן, ווייל קיינער איז ניט אין דער לאַגע אַזוי ווי ער, אויפצואווייזן די אומשולד פון דעם גראַף. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט איינשטעלן פאַר אים, סיידן זיך איינצורייסן מיט דעם גראַפ'ס פיינד. און די דאָזיקע פיינד זיינען אַזעלכע, וועלכע זיינען אפשר אַליין באַפּולמעכטיקט און באַשטימט דורך זייערע עצות צו שיצן די רוסישע אימפּעריע פון דער געפאַר, פאַר וועלכער זי שטייט ביי דעם מאָמענט. דערמיט קום איך צו דעם אייגנטלעכן פונקט, וועגן וואָס ר' משה בעט אַן עצה פון דעם רבי'ן.

„צווישן די פיינד פון דעם גראַף ספּעראַנסקי, ווערן פאַררעכנט דער שוועדישער באַראָן אַרמפעלד, דער גענעראַל פפועל און אונדזער איצטיקער קריגס־מיניסטער באַרקליי דע טאָלי. די דאָזיקע דריי מיליטערישע ראַטגעבער פונעם צאַר זיינען איינשטימיק פאַר אַ קריגס־פּלאַן, וועלכן דער גענעראַל פפועל האָט אָנגעצייכנט. דער פּלאַן איז באַזירט אויף דער אייגנאַרטיקייט פון רוסלאַנד'ס געאָגראַפישע באַדינגונגען און באַשטייט בעיקר אין דעם, אַז מען זאָל מוזן לכתחילה מקריב זיין איין טייל פונעם לאַנד, כדי

מיט מער זיכערקייט צו קענען ראַטעווען די גאַנצע אימפּעריע. זיי ראָטן אַז די רוסישע אַרמיי זאָל ניט אַריינגיין אין אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט, נאָר פירן בלויז אַ פאַרטיידיקונגס־קריג: לאַנגזאַם זיך צוריקציען, פאַרניכטנדיק אַלץ וואָס עס קען זיין נוצבאַר פאַר דעם שונא, און אַזוי אַרום אַריינלאָקן די פראַנצויזן אַלץ ווייטער און טיפער אין לאַנד אַריין, וואו זיי וועלן זיך אָנ־שטויסן אָן פאַרשידענע שוועריקייטן, צוליב איר וויסטער נאַטור — אַזוי ווי דער ריזיקער שטח לאַנד, וואָס איז זייער ווייניק באַפעלקערט און גאָר שיטער פאַרבויט מיט ישובים — וואו ס׳זאָל פאַר נאַפּאָלעאָנען זיין אוממעגלעך צו באַקומען די נייטיקע מיטלען צו באַשפּייזן און באַזאָרגן מיט אַנדערע נייטיקייטן זיין קאָלאָסאַלע אַרמיי:

האָב איך זיך דייטלעך גענוג אויסגעדריקט?״

„פולקום, רעדט ווייטער״.

„מיט דעם דאָזיקן פּלאַן איז אונדזער קייסער, זיין גענעראַל־שטאַב און דער גרויסער טייל פון דעם העכסטן אַדל נ׳ט מסכים. זיי זיינען ניט פאַר אַ פאַרטיידיקונגס־טאַקטיק, נאָר פאַר אַן אַנגריפס־קריג. דער שונא זאָל באַלד ביי דעם גרענעץ באַגעגנט ווערן פון אונדזער אַ מעכטיקן מיליטערישן כח, וואָס זאָל דורך אַן אַנטשיידונגס־שלאַכט אים אָפּהאַלטן פון אַריינדרינגען טיפער אין לאַנד, אָדער זיי זאָלן געצוואונגען ווערן זיך צוריקצוציען.

זיי דערקלערן דעם פּלאַן פון דעם גראַף פפועל פאַר אַבסאָלוט פאַלש און אַלס אַן אומבאַגרינדעטע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע פאַרוויסטונג פון דער רוסישער מלוכה. צו אַזאַ פּלאַן, מיינען זיי, קענען נאָר ראָטן אַזעלכע מענער ווי פפועל, אַרמפעלד און באַרקליי דע טאָלי, וועלכע זיינען אויס־לענדער, וועמען די צעשטערונג פון רוסלאַנד רירט נישט שטאַרק אָן.

דער אמת איז, אַז דער אַדל האָט מורא נאָר פאַר דער צעשטערונג פון זייערע פּערזענלעכע צאַלרייכע גיטער און דערפאַר באַקעמפן זיי דעם ערשטן פּלאַן. אין דער צייט וואָס נאַפּאָלעאָן קען אין געציילטע וואָכן אַריבערטרעטן דעם רוסישן גרענעץ, קען מען אין פּעטערבורג זיך ניט אַנטשליסן, פאַר וועלכן קריגס־פּלאַן זיך צו אַנטשיידן. דאָס מוז איצט אויפ־הערן, און מען מוז אין משך פון אייניקע טעג אָננעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס פאַר איין קריגס־פּלאַן אָדער דעם אַנדערן, אויב מיר ווילן ניט אַן אַ פּלאַן און אָן דער געהעריקער באַשיצונג ווערן אַ קרבן פון נאַפּאָלעאָן.

צו וועלכן פון די ביידע דערמאָנטע פּלענער וואָלט דער רבי געראָטן? דאָס איז די גורל'דיקע פראַגע, וואָס איר ענטפער מוז איך איצט מיטנעמען קיין פּעטערבורג. דאָרטן וועל איך זיך צוזאַמענטרעפן מיט דעם גראַף טשערניטשעוו. ער האָט אַזוי ווי איך אַ קאָפּיע פון דעם פראַנצויזישן קריגס־פּלאַן. ר' משה האָט געלאָזט מאַכן דריי קאָפּיעס, איינע פאַר טשערניטשעוו, אַ צווייטע פאַר מיר און די דריטע האָט ער באַהאַלטן אַז אין פאַל נאַפּאָלעאָנס דעטעקטיוון וועלן אונדז אונטערוועגנס פאַרהאַלטן, זאָל נאָך אַלץ איבערבלייבן איין עקזעמפּלאַר.

ר' משה האָט טשערניטשעוו'ן אָפּגעגעבן די 400,000 פראַנקען נאָר דערפאַר, ער זאָל פאַרשפּרעכן, אַז ער וועט אין פּעטערבורג מיט דער גאַנצער ענערגיע זוכן צו באַאיינפלוסן דעם קייסער און דעם גענעראַל־שטאַב פאַר דעם פּלאַן, וועלכן איך וועל אים פאַרשלאָגן. דער רבי זאָל דערפאַר דעציזירן, און דער באַשלוס פון דעם רבי'ן וועט זיין פאַר אונדז אַנטשיידנדיק ווי צו פירן דעם קריג קעגן נאַפּאָלעאָנען".

אויסגעשעפּט און אויסגעמאַטערט איז ר' שמעלקע איצט אַנטשוויגן געוואָרן. די לאַנגע רייזע מיט אירע פיזישע אָנשטרענגונגען, די קאָלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין שווערער מיסיע און די גייסטיקע איבערלעבונג, האָבן זיך ערשט איצט געלאָזט אָנזען און פילן אין דער פולסטער מאָס, ווען ער האָט שוין געהאַט דערליידיקט דעם ערשטן טייל פון זיין שליחות.

דער רב איז אייניקע מינוטן שווייגנדיק אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, דאַן איז ער געבליבן שטיין פאַר זיין גאַסט און געזאָגט:

„איר וואָלט פון מיר פאַרלאַנגט אַן אוממעגלעכע זאַך, אַז איך זאָל אַרויסזאָגן מיין באַשלוס אין אַזאַ קריטישן ענין, וועגן וועלכן איך בין ערשט איצט אינפאָרמירט געוואָרן, ניט האָבנדיק גענוג צייט טיפער אַריינצוטראַכטן אין דעם. אָבער וואָס איר האָט מיר דאָ ערשט געזאָגט, איז מיר ניט ניי, חוץ די נעמען פון די פערזאָנען, וועלכע איר האָט דערמאָנט. ווען איך בין נאָך מיט פינף פערטל יאָר צוריק געווען אין פּעטערבורג, האָט מיר דונדוקאָוו גרינדלעך און פולשטענדיק אינפאָרמירט וועגן די ביידע שיטות פון די הויף־לייט. איך האָב דערפאַר געהאַט גענוג צייט וועגן דעם גוט איבערצוטראַכטן. וואָס איז ר' משה'ס מיינונג?"

„ר' משה האָט מיך געבעטן צו פרעגן דעם רבי'נס מיינונג, איידער איך

זאָג צו וועלכן פּלאַן ער איז נוטה, כדי די אַנטשיידונג פון רבי׳ן זאָל זיין אַבסאָלוט פריי פון יעדן איינפלוס פון אַן אַנדער מיינונג״.

„דאָס נעם איך אָן מיט זיכערקייט. אָבער איך וועל אייך זאָגן די מיינונג פון ר׳ משה, אויב איר קענט מיר נאָר זאָגן, וואָס עס שטייט אין אייער פּראָנצויזישן קריגס־פּלאַן. איז נאַפּאָלעאָנס פּלאַן באַזירט אויף אַן אַנגריפס־קריג, וויל ער אויב אַזוי עס זאָל אַזוי גיך ווי מעגלעך קומען צו אַן אַנט־שיידנדיקער שלאַכט, דאַן מוזן מיר טאָן פאַרקערט און מוזן זיך צוגרייטן פאַר דעם פאַרטיידיקונגס־קריג, דאָס הייסט זיך אַנטשיידן פאַר דעם ערשטן פּלאַן. אינעם אַנדערן פאַל, מוזן מיר האַנדלען פאַרקערט און זיך אַנט־שליסן פאַר אַן אַנגריף ביי דעם גרענעץ״.

„נאַפּאָלעאָן וויל עס זאָל קומען אַזוי גיך ווי מעגלעך צו אַן אַנטשיי־דונגס־שלאַכט, ער וויל ביי קאָוונע אַריבערגיין דעם טייך ניעמאַן און ער דערוואַרט אַז מען וועט אים שוין דאָרטן, אָבער שפּעטסטנס אין סמאָלענסק באַגעגענען מיט אַלע מאָביליזירטע טרופּן״.

„דאַן בין איך פאַר דעם ערשטן פּלאַן, און איך בין זיכער אַז דאָס איז אויך די מיינונג פון ר׳ משה, ס׳איז אַזוי?״

„אַזוי איז דאָס; און ג־ט צו דאַנקן, אַז דאָס איז אַזוי, אַז די חכמה פון רבי׳ן און די פּראַקטישע דערפאַרונג פון ר׳ משה שטימען איין אַזוי פול־שטענדיק. איצט צווייפל איך ניט אַז דער דאָזיקער וועג איז דער וועג אויף וועלכן מיר וועלן מיט ג־ט׳ס הילף דעם שונא פון דער מענטשהייט אומ־שעדלעך מאַכן. אַ יישר־כוח, רבי, פאַר אייער עצה; איצט וועל איך אַוועק־פאָרן״.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך ר׳ שמעלקע אויפגעהויבן און געבעטן דעם רבי׳ס ברכה, דאַנקענדיק אים ווידער און נאָכאַמאָל פאַר זיין קלוגער עצה.

„מען מוז באמת ניט זיין קיין חכם, כדי אונטער אַזעלכע אומשטענדן צו געבן אַזאַ עצה. אָבער איך בין אייך מודה, אַז אויב אפילו נאַפּאָלעאָנס סטראַטעגיע וואָלט געווען אויסגערעכנט אויף אַ רוסישן פאַרטיידיקונגס־קריג, וואָלט איך אויך געשטימט דערפאַר, אַז מען זאָל אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך אויסמיידן אַן אָפענע שלאַכט, נאָר אַריינציען אים טיפער און טיפער אין לאַנד און דאָרטן זאָל ער קריגן זיין מפּלה.

„דאָס, וואָס ער האָט דורך זיין אַנטשיידונג געמאַכט די אונדזעריקע אַ סך לייכטער, זע איך אין דעם די ערשטע באַשיינפּערלעכע פאַרבלענדונג, מיט וועלכער ג־ט שטראָפט אַלע בעלי גאוה, איידער ער שליידערט זיי אַרונטער פון זייער העכסטער הויך אין די טיפסטע טיפענישן.

„עס וועט איצט זיין לייכט צו איבערצייגן דעם קייסער מיט זיינע מלוכה־ראַטגעבער וועגן אונדזער פּלאַן; און דאָס זאָג איך אייך שוין היינט: נאַפּאָלעאָן וועט אין דעם דאָזיקן קאַמף ווערן צעקלאַפּט און צעשמעטערט, אַז פון דער מפּלה וואָס ער וועט ליידן אויף דעם רוסישן באָדן, וועט ער שוין מער צו זיך ניט קומען. זאָגט דאָס צו ר׳ משה אין מיין נאָמען, מיט מיין דאַנק און מיינע וואַרעמסטע ברכות פאַר אים און פאַר אייך. השם יצליח דרכך, אמן״.

עס האָט שוין אָנגעפאַנגען צו גרויען דער פרימאָרגן, ווען ר׳ שמעלקע איז אין פולן געצייג און געיאָג אָפּגעפאָרן אין זיין שליטן.

כז

אינוואַזיע פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי

נייע אַנטוויקלונגען און פּאַסירונגען האָבן פון איצט אָן נאָכמער צוגעאײַלט דעם אויסברוך פון דער מלחמה. דער רב, וועלכער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם מצב, האָט געמאַכט זיינע צוגרייטונגען דערצו. ער האָט אונטערגענומען גרעסערע און קלענערע רייזעס און אומעטום האָט ער זיך באַמיט אויפצוקלערן די אידישע מאַסן און זייערע פירערס וועגן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע און וועגן די פליכטן וואָס זי לייגט אַרויף סיי אויף דעם כלל און סיי אויף דעם פרט. דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל אַ סך פון זיי האָבן נאַפּאָלעאָנען גלאָריפיצירט און האָבן געזען אין אים דעם באַפרייער, וואָס נאָר ער וועט קענען אויסלייזן דאָס רוסישע אידנטום פון אַלע בזיונות און דערנידעריקונגען, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט, זייט הונדערטער יאָרן.

אין אַ פלאַם־פייערדיקן עקסטאַז האָט ער אַפּעלירט צו אַלעמען און זיי גענעבן צו פאַרשטיין די נייטיקייט, ביי דער דערנענטערונג פון שונא, צו פאַרלאָזן זייערע היימען און אַלץ וואָס זיי לאָזן איבער, ניט קענענדיק מיט־נעמען מיט זיך, זאָלן זיי צעשטערן און פאַרניכטן, כדי עס זאָל ניט אַריינ־פאַלן אין די הענט פון דעם פיינד. עס איז פאַרשטענדלעך אַז דער רב האָט געזאָלט זיין דער ערשטער צו ווייזן זיי אַ ביישפּיל פון אַזאַ האַנדלונג. אַזאַ אַקט, האָט ער זיי אויפגעקלערט, איז ניט נאָר אַ געבאָט פון פּאַטריאָטיזם און טרייקייט צום קייסער און צום לאַנד, נאָר אויך אַ פליכט פון דער אידישער אמונה, נעמענדיק אין אַכט נאַפּאָלעאָנ׳ס גרינגשאַצונג פון רעליגיע, זיין אָפּרייסן אַלעמען פון ג־ט, זיין פאַר׳סמ׳ען די מאָראַל, דאָס פאַרגיפטן די עטיק; אָט די דאָזיקע גייסטיקע פאַרניכטונג, וואָס איז געווען די ענדגילטיקע קאָנסעקווענץ פון נאַפּאָלעאָנ׳ס אַרײַנטריט אומעטום.

אין קעגנזאַץ צו דער ערנסטער אויפפאַסונג פון דעם דאָזיקן מצב, איז געווען די שטימונג אין די העכסטע קרייזן אין פּעטערבורג ביז צום קייסער אַרויף. די באַמיאונגען פון די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַלטן פון דעם

פלאַן אַריינצוציען דעם שונא אין דעם אינעווייניקסטן טייל פון רוסלאַנד, כדי אים דאַרטן צו געבן דעם טויט־קלאַפּ, האָבן ניט געקענט איבערצייגן דעם קייסער און ס'איז זיי ניט געלונגען אים צו געווינען דערפאַר. אין אַן אומבאַגרייפלעכן פאַלשן באַנעם פון די אַזוי גוט באַקאַנטע און קלאָרע פאַקטן, האָט מען דאָרטן בכלל ניט געגלויבט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ באַלדיקער מלחמה מיט אַ מאַכט, וואָס איז געווען יד אחת מיט רוסלאַנד און פאַרבונדן דורך אָפּמאַכן און בונדן; אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל ברעכן אָפּמאַכן און בונדן, וועלכע זיינען אים געווען אומבאַקוועם, און אין טיפסטן פרידן דערקלערן זיינע אַליאירטע קריג!

ווען נאַפּאָלעאָן האָט דעם 9טן מאַי 1812 פאַרלאָזן פּאַריז, איז שוין זיין שטאַרקע אַרמיי פון 600,000 מאַן געווען פאַרזאַמלט ביי די ברעגן פון ווייכסעל.

ווי ווייניק דער קייסער אַלעקסאַנדער האָט זיך געריכט אויף אַ בקרוב אָנקומענדיקן קריג, ווי ער איז דערפון בפירוש זייער איבערראַשט געוואָרן, כאָטש די רוסישע אַמבאַסאַדע אין פּאַריז האָט אים באַריכטעט וועגן אַלע נאַפּאָלעאָנס שריט, קען מען זען פון דעם פאָלגנדיקן היסטאָריש באַשטעטיקטן פאַקט:

אין אַ דיסטאַנץ פון אַ האַלבער שעה פון ווילנע, האָט זיך געפונען דער שלאָס פון דעם רוסישן גענעראַל בעניגסען, אין מיטן פון גרויסע וועלדער און אַרומגערינגלט מיט אַ הערלעכן פּאַרק. אין די פּרעכטיקע זאַלן פון אָט דעם שלאָס איז פאָרגעקומען דעם 24טן יוני 1812 אַ גרויסאַרטיקער באַל לכבוד דעם צאַר אַלעקסאַנדער, וועלכער איז אָקאָרשט געווען אָנגעקומען פון פּעטערבורג. די געזעלשאַפט — וועלכע איז באַשטאַנען פון הויכע מלוכה־לייט, אָנגעטאָן אין רייך דעקאָרירטע מונדירן, און עלעגאַנט געקליידעטע דאַמען — האָט זיך געמיטלעך אונטערהאַלטן אין אַ שטימונג פון אַבסאָלוטן פרידן.

פּלוצלונג יאָגט אָן אין הויף מיט אַ גאַלאָפּ אַן אָפיציר פון דעם גענעראַל־שטאַב, באַדעקט פון קאָפּ ביז פוס מיט שטויב און שמוץ, שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, לויפט אַרויף די טרעפּ פון דעם שלאָס און פאָדערט צו זען מאַמענטאַל זיין מאַיעסטעט דעם קייסער. די לאַקייען, וועלכע ווילן אים מאַכן שוועריקייטן, שוין צוליב דעם וואָס ער זעט ניט אויס צו פּרעזענ־

טאַבל, שטופּט דער אָפיציר אין גרויס איילעניש אַוועק אַן אַ זייט. עס אַנט־שטייט אַ גרויסער טומל און עס עפנט זיך דער אַריינגאַנג צו דעם באַל־זאַל. דער אָפיציר שפּאַרט זיך שטורעמדיק דורך דער דערשטוינטער געזעל־שאַפט, און אַט שטייט ער שוין פאַר דעם צאַר. אין אַן אָפיציעלער האַלטונג מעלדעט ער אים:

„מאַיעסטעט, די פראַנצויזן זיינען לעבן קאָוונע אַריבערגעגאַנגען דעם ניעמאַן, זיי ציען זיך איצט צו ווילנע צו; זייערע לייכטע קאַוואַלעריע־דיוויזיעס קענען אין אַ קורצער צייט דאָ זיין”.

די ווירקונג פון די דאָזיקע ווערטער איז געווען ווי אַן ערד־ציטערניש וואָלט אַלץ אויפגעטרייסלט און אויפגעציטערט. דער צאַר האָט גלייך באַפוילן בטל מאַכן דעם באַל; זיינע לייבוועכטערס זיינען גיך אַרויפגע־שטיגן אויף זייערע פערד, די אָפיצירן און גענעראַלן האָבן זיך געאײַלט צוריקצוקערן צו זייערע דיוויזיעס. ס׳איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק און אַ געלאַף. אינעם הויף איז אַנטשטאַנען אַ געדראַנג פון פאַרשידענע פאַר־וואַרג, פון פערד און פון באַדינערס, און אין פאַרלויף פון איין שעה, איז די גאַנצע פריילעכע געזעלשאַפט געווען צעשפּרייט און זייער געלעכטער פאַרשטומט.

טראָץ די לאַנגע צוגרייטונגען צום קריג, איז די רוסישע אַרמיי דאָך געווען זייער איבעראַשט פון זיין פּאַקטישן אויסברוך.

אַז זיין קריגס־פּלאַן פאַר רוסלאַנד איז געוואָרן פאַרראַטן, האָט נאַפּאָ־לעאָן געוואוסט. אָבער דערפאַר איז עס אים געלונגען צו האַלטן בסוד־סודות די פּרטים׳דיקע שריט פאַר דער אויספירונג פון זיינע פּלענער.

אין דער נאַכט פון 22טן צום 23טן יוני האָט ער פאַרלאָזן דאָס שטעטל ווילקאָווישק און האָט אַריבערגעפירט זיין הויפּט־קוואַרטיר קיין נאָגע־ריסקי, האַרט לעבן דעם רוסישן גרענעץ.

פאַרטאָג איז ער צוגעריטן צו דעם אַוואַנפּאָסט, האָט זיך דאָ אָנגעטאָן אַ בלויען מאַנטל, כדי מען זאָל אים ניט דערקענען, האָט אַרויפגעזעצט אויפ׳ן קאָפּ אַ פּוילישע היטל און האָט אינספּעקטירט אַזוי דעם לינקן ברעג פון דעם טייך ניעמאַן, כדי אויסצוגעפינען דעם בעסטן אָרט פאַר דעם בוי פון די בריקן. פון אָוונט האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בוי פון דריי בריקן. אין מיטן דער נאַכט האָבן שוין די ערשטע טרופּן מאַרשירט איבער דעם טייך

און דאַן האָבן זיי אַן איבעררײַס זיך געררוקט ווייטער, אַזוי אַז דעם 24טן יוני 1812 איז דער פּרי זיינע שוין געשטאַנען 60,000 סאָלדאַטן אויף דעם רעכטן ברעג פון דעם טייך.

גלייכצייטיק איז אַריבערגעגאַנגען מאַקדאָנאַלד מיט זיין קאָרפּוס דעם שטראָם ביי טילזיט.

אַזוי איז פאַקטיש געעפנט געוואָרן דער קריג דורך נאַפּאָלעאָן אָן אַן אייגנטלעכער דערקלערונג.

אויף דעם אופן איז געוואָרן אוממעגלעך די אויספירונג פון דעם רוסישן קריגס־פּלאַן, וואָס האָט געזאָלט באַגעגענען דעם שונא ביים גרענעץ אין אַן אָפענער שלאַכט. און דער מצב האָט ממילא געפאָדערט אָנצונעמען דעם אַנדערן קריגס־פּלאַן, וועלכער האָט אויסגעמיטן יעדע שלאַכט און איז געווען געצילט אַריינצוציען דעם שונא וואָס טיפער אין אינעווייניקסטן טייל פון רוסלאַנד. נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט זייער געוואָלט אַ באַלדיקע גרויסע אַנטשיידונגס־שלאַכט, האָט דאָס ניט געקענט דורכפירן. זיין אַרמיי איז אַריינגעדרונגען ביז וויטעבסק, וואו זיי זיינען אָנגעקומען דעם 23טן יולי און פון דאָרטן האָבן זיי ווייטער מאַרשירט קיין סמאָלענסק, דער גרענעץ פון אַלט רוסלאַנד. דאָרטן איז נאַפּאָלעאָן אָנגעקומען דעם ערשטן אויגוסט.

צווישן דעם פראַנצויזישן אַוואַנגאַרד און דער רוסישער הינטער־וואַך איז געקומען אַ סך מאָל צו האַרטנעקיקע קאַמפן, אָבער דורכצופירן אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט איז נאַפּאָלעאָנען ניט געלונגען; ווי מערדערלעך די שלאַכטן זיינען געווען ביי סמאָלענסק און אין סעפּטעמבער ביי באָראָדינאָ, האָבן זיי דאָך ניט דערפירט צו אַן אַנטשיידנדיקן נצחון פאַר איין צד אָדער פאַרן אַנדערן.

אָבער דאָ האָט זיך אָנגערוקט דער מורא׳דיקער רוסישער ווינטער — דער געטרייער אַליאירטער פון דער רוסישער אַרמיי, דער פאַקטישער באַזיגער פון נאַפּאָלעאָן, כאָטש אויך דער רוסישער זומער האָט דערצו היפּש מיטגעהאָלפן.

זייענדיק אין וויטעבסק אין מאָנאַט יולי האָט שוין די גרויסע פראַנ־צויזישע אַרמיי אָנגעהויבן פילן די שווערקייטן פון דעם רוסישן זומער. זיי האָבן געמוזט ביז אַהער דורכגיין אַ ריזיקן ליידיקן שטח און דאָס זעלבע

האָט זיך ווייטער געצויגן און אויסגעשפּרייט אַז אַ סוף אין פראַנט פון זיי. מיילן־ווייט האָבן זיך געשפּרייט פאַרוויסטע, אָפּגעשניטענע און פון דער גליענדיקער יולי זון פאַרברענטע און פאַרדאַרטע פעלדער און ריזיקע שטחים פון געדיכטע וועלדער. זייער זעלטן האָט אַן אָרעמער דאָרף איבערגעריסן די מאָנאָטאָנקייט פון דעם בילד. די וועגן זיינען געווען אין דעם ערגסטן צושטאַנד, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן. צו וואָס זיי פאַר־בעסערן? ווינטער דעקט אַלץ צו דער שניי און איבער דעם גליטשט זיך דער שליטן זייער לייכט. דאָס איז די צייט פאַר׳ן טראַנספּאָרט פון די גרויסע לאַסטן. זומער זעט מען דאָרט זייער זעלטן אַ לייכטן וואָגן דורך דעם טיפן זאַמד און שטויב. און אין פרילינג און האַרבסט, אָדער ווען עס רעגנט אַ לענגערע צייט, ווערט סיווי אָפּגעשטעלט יעדע באַוועגונג צוליב די טיפע בלאָטעס. איצט, ביים אָנפאַנג יולי 1812, האָט געדעגנט פינף טעג נאָכאַנאַנד אומאונטערבראָכן. די וועגן זיינען דורכדעם געווען אין אַן אַבסאָלוט אומנוצלעכן צושטאַנד. און טראָץ דעם האָבן די אַרמיי־טרופּן געמוזט מאַרשירן פאָרויס. מ׳האָט באַלד גענומען שפּירן די רעזולטאַטן פון די זייער שווערע מאַרש־באַדינגונגען, דער שלעכטער דערנערונג און די דורכגעווייקטע לאַגער־געצעלטן. די פערד, באַזונדערס פון דער אַרטי־לעריע און פון די טרענירערס, זיינען געפאַלן אין די הונדערטער טויזנ־טער און דער שלעכטער ריח פון זייערע טויטע קערפּערס האָט פאַר־פּעסטעט די לופט. פאַרשטייט זיך אַז די אַלע דערשיינונגען האָבן געהאַט זייער אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף דער שטימונג פון די סאָלדאַטן און די דיסציפּלין אין דער אַרמיי איז געפאַלן אין אַ באַאומרואיקנדיקער מאָס. אָנפאַנג אויגוסט זיינען שוין געווען געפאַלן 80,000 פערד, און די אַרמיי אַליין, וועלכע האָט געציילט 312,000 מאַן ווען זיי זיינען מוטיק אַריבער־געגאַנגען דעם ניעמאַן, האָט שוין דעם 3טן אויגוסט 1812, אין די לאַגערן פון וויטעבסק און מאָהילעוו, דערגרייכט נאָר ביז 193,000.

טראָץ די אַלע דורכפאַלן האָט נאַפּאָלעאָן געמוזט מאַרשירן פאָרויס אַלץ טיפער און טיפער אין דער רוסישער טעריטאָריע, וואָס האָט אויסגע־זען ווי אַ טריאומף־מאַרש אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט און באַזונ־דערס האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער רוסישער באַפעלקערונג.

צוליב דעם דאָזיקן נאָכאַנאַנדיקן פאָרויסמאַרש פון דער פראַנ־צויזישער אַרמיי און דעם שטענדיקן צוריקצי פון די רוסישע טרופּן, האָט זייער געליטן די שטימונג און דער קאַמפּס־מוט פון די לעצטע אויף אַזוי

ווייט, אַז אפילו אין די העכסטע אַרמיי־אינסטאַנצן האָט זיך געפֿונען שפּירן אַ מאַנגל פון געהעריקער דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט. אַפילו ביי די יעניקע, וועלכע האָבן אַליין אָט דעם קריגס־פּלאַן אָנגעצייכנט, רעקאָמענ־דירט און אונטערשטיצט און זיינען איצט געווען עקשנות'דיק אַנטשלאָסן אים פולשטענדיק אויסצופירן — אויך זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו צווייפלען צי אָט דער אויסגעקליבענער וועג וועט זיי טאַקע פירן צו דעם באַגערטן ציל. בלויז איין איינציקער האָט קיין איין אויגנבליק ניט פאַרלאָרן די האָפענונג און דעם מוט און דאָס איז געווען — דער רב.

ער איז געווען פול מיט בטחון, אַז דער פראַנצויזישער לענדער־צעשטערער און מענטשן־מערדער וועט ענדלעך קריגן זיין מפּלה אויף דעם רוסישן באָדן. אָט דעם בטחון און די זיכערקייט אין דעם, האָט ער זיך אויך באַמיט אַריבערצוטראָגן צו זיין גאַנצער סביבה. ער האָט אויף דעם אופן דערמוטיקט ניט נאָר זיין פאַמיליע און דעם גרויסן קרייז פון זיינע חסידים און אָנהענגער, נאָר ער איז אויך געווען זייער בייהילפיק די רוסישע טרופּן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען ליאַדי און איר אומגעבונג און דאָרטן געווען צייטווייליק סטאַנציאָנירט. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פול־שטענדיקן אויסשפּיר־דינסט, און האָט פאַר דעם צוועק באַשטימט די פעאיקסטע און מוטיקסטע מענטשן פון זיין קרייז. די דאָזיקע העלדישע מענטשן האָבן זיך באַמיט, אָפט מיט דער גרעסטער לעבנסגעפאַר, אויסצו־געפינען די שטאַרקייט, די פּאָזיציע און די באַוועגונג פון די פיינדלעכע טרופּן און דאָס צו באַריכטן די פירער פון דער רוסישער אַרמיי.

אויף דעם אופן איז דער רב געקומען אין אַן אָפטער פאַרבינדונג מיט די גענעראַלן נעווראַווסקי, עליאַנאָוו, מיט דעם גובערנאַטאָר פון מאָהילעוו, מיט גראַף טאָלסטאָי און מיט אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן. אין דער צייט וואָס די דאָזיקע מענער האָבן זיך איבעראַל, אויף זייער צוריקצי, אָנגעשטויסן אויף אַנטמוטיקונג און פאַרצווייפלונג, האָבן זיי דאָ געטראָפן אַ מענטש, ביי וועמען זיי האָבן געזען דעם פולן קעגנזאַץ און וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אין דעם זין אויך אויף זיינע צאָלרייכע אָנהענגער. און דער זעלבער מענטש איז געווען אַזוי גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע פּרטים פון דעם קריגס־פּלאַן, וועגן די אינ־טימסטע באַציאונגען פון די העכסטע פּערזענלעכקייטן אין פּעטערבורג און פּאַריז — נאָכמער ווי עס זיינען געווען די דאָזיקע גענעראַלן און עקסע־לענצן.

דערביי האָט דער דאָזיקער מאַן געשטעלט אינעם דינסט פון דער הייליקער זאַך זיין גאַנץ וויסן מיט זיין פּאַטריאָטיזם און טרײַשאַפט צו דעם צאַר. נאָך מער ווי דאָס, האָט זיי אימפּאָנירט זיין פריינדלעכער און סימפּאַטישער אופן ווי ער האָט זיין קלוגשאַפט און זיין וויסן אויסגענוצט לטובת דער רוסישער אַרמיי; באַשיידן און ניט אייגננוציק, וועלכער האָט גאָר־נישט פאַרלאַנגט פאַר זיך און זיינע מענטשן, און האָט נאָר געזוכט די טובה פון דעם צאַר און פונעם לאַנד — און אָט דער מאַן איז געווען אַ איד! טאַקע אַ געלערנטער, אָבער אַזעלכער וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר'ן שטודיום פון תלמוד, ד. ה. אַ פון דער וועלט אָפּגעזונדערטער תורה־געלערנטער אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון ווייסרוסלאַנד. ווי אַזוי איז דער מענטש געווען אַזוי גענוי אינפאָרמירט וועגן די געשעענישן און וועגן אַלע פערזענלעכקייטן אין פּאַריז און אין פּעטערבורג? פון וואַנען שטאַמען זיינע סטראַטעגישע קענטענישן, זיינע מיטטיילונגען וועגן דער שטאַרקייט און באַוועגונג פון דער פיינדלעכער אַרמיי? פון וואַנען האָט אָט דער תלמוד־געלערנטער דעם וואונדערבאַרן אָרגאַניזירונגס־טאַלאַנט, וואָס ער האָט ביי דער עטאַבלירונג פון דעם אויסשפּיר־דינסט אַרויס־גערופן יעדן טאָג אויף ס'ניי אַזויפיל באַוואונדערונג און רעספּעקט?

אויף די אַלע פראַגעס, וועלכע די העכסטע מלוכה־פירערס און מיליטער־לייט האָבן געפרעגט דעם רבֿ, האָט ער זיי גאָרנישט געקענט דערציילן וועגן די אונדז באַקאַנטע קוועלן, כדי ניט צו זיין אומדיסקרעט. דערפאַר האָט ער זיך באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט גוטע פאַרבינדונגען מיט פּעטערבורג.

אָבער מיט פּעטערבורג האָבן זיי דאָך אַליין געהאַט די מעגלעכסט בעסטע באַציאונגען און דאָ האָבן זיי דערפאַרן פון רבֿ אַזעלכע זאַכן, וואָס מען האָט אַפילו אין פּעטערבורג אַליין ניט געוואוסט?!

די דאָזיקע פאַקטן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין חשיבות אין די אויגן פון די רוסישע אַרמיי־פירערס, וועלכע האָבן נאָר נאָכגעפאָלגט זיינע רייד, כדי צו געניסן פון זיין טיפער חכמה, מיט'ן גרעסטן רעספּעקט און יראת הכבוד.

ווען די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך איצט, אונטער דער פירערשאַפט פון מאַרשאַל דאַוואויסט, אָנגערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער, און דער רבֿ האָט זיך דערוואוסט דורך זיינע אויסשפּירערס וועגן דער שרעק־

לעכער אכזריות מיט וועלכער די פראַנצויזישע טרופּן האָבן געוועלטיקט אין שקלאָוו און אין דוברערנאָוו, האָט ער געטראַכט אַז דאָס איז די צייט פאַר אים מיט זיין פאַמיליע צו פאַרלאָזן ליאַדי און צו אַנטלויפן טיפער אין רוס־לאַנד. אומזיסט האָט זיין קהילה זיך ביי אים געבעטן צו בלייבן מיט זיי, ביי זיי.

„צוזאַמען בלייבן וועלן מיר”, האָט געענטפערט דער רַב, „אָבער ניט איך ביי אייך, נאָר איר ביי מיר. איר זייט פּונקט אַזוי גוט ווי איך געצוואונ־גען צו פאַרלאָזן אייערע ליבע היימען, צוליב דעם מצב און די איצטיקע פאַרהעלטענישן. אויב איר ווילט ניט נאָכקומען אייער פליכט פון זעלבסט־באַשיצונג, פאַרוואָס ווילט איר מיך צוריקהאַלטן דערפון?”

אומזיסט האָבן די מענטשן פון זיין סביבה אַנגעוויזן דעם רַב אויף אַנדערע פראָמינענטע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט דעם אַנקום פון דעם שונא אָן לעבנס־געפאַר. מען האָט אים אויך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין הויכן עלטער (דער רַב איז דאַמאָלסט געווען זעקס און זעכציק יאָר אַלט) און וועגן די שוועריקייטן וואָס מ׳מוז זיך אַנשטויסן אין נייע, אומבאַקאַנטע געגנטן. די אַלע פּרואוון האָבן אָבער ניט געווירקט אויף דער אומבויגזאַמער קעגנערשאַפט פון דעם רבי׳ן צו קומען מיט דעם שונא אין וועלכער עס איז באַרירונג.

די פאַרערונג וואָס דער רַב האָט אין אַלע צייטן געפילט צו דעם גאון ר׳ אלי׳ פון ווילנע ז״ל, האָט ער אויך אַריבערגעטראָגן אויף זיין גרעסטן תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער. דאָס איז אַלעמען געווען גוט באַקאַנט, און אַ פריינד פון דעם רַב האָט געוואָלט אויסנוצן דעם פאַקט כדי צוריקצוהאַלטן דעם רַב אין ליאַדי.

„ר׳ חיים”, האָט ער געזאָגט, „זעט אויך איין אַז ג־ט איז אויף דער זייט פון די פראַנצויזן און ער האָט מיט זיי משלים געווען. ער האָט ניט נאָר ניט פאַרלאָזן וואָלאָזשין ביי דער דערנענטערונג פון די פראַנצויזן, נאָר ער האָט אַפילו אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט זיי, ער האָט דעם פראַנ־צויזישן מאַרשאַל וויקטאָר ———”.

„רעדט ניט ווייטער”, האָט אים דער רַב אונטערבראָכן, „כדי איר זאָלט זיך ניט פאַרזינדיקן מיט ריידן לשון הרע אויף אַ גדול בישראל. ווען ר׳ חיים וואָלט געוואוסט די אַלע איינצלהייטן פון דעם קריג אַזוי גענוי ווי איך ווייס

זיי, בחסדי השם, וואָלט ער אויך אַזוי געהאַנדלט ווי איך. אָבער צו זאָגן אַז ער האָלט אַן גוטע באַציאונגען מיט אונדזערע שונאים, דאָס איז רכילות, דאָס הייסט מוציא שם רע, און איך וועל אויך באַגיין אַ זינד אויב איך וועל זיך דערצו צוהערן און זיך ניט אַנטקעגנשטעלן און סותר זיין אַזאַ באַהויפּ־טונג״.

„אָבער זיין פאַרקער מיט דעם מאַרשאַל וויקטאָר ——״

„שווייגט!״ האָט דער רבֿ זיך אָנגעבייזערט, „שווייגט, זאָג איך אייך צום לעצטן מאָל, איר ווערט אַ רכילות׳ניק, ווען איר רעדט ווייטער. וואָס ווילט איר פון ר׳ חיים? וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, וואָלט צו מיר אויך געטראָפן, ווען איך וואָלט דאָ געוואָלט בלייבן, ביז די פראַנצויזן וועלן זיך דאָ באַזעצן אין ליאַדי. ס׳איז אָבער צו באַוואונדערן די חכמה פון ר׳ חיים, וואָס ער האָט געניצט ביי דעם שמועס מיט דעם פראַנצויזישן מאַרשאַל יענעם טאָג. איך וויל אייך דאָס קורץ דערציילן, ווי די זאַך איז טאַקע באמת פאָרגעקומען:

ווען די פראַנצויזן זיינען געקומען אין דער געגנט פון וואָלאָזשין, זיינען די וועגן געווען אַזוי שלעכט, אַז די סאָלדאַטן האָבן געטאַפּטשעט און געבראָדזשעט ביז די קני אין די טיפע בלאָטעס און קוים געקענט זיך רוקן פאָרויס. זייער פירער האָט זיי נאָכגעפאָלגט אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט צוועלף פערד. אָבער דער וואָגן איז געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע און ס׳איז געווען אוממעגלעך אים צו רירן פון אָרט. דער מאַרשאַל האָט געמוזט אַרויסגיין פון קאַרעטע און באַלד האָט ער זיך דערוואוסט אַז דאָ וואוינט אַ באַרימטער ראש ישיבה, וועלכער האָט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דער אידישער באַפעלקערונג. דער מאַרשאַל איז גלייך אַריין אין ר׳ חיים׳ס הויז. ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף די גאַסן, וואָס זיינען אומ־מעגלעך דורכצוגיין און דורכצופאָרן און דאַן האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטאָן ר׳ חיים׳ען, וואָס ער דענקט וועגן דעם אויסגאַנג פון דעם קריג. וואָס האָט ער געזאָלט אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערן? ר׳ חיים איז אַזוי גוט ווי איך אַליין טיף איבערצייגט, אַז דער אויסגאַנג פון אַלע מלחמות ליגט אין ג־ט׳ס האַנט.

האָט ער דען געקענט אָדער געמעגט זאָגן, אַז ג־ט איז אויף דער זייט פון די, וואָס גלויבן אין אים און פאַרלאָזן זיך אויף זיין הילף, ניט ריזיקירנ־דיק דערביי מיט זיין לעבן?״

„און וואָס האָט ר׳ חיים געענטפערט?״

„איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז דעם מאַרשאַלס אויפמערקזאַמקייט אָפּגעווענדט געוואָרן דורך אַ פּאַסירונג אויף דער גאַס. דער מאַרשאַל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט צוגערופן ר׳ חיימ׳ען, אַז ער זאָל אויך צוזען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אַ רוסישער פויער האָט אָקאָרשט אַריבערגעפירט זיין שווערן לאַסטוואָגן, איינגעשפּאַנט מיט צוויי אויסגעמאָגערטע פערדלעך, דורך דער גרויסער בלאָטע, דורך וועלכער דער מאַרשאַל האָט בשום אופן ניט געקענט דורכפאָרן. ׳ווי איז דאָס מעגלעך׳, האָט געפרעגט דער מאַרשאַל ביי ר׳ חיימ׳ען, ׳ווי קען אָט דער פורמאַן מיט זיינע צוויי אָפּגענוצטע, שוואַכע פערדלעך דערגרייכן דאָס, וואָס מיר איז ניט געלונגען מיט מיינע צוועלף פייערדיקע געזונטע פערד?׳

׳די צוויי פערדלעך קומען פון איין שטאַל׳, האָט געענטפערט ר׳ חיים; ׳זיי טיילן זיך מיט זייער בעל־הבית, ווער ווייסט וויפל יאָרן שוין, זייער אָרעמע און קנאַפּע באַדערפעניש: יעדערער פון זיי פילט דעם שמייץ מיט׳ן בייטש וואָס דער צווייטער קריגט: איינער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע זיינע כחות צו העלפן דעם צווייטן און צו דערלייכטערן אים די שווערע לאַסט. אָט די געמיינזאַמקייט פון דעם פויער מיט זיינע בעלי־חיים מאַכט דאָס, וואָס ס׳זעט אויס לכתחילה פאַר אוממעגלעך, דורכפירבאַר און דערגרייכבאַר, טראָץ אַלע שוועריקייטן. דאָס דאָזיקע געפיל פון צוזאַמענדיקייט און איינקייט פעלט ביי די פערד פון אייער עקסעלענץ. איר האָט דאָ צוויי אַראַבישע פערד, נאָך זיי פאָלגן צוויי פאָמערשע שווערע פערד, צו זיי זיינען אָנגעשלאָסן צוויי פראַנצויזישע בעלי־חיים און אַזוי איז די גאַנצע גרופּע פערד פון אייער עקסעלענץ צוזאַמענגעשטעלט פון אַלערליי פרעמדע חיות, וועלכע קענען ניט איינער דעם אַנדערן, און זיינען גלייכגילטיק אויך פרעמד זייער בעל־הבית. דער קלאַפּ, וואָס דאָס אַראַביש פערד קריגט פון דעם בעל־עגלה, לאָזט איבער דאָס פראַנצויזיש פערד אינגאַנצן קאַלט, און אויך פאַרקערט׳.

׳דער דאָזיקער ענטפער קלערט מיר זייער אויף׳, האָט באַמערקט דער מאַרשאַל, ׳אָבער איר זייט מיר נאָך שולדיק אַן ענטפער אויף מיין ערשטער פראַגע. וואָס דענקט איר וועגן דעם אויסגאַנג פון דעם קריג?׳

׳פונקט אַזוי ווי איך טראַכט וועגן די צוויי פערד־געשפּאַנען׳, האָט ר׳ חיים איבערצייגנדיק געענטפערט. ׳די פראַנצויזישע אַרמיי פאַרדינט מיט

רעכט דעם נאָמען: 'די גרויסע'. זי שטייגט אַריבער די רוסישע אַרמיי אין גרויסקייט, אין מאַכט און אין פיל אַנדערע זאַכן. אָבער דוקא אין איר גרויסקייט ליגט איר שוואַכקייט. זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך פעלקער, וועלכע זיינען זיך פון פריער איינער דעם אַנדערן פרעמד און ווייט, וועלכע פאָלגן דעם באַפעל פון זייער קייסער נאָר געצוואונגענערהייט; עס פעלט זיי די צוזאַמענגעהעריקייט און די איינִיקייט, וועלכע איז ביי אונדז פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס. דערפאַר, גלויב איך, אַז דער פראַנצויזישער שטאַטס־וואָגן בלייבט שטעקן, אין דער צייט וואָס דער רוסישער — דרינגט דורך'...

דער פראַנצויזישער מאַרשאַל האָט שוין גענוג געהערט און האָט פאַרלאָזן ר' חיים מיט אַ פּאָר ווערטער פון אָנערקענונג. דאָס איז אַלץ, וואָס ר' חיים האָט געהאַט אין זיינע גוטע באַציאונגען מיט די פראַנצויזן. דאָס האָט אונדז יעדן טאָג פונקט אַזוי געקענט פּאַסירן, ווען מיר וואָלטן אָפּגעוואַרט ביז די פראַנצויזן וועלן אַהער קומען. איך וועל זיי ניט אָפּוואַרטן און צוזאַמען מיט די מייניקע נאָך היינט פאַרלאָזן ליאַדי. די צייט איז קורץ. מיינע אויסשפּירערס באַריכטן, אַז דער שונא איז נאָר אַרום צוואַנציק וויאָרסט ווייט פון דאַנעט".

כח
די אַנטרינונג

דעם זעלביקן טאָג האָט דער רַב, צוזאַמען מיט זיינע קינדער און זייערע משפחות, פאַרלאָזן זיין היים. בסך־הכל אַכט־און־צוואַנציק נפשות.

מיט אַן אומגעוויינלעכער זריזות און זהירות, האָט דער רַב געמאַכט אַלע צוגרייטונגען. די גענעראַלן אַליין האָבן אים דערמוטיקט צו אַנטלויפן און האָבן אים באַזאָרגט מיט די געהעריקע דאָקומענטן, אין וועלכע זיי רעקאָמענדירן אים און די זייניקע צו אַלע מאַכט־אָרגאַנען אויפ׳ן וואַרעמסטן אופן.

עס איז געווען שווער צו געפינען די נייטיקע טראַנספּאָרט־מיטלען און נאָר מיט גרויס השתדלות איז געלונגען צו באַקומען צוויי וואַגאַנס, אין וועלכע מען האָט געמוזט איינאָרדענען די צאָלרייכע משפחה. ווען זיי זיינען שוין געווען אָפּגעפאָרן עטלעכע וויאָרסט, האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז עס פעלט אַ צוויי־יעריק אייניקל. זיינען זיי צוריקגעפאָרן און האָבן דאָס קינד געפונען ליגנדיק אויף דער גאַס. אין גרויס איילעניש איז עס אַרויס־געפאַלן פון דעם וואָגן, ווען קיינער האָט עס ניט באַמערקט, און צום גליק האָט מען דאָס קינד געפונען אומבאַשעדיקט.

צוערשט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין קראַסנאָיע, וואו די גענעראַלן עליאַנאָוו און נעבראַווסקי אַליין זיינען געווען סטאַנציאָנירט, און ביי וועמען דער רַב האָט באַקומען זייער אַ וואַרעמע און האַרציקע אויפנאַמע. אָבער ווען זיי זיינען דאָ קוים געווען אָנגעקומען — דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק, קורץ פאַר ראש חודש אלול — האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז דער שונא דערנענטערט זיך מיט 40,000 מאַן און 300 קאַנאָנען, אין דער צייט וואָס די רוסישע אַרמיי האָט נאָר געהאַט 8000 מאַן מיט 18 קאַנאָנען זיך אַנטקעגנצושטעלן.

„אַנטלויף, הייליקער מאַן“, האָט געזאָגט גענעראַל נעבראַווסקי צום רַב, „און דאָסמאָל אין דער ריכטונג פון סמאָלענסק. פאָרט נאָר אין מיטן,

צווישן אונדזערע מיליטער־אָפּטיילונגען. מײַנע רעקאָמענדאַציעס װעלן אייך פֿאַרזיכערן אַ פּריינטלעכע אויפֿנאַמע און אַן ענערגישע, שטאַרקע באַשיצונג״.

ווען דער רַב האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דעם גענעראַל צו זיין משפּחה, האָט ער זיי געפֿונען פֿאַרוויינט און פֿאַרטרויערט צוליב זייער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע. אַפֿילו די אַלטע מוטער, וועלכע האָט ביז איצט רואיק און שטיל קאָאָפּערירט מיט אַלע פֿאַראָרדענונגען, איז זיך איצט פֿאַרגאַנגען אין אַ האַרץ־רייסנדיק געוויין און געיאָמער. און נאָר אַ דאַנק דער אַנטשלאָסענער פֿעסטקייט פֿונעם רב איז געלונגען צו באַרואיקן זיינע בני בית און זיי צו באַוועגן צו פֿאָרן ווייטער. אין דער זעלבער צייט, ווען זיי האָבן דערגרייכט די רוסישע אַרמיי־טרופּן, איז שוין פֿון דער צווייטער זייט אָנגעקומען די אַרמיי פֿונעם שונא. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דריי שעה־דיקער קאַמף און זיי האָבן געקענט אויסמיידן דעם פֿייער פֿון די געווער נאָר דורך אַ גיכער אַנטרינונג אין אַ וואַלד, וועלכער האָט זיך געצויגן ביי דער זייט. דאָרטן האָבן זיי זיך געטראָפֿן מיט אַ גרויסער צאָל אַנדערע פּליטים און צוזאַמען זיינען זיי דאָרט פֿאַרבליבן די גאַנצע שבת־נאַכט. דער רַב איז אויף מאָרגן געפֿאָרן קיין סמאָלענסק, וואָס איז געווען דרייצן וויאָרסט ווייט פֿון זייער אויפֿהאַלט אינעם וואַלד. אין סמאָלענסק האָבן זיך דאַמאָלסט ניט געפֿונען קיין רוסישע און אויך קיין פֿראַנצויזישע טרופּן, ווייל די רוסישע אַרמיי־פֿירער האָבן ניט געהאַט קיין ידיעה וועגן דער דירעקטער נאָענטקייט פֿון דעם שונא. דער רַב האָט תּיכף מיטגעטיילט אין דעם געהעריקן אָרט וועגן דעם מצב און וועגן דער שטאַרקייט פֿון דער פֿיינדלעכער אַרמיי, אַזוי אַז אין פֿאַרלויף פֿון דעם טאָג האָבן זיך שוין אין סמאָלענסק קאָנצענטרירט 30,000 זעלנער מיט 120 קאַנאָנען. דערווייל איז אָבער געוואָרן אוממעגלעך צו פֿאַרלאָזן די שטאָט און אין פֿאַרצווייפֿלונג צוליב דער לאַגע, איז די פֿאַמיליע אויף ס׳ניי אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער־לעכן געוויין. אָוונט־צייט איז דעם רַב פֿונדעסטוועגן געלונגען צו פֿאַר־לאָזן מיט זיין משפּחה די שטאָט און צו דערפֿאָרן ביז צו דעם וועג וואָס פֿירט קיין מאָסקווע. זונטיק איז די אַנטרינונג געוואָרן פֿאַרגעזעצט און נעמלעך צוזאַמען מיט דעם גובערנאַטאָר פֿון מאָהילעוו, גראַף טאָלסטאָי, וועלכער האָט גענומען דעם רַב אונטער זיין פּערזענלעכער שוץ. די פֿראַנ־צויזישע אַרמיי האָט זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער: דער רַב מיט זיין משפּחה האָבן זיך געהאַלטן — אונטער דער שוץ פֿון דער רוסישער

אַרמיי — אין איין ציען זיך אויף צוריק קיין וויאַזמאַ און דאַן קיין מאָזשאַ־איסק, לעבן מאָסקווע.

דעם 6טן סעפּטעמבער — ערב ראש השנה — איז אויסגעבראָכן די שלאַכט ביי באָראָדינאָ, די סאַמע בלוטיקסטע פון אַלע ביז־אַהעריקע שלאַכטן. פון 110,000 פראַנצויזישע סאָלדאַטן און זייערע אַליאירטע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער שלאַכט, זיינען געפאַלן 28,000, צווישן זיי 17 גענעראַלן. פון 117,000 רוסישע זעלנער זיינען אומגעקומען 59,000 (מער ווי העלפט) מיט 22 גענעראַלן.

איצט האָט דער זיג־מאַרש פון נאַפּאָלעאָן קיין מאָסקווע ניט געקענט מער פאַרמיטן ווערן. אין זיין פאַרבלענדעניש האָט ער דערקלערט, אַז אין אַכט טעג אַרום וועט ער אין קרעמלין דיקטירן זיינע תנאים פאַר אַ פרידן מיט דעם צאַר אַלעקסאַנדער.

דער רַבּ, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען און זיך אויסגעקענט אויף די קריגס־מאַפּעס, האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען ראש השנה צוזאַמען מיט זיין משפחה אין טריצאַ־צערקאַ. דער דאָזיקער אָרט ליגט ניט אויף דעם וועג, וואָס פירט קיין מאָסקווע, נאָר מערערע וויאָרסט אָן אַ זייט. אָבער ער איז געווען צו נאָענט צו דעם קריגס־פלאַץ אַז מען זאָל ניט קענען דער־וואַרטן יעדן אויגנבליק פיינדלעכע פּאַטרול־אָפּטיילונגען. דערפאַר האָבן זיי געזאָלט דאָ פאַרבלייבן נאָר פאַר די צוויי טעג יום־טוב און דאַן פאַר־זעצן זייער אַנטרינונג אין די וואָס ווייטערע ערטער. אום ראש השנה גופא איז אויסגעבראָכן אַ בלוטיקע שלאַכט אין דעם שכנות׳דיקן מאָזשאַאיסק. דאָס איז שוין געווען דער לעצטער פונקט, וועלכער האָט נאָך דעם שונא אָפּגעטיילט פון מאָסקווע. וועט דער גרויסער אַרמיי געלינגען צו אָקופּירן אויך מאָסקווע? — דאָס איז געווען די ציטערדיקע פראַגע, וואָס האָט אַלע־מען באַאומרואיקט און די דאָזיקע זאָרג האָט ניט פאַרלאָרן איר שאַרפקייט, אַפילו אין די הייליקע טעג פון ראש השנה.

מיט ביטערע טרערן האָט דער רַבּ גערעדט צו זיין זון רבי דוב בער, וועלכער האָט אָט די איבערלעבונג מיטגעטיילט אין אַ בריוו צו ר׳ משה מייזעלס, אייניקע מאָנאַטן שפּעטער:

„אום ראש השנה ווערט באַשטימט דער גורל וועגן דער צוקונפט פון אַלע איינצעלנע באַשעפענישן און פון אַלע שטאַטן. ווען מיר זאָלן דער־פאַר נאָר ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו די איבערקערענישן פון

לענדער און שטאָטן, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן, וואָלטן מיר בעסער פאַרשטיין ווי אַלץ הענגט אָפּ נאָר אָן דעם ווילן פונעם רבונו של עולם, אין דעם וואָס מיר זעען דאָס יעדן טאָג ממש מיט אונדזערע אייגענע אויגן. היינט ווערט באַשטימט דער גורל פון רוסלאַנד, אַזוי ווי פון דעם שונא. עס איז קיין ספק ניט ביי מיר, אַז דער שונא וועט אויך איינ־נעמען מאָסקווע; אָבער דאָ וועט זיך אָנפאַנגען זיין מפלה. ווען דער בלוט־דאַרשטיקער פראַנצויז וועט זיך שוין האָבן פול אָנגעטרונקען, וועט ער פאַלן אַזוי ווי די געוויינלעכע פּיאַוקע צו דער ערד. צי די רוסישע מאַכט וועט באַקעמפן זיין איינטריט אין מאָסקווע, ווייס איך ניט. אויב איך וואָלט איר געקענט געבן אַן עצה, דאַן וואָלט איך זיי געזאָגט, מ׳זאָל מאָסקווע מפקיר זיין, ווי ביז אַהער די ווייטע שטחים פונעם רוסישן לאַנד, וואו דער שונא איז דורכגעגאַנגען און אַלץ פאַרוויסט און חרוב געמאַכט. אין מאָסקווע וועט ער באַזיגט ווערן, ניט פריער. דערפאַר וואָלט איך געוועזן מער צופרידן ער זאָל דאָרטן אַריינדרינגען היינט איידער מאָרגן״.

„און פון וואַנעט ביסטו אין דעם אַלעם אַזוי זיכער? און אויב דו ווייסט געוויס אַז דער אויסגאַנג פון אונדזער זאַך וועט טאַקע זיין זיגרייך, אין דער צייט וואָס די גאַנצע וועלט צווייפלט אין דעם און איז פאַרצווייפלט, וואָס באַדייטן אויב אַזוי דיינע הייסע טרערן, וואָס האַלטן אין איין גיסן זיך פון דיינע אויגן, און דיינע זיפצן, וואָס באַגלייטן יעדעס וואָרט דיינס?״ האָט געפרעגט דער זון.

„ווייל אונדזער סביבה, ווייל די גאַנצע וועלט צווייפלט אין דעם און ווייל דער דאָזיקער צווייפל וועט פירן צו יאוש, ווען דער שונא וועט נאָך איינגעמען מאָסקווע אויך, דערפאַר וויין איך. אָט די פאַרצווייפלונג קען ווערן קאַטאַסטראָפאַל פאַר אונדז, אויב דאָס רוסישע פאָלק ווייסט ניט ווי זי צו באַהערשן. און פון וואַנען איך ווייס דאָס אַלץ? היינט אין תפילת מוסף איז מיר דאָס נתגלה געוואָרן. עס האָט דער אַלץ־וויסנדיקער ג־ט מיך דער־הערט און האָט מיר דורך אַ בליק אין דער צוקונפט באַלויכטן די קעגנ־וואָרט. דאָס איז אַלץ ניט קיין פאַנטאַזיע און ניט קיין איינרעדעניש, דאָס איז דער פולער ריינער אמת. איך וויל נאָר אַז די גאַנצע וועלט זאָל דער־פון וויסן, און דאַן זאָלן זיי דערוואַרטן דעם גאַנג פון די זאַכן אַזוי רואיק און געלאַסן, ווי איך טו עס״.

נאָכדעם ווי דער רַב האָט זיך מיט די דאָזיקע ווערטער אָראָפּגערעדט פון האַרצן און אויך זיינע אַרומיקע לייכטער געמאַכט דאָס געמיט מיט נייע

האָפֿענונגען און בטחון, האָבן אַלע געפֿייערט ראש השנה אין אַ מונטערער־ערנסטער שטימונג, אַזוי ווי זיי וואָלטן געלעבט אין דער היים אינעם טיפֿסטן פֿרידן.

נאָך ראש השנה האָבן זיי פֿאַרגעזעצט זייער נסיעה זיבעציק וויאָרסט קיין יורא און ערב יום־כּפּור האָבן זיי ענדלעך דערגרייכט וולאַדימיר. דאָרטן האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר זייערע אויגן אַ דערשיטערנדיק בילד: דער גאַנצער אַדל, דער סענאַט, אַלע באַאַמטע און הונדערטער טויזנטער איינוואוינער פֿון מאָסקווע זיינען דאָרט פֿאַרבייגעפֿאָרן. זיי זיינען אַלע געווען פּליטים פֿון מאָסקווע, וואו דער שונא האָט זיך אַריינגעצויגן צוויי טעג פֿאַר יום־כּפּור ה׳תקע״ג (דעם 14טן סעפּטעמבער 1812). וואָס זיי האָבן באַריכטעט און וואָס די נאָכקומענדיקע האָבן שפּעטער נאָך צוגעגעבן, איז געווען שוידערלעך.

אין דער צייט וואָס די לעצטע סאָלדאַטן פֿון דעם קאָזאַקן־רעגימענט האָבן געהאַלטן אין פֿאַרלאָזן די שטאָט דורכ׳ן מזרח טויער, האָט די פֿראַנצויזישע קאַוואַלעריע — אונטער דעם הויפּט קאָמאַנדיר מוראַט — אַריינמאַרשירט אין מאָסקווע פֿון מערב זייט. אַריינקומענדיק אין שטאָט האָבן זיי דורכגעזוכט אַלע גאַסן און הייזער, אָבער צו זייער גרויסער פֿאַרוואונדערונג האָבן זיי דאָרט כּמעט קיינעם ניט געפֿונען.

מוראַט האָט דערוואַרט עס זאָל אַרויסקומען, ווי געוויינלעך, אַ דעלעגאַציע פֿון די איינוואוינער און ציטערנדיק, אים איבערגעבן די שליסלען פֿון דער שטאָט. אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות. קיין בירגער־מייַסטער, קיין מאַגיסטראַט־באַאַמטער, קיינער איז ניט דערשינען. זיי האָבן געזוכט מענטשן, שפּייז, אָבער זיי האָבן קיינעם ניט באַגעגנט און גאָרנישט געפֿונען, אויסער ליידיקע גאַסן און פּוסטע הייזער.

וואו זיינען אַלע פֿאַרשוואונדן? וואוהין זיינען זיי געגאַנגען? וואו זיינען דעם צאַרס אַרמייען? פֿאַרוואָס זיינען די רוסן ניט אַרויסגעקומען מלחמה האַלטן מיט זיי? צי דען מיינט דער צאַר זיך אונטערצוגעבן אָן אַ ווידערשטאַנד? די אַלע פֿראַגן האָבן זיי זיך געפֿרעגט און ניט געקענט געפֿינען קיין ענטפֿער.

ענדלעך האָבן זיך אָפּגעפֿונען איניקע ניט־רוסישע סוחרים.

„וואו זיינען די שטאָט־באַאַמטע?״

„זיי זיינען אַלע אַנטלאָפן".

„וואו זיינען אָבער די באַוואוינער?"

„אויך אַנטלאָפן. אַלע: אַדל, גײַסטלעכע, סוחרים, באַאַמטע, פֿאָלק, אַלע זיינען אַנטלאָפן. איר געפינט אין שטאָט נאָר אייניקע פרעמדע און פֿאַר־ברעכער, וועלכע דער פּאָליציי־דירעקטאָר האָט פרייגעלאָזן, איינ־שליסנדיק אַלערליי אונטערוועלט געזינדלער".

„ווי איז דאָס מעגלעך? מאָסקווע האָט איבער 250,000 איינוואוינער. זיי קענען דאָך ניט אַלע זיין אַנטלאָפן?"

„עס איז אָבער פּונקט אַזוי. אויסער די 20,000 פאַרבליבענע קראַנקע און פאַרוואונדעטע אין די שפּיטאָלן, וועט איר קוים געפינען 10,000 מענטשן אין דער גאַנצער שטאָט".

און אַזוי איז דאָס געווען. אייניקע שעה נאָך מוראַט'ן, איז נאַפּאָלעאָן אָנגעקומען. ער איז געווען נאָך מער דערשטוינט וואָס עס איז ניט געווען צוגעגרייט פאַר אים קיין שום אויפנאַמע. דער דאָזיקער פאַקט, וואָס נאַפּאָ־לעאָן האָט ניט געקראָגן קיין שום קבלת־פּנים ביי די טויערן פון שטאָט, האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט זיין פרייד און זיין שטאָלץ פון דעם טריאומף־צוג. אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גלאָררייכער אַריינמאַרש אין מאָסקווע צו זיין אַ ריין מיליטערישע אָקופּאַציע — און אויך דאָס האָט זיך באַלד געענדיקט אויף אַ העכסט שוידערלעכן און גרויליקן אופן.

אָבער מאָסקווע אין די הענט פון אַ פרעמדן דעראָבערער — דאָס איז געווען פאַר גאַנץ רוסלאַנד אַ קוים דערטרעגלעכער קלאַפּ. ווייענדיק איז צוגעקומען דעם רבּ'ס זון — און שפּעטערדיקער ממלא מקום — צו זיין פאָטער, האָט אים אָנגעוויזן דורכ'ן פענצטער די גיכע אַנטרינונג פון די מיטגלידער פון דעם מאָסקווער סענאַט און ער האָט ביי דעם דאָזיקן אָנבליק ניט געקענט אונטערדריקן די פאָלגנדיקע פראַגע:

„זע, טאַטע, וואָס דאָ קומט פאַר פאַר אונדזערע אויגן. וואָס בלייבט איצט פון דיין פעסטער פאַרזיכערונג, אַז דער שונא וועט ביים איינעמען מאָסקווע ליידן אַ גרויסע מפּלה?"

דער רב האָט אַרומגענומען דעם זון מיט זיין גאַנצער פאָטערלעכער ליבשאַפט און האָט צו אים געזאָגט:

„דו זעסט אַז איך שטיי פאַר דיר אין תפילין, און אַז איך וועל זייענ־דיק אָנגעטאָן מיט דעם דאָזיקן ג־ט'לעכן צייכן ניט פאַרשולדיקן זיך אין אָפּנאַרעריי. איך זאָג דיר מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז דער שונא וועט באַלד מאַכן זיין ריקצוג און נעמלעך ניט קיין פעטערבורג, נאָר זיין מאַרש־רוט וועט זיין דורך ווייס־רוסלאַנד, אין דער האָפענונג צו געפינען דאָרטן שפייז. אָבער עס וועט אים ניט געלינגען. זיין מפּלה איז שוין זייער נאָענט. גלויב עס מיר און שענק מיר דיין פולן צוטרוי".

אין זיין דערמאָנטן בריוו צו ר' משה מייזעלס איז דער זון מוסיף צו דער באַמערקונג פון זיין פאָטער דעם וואונטש, אַז ער אַליין זאָל אַזוי זוכה זיין צו זען בנחמת ציון וירושלים בביאת משיח צדקנו, ווי ער האָט דאַמאָלסט אָט די דאָזיקע ווערטער געהערט פון זיין פאָטערס הייליקן מויל.

נאָך די אַלע אויפרעגנדיקע געשעענישן, איז דער רַב, באַהערשט פון זיין ברענענדיקער יראת שמים, וואָס פלאַקערט אין יעדן אויסטייטש זיינעם און אין יעדן געדאַנק, צוגעטראָטן צו די הכנות צום יום הקדוש, צום יום הכפורים. זיין פעלזנפעסטע אמונה אין דער באַלדיקער הילף פון ג־ט, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך צו זיינע בני בית און די ווירקונגס־קראַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַלע האָבן אין אַ שטימונג פון פולן בטחון מקיים געווען געוויסנהאַפטיק דעם דין פון אויסצייכענען דעם טאָג פון ערב יום־כפור מיט עסן און טרינקען פונקט אַזוי ווי זיי פלעגן זיך נוהג זיין זייענדיק אין דער היים.

מען מוז וויסן דעם לעבנסשטייגער פונעם רַב — זיין עסן, טרינקען און שלאָפן, ווי ער האָט זיך געפירט במשך פון דעם גאַנצן יאָר, מיט אַלע פרטים, כדי צו קענען ריכטיק אָפּשאַצן זיין אַנדערשדיקע הנהגה אין דעם טאָג פון ערב יום־כפור.

פון איין שבת צו דעם אַנדערן האָט דער רַב די גאַנצע וואָך ניט געגעסן קיין סעודה פאַר וועלכער מען איז על־פּי דין מחויב אין נטילת ידים. ביז צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג האָט געדויערט טעגלעך זיין תפילת שחרית. דאָן האָט ער געטרונקען אַביסל קאַווע. ביז תפילת מנחה האָט ער אויפגענומען מענטשן, וועלכע זיינען געקומען צו אים מיט פאַרשידענע ענינים און פּראָבלעמען. נאָך מנחה האָט ער געגעסן אַ געקאָכטע מעל־שפּייז און פון זעקס אַזייגער ביז ניין פון אָוונט האָט ער גערוט. דאָן איז ער אויפגעשטאַנען פון שלאָף און האָט פאַרבראַכט ניין שעה, פון ניין אין אָוונט

ביז זעקס אין דער פרי, איינגעשלאָסן אין זיין צימער, פאַרטיפט אין לערנען.

נאָר שבת און יום־טוב האָט ער געגעסן אַזוי ווי אַלע די אָנגענומענע מאַלצייטן און ספּעציעל אין דעם טאָג פון ערב יום־כּפּור. אַלץ וואָס ער האָט אין דעם דאָזיקן טאָג געגעסן און געטרונקען, האָט ער אָנגענומען מיטביידע הענט און אַזוי דאָס צוגעבראַכט צום מויל, כדי אויף דעם אופן צו באַווייזן אַז אין דעם דאָזיקן טאָג איז דאָס עסן באַזונדערס פאַרבונדן מיט דער דערפילונג פון ג־ט׳ס אַ געבאָט.

די שטימונג, אין וועלכער דער רבי מיט זיין פאַמיליע האָבן דורכ־געלעבט דעם הייליקן טאָג, לאָזט זיך ניט שילדערן. פאַסטנדיק, און מיט ביטערע טרערן, האָבן זיי אויסגעגאָסן זייערע האַרצרייסנדיקע תפילות צום הימלישן פאָטער, ניט האָבנדיק קיין אָנונג, אַז זייערע בקשות און תחנונים זיינען שוין דערהערט געוואָרן.

קורץ נאָך מוצאי יום־כּפּור האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער אַנטרינונג און זיינען אָנגעקומען אין מיטן כסלו ה׳תקע״ג (9טן נאָוועמבער 1812), נאָך אַ רייזע פון צוועלף הונדערט ווירסט, אין קורסק. אונטערוועגנס האָבן זיי געהערט וועגן די געשעענישן אין מאָסקווע און וועגן דעם שיקזאַל וואָס ס׳האָט דאָרטן געטראָפן נאַפּאָלעאָן מיט זיין אַרמיי.

דער ציוויל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע, גראַף ראַסטאָפּטשין, האָט געמאַכט דעם מוטיקן און בראַוון פּלאַן, צו פאַרניכטן די הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד, מאָסקווע, דורך פייער און אַזוי ברענגען זי אַלס אַ קרבן פאַר דער רעטונג פון דעם פאָטערלאַנד.

צוערשט האָט מען אַרויסגענומען, לויט זיין באַפעל, דעם מלוכה־אייגנטום; דאַן האָט נאָכגעפאָלגט דער אַדל, וועלכער האָט ביז צום אַריינ־מאַרש פון דעם שונא, נאָך געקענט אויסבאַהאַלטן דעם גרעסטן טייל פון זיינע אוצרות און קאָסטבאַרקייטן און האָט עס איצט גענומען מיט זיך. דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אַלגעמיינע אויסוואַנדערונג. וואוהין, האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר אַוועק ווייט, ווייט אין די ריזיקע שטחים פון דער מדינה. ווער ווייסט, אפשר גאָר דעם הונגער־טויט אַנטקעגן. די נאַכט פונעם 12טן צום 13טן סעפּטעמבער 1812, דעם פאָלגנדיקן טאָג און די נאַכט נאָכדעם האָט געדויערט די אויסוואַנדערונג. אויף אַרום 65,000

וועגענער האָבן די מאָסקווער אַרויסגעפּירט זייערע „הייליקע" בילדער, זייער פאַרמעגן און די טראַנספּאָרט-פעאיקע קראַנקע און שוואַכע.

אין אָוונט פאַר דעם אַריינמאַרש פון נאַפּאָלעאָן איז שוין געווען אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט אויסגעבראָכן אַ פייער. מיט שרעק האָט די אָקופּירנדיקע אַרמיי אַנטדעקט, אַז אַלע שפּריצן און לעשמיטלען האָבן געפעלט. ווייל אויפן באַפעל פון דעם גובערנאַטאָר ראָסטאָפּטשין זיינען זיי אַלע פאַרניכט געוואָרן.

אין דער שטילקייט פון דער פאָלגנדער נאַכט האָבן די טויזנטער פרייגעלאָזענע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך דורכן טאָג געהאַט אויסבאַהאַלטן, אָנגעפאַנגען צו טאָן זייער שוידערלעכע מלאכה: זיי האָבן געברענט און צעשטערט אויס פרייד און הנאה צו באַפרידיקן זייערע ווילדע אינסטינקטן, צו פאַרניכטן אַלץ אַרום זיי. דער רעזולטאַט איז געווען אַ שוידערלעכער! אין יענער נאַכט פון 15טן צום 16טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די שרפה אויף פינף הונדערט ערטער אין איין און דער זעלבער צייט. אין משך פון אַ קורצער צייט איז געשטאַנען די ריזיקע הויפּטשטאָט איינגעוויקלט אין פלאַמען. נאָך אַלץ האָט מען געזען אַרומבלאָנדזשענען אָפּגעריסענע מענער און צאַרנדיקע ווייבער, אָנגעשכור׳טע פון שנאַפּס, וועלכע האָבן זיך איצט ניט באַהאַלטן מער.

זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואַרפן פעך-פאַקלען אויף די פּאַלאַצן און הייזער.

איבער פיר הונדערט (400) אונטערצינדערס זיינען געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן אין יענער נאַכט דורך די פראַנצויזן. אַלע האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט אויפ׳ן באַפעל פונעם גראַף ראָסטאָפּטשין און פונעם פּאָליציי-הויפּט איוואַכקין.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און צעפאַכעט און צעבלאָזן די פלאַמען אין הימל-הויכע פייערזײַלן. דריי מאָל האָט דער ווינט אין דער דאָזיקער נאַכט געטריבן די פלאַמען אין דער ריכטונג פון דעם קרעמל, וואו נאַפּאָלעאָן האָט זיך געהאַט באַזעצט, און האָט באַשאָטן די דעכער מיט פונקען. אין דעם דאָזיקן רויטן פייער, איז פאַרבלייכט געוואָרן דער גליק-שטערן פון דעם מעכטיקן פראַנצויזישן קייסער, נאַפּאָלעאָן.

מיט גרויסע שוועריקייטן איז נאַפּאָלעאָנען געלונגען זיך צו ראַטעווען

פון דעם קרעמל, וועלכער איז שוין געווען איינגעוויקלט אין זיילן פייער און רויך. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט אָנגעהאַלטן די שרפה, וואָס האָט פאַרוואַנדלט 7000 פּאַלאַצן, קירכן און הייזער אין קופּעס אַש. דעם 20טן סעפּטעמבער איז ערשט פאַרלאָשן געוואָרן דער העלישער פייער. דאָס איז געווען ערב סוכות. דעם יום־טוב האָט דער רבי נאָך פאַרבראַכט אומגעשטערט אין אסי ביים אָקאַ טייך.

פאַר דער שווערער פאַרזעצונג פון זייער אַנטרינונג נאָך סוכות, איז נאַפּאָלעאָנס אַנטוישונג אין מאָסקווע, געווען איינער פון די ווייניק ליכטשטראַלן, צו באַלייכטן און דערלייכטערן אַביסל זייער פינצטערן און האַרטן וועג אין די ווייטע רוסישע מרחקים. און דערצו נאָך אין דעם רוסישן ווינטער, וועלכער האָט זיך אין דעם דאָזיקן יאָר אָנגעהויבן זייער פרי און מיט אומגעוויינלעכער שאַרפקייט.

מען קען היינט קוים האָבן אַ שטיקל באַגריף פון די אומגעוויינלעכע שוועריקייטן און פּיינפולע איבערלעבענישן כמעט אויף יעדן שריט אין די אומפריינדלעכע געגנטן פון רוסלאַנד. דער רבי מיט זיין משפחה האָבן זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אָן אַ זעקס הונדערט־וואָגן־עשעלאָן פון פליטים. כאָטש פון איין זייט איז דאָס געווען אַ מזל, צוליב דער אַלגעמיינער אומזיכערקייט, האָט עס אָבער פון דער אַנדערער זייט באַשווערט די באַשפּייזונג און קוואַרטיר אין די דאָזיקע זייטיקע און זייער קנאַפּ באַוואוינטע געגנטן. אָפט האָבן זיי געמוזט גאַנצע טעג הונגערן, און ווען זיי האָבן שוין געהאַט וואָס צו עסן, איז דאָס געווען נאָר טרוקן ברויט מיט וואַסער. פיל נעכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין דער ביטערער קעלט אונטער דעם פרייען הימל, ניט האָבנדיק קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ. און ווען זיי האָבן שוין געפונען אַ שטיקל דאַךבאַשיצונג, איז דאָס געווען אין אַן אָרעמער פּויערשער כאַטקע פול מיט רויך און שמוץ, אין וועלכער מען האָט קוים געקענט אָטעמען און נאָך ווייניקער האָט מען געקענט דאָרטן געפינען אַ פּלאַץ צום שלאָפן. דערצו זיינען די פּויערים אין יענער געגנט געווען פאַרגרעבטע און ברוטאַלע מענטשן, וועלכע האָבן באַטראַכט די פליטים ווי אָנשיקענישן וואָס שטערן זייער רו, און זיי באַגעגנט מיט צאָרן און שפּאָט, מיט קללות און זידלערייען. אָן דער באַשיצונג, וואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט געקראָגן פון די הויכע מיליטערלייט, וואָלט אַפילו זייער לעבן געווען אין גרויס געפאַר.

ביים אָנקומען אין קורסק האָט די שנור פון דעם רבי, די פרוי פון רבי

דוב בער, געבאָרן אַ זון. דער מאַלצייט ביים ברית־מילה איז באַשטאַנען פון הירזש, רעטעך און בראַנפן. ווען די קימפעטאָרין איז געווען ווידער רייזע־פעאיק, זיינען זיי געפאָרן ווייטער ביז׳ן דאָרף פּיַעַנא.

ווען זיי זיינען נאָך געווען אין קורסק, האָט דער גענעראַל־גובער־נאַטאָר גראַף טאָלסטאָי געשיקט אַ קוריער צו לאָזן וויסן דעם רַב וועגן דעם צוריקצי פון נאַפּאָלעאָן און טאַקע אין דער ריכטונג, ווי דער רַב האָט געהאַט פאָרויסגעזאָגט. דער קוריער האָט באַריכטעט, אַז די רוסישע טרופּן זיינען באַפאַלן די פיינדלעכע אַרמיי אויף זייער צוריקצי, האָבן זי געטריבן פון קאַלוגאַ קיין וויאַזמע, האָבן זי צעקלאַפּט און צעשמעטערט. אַזוי איז מקוים געוואָרן אַלץ וואָס דער רַב האָט געהאַט פאָרויסגעזען און פאָרויס־געזאָגט ביז צו דעם קלענסטן פּרט.

ווען דער רַב האָט געקראָגן די ידיעה וועגן דער שווערער נידער־לאַגע, וועלכע די פראַנצויזישע אַרמיי האָט געליטן אין קראַסנאָיע, איז דאָס געווען דער נייַנצנטער כסלו — דער זעלביקער טאָג, אין וועלכן דער רַב איז באַפרייט געוואָרן פון זיין אַרעסט אין פּעטערבורג. די דאָזיקע שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 3טן נאָוועמבער. דער נייַנצנטער כסלו איז אין יענעם יאָר אויסגעפאַלן דעם 23טן נאָוועמבער. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז עס האָט גענומען אַ קוריער 20 טעג כדי צו ברענגען דעם רַב די ידיעה, קען מען דערפון זיך שאַפן אַ באַגריף פון דעם קאָלאָסאַל ווייטן מרחק וואָס דער רַב איז אַדורך אין דער אַנטרינונג־רייזע.

עס איז געווען פרייטיק, ח׳ טבת ווען דער רַב מיט זיין הויזגעזינד און אַרום זעכציק פורן מיט פּליטים, זיינען אָנגעקומען אין דעם גרויסן דאָרף פּייענא, וואו זיי האָבן ענדלעך געפונען אַביסל רו. אין יענער צייט זיינען דאָרטן געווען אַרום דריי הונדערט הויפן און גרויסע הייזער און אַ סך פון זיי זיינען געווען האַלב ליידיק, ווייל די מענער זיינען געווען אַוועק אין מלחמה. די דאָרפסלייט זיינען געווען גוטהאַרציקע מענטשן און האָבן די פּליטים געגעבן דירות מיט באַהייצונג, פריי אָן געצאָלט.

אַזוי גיך ווי דער רַב איז אָנגעקומען אין דאָרף פּייענא, האָט ער אָנגע־פאַנגען צו זאָרגן און מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו העלפן די געליטענע אחינו בני ישראל, וועלכע וואוינען אין די שטעטלעך און ישובים, וואו די זעלנער פון דעם שונא זיינען דורכגעגאַנגען און צעשטערט זייערע היימען און אַוועקגערויבט זייער פאַרמעגן.

ווייבאַלד דער רַב האָט געהערט אַז נאַפּאָלעאָן איז פולשטענדיק באַזיגט און אַז די נאָכיאָגנדיקע קאָזאַקן, דער הונגער און די קעלט האָבן געמאַכט אַ תּל פון זיין אַרמיי, האָט ער באַשלאָסן ווייטער ניט צו פאָרן. אָבער איצט זיך צוריקצוקערן, ביי דער ביטערער קעלט און ביי דער אומגעהייערער ווייט־קייט, איז געווען אַן אוממעגלעכער שריט. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן אָפּצואוואַרטן ביז דעם פרילינג און דערווייל זיך איינאָרדענען מיט זיין משפחה אין קליינרוסלאַנד. און כדי ניט צו פאַראורזאַכן אַ יקרות אויף דירות און לעבנס־מיטלען, איז זיין מיינונג געווען זיי זאָלן זיך צעטיילן אין דריי שטעטלעך: אין האַדיטש, קרעמענטשוג און ראָמני.

דער רַב האָט באַשטימט דריי דעלעגאַציעס: איינע, וואָס איר הויפּט איז געווען זיין זון רבי דוב בער — דער שפּעטערדיקער מיטעלער רבי — מיט דעם צוועק צו פאָרן אין די דערמאָנטע שטעט כדי צו באַזאָרגן די דירות. די צווייטע — וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען זיין זון רבי חיים אברהם — צו פאָרן אין די געגנטן פון פּאָלטאַוואַ און כערסאָן, צו שאַפן פינאַנציעלע שטיצע פאַר אחינו בני ישראל, וועלכע וואוינען אין ווייס־רוסלאַנד, כדי אויפצובויען צוריק זייערע חורבות. און די דריטע — אָנגע־פירט פון דעם חסיד רבי פּנחס שיק פון שקלאָוו — צו פאָרן קיין וויטעבסק צו שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס זאָל זאָרגן מיט וואָס און ווי אַזוי צו העלפן און אונטערשטיצן די געליטענע, זיי זאָלן זיך קענען געפינען אַ מקור פון פּרנסה.

דער רַב וואָלט איצט געקענט זיך אַביסל אויסרוען; אָבער די כסדר׳־דיקע איבערנאַטירלעכע פיזישע און גייסטיקע אויפרעגונגען און אָנשטרענ־גונגען, זיינען איצט געקומען צום אויסדרוק אין דער העכסטער מאָס און דער גייסטיקער ריז איז פיזיש צוזאַמענגעבראָכן. איצט, ווען ער האָט ענדלעך באַזיגט דעם שונא, און האָט געקענט לעבן צוזאַמען מיט די זייניקע רואיק און זיכער, ערשט איצט האָט זיין ווידערשטאַנדס־פעאיקע נאַטור, וועלכע האָט זיך אַזוי לאַנג געווערט קעגן אַלע שרעקלעכע איבער־לעבונגען פונעם קריג, פונעם קלימאַט און פון די שטענדיקע וואַגלענישן פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט אין הונגער און אין אומגע־ווײנלעכער קעלט, ערשט איצט האָט שוין זיין דאָזיקער שטאַרקער ווידער־שטאַנד מער ניט אויסגעהאַלטן.

דער רַב איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער קראַנקייט, פון וועלכער ער איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען.

כט

דעם רַבּ'ס הסתלקות

וואונדערלעך ווי זיין לעבן, איז אויך געווען די הסתלקות פון דעם רַבּ. אין די פינף טעג פון זיין קראַנקייט — פון מאָנטיק, י"ח טבת ביז מוצאי שבת שמות, כ"ד טבת ה'תקע"ג — האָבן זיינע ליפן ניט אויפגעהערט צו שעפטשען. ממש אַן אויפהער, טאָג און נאַכט, אין מיטן פון זיינע שווערסטע ליידן, האָט ער געהאַלטן אין איין דאַווענען און לערנען אויף אויסווייניק.

צוויי טעג פאַר זיין פטירה, האָט ער צוגערופן זיין אייניקל רבי מנחם מענדל — דער מחבר פון „צמח צדק" — צו זיין בעט און האָט אים אַ פרעג געטאָן צי ער זעט דעם באַלקן אויף דעם סופיט פון זיין צימער. פאַר־וואונדערט פון דער פראַגע, האָט דער בעל „צמח צדק", שווייגנדיק, אַריינ־געקוקט אין די ליכטיקע אויגן פון דעם רַבּ, ווען ער האָט ווייטער געזאָגט:

„איך זע אים ניט מער. איך זע איצט בכלל גאָרניט מער אַחוץ דאָס גייסטיקע לעבן, וואָס באַהערשט די גאַנצע בריאה: די ג־טלעכע קראַפט, וועלכע באַלעבט און האַלט אויף דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף. . ."

ביז דער לעצטער מינוט איז זיין געדאַנק געווען זייער קלאָר. מוצאי שבת האָט ער געדאַוונט מעריב און געמאַכט הבדלה מיט'ן פולן באַוואוסט־זיין און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דבקות: דאַן האָט ער צוגערופן אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך, און ווען אַלע זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום זיין בעט, האָט ער צו זיי געזאָגט:

אַזוי ווי אין אַ קורצער ווײַלע דאַרף ער זיך גרייטן אין וועג צו פאַר־לאָזן די ערדישע וועלט, וויל ער זיי באַוואָרענען, אַז זיי זאָלן זיך ניט מאַכן קיין פאַלשע האָפענונגען אַז ער, זייער פאָטער, וועט זיך אַלעמאָל איינ־שטעלן פאַר זיי און זיין אַ מליץ יושר פאַר דעם כסא הכבוד, אומאָפּהענגיק ווי זייער הנהגה אין לעבן וועט זיין. דערפאַר זאָלן זיי וויסן, אַז יעדערער פון זיי טראָגט אַליין די אַחריות פאַר זיין אייגענעם רוחניות'דיקן מצב. זאָל יעדערער געוויסנהאַפטיק דערפילן זיינע פליכטן צו טאָן גוטע מעשים,

אַלעמאָל גיין אין דעם פון ג־ט אָנגעצייכנטן וועג, וואָס דאָס איז דער וועג פון תורה און מצוות; זיי זאָלן זיך ניט אָפּקערן פון דעם דאָזיקן וועג און ניט אָפּנייגן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס און דאַן וועלן זיי במילא מצליח זיין אין אַלץ וואָס זיי וועלן טאָן, און ג־ט וועט זיי אויסהיטן פון אַל־דאָס־בייז און ס'וועט זיי זיין גוט אין גשמיות און אין רוחניות ווי לאַנג זיי וועלן לעבן.

נאָכדעם, האָט זיך דער רַב אויפגעזעצט אין בעט, האָט געבעטן פּאַפּיר, פעדער און טינט און מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אָנגעשריבן זיין לעצטע באַוואוסטע אגרת הקודש.

דאַן האָט ער אַוועקגעלייגט די פעדער פון האַנט, האָט זיך אָנגעלענט, און מיט אַ לייכטנדיק געזיכט און מיט אַ רואיקן שמייכל אויף די ליפּן, האָט ער צוריקגעגעבן זיין הייליקע נשמה צו איר באַשעפער. עס איז ניט געווען קיין שום שפּור פון ליידן אָדער טויט־געראַנגל און מ'האָט געזען ווי דער בורא עולם, וועלכער געוועלטיקט איבער לעבן און טויט, האָט זיין ריינע, לויטערע נשמה צוריקגענומען מיט אַ „מיתת נשיקה". דאָס איז געווען כ"ד טבת ה'תקע"ג (27טן דעצעמבער 1812).

דער הייליקער קבר און אוהל פונעם רַב געפינט זיך אין דער שטאָט האַדיטש, ביים טייך פּסאָל, אין פּאָלטאַווער גובערניע, אַרום 80 וויאָרסט פון דעם דאָרף פּייענא.

דער ניט־אידישער הויזבאַזיצער פון פּייענא, אין וועמעס הויז דער רַב איז געוואָרן קראַנק און נפטר געוואָרן, האָט באַלד געהאַט דערקענט אין זיין גאַסט אַז ער איז אַ הייליקער מאַן און האָט זיך באַצויגן צו אים און זיין הויזגעזינט מיט אַ טיפן רעספּעקט. ער האָט דעם רַב געהאַט אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן צימער, וועלכן ער האָט באַהאַנדלט אויך נאָך דעם רַבִ'ס פּטירה מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ. ער האָט דעם חדר פאַרשלאָסן און קיינעם דאָרטן ניט אַריינגעלאָזן, אויסער חסידים, וועלכע פלעגן קומען צופאָרן ספּעציעל צו זען דעם אָרט, וואו דער רַב האָט פאַרבראַכט די לעצטע טעג פון זיין לעבן, און דאָרטן מתפלל זיין. אויך די קינדער פון דעם הויזבאַזיצער האָבן שפּעטער — אויפ'ן גרונד פון זייער פאָטערס צוואה — באַהאַנדלט דעם דאָזיקן צימער ווי אַ הייליקן פּלאַץ.

עס איז אוממעגלעך צו שילדערן די דערשיטערונג און דעם טיפן טרויער וואָס די אומדערוואַרטע הסתלקות פון דעם גייסטיקן ריז האָט אַרויסגערופן ביי זיינע הונדערטער־טויזנטער פאַרערער, פריינד, תלמידים

און אַנהענגער. אומעטום וואו די טרויעריקע ידיעה האָט דערגרייכט, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם טיפסטן צער און ווייטאָג פון דעם כלל און פון דעם פּרט אויף דעם פאַרלוסט פון אַזאַ הימלדיקער פּערזענלעכקייט, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר זיינע הויכע אידעאַלן און איבער־צייגונגען. פיל טויזנטער פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער האָבן געשטראָמט יעדעס יאָר צום אוהל פון אָט דעם גדול בישראל תפילה צו טאָן און מעורר רחמים זיין.

זיין מצבה טראָגט די אויפשריפט:

פה נגנז ארון הקודש
הרב הג׳ האלקי, חסיד ועניו
קדוש וטהור, ראש גולת אריאל
כתר תורה, מעין החכמה
צדקת ה׳ עשה ומשפטיו עם ישראל
ורבים השיב מעון
אדמו״ר שניאור זלמן במוהר״ר ברוך נ״ע
נכסף אל קדשו, ושבה אל ה׳ נפשו
ביום ראשון בשבת, כ״ד לחודש טבת
שנת התקע״ג ליצירה.

דער הייליקער גייסט און אָנדענק פון דעם רַב לעבט ווייטער דורך די צאָלרייכע שריפטן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן אַלס אַן אומ־שאַצבאַרע גייסטיקע ירושה, וועלכע זאָגן עדות אויף זיין אויסערגע־וויינלעכער גאונות אין אַלע געביטן פון תורה און אויף זיין אומגע־וויינלעכער ברענענדיקער יראת שמים. זיי שפּיגלען אָפּ אויף אַ וואונדער־לעך קלאָרן אופן זיין גליענדיקע מענטשן־ליבע, און זיין אומפאַר־גלייכבאַרע עטישע הויכקייט. זיינע הייליקע ווערק זיינען דערשינען אין צאָלרייכע אויפלאַגעס און אין דער איבערזעצונג פון פאַרשידענע שפּראַכן אין אַלע טיילן פון דעם ערד־קוגל. זיי באַשטעטיקן דורך זייער קאָלאָ־סאַלער ווירקונג אויף די ברייטע מאַסן פון כלל ישראל, אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות ביז היינטיקן טאָג, דעם מאמר חז״ל, לויט וועלכן — „גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהן״ (חולין, ז:), די צדיקים זיינען נאָך זייער שטאַרבן נאָך גרעסער ווי ווען זיי האָבן געלעבט.

זכותו תגן עלינו ועל כל ישראל אמן!